STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03190

YOSHE KALB

Israel Joshua Singer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-03190-9

D:\YIDDISH\TITLES\9780657031909T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

י. י. זינגער

יאָשע קאַלב

ראָמאַן

בוכהאַנדלונג און פאַרלאַג
ג. קאַפּלאַנסקי
קאָררייענטעס 2614

פּאָפּולערע אויסגאַבע אויסשליסליך פאַר
זיד־אַמעריקאַנער לענדער

נאָס איירעס —————— 1933

I. I. Zinger "IOSCHE KALB"
editado por la librería
G. K A P L A N S K Y
Corrientes 2614 Bs. Aires

ערשטע טייל

ערשט קאפיטל

אין גרויסן גאליצישן גוט־אידישן הויף, ביים רבי'ן ר' מלך פון ניעשאווע, האט מען זיך געגרייט גאר שטארק צו דער חתונה פון רבינ'ס טאכטער סערעלע.

דער רבי ר' מלך האט מיט דער חתונה פון זיין איינגסטער טאכטער שטארק געאיילט.

ער איז געווען א איד א גיכער, דער רבי ר' מלך. אן עטליכע זעכציקער שוין, א באלייבטער, מיט א גרויסן בויך, איבער וועלכן דער לאנגער טערקישער געלבלעכער טלית־קטן פארהויבט זיך, ווי ביי א אידענע אין די העכערע חדשים, איז ער פונדעסטוועגן געווען זייער א היציקער. זיינע בולטע ארויסגעזעצטע ביר־פארביקע אויגן האבן אלץ אזוי דורכדרינגלעך דורכגענומען, ווי זיי וואלטן וועלן ארויסשפרינגען פון די לעדלעך. דורך דעם גאנצן געדיכטעניש פון זיין בארד און פיאות, פון דער גאנצער האריקייט זיינער אפן דיקן האלדז און אפן געפאלדעוועטן קארק, האט געשפראצט מיט בלוט, געזונטקייט און ענערגיע. א קאכעדיקער, א טומלענדיקער, מיט א פאר אנגעבלאזענע זינלעכע ליפן, וועלכע הערן קיינמאל נישט אויף צו זויגן א גראבן ציגאר, אלץ איינס א ברענענדיקן, צי א פארלאשענעם, איז ער דערביי געווען א געוואלטיקער תקיף. טאמער האט ער זיך אף עפעס פארלייגט, האט ער אזוי לאנג געטריבן, געיאגט ביז ער האט זיינס דורכגעפירט. און אויך מיט דער חתונה פון זיין טאכטער האט ער געאיילט, געטריבן. ער האט אפילו נישט געוואלט איבערווארטן ביז נאך שבועות, נאר געגרייט זיך צו דער חתונה אויף ל"ג בעומר, אין מיטן דער ספירה נאך.

פון חתנ'ס צד, פון ראכמאניווקער הויף אין רוסלאנד, האט מען זיך שטארק קעגנגעשטעלט דעם ניעשאווערס יאגעניש.

איבער דעם גאנצן יאר, וואס עס האט געדויערט די פאר'קנסונג צווישן סערעלען, דעם ניעשאווערס טאכטער, און נחום'טשען, דעם ראכמאניווקערס זון, זיינען יעדן טאג געגאנגען רעקאמענדירטע בריוו פון

קיר״ה און צוריק. דעם ראַכמאַניוועקערס בריוו געשריבן מיט אַן אויסגעציקלטן לשון־קודש, אויסגעהאַלטן לויט דעם דקדוק, יעדער וואָרט אַ פּערעלע, האָבן געהאַט איין זין: אָפּצושלעפּן וואָס לענגער די פאַר׳קנסונג און אָפּהאַלטן אויף עטלעכע יאָר די חתונה.

„זיין הויכער כבוד, זאָל לאַנג לעבן, ווייסט גאַנץ וואויל, — האָט דער ראַכמאַניוועקער געשריבן — אַז אי דער חתן, אי די כלה, זאָלן לעבן, זיינען יונגע קינדער, קוים פערצן יאָר אַלט און ביי אונז איז אַ מנהג נאָך פון זיידן, זיין זכות זאָל אונז ביישטיין, אין אַזעלכע זאַכן נישט צוצואײַלן. דערצו האָט דער חתן אָנגעהויבן לערנען יורה־דעה ביים למדן ר׳ פּסחיה־זווילער און אים איז אַ שאָד פּשוט איבערצורייסן אין דעמיט״.

אין ניעשאַווערס הויף האָבן דעם רבינס אוראייניקלעך, די אינגלעך, מיט גרויס פרייד אַראָפּגעריסן פון די קאָנווערטן די פּאָסט־מאַרקעס מיטן קאָפּ פון רוסישן קייזער. נאָך איידער דער רבי האָט געעפנט מיטן פּערלמוטענעם מעסערל די בריוו, האָבן זיי מיט אָנגעשפּיצטע פינגער אונטערגעהויבן די אויסלענדישע מאַרקעס.

— זיידע — האָבן זיי געפרעגט אַלע מיט אַמאָל — וועלכער קייסער איז שענער, אונזערער, צי דער רוסישער?

— להבדיל — האָט דער רבי ר׳ מלך, אַ ליבהאָבער פון עסטרייכישן מלכות, געענטפערט בייז און געטריבן מיטן ספּאָדיק די אייניקלעך פון זיך — לאָזט לייענען, גייט נישט ליידיק!

ער האָט נישט פאַרטראָגן דעם מחותנס בריוו, דער רבי ר׳ מלך. ער האָט נישט פאַרטראָגן די שיינע געציקלטע אותיות, וואָס זיינען געווען אַזוי אויסגעפּוצט, אויסגעצערטלט, ווי דער שרייבער זייערער, דער ראַכמאַניוועקער. ער האָט אַ סך ווערטער, ס׳רוב פון תנ״ך גענומען, נישט פאַרשטאַנען, און איבערגעהיפּערט זיי, ווי מען מיידט אויס אפּיקורסות. נאָר איבערהויפּט האָט אים בייז געמאַכט דאָס, וואָס פון יענעם צד וויל מען אָפּשלעפּן מיט דער חתונה. פאַר כעס האָט ער געפּאַטשט מיט די אָנגעבלאָזענע זינלעכע ליפּן אָפּן פייכטן פאַרלאָשענעם ציגאַר און געברענט אויפן גבאי, ישראל אביגדור, אַלמאַי ער איז נישטאָ און צינדט אים נישט אָן דעם ציגאַר יעדעס מאָל, ווען ער ווערט פאַרלאָשן.

— סרולעוויגדער — האָט ער געשריגן, כאָטש יענער האָט נישט געהערט — סרולעוויגדער, עך ׳על דעך אויסרייסן...

ניין, ער האָט נישט פאַרטראָגן דעם מחותנס בריוו, דער רבי ר׳ מלך. דאָס אָפּשלעפּן די חתונה פון זיין טאָכטער האָט אים שטאַרק מצער געווען. וואָרום שוין אַ יאָר צייט, ווי ער, דער ניעשאַווער אַליין, איז געווען אַן אלמן. דאָס דריטע ווייב זיינס, סערעלעס מוטער טאַקע, נאָך

אַ יונגע, קוים דרייסיק יאָר אַלט, איז געשטאָרבן, צוזאַמען מיט איר זויג־קינד פֿון שאַרלאַך. דאָס קינד איז דעם רבין נישט קיין גרויסער שאָד געווען. וואָרום די ערשטע צוויי ווייבער זיינע, וואָס ער האָט געהאַט און באַגראָבן, האָבן אים בײַם לעבן אַ סך קינדער געבראַכט אויף דער וועלט. זין און טעכטער. מערסטנס טעכטער.

דער גאַנצער הויף איז געווען פֿול מיט קינדער, אייניקלעך, אור־אייניקלעך. אַלע קינדער האָבן געוואוינט טאַקע אין דעם גרויסן געמויערטן רבישן הויף, וואָס האָט מיט זיינע נאַקעטע ווענט און הויכע פענסטער, מיט בלעכערנע דריי־ווענטילאַטאָרס אין די לעצטע שויבן, אויסגעזען ווי אַ קאַזאַרמע. רק מען האָט דאָ געהאַלטן אין איין צומויערן, צושטוקעווען, אַריינקוועטשן נייע דירות, גאַרנס, אַזוי עס זאָל קלעקן פֿאַר אַלעמען. די צוגעשטעלטע הייזלעך, גאַניקעס, שטאָקן, אָן יעדער פֿאָרם און סטיל, האָבן זיך געטוליעט צו דער הויפּט־מויער און צום בית־המדרש, ווי אָפּגעריסענע קליינע בעטלערלעך צו אַן אַלטן צעוואַקסענעם בלינדן בעטלער. שטענדיק זיינען דאָ אין הויף פֿאָרגעקומען שמחות, חתונות, בריתן, תנאימס, מזל־טובס, בר־מצוהס, חומש־אָנהויבנס, שול־פירעניש. עס זיינען געווען אין הויף אַזוי פֿיל אייניקלעך, אַז דער רבי אַליין, אַ איד מיט אַ שווערן קאָפּ, האָט אָפֿט פֿאַרביטן די אייניקלעך זיינע, נישט געדיינקט וועמעס פֿון זיינע קינדער זיי זיינען. דאָס האָט אַרויסגערופֿן ביי די הויפּישע קינדער גרויס פֿאַרדרוס.

דאָס געשטאָרבענע זויג־קינד איז דעריבער דעם רבין קיין גרויסער שאָד נישט געווען. אַ שאָד איז אים געווען די רביצן. מער פֿון די ערשטע צוויי ווייבער האָט ער די דריטע ליב געהאַט. אַ יונגע, אַ פֿריילעכע, אַ וואַרימע, געדיינקט זי דער רבי. איינמאָל, געדיינקט ער, האָט זי אַפילו אים בעת אַ טבילה־נאַכט געזאָגט מאָדנע ווערטער.

— ווען דו האָסט נישט אַזאַ גרויסע באָרד — האָט זי אים געזאָגט — וואָלסטו נאָך געווען גאַנץ יונג...

אַן איינפֿאַל פֿון אַן אשה!

דידאָזיקע ווערטער, כאָטש נישט צניעהדיקע — די פֿריערדיקע ווייבער האָבן פֿאַר אים מורא געהאַט, גרויס דרך־ארץ אַרויסגעוויזן און בכלל גאָרנישט גערעדט מיט אים — האָבן אים אָבער מיט אַ סך פֿרייד אָנגעפֿילט. ער האָט זיי תמיד געדיינקט. און אַפילו ביי דער לויה אירער, ווען ער האָט זי באַקלאָגט און גערעדט פֿאַר די חסידים וועגן איר גאָטספאַרכטיקייט און צניעות, זיינען אים גראָד די דאָזיקע ווערטער אירע געקומען אויפֿן זינען, און ער האָט זיך אַזוי צוקלאָגט, אַז ס׳גאַנצע געדיכטעניש פֿון באָרד און פּיאות האָט זיך אים געטרייסלט. די חסידים האָבן געיאָמערט ווי די ווייבער. געמיינט האָבן אַלע, אַז נאָך איר טויט וועט

ער שוין מער נישט חתונה האָבן.

— קיין עין־הרע, אין די יאָרן — האָבן דעם רבינס זין גערעדט צווישן זיך, ווי שטענדיק עס רעדן צווישן זיך רבישע קינדער וועגן זייערע פאָטערס, וואָס זיצן שוין צו לאַנג אויף דער שטול.

אויך די טעכטער זיינע, דיקע אידענעס, צוגאָסענע, האָבן גערעדט מיט זייערע מענער וועגן דעם, נישט געגלויבט, אַז דער פאָטער זייערער זאָל נאָך איצט אַ שידוך טאָן. פון די ספרימלעך אין עברי־טייטש האָבן זיי געוואוסט, אַז אַ אידישע טאָכטער טאָר נישט חתונה האָבן מיט אַ מאַן, וואָס האָט דריי ווייבער באַגראָבן, אַז אַזאַ מאַן ווערט אָנגערופן „קטלן", ווייבער־קוילער.

— עט — האָבן זיי באַרואיקט זייערע מענער, וואָס האָבן באַצייטנס שוין מורא געקראָגן פאַר נייע יורשים, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר — מיר גלויבן נישט... וועלכע אידישע טאָכטער וועט זיך גאָר וועלן איינשטעלן ס'לעבן ?

אָבער ע ר , דער ניעשאַווער אַליין, האָט אַנדערע אויסרעכענונגען געהאַט, גאָר אַנדערע. ער האָט זיך געגרייט חתונה האָבן, און דווקא מיט אַ בתולה, וואָס ער האָט געהאַט אפן אויג. צווישן די רבנים און רבישע אייניקלעך, וואָס פאָרן קיין ניעשאַווע, איז אויך געווען ר' מעכעלע היוור־נעווער, אַ רבישער זון, וואָס האָט אַליין רבי געדאַרפט זיין. נאָר געווען איז ער אַ איד אַ שטאַמלער און אַ שוטה און זיינס אַ פעטער האָט אים אַלע חסידים אויסגעכאַפּט. ער איז דעריבער ארומגעפאָרן איבער דער וועלט נאָך נדבות און פון צייט צו צייט זיך אויך אַראָפּגעכאַפּט קיין ניעשאַווע. אָט ביי דעם דאָזיקן ר' מעכעלע היוונעווער האָט זיך אויפ־געהאַלטן זיינס אַ קרובה, אַ מיידל אַ יתומה, אַ רביש אייניקל, נאָר אָן אַ נדן. יעדעס מאָל, ווען ר' מעכעלע האָט, ביים געזעגענען זיך דער־לאַנגט דעם ניעשאַווער אַ קוויטל, האָט ער דאָרט דאָס מיידל, די יתומה דערמאָנט.

„לשידוך הגון" — האָט ער אַריינגעשריבן אין קוויטל.
און דעם ניעשאַווער איז עס אין זינען אַריין.
דעם שידוך האָט ער זיך אַליין גערעדט.

פלוצלינג האָט ער גענומען שטאַרק מכבד זיין דעם שטאַמלער ר' מעכעלע, אַף וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל נישט רעכט אומגעקוקט. ער האָט אים אונטערגערוקט ביים טיש גרויסע שטיקער שיריים, דערלאַנגט אים עטלעכע מאָל וויין, באַפוילן דעם גבאי, ער זאָל אים אוועקזעצן אויבנאָן, צווישן די גרויסע מיוחסים. ביים געזעגענען האָט ער גאָר זיך פאַרשלאָסן מיט אים אין אַ באַזונדערער שטוב, מכבד געווען אים מיט

אַ ציגאַר. דערביי האָט ער אים שוין טאַקע אוועקגעשאָנקען דעם בור־שטינענעם ציגאַר־שפּיץ.

— רויכערסט אַ פּראָסטן ציגאַר־שפּיץ, ווי אַ בעדער — האָט ער געזאָגט — עס, ס'פּאַסט גאָרנישט פאַר אַ רבּיש קינד...

און גלייך דערנאָך איז ער אַרויס מיט אָפענע דיבורים.

— עך בין נאָך, געלויבט דער אויבערשטער, אַ בעל־כח —, האָט ער געזאָגט, בליצנדיק אַף דעם אידן מיט אויסגעקוילערטע אויגן — זאָגט איר, דער בתולה, אַז זי וועט נאָך האָבן, אם ירצה־השם, בנים־זכרים. און זאָל זי נישט מורא האָבן צו נעמען אַ „קטלן", ווייל דאָס איז נישט קיין דין, נאָר אַ מנהג, אַ נאַרישער מנהג. עך האַלט נישט דערפון, עך...

ער האָט עטלעכע מאָל פּריילעך אַ טשמאָקע געטאָן מיט די ליפּן אין פאַרלאָשענעם ציגאַר, געכאַפּט דעם שטאַמלער ביים אויסגעקראָכע־נעם בערדל, און געזאָגט גיך:

— און איר וועט זיין ביי מיר, מחותן. איר וועט זיין ביי מיין טיש, מחותן.

דאָס וואָרט „מחותן" האָט דעם אָרימאַן קאַליקע אַזוי גערירט, אַז ער האָט זיך געלאָזט פירן ביי דער באָרד פון צוויאַכמערטן רבּין ר' מלך. פון שמחה איז ער געלאָפן הין און צוריק איבער דער שטוב, דער רבּי ר מלך, נישט אַרויסלאָזנדיק דעם איד'ס באָרד פון דער האַנט.

— עך מיין טאַקע, אַז ס'איז אַ גלייכע זאַך — האָט דער שטאַמ־לער אַרויסגעזאָגט אין איין אָטעם, גאָרנישט פאַרהיקענדיק זיך.

דאָס האָט אים צוגעגעבן מוט און ער האָט געוואָלט צוגעבן דערצו אַ פיינעם משל, וואָס ער פּלעגט אים הערן פון זיין פאָטער, ווען מען האָט אים פאַרגעלייגט אַ גלייכע זאַך: אַ כשר'ע טאָפּ און אַ כשר'ע שיסל...

נאָר דאָ האָט ער זיך שטאַרק פאַרהיקעט, שיער זיך נישט דער־וואָרגן מיט די שווערע רייד. האָט אים דער רבּי ענדלעך אָפּגעלאָזט די באָרד און גענומען די אייגענע באָרד אין דער האַנט אַריין.

ווענן פרעגן דאָס כלה־מיידל איז דעם רבּין אַפילו נישט איינגע־פאַלן. ער האָט געוואוסט, אַז זי איז אַ יתומה, אָן אַ קרייצער גדן, וואָס האַלט זיך אויף ביי אַ פעטער אַן אָרימאַן, און זי וועט עס האַלטן פאַר אַ גליק צו ווערן די ניעשאָווער רבּיצן.

די איינציקע מניעה איז געווען פאַרן רבּין ר' מלך די יונגסטע טאָכטער, סערעלע, די בת־יחידה פון דריטן פאַרשטאָרבענעם ווייב. חתונה האָבן פאַר איר האָט ער נישט געקענט. דאָס וואָלט דעם הויף, די זין און די טעכטער, גאָר צערייצט און אויפגעקאָכט. אויך די חסידים וואָלט

עס נישט געווען צום הארצן. זיי וואָלטן נישט גערעדט, חלילה! זיי וואָלטן פאַרשטאַנען, אַז מסתמא דאַרף אַזוי זיין, אָבער צום הארצן וואָלט עס זיי נישט געווען. און ער האָט זיך דעריבער געאײַלט וואָס גיכער אַ שידוך צו טאָן מיט סערעלען, כדי באַלד נאָך איר חתונה — צו גיין אַ פּערט מאָל צו דער חופּה מיט דער יתומה דער בתולה.

— אַ יפת־תואר — האָט אים דער שטאַמלער געזאָגט וועגן מיידל — שיין ווי די וועלט, זאָגן די ווייבער...

כאָטש ער האָט זי נישט געזען, דער רבי ר׳ מלך, האָט ער זי זיך פאָרגעשטעלט אין געדאַנק, געזען זי ווי זיין לעצט־פאַרשטאָרבן ווייב און געבענקט נאָך איר.

ער האָט דערפירט צום שידוך מיט זיין טאָכטער מיט גרויס ברען.

ער האָט אָנגעשלאָגן דעם ראַכמאַניווקער רבין דעם שידוך אין אַ בריוו צו אים. אַז דער ראַכמאַניווקער האָט געענטפערט מיט האַלבע ווערטער, האָט ער זיך נישט געפוילט און אַוועקגעפאָרן קיין קאַרלסבאַד, וואוהין דער ראַכמאַניווקער קומט יעדן זומער היילן זיינע גאַלשטיינער. געהייסן האָט עס, אַז ער פילט זיך נישט מיט אַלעמען, דער ניעשאַווער, אַז ער דאַרף וואַרמבעדער. דאָרטן, אויף דעם שפּאַציר צום קוואַל, האָט ער אַזוי לאַנג אַריינגערעדט דעם ראַכמאַניווקער, מיט אַזאַ ברען, עקשנות זיך איינגעגעסן אין אים, ביז ער האָט ביי אים מיט געוואַלט אַרויס־געריסן זיין וואָרט.

ער האָט אַפילו נישט געגוג אַפּגעהיט זיין אייגענעם כבוד, דער ניעשאַווער. אַז עלטערער פון ראַכמאַניווקער, אַ רבי פון אַ סך מער חסידים ווי יענער, האָט ער זיך ביי יענעם געבעטן, צוגעזאָגט אַ סך מער נדן ווי ער האָט געגעבן אַנדערע טעכטער זיינע.

— מילא — האָט ער געזאָגט זיפצנדיק — זאָל שוין זיין נאָך טויזנט רייניש. אַז איר האָט דעם בחור, זענט איר אָפּן פערדל...

דער ראַכמאַניווקער האָט זיך ביי די ווערטער פאַרקרימט.

— אָפּן פערדל... עט... — האָט ער געמורמלט שטיל, אַזוי אַז דער ניעשאַווער זאָל יאָ און נישט הערן — נישט קיין דיבורים...

ער איז געווען פּונקט דער היפּוך פון ניעשאַווער.

אַ דינער, מיט אַ שיטער שוואַרץ־גרוילעך בערדל, וואָס גלאַנצט פון זויבערקייט און דינקייט, מיט טיפע, שוואַרצע, מיסטישע אויגן, מיט אַ דורכזיכטיק קריינקלעך געשניצט פּנים, וואָס דערמאָנט אין איילפּירטן, מיט לאַנגע, דינע פינגער, וואָס שפּילן זיך נערוועז און געלאַסן גלייכ־צייטיק מיט אַ קליין גאָלדן טאַבעק־פּושקעלע, מיט אַ שניי־ווייסן גע־פּרעסטן רבּישן קראַגן איבער דער מאַט־זיידענער גוט־געניייטער קאַפּאָטע, האָט ער זיך שטאַרק אונטערשיידט פון זיין מחותן דעם ניעשאַווער. פּונקט

ווי דער ניעשאווער האט מיט זיין באוואקסנקייט און מגושמדיקייט ארויסגערופן ביי שקצים געלעכטער און זיי האבן אים נאכגעשריען:

— באק! מעע...

אזוי האט דער ראכמאניוועקער ארויסגערופן באוואונדערונג. יונגע בלאנדע ווינערנס האבן זיך נישט געקאנט אין אים זאט אנקוקן.

— אך, ווי הערליך דיזער וואונדער־ראבי זיעט אאוס! — האבן זיי געזאגט איינע דער צווייטער — א מאן מיט אזעלכע שווארצע אויגן מוז קאנען גוט ליבן... ניכט וואהר?

דער ראכמאניוועקער האט נישט פארטראגן דעם מחותן זיינעם. ער האט זיך אפילו געשעמט מיט אים. ער האט נישט פארטראגן זיינע ווילדע האוואיעס, זיין פאטשן מיט די ליפן דעם ציגאר, זיין אפט שפייען אף דער ערד, זיין צעכראסטעטע אטלעסענע זשופיצע, די פארקאלטענטע בארד און פיאות, זיין הייזעריקלעך קול, זיין ווארפן מיט די הענט, זיינע נישט־איידעלע ווערטער, דעם גאנצן האריקן פליישיקן קערפער זיינעם, וואס פילט זיך מיט שארפע ריחות פון שוויים, מקוה, ציגארן־רויד, רצועות, מילכיק־געבעקס און מעד.

ער האט געווארפן מיט די הענט, דער ניעשאווער, ביים רעדן, אנגעטראטן דעם ראכמאניוועקער אויף די פיס, צוגעשפארט אים אלע מאל צו אן אנדער בוים מיטן דיקן בויך, געכאפט אים ביי די קנעפלעך, געשטארקעט מיט די עלנבויגנס, צוגעשפארט אים, כאטש עס איז געווען געגנוג פלאץ, אונטערגעשלאגן אים די זייטן, איבערגע׳חזרט צענדליקער מאל דעם זעלבן געדאנק, געשלונגען האלבע ווערטער, געשפריצט פון מויל און געכאפט אים כסדר ביים אויסגעצערטלטן בערדל.

צוליב דעם אליין, אבי פטור צו ווערן פון אים, איז ער, דער ראכמאניוועקער, איינגעגאנגען אויפן שידוך. ער האט שוין נישט מער געקענט פארטראגן זיין דינגען זיך איבער נדן און מתנות, זיין ווילדע התפעלות, איבערהויפט דעם ריח זיינעם. איבער דער גאנצער צייט, וואס דער ניעשאווער האט מיט אים איינגעטענהעט, האט דער ראכמאניוועקער אוועקגעלייגט אפילו אף קיין ווילע דאס גאלדענע טאבעק־פושקעלע פון זיין דינער נאז.

— א, א — האט ער זיך געקוויקט — א מערן פון א טאבעק.

ער האט דעם שידוך געטאן, אבער אפשטעלן א זמן־חתונה האט ער זיך נישט געאיילט. און דער ניעשאווער האט אים נישט אויפגעהערט באווארפן מיט בריוו. דער ראכמאניוועקער האט געוואוסט גאנץ גוט דעם ניעשאווערס יאגעניש. זיין גבאי, מאטיע־גדול, א איד מיט א שארפער נאז, ווי ביי א רויב־פויגל, א לשון־הרעניק און א שונא פון די גאליצישע גוטע־אידן, האט יעדעם מאל, ווען ער האט דעם רבין זיינעם דערלאנגט

דעם ניעשאוועדס בריוו געמאכט וויצן אויפן רבינס מחותן.

— ער איילט זיך צו דער חופה, דער ניעשאוועד — האט ער געזאגט — די בתולה לאזט אים נישט רואיק תורה זאגן... נישט קיין וואונדער... נאך דריי רביצנס... מיט א חזקה...

דער ראכמאניוועקער האט מאטיע־גדול אנגעזידלט.

— מאטיע — האסט א גרויס מויל — האט ער אים געמוסרט — דיין מויל וועט דיך אין גיהנום פארפירן.

נאר מאטיע־גדול האט געוואוסט, אז דער רבי איז פון די ווערטער זיינע אין דער אמתן צופרידן. דער רבי האט אפילו נישט געוואלט אליין לייענען דעם מחותנס בריוו נאר געהייסן, ער זאל זיי אים איבערלייענען. אגב, האט ער אים טאקע נישט פארגונען דעם שידוך, דעם אלטן, ביי אזא עלטער א יונגע בתולה!

— לאמיר נישט זינדיקן מיט די רייד — האט ער געזאגט צו דער רבי'צן זיינער, א אידענע א קריינקלעכע, א בלייכע, א נערוועזע, מיט א פנים פון פארמעט און מיט דער גאנצער קריינקלעכער ירושה פון דורות מיוחסים — וואס ברענט ער אזוי, דער מחותן? ס'וואלט פאסן פאר א יונגן אלמן...

דערביי האט ער עטלעכע דריבנע קרעכצן געגעבן.

די רביצן, א חכמה, א אידענע מיט א מאנסבילשן קאפ, האט מיט דער טאמע דינסטער אייטלקייט, וואס איז אזוי שטארק ביי קריינקלעכע ווייבער, דערפילט אין מאנס רייד א קנאה צום מחותן זיינעם. דאס האט איר א שטאך געטאן אין איר קנויל נערוון. זי האט פארביסן א בלאסע ליפ און געזאגט שטיל:

— זאל ער זיך טאן, וואס ער וויל איך וועל מיין נחום'טשע נישט שיקן קיין גאליציע. ער איז נאך א קינד... נישטא וואס צו יאגן.

דער ראכמאניוועקער האט צוריקגעשריבן צום מחותן ציקלדיקע בריוו, יעדעס ווארט א פערעלע. ער האט זיך באמיט נישט ארויסווייזן זיין ווידערגעפיל, נאר פארקערט, באשאטן אים מיט גרויסע טיטולן, איבערגעטריבענע, און מיט פארשידענע פסוקים און קלוגע ווערטלעך פון דער גמרא ארויסגעדרייט זיך פון געבן אן ענטפער.

ביידע, דער פאטער, ווי די מוטער, האבן געוואוסט, כאטש זיי האבן עס נישט געזאגט, אז נחומטשען איז נאך צו פרי חתונה צו מאכן. א דינער, א שלאנקער, ווי דער פאטער, א צארטער, ווי א יונג מיידל, איז נחומטשע געווען נערוועז און עמפינדלעך, פונקט ווי די מוטער זיינע, פונקט ווי אלע פריערדיקע דורות, די אויסגעאיידלטע מיוחסים פון דער מוטערס זייט. דערצו האט ער זיך ארייגעלאזט אין הימלישע זאכן, אין קבלה. וויפל דער פאטער זיינער האט מיט אים נישט איינגע'טענהעט,

נעגעבן אים צו פֿאַרשטיין, אַז אַ בר־מצווה אינגל דאַרף בעסער לערנען אַ בלאַט גמרא, האָט נחומטשע נישט נאָכגעגעבן. ער האָט זיך באַהאַלטן אין באַזונדערע שטובן, אָפּגעשלאָסן זיך, קיינער זאָל אים נישט שטערן. און פֿאַרטיפֿט זיך אין געהיימע, מיסטישע לערעס. ער האָט בכלל געהאַט מאָדנע גיינג, דער נחומטשע. ער איז געווען אַ שווייגער, אַ באַהאַלטע־נער, פֿלעגט קוקן מיט גרויסע אָפֿענע אויגן אַרום זיך, דערביי אָפֿט נישט געזען דאָס מינדסטע, וואָס טוט זיך אַרום אים. ער האָט אַפֿילו געגרייט זיך בסוד צו גרויסע זאַכן. ער האָט געלייענט וועגן דעם אר״י, אַז ער פֿלעגט דורך קבלה באַשאַפֿן טויבן, און ער האָט עס געוואָלט נאָכטאָן. ער האָט זיך דערצו אָפֿט געטובֿלט אין מקווה, אויסגעלערנט זיך אויס־טערלישע נעמען פֿון מלאכים, און אַ סך מאָל נישט געוואָלט איבערבייסן.

דער פֿאָטער האָט אים פֿרובירט אָפּהאַלטן דערפֿון. אַליין אַ וועלט־מענטש, אַ געניסער, אַ שטיק עולם־הזהניק, אַ בעלן אויף שיינע און גוטע זאַכן, האָט ער נישט געקאָנט פֿאַרשטיין דעם אינגלס אָפּגעשלאָסנקייט, באַהאַלטנקייט און עקשנות.

— ווייסט, נחומטשע — האָט ער געזאָגט — דער זיידע זכרונו לברכה, פֿלעגט זאָגן, אַז אַפֿילו אין הימל אַליין האָט מען אויך פֿיינט אַ שוטה...

ער האָט שטאַרק קיין חשק נישט געהאַט אים צו שיקן קיין ניע־שאָווע, צו די שרייערס און פֿרומאַקעס. ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָרט וועט דאָס אינגל גאָר אַרויס פֿון די כּלים, וועט אויסוואַקסן אַ פּרא־אדם.

דער מוטער זיינער, דער רביצן, איז אויך נישט געווען דער שידוך צום האַרצן. זי האָט אַזוי אויך אָפֿטמאָל געלאָזט טרערן אין איר ייִדן טיכל יעדעס מאָל. ווען נחומטשע האָט נישט געוואָלט איבערבייסן, אָדער ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער. דערצו האָט זי שוין גע־האַט געזען אין אויסלאַנד די כּלה סערעלע. געראָטן אין טאַטן אַריין, איז זי ביי דרייצן יאָר שוין געווען אַ גרויסע, אַ פֿליישיקע, מיט פֿעסטע פֿיס, מיט אַ רויטן קאָפּ האָר, מיט געזונטע ציין, און אַפֿילו מיט אַ רייפֿן בוזעם, וואָס זי, די רביצן, האָט אַפֿילו ביים זויגן נחומטשען נישט געהאַט אַזעלכן. זי געדיינקט עס גאַנץ גוט. זי האָט דאָס כּלה־מיידל נישט אויפֿגעהערט עסן מיט די אויגן, מיט די נישט־פֿאַריגנערישע אויגן פֿון גייסטיקע מיוחס־דיקע ווייבער, וואָס פֿאַרגינען נישט די פּראָסטע זייער ווייבערישקייט. זי האָט זי אָפֿט אָפּגעבלאָזן פֿאַר אַ שלעכט אויג.

— טפֿו, טפֿו, טפֿו — האָט זי געמאַכט זיך שפּייען — קיין בייז אויג נישט...

זי האָט פֿאַרגלייכט זי מיט נחומטשען, דעם איידעלן, צאַרטן נחומ־טשען, און איר מאַמיש האַרץ האָט געווייטיקט.

— הלואי זאל זיין מיט מזל — האט זי געמורמלט — אזא קינד, נעבעך...

זי האט געוואלט ריידן מיט איר מאן פשוטע ווערטער. אבער צו אויסגעאיידלט איז מען דא אין שטוב געווען, צו איבערשפיצט, מען זאל אנרופן זאכן ביים נאמען. מען האט זיך פארשטאנען שווייגנדיק. זי האט אפילו געוואגט, די ראכמאניווקער רביצן, צוצושרייבן עטלעכע ווערטער צום מחותן וועגן איר צוגעבונדנקייט צום „קינד“. אין א שיינעם לשון־קודש, ווי א מאנסביל א למדן, האט זי געשריבן וועגן איר נחומטשען. און פארענדיקט האט זי מיט א פסוק — מיט דעם פסוק, וואס יהודה האט געזאגט צו זיין ברודער יוסף דעם שני־למלך וועגן בנימינען, וואס יוסף האט פארהאלטן אין מצרים.

„ונפשי קשורה בנפשו“ — האט זי פארענדיקט איר צושרייבן.

אבער דער ניעשאווער האט אפילו נישט געוואלט לייענען, וואס א אידענע שרייבט.

— זיין כבוד ווייסט — האט ער געשריבן בלויז צום מחותן, נישט דערמאנענדיק אפילו מיט קיין איינציק ווארט וועגן דער רביצנס עטלעכע ווערטער — זיין כבוד ווייסט — האט ער געשריבן מיט גראבע, קרומע קאטשערע־אותיות, פונקט אזעלכע צוכראסטעטע און מגושמדיקע, ווי ער אליין, און מיט אן א שיעור גרייזן, פעלערן און האלבע ווערטער — אז ביי אונז איז א מנהג פון זיידעס נישט אפצולייגן דעם זמן־החתונה שפעטער ווי א יאר. און וואס שייך דעם יורה־דעה, וואס דער חתן, זאל לעבן, האט אנגעהויבן לערנען מיט זיין מלמד, קאן עס קיין אפהאלט נישט זיין, ווייל, ערשטנס פעלן, ברוך השם, נישט אין ניעשאווע קיין אידן לומדים, צווייטנס, קאן דאך דער מלמד זיינער מיטקומען מיטן חתן שליט"א און זיצן מיט אים צוזאמען אין ניעשאווע, ווי לאנג עס וועט געפעלן ווערן אין זיינע אויגן, אף קעסט פון הויף“.

צו דעם בריוו איז צוגעקומען א גאלדענער זייגער פארן חתן, א שווערער גראבער זייגער מיט א דאפלטער קייט, ווי עס טראגן אויפגעקומענע גבירים אף גראבע בייכער.

ביידע האבן זיי זיך גענארט, די מחותנים, געזידלט איינער דעם אנדערן הינטער די אויגן, געשריבן זיך איבערגעטריבענע ליבע־בריוו און פארשטאנען זיך קעגנזייטיק אויף דעם קעגנזייטיקן נארן זיך. נאר קיין ברירה איז נישט געווען. דער ניעשאווער, א ווילדער עקשן, אן איינגעסנדיקער, האט נישט געלאזט לעבן. ער האט געשיקט טעלעגראמעס. שילוחים. אפלאזן דעם שידוך האט מען נישט געקענט. וואס וועט זאגן די וועלט? און דער ראכמאניווקער, א שטילער, א זיידענער, א געניסער, א מענטש, וואס האט פיינט זיך קווענקלען, מיד פון ניעשאווערס טומל, האט

זיך אונטערגעגעבן און איינגעגאַנגען צו אַ גיכער חתונה.

— גלייכער שניידן פּאַרמעט — האָט ער געזאָגט צו דער רביצן — איידער שניידן פּאַפּיר...

ער האָט איר דער חכמה, נישט געדאַרפט געבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס מיינט מען — בעסער זיך גטן, איידער אָפּשיקן די תנאים.

זי האָט כאָטש געוואָלט איין זאַך, די רביצן, אָפּלייגן די חתונה ביז שבת־נחמו אַמווייניקסטנס, כדי פריער אַריינצוכאַפּן די וואַרמבעדער אין אויסלאַנד, צוזאַמען מיטן חתן, שטאַרקן אים אַביסעלע און אין איינוועגס טאַקע צופאָרן מיט אים קיין ווין צו אַ פּראָפעסאָר, כדי זיך צו באַראַטן וועגן איר קינד. נאָר אַפילו דערויף האָט ער אויך נישט געוואָלט נאָכגעבן, דער ניעשאַוועך.

— זיין כבוד ווייסט — האָט ער געשריבן — אַז ביי אונז איז אַ מנהג פון זיידעס צו פּראַוועץ חתונות אין ל"ג בעומר.

און די חתונה איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף ל"ג בעומר.

צווייט קאַפּיטל

שוין באַלד נאָך פּסח, עטלעכע וואָכן נאָך פאַר דער חתונה, האָט זיך אין ניעשאַווער הויף גע'רעש'ט, געטומלט.

די ישיבה־בחורים אין בית־המדרש האָבן באַציִיטנס, ווי תמיד פאַר אַ שמחה, אויפגעהערט לערנען, אַרומגעגאַנגען ליידיק און גערעדט צווישן זיך גבול־פּה, נאָר ווען מען האָט זיך געריכט אויפן רבי'ן, פאַר מנחה, האָבן זיי זיך געכאַפּט צו די צוריסענע גמרות און גענומען מאַכן קולות:

— לימא מתניתא דלא כסומכוס — זאָל מען זאָגן, אַז די מתניתא וועט נישט אויסקומען ווי סומכוס...

די לאַפּיטוטן אין הויף, די „יושבים" האָבן אויפגעלעבט, תקיף געוואָרן ביי זיך. זיי האָבן געריסן געלט ביי דאָרפס־אידן, וואָס זיינען געקומען צום רבי'ן געהאָלפן ווערן. זיי זיינען באַפאַלן ווייבער, אַרויסגייענדיקע פון רבינ'ס שטוב, און מיט קולות „צ'זאָלט האָבן גע"פועל"ט אַלדאָס־גוטס" געמאַכט אַזאַ טומעל, אַז די ווייבער האָבן אין זייערע אויגן אַריינגעשטעקט די הענט אין די בוזימ'ס, פאַרהויבן די קליידלעך און פון די פאַרדרייטע זאָקן, ווי די בייגל, די קניפּלעך אַרויסגעשלעפּט, און זיי נדבות געגעבן.

— גייט שוין גייט! — האָבן זיי געשריגן — וואָס גיט עטץ, קרייצערס? וואָוע...

דינגענדיק זיך און ווינשנדיק, האָבן זיי ביי די ווייבער צוגענומען דאָס לעצטע, אַפילו נישט איבערגעלאָזט עטלעכע קרייצערס אויף צו באַצאָלן דעם באַלאַגאָלע פאַר הוצאות. זיי האָבן ביי קאַרגע קעסט־איידעמלעך אַרויסגע־גנב'עט די טלית־זעקלעך, פאַרזעצט זיי ביים שיינקער אף מעד. און זיי האָבן כסדר זיך געדרייט ביי די קיכן אין הויף, גרייט אף אַ כאַפּ.

עלטערע יושבים, אידן מיט גראָבע בייכער און געדיכטע בערד, האָבן שוין אַפילו אין מיטן דער וואָך נישט אויסגעטאָן די צופליקטע שפּ'דיקע אַטלעסענע זשופּעס און די דרייצן־שפּיציגע שטריימלעך און געגאַנגען אין זיי אין מיטן דער וואָך, ווי אין יום־טוב, דערביי האָבן זיי געטראָגן די שטריימלעך אין אַ זייט, מעשה קאָזאַק.

גערא.נט האט מען איינס אין צוויי, דורכגעלאזט שטיקער, ווי אין שמחת־תורה. קיין „תחנון" פלעגט מען בכלל דא נישט זאגן. שטענדיק איז שוין געווען א שמחה'לע, פון שטעט און שטעטלעך זיינען שוין באצייטנס געקומען פעסט־קינדער. אידן לײדיקגייער האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט, פארלאזן ווייב און קינדער און געקומען קיין ניעשאווע זיך לאזן וואוילגיין.

— מזל־טוב — האבן זיי זיך געוואונשן מעשה־מחותן ביי יעדן טרונק בראנפן, ביי יעדער גלעזל מעד — מען זאל טאקע געהאלפן ווערן.

אין די הויפישע קיכן האט געראוויכערט, געפרעגלט זיך, געשמאלצן. דעם רבינס זין האבן אויסגענוצט די בהלה, דעם עולם, און יעדער האט פאר זיך געפראוועט רבי'טסטווע, געפירט טיש פאר חסידים, געטיילט שיריים, געטרונקען וויין און געזאגט תורה, יעדער האט געזען, וואס מער מענטשן אריבערצוציען אויף זיין זייט. יעדער האט געהאט שטיין שמשים אויף דער וואך. דער פאטער זאל ניט אמאל ארײנפאלן און דערזען, ווי ביים לעבן נאך טיילט מען זיך שוין מיט דער רבי'טסטווע, די דינסטן האבן געמוזט א סך קאכן, הארעווען. האט זיי ישראל־אביגדור דער גבאי געגעבן צו הילף א חברה ארימע קבצנישע נישט בכבוד'ע יושבים'לעך, אידן נע־ונד"ניקעס, וואס טויגן זיך ניט צום עסק, קליינע, דארע אידעלאך מיט גלאטע פיאות, מיט שיטערע בערדלעך און מיט דארע פארשמאלצעוואטע קאפאטעשן.

— אין קיך אריין! אין קיך אריין! — האט זיי ישראל־אביגדור דער גבאי געשלעפט פון בית־המדרש ביי די קעלנער פון די זשופעצעס — דער רבונו־של־עולם האט שוין גענוג אייער תהילים־זאגן! גייט אין קיך אריין שיילן קארטאפלעס.

זיי האבן געשלעפט האלץ פון די קאמערס, געטראגן וואסער פון ברונעם, אפגעשאבן די האר פון קעלבערנע פיסלעך, געוואשן אקסישע מאגנס, געריבן הארבן כריין. פון זייערע רויטע אויגן זיינען געפלאסן טרערן איבער די איינגעפאלענע באקן. די דינסטן, צושויבערטע עלטערע מיידן מיט ריזיגע ברוסטן, וואס רייבן אויס לעכער אין די בלוזקעס, און מיט ווייגנדע היפטן אויף קורצע אידישע פיס, האבן געגלאנצט אינגאנצן פון קאכן און פון איבערזעטיקייט. זיי האבן געשארט מיט די פעטע פארקאשערטע הענט אין גרויסע טעפ, אין אויפגעיורענע טייגן, זיי האבן געבלאזן אין פייער, געכאפט פון די טעפ, געבריט זיך און אויסגעלאזט דעם כעס צו זייערע העלפערס, די יושבים'לעך, און צו די הינט און חזירים אין הויף, וואס האבן נישט געוואלט אפטרעטן, כדי צו כאפן ביינער און קישקעלעך פון עופות. וויפיל הייסע און קאלטע פאמעשאפס אומריין וואסער די דינסטן האבן נישט אף זיי געגאסן, האבן זיי זיך בלויז אפגעטרייסלט און ווייטער עקשנותדיק געווארט.

— „יושבי'קעס" — האבן די מיידן געמאכט קולות — פארטרייבט די

הינט מיט די חזירים, מאַנסבילן!

נאָר די מאַנסבילן האָבן מורא געהאַט צוצוגיין צו די הינט און גע־מיאוס'ט זיך צו דערנענטערן צו די חזירים. זיי האָבן בלויז געשריען פון דערווייטנס:

— אַ טשו... פודזשאַס...

און ישראל־אַביגדור דער גבאי איז גאָר געווען אין זיבעטן הימל.

אַ קורץ־געפּאַקטער, מיט אַ פּנים פול מיט קלייען און זומער־שפּרענ־קעלער, מיט אַ רויטער פייערדיקער באָרד און פּיאות, האָט דורכן גאַנצן זייד און אַטוּעס זיינעם אַרויסגעקוקט דער עם־הארץ, דער געוועזענער משרת־יונג, וואָס האָט אַזוי פאַרשטאַנען אַריינצונעמען דעם הויף אין די הענט, אַז ער איז דערגאַנגען ביז הויפּט־גבאי. די היפּשע נאָז־לעכער זיינע זיינען ביי אים שטענדיק פול געווען מיט שמעק־טאַבעק, די רויט־האָריק באַוואַקסענע הענט זיינען אומעטום געווען פול. דאָ האָט ער אַ אינגל אָנגעדרייט אַן אויער, אַלמאַי ער זיצט נישט און לערנט, דאָ האָט ער אַ קבצן אין בית־המדרש אַראָפּגערוקט דעם קאַפּעלאַטש איבער די אויערן, דאָ איז ער אַרויפּ־געקראָכן אויפן טיש מיט די פאַרבלאָטיקטע שטיוול צווישן די ספרים, געוויזן דעם משרת, אַז די לאָמפּן־גלעזלעך זיינען פאַרקאָפּטשעט.

— באַטיאַר — האָט ער געוואָרטשעט — אַזוי פּוצט מען אַ גלעזל? אַהער קום, וועל איך דיר לערנען פּוצן גלעזלעך...

דערביי האָט ער גענומען אַ פּאָלע פון משרת'עס זשופּעצע און דער־מיט אויסגעווישט די סאַזשע פון גלעזל.

דאָ פלעגט ער שטראָפן די בחורים, אַלמאַי זיי לערנען נישט, און דערביי האָט ער געשאָטן מיט פאַרדרייטע גראַביונגישע פּסוקים. און דאָ פלעגט ער גאָר אַריינלאָזן זיך אין קיך, געכאַפּט אַ בליק אין די גרויסע טעפּ, אַ פאַרקריך געטאָן פלינק מיט אַ האַנט צו אַ דינסט־מוידישן פּעטען הינטער, און דערביי געמאַכט זיך געטריי דעם הויף.

— מער וואַסער גיסט אין די באָבעלע־יושקע! — האָט ער געשריען צו די דינסטן — נישט אַזעלכע גערדיכטע זופּן מאַכטס! די יושבים'לעך, די פרעסערס, וועלן זיך נאָך די ציין צובּרעכן מיט אַזאַ געדיכטער יושקע...

צום רבי'ן האָט ער נישט אַריינגעשמעקט, סיידן, ווען מען האָט גע־דאַרפט אַריינלאָזן חסידים מיט פּדיונים און דערביי אָפּלעקן אַ ביין. וויפל מאָל דער רבי האָט אים גערופן, ווען עס האָט זיך אים פאַרלאָשן דער ציגאַר, איז ער ניט געווען. דער רבי האָט זיך געקאָכט, געשריען, אַז ער וועט אים אַרויסטרייבן, נאָר ישראל־אביגדור האָט זיך דערפון ווייניק געמאַכט.

דער רבי האָט אים געדאַרפט מער, ווי ער דעם רבי'ן.

קיינער האָט נישט געקענט אַזוי אויסגעבונדן דעם הויף, ווי ישראל־

אביגדור. קיינער האט ביים טיש נישט געקענט אזוי דעם גאנצן עולם, ווי ער. ער האט געוואוסט, וויפיל פלעשער וויין ארייַנצושטעלן יעדן טיש־זיצער, צי מען וויל יא, צי מען וויל ניט. ער האט געוואוסט אויסצוזעצן יעדן ביים טיש, דער עיקר די גבירים, אז קיינער זאל ניט זיין באליידיקט. ער האט געוואוסט, וועמען מ'דארף געבן א בכבודע פארציע און וועמען אפ'פטרן מיט א קלייניקייט. ער האט געקענט אפהאלטן דעם גרעסטן עולם ביים רבינ'ם טיר און אריינלאזן נאר די גבירים און מיוחסים. אומפארבייטליך איז ער געווען אין וועג, ווען דער רבי האט זיך ארויסגעלאזט זאמלען געלט. ער האט געקענט אזוי אפשרעקן די חסידים, שטעלן אזעלכע פרייזן, אז זיי האבן גארנישט געוואגט זיך קעגנצושטעלן.

— ער זאג דיר, אז דו האסט געכאפט א מציאה, ווי ער בין א איד געבוירן — האט ער איינגערוימט יעדן א סוד — מעגסט מיר שטעלן א פלעשל מעד...

אויך ביי דעם מלכות האט ער זיך געטוינגט. ער האט אלעמאל ארויסגעקראגן פארן רבי'ן א ספעציעלן קופע אין וואגאן. ער האט אויך געקראגן ביי פריצים קארעטעס פארן רבי'ן. טאמער איז ער געפארן מיטן רבי'ן אף א שמחה צו אנדערע גוטע־אידן, האט ער, ישראל־אביגדור, זיך אזוי ברייט אוועקגעשטעלט, געמאכט אזא טאראראם, אז גלייך איז דער רבי זיינער געווארן אין דער פרעמד דער באלעבאס און די היימישע רבי'ם מיט זייערע גבאים האבן א פנים געהאט ווי אורחים. ער פלעגט זיך שאפן מיט די גבאים ווי מיט משרתים. נאר וויכטיקער ווי אלץ איז געווען דאס, וואס ער האט שוין געוואוסט צופיל פון הויף, געוואוסט פון אלע ארומרייסענישן, סודות, שטוב־זאכן, משפחה־עסקים. ער האט זיך אזוי אומעטום אריינגעשארט, אריינגעקראכן, אז ער האט איינמאל אין א שבת נאכמיטאק, טאקע גלייך נאך דעם טיש, געטראפן דעם רבי'ן מיט דער דריטער רבי'צין זיינער אין שטייגער פון מאן און ווייב.

ביי קיין זינד האט ער זיי נישט געטראפן, חלילה. מאן און ווייב! אבער פון דעמאלט אן האט ער אנגעהויבן קוקן דעם רבי'ן גלייך אין די אויגן אריין מיט גניבה'שע בליקן און אים אויפגעהערט צו באדינען. נישט געמאכט זיך הערענדיק זיינע קולות:

— סרועלוויגדער, עד על דעד אויסרייסן...

איצט, פאר סערעלעס חתונה, האט ער גאר אפגעלאזט די פליגל. ער האט צום רבי'ן נישט אריינגעשמעקט, געהייסן די אנדערע שמשים זאלן צו אים גיין. ער האט כסדר געטרונקען מעד מיט חסידים, געשמעקט שארפן טאבעק און געדרייט זיך אין קיך צווישן די מיידן אזוי קונציק, אז קיינער זאל עס נישט מערקן.

אין ל"ג־בעומר, דעם טאג פון דער חתונה, זיינען זיך טויזנטער חסי־

דים אַנגעקומען. קראָקעווער חסידים נגידים האָבן אָפּגעדונגען וואַגאַנעס, געראַוונט אין באַן מיט מנין, געטאַנצט, געזונגען, געטרונקען משקה און דערציילט זיך חסידישע מעשיות. קיין גוים און געגאָלטע בערד האָט מען אין די וואַגאָנעס נישט אַריינגעלאָזט. — קאָנדוקטאָרן האָבן מיטגעטרונקען און געוואונטשן לחיים. נישט נאָר די אידישע קאָנדוקטאָרס זענען איבערגעגאַנגען פון דייטש אויף עכט גאַליציישן אידיש, מיט אַלע „עכ'ען" און „מעכ'ען", נאָר אויך די פּאָליאַקן און רוטענער האָבן גערעדט אידיש. אָרימע חסידים האָבן זיך געשלעפּט צופוס און מיט באַלעגאָלישע וועגעלעך, כאַפּענדיק פון די באַלאַגאָלעס קללות און אַמאָל אַפילו אַ בייטש אויך. אַלע ניעשאָווער אכסניות, פּריוואַטע שטובן, שטאַלן, קאַמערן, בוידעמס האָבן אויפגענומען אורחים. בעטלער האָבן זיך געשאַרט פון אַלע וועגן.

די בית־המדרש בחורים האָבן זיך שוין נישט געקענט דערוואַרטן: ביז שבועות און אין ספירה געלאָזט זיך צום טייך באָדן. גוטע שווימערס האָבן געלייגט קלאַפּטער, וואַסער־טריט און געמאַכט קולות, ווי אין באָד.

— איי, אידן, גוט, גוט, אַ מחיה...

באַלד נאָכן באָדן זיינען זיי אַוועק אין הויף צו דער גרויסער סוכה, זיך איבערצוטאָן פאַר קאָזאַקן. אויף יעדער הויפישער חתונה אין ניעשאָווע האָבן בחורים און יונגעלייט פאַרשטעלט זיך פאַר קאָזאַקן, אויפגעזעצט זיך אויף פערד און אַנטקעגנגעריטן דעם חתן צו דער באַן, וואָס ליגט עטלעכע קילאָמעטער אין אַ זייט פון שטאָט.

אין דער הויפישער סוכה, צווישן אַלטן סכך און אָנגעוואָרפענע טישן און בענק, האָבן זיך געוואַלגערט גאַנצע פּעק אוניפאָרמען, וואָס פון איין חתונה ביז אַ צווייטער ליגן זיי און שימלען. די בחורים זיינען אַריינגעקראָכן אין לאַנגע, שמאָלע הויזן מיט לאַמפּאַסן, האָבן אַרויפגעצויגן אויף זיך הוזאַרישע רעקלעך, וואָס מיט זייערע געפלאָכטענע שנורן, גלאַנציקע קנעפּ און גרעלער באַפּוצונג האָבן זיי פאַרגעשטעלט אַ מיש־מאַש פון פאַרשידענע סטילן, עפּעס אַ געמיש פון אונגאַרישע רייטער, אָפּערעטישע הוזאַרן און אַלט־פּוילישע פוסגייער פון מלך סאָביעסקי'ס צייטן. נאָר פאַנטאַסטיש זיינען געווען די היט, הויכע פוטערנע היט מיט שוואַרצע פערדישע וויידלען אין דער הויך. מיט נאָכהיינגענדיקע פּיאות, מיט די צופלאָסענע בערדלעך און ישיבה־בחור'שע פיגורן, אויף וועלכע אַלץ שווימט און רינט, האָבן זיי אויסגעזען ווי די טערקן, וואָס מען ווייזט אין קליינשטעטלדיקע וואַנדער־קינאָמאַטאָגראַפן, וואָס מען צאָלט אַ גראָשן פאַר אַ קוק אין אַ לעכל און אינגלעך רופן עס „קוקע ד'לאָכע".

אַלע באַלעגאָלעס און פּראָסטע אידן, וואָס האַלטן פערד, האָבן געבראַכט זייערע קליאַטשעס פאַר די קאָזאַקן. די פערדלעך, מידע, מיט

אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און פאַרקלעפּטע נאָז־לעכער, נאָר וואָס אוועקגענומענע פון געשמאַקן קלעפּיגן „אַבראַק“, האָבן נישט געלאָזט די קאָזאַקן אַרויפקריכן צו זיך אַף די שאַרפע הויקערדיקע רוקנס, ניט געוואָלט גיין. די קאָזאַקן האָבן געריסן בײַ די לייצן און פעסט זיך געהאַלטן בײַ די פערדישע גריוועס, כדי ניט אַראָפּצופאַלן, עטליכע חסידים האָבן אַרײַנגעטראָגן אין דער ליידיקער סוכה אַ פאַס, אין וועלכן מען זייערט אײַן באַרשט אויף פּסח. אַנדערע האָבן געבראַכט עמערס הייס וואַסער פון קיך און געגאָסן אין פאַס אַרײַן. און די סאַמע חשוב'ע לײַט, די נגידים און די לומדים, האָבן געשיילט ציטרינען, געקוועטשט דעם זאַפט איבער די פינגער אין הייסן וואַסער און געשאָטן זעקעלעך מיט צוקער. דאָס האָט מען געמאַכט דעם „פּונש“, דעם ניעשאַווער פּונש צו דער חתונה. אידן האָבן זיך געקריגט, געריסן, יעדער האָט געהאַלטן, אַז נאָר ער אַליין איז דער אמת'ער פּונש־מייסטער.

— בהמה, לאָז מער צו! — האָט מען זיך געזידלט און נישט באַליידיקט.

אַלע האָבן געגאָסן וואַסער, געקוועטשט ציטרינען, פאַרזוכט און געשמאַקעט מיט די ליפּן.

— אידן, טעם גן־עדן....

אויפן הויף איז פאַרפאָרן אַ קאַרעטע אין פיר שימלען געשפּאַנט „נאַשפּיץ“. דאָס האָט דער גראַף אַלכאַ צוגעשיקט אַף יעדער הויפישער חתונה זײַן קאַרעטע מיט די פיר ווײַסע פערד, אויף אַנטקעגנצופאָרן דעם חתן. דערפאַר האָט דער ניעשאַווער געהייסן זײַנע חסידים, ווײַלן דעם פּריץ אין עסטרײַכישן פּאַרלאַמענט. דער קוטשער, אַ גוי אַ ריז, מיט אַ פּאָר לאַנגע העלע וואָנסן, וואָס פאַראײַניקן זיך מיט די באַקנבערד, האָט פאַרביסן פון לעקעך און בראָנפן, וואָס מען האָט אים פון הויף אַרויסגעטראָגן, און מיט קוראַזש געגעבן אַזאַ קנאַל מיט דער לאַנגער בײַטש איבער אַלע אַלטע קאָזאַקישע קליאַטשעס, אַז זיי האָבן זיך צולאָזט, ווי אין די גאָר יונגע יאָרן.

— זשיוואָ, זשידאָווסקע וואַיסקאָ! — האָט ער געשריען אויף די צושראָקענע קאָזאַקן, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אין די פערדישע גריוועס — העי, טאַטעלע, מאַמעלע, מאַרש!...

ער האָט אַזוי געיאָגט איבער דעם שאָסיי, אַז אַלץ איז פאַרשלונגען געוואָרן אין שטויב און אין זון. מען האָט ניט געזען מער די דערשראָקענע אויגן פון די רײַטער, בײַ וועמען די קליינע פערד זײַנען אין רייטן גוואַלדיק הויך אויסגעוואַקסן. מען האָט נישט געהערט די קולות פון די יונגע לײַטלעך, וואָס האָבן פון שרעק געשריען שמע־ישראל. אַלץ איז פון די פערדישע פאַרקאָוועס און פון די בײַטשישע קנאַלן פאַרטויבט געוואָרן. ווען די

באַן איז אָנגעקומען, האָבן די קאָזאַקן זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ געזאַנג צום חתן.

— מזל־טוב, חתן! — האָבן זיי געשריען און געשטעקט הענט — שלום־עליכם!...

אַ מידער פון וועג, אַן אומרויקער פון דעם פרעמדן, נייעם, דער־שטוינט פון די פאַרשטעלטע ברואים, וואָס אין ראַכמאַניוווקע האָט מען קיינמאָל אַזעלכע נישט געזען, איז דער חתן געשטאַנען אַ פאַרלאָרענער, אַ בלאַסער. מיט גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס זענען נאָך גרעסער אויס אין די ברוין־און־בלויע ראַמען, אין די אונטערשטע רעדער זייערע, האָט ער געקוקט אַף דעם פרעמדן טומל, געדראַנג, און זיך פאַרשעמט, פאַרשעמט זיך פאַר די כיבודים, וואָס מען טיילט אים צו, פאַר דעם שטופעניש, וואָס מען מאַכט אַרום אים. ער איז מיד געוואָרן פון די פיל הענט, הייסע, שוויי־סיקע, וואָס האָבן אים שלום־עליכם׳ס אָפּגעשטעקט. ער האָט בלויז מיט די שפּיץ־פינגער פון זיין לאַנגער אינגלערישער האַנט די מאַסע הענט באַ־רירט.

— פאַמעלעך, פאַמעלעך! — האָט געוואָרנט דער גבאי מאָטיע גדול פון ראַכמאַניוווקע, וואַרפנדיק בייזע בליקן אַף דעם עולם.

אַ שונא פון קירה׳שע גוטע־אידן און חסידות, האָט ער שוין באַצייטנס געקוקט מיט אויגן פול מיט שנאה אַף די קירה׳שע צלאַפּעס. די שאַרף־אויסגעבויגענע נאָז זיינע האָט זיך ביי אים געשפּיזט, ווי ביי אַ שפּאַר־בער, ווען ער דערזעט רויב פון דערווייטנס. זיי האָבן אים ניט געהערט, די קאָזאַקן, און זיך שטאַרקער געשטופּט, און מאָטיע־גדול האָט זיי גענו־מען לערנען דרך־ארץ.

— פּרא־אדם׳ס, שטופּט זיך ניט! — האָט ער געפייערט — שקאַצים!

ישראל אביגדור האָט גלייך אויפגעכאַפּט דעם פרעמדנ׳ס „שקצים“ און גלייך אָפּגעהאַקט די פליגל דעם רוסישן דבר־אחר, וואָס קומט קיין ניעשאַווע הערשן.

— דרך־ארץ פאַר אידן! — האָט ער אויסגערופן — אין ראַכמאַ־ניווקע זענען דאָ שקאַצים, אין ניעשאַווע זענען דאָ שיינע אידן, כשר׳ע, יראים־ושלמים.

ביידע גבאים האָבן געפלאַמט. ביי מאָטיע־גדול איז די נאָז געווען אַזוי רויט ווי ביי ישראל אביגדור׳ן די באָרד. זיי האָבן באַצייטנס געפייערט, געקוקט אַף זיך ווי די הענער פאַרן שלאָגן.

— אַ וואָרע מאַכט! אַ וואָרע! — האָט מאָטיע־גדול געגעבן באַפעלן.

דער חתן האָט געפלאָנטערט מיט די טריט, געקוקט מיט די גרויסע קינ־דערשע דערשראָקענע אויגן און פאַרלאָרען זיך אינגאַנצן. דאָס קורצע זיי־דענע קאַפּאָטקעלע זיינס, נעט געמאַכט, די קליינע געפּאַסטע גלאַנציקע

שטיוועלעך, דער ווייבער שניי־ווייסער איבערגעלייגטער אויסגעפּרעסטער קראגן איבערן גאנציג־שווארצן זיידענעם מלבוש'ל, דאָס האַלב־רבניש, האַלב דייטשיש קאַפּעליושל אפן קאָפּ האָבן אים געמאַכט נאָך שמעלער, קינדערישער, ווי ער איז געווען.

די מוטער זיינע, די ראַכמאַניווקער רבי'צין, שטאַרק מאָדיש געקליידעט, אין אַ הוט מיט פעדערן, ווי אַ פּריצה'טע, איז צוגעגאַנגען צום חתן־בחור און אים אָפּגעווישט מיט אַ קליין ווייבעריש טיולן טיכעלע דעם שוויים פון פּנים אַזוי צערטלעך און מאַמיש, ניט ווי ער וואָלט געווען אין טאָג פון זיין חתונה, נאָר ווי ער וואָלט געווען אַ קינד.

— נחום'טשע — האָט זי געזאָגט — מיר זאָל זיין פאַר דיר, קינד מיינס.

די חסידים האָבן עס געהערט, גוט געהערט, און זיי זיינען געווען באַליידיקט, באַליידיקט פון דער רבי'צינס גויאישען היזוך, וואָס אין ניעשאווע איז אַזוינס נישט צו זען ניט נאָר ביי רביים, נאָר אפילו ביי פּשוט'ע אידן; נאָך מער — פון איר באַגיין זיך מיטן חתן.

„ליטוואַקעס" — האָבן געטראַכט גאַליציאַנער אידן, וואָס אַלע פון יענער זייט גרעניץ זיינען ביי זיי ליטוואַקעס.

אויף אַ ווייל האָט זיי אַפילו אַ געדאַנק אַן ענבער געטאָן. אַ געדאַנק קעגן ניעשאַווע, וואָס איז זיך משדך מיט רוסלאַנד. נאָר מען האָט געשוויגן. געגלויבט, אַז מסתמא דאַרף אַזוי זיין.

בלויז דער גוי, דער קוטשער, האָט אויסגעצויגן די וואָנסן, באַטראַכט דעם חתן מיט אַ מבינ'יש אויג און אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגן אים הויך, אפן קול.

— טאָ דאָפּיראַ נאַזשעטשאַני — האָט ער געזאָגט צו די באַן־קאָנדוקטאָרן און טרעגערס, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ אויף רעכטס און לינקס — אַ יונגיטשקער אַזאַ, די מאַמע וועט איהם מוזן די פּלודערן אָפּשפּילען...

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָבן די גוים געלאַכט, צולאַכט זיך הארציק, שטאַרק, דערמאָנט אין פּלאַצן פון טרוקענע פעסער אין הייסע טעג. דאָס געזאַנג פון די פאַרשטויבטע קאָזאַקן האָט איבערגעריסן דאָס הילכיקע געלעכטער.

— אין כאלוהינו — האָבן געזונגען די קאָזאַקן — אין כמלכינו.

דריט קאַפּיטל

אַ גאַנצן גרויסן זומער־טאָג האָט חתן־כלה געפּאַסט.

אַף סערעלען, דער כלה, האָט מען דעם תענית נישט אָנגעזען. זי איז געווען הונגעריק אָבער רואיק, געזעצט. קיין איין שאָטן פון אומרואיקייט האָט נישט פאַרוואָלקנט איר געמיט.

פאַר דער גאַנצער צייט פון דער פאַר׳קנסונג האָט זי זיך רואיק פאַרהאַלטן, געטאָן אַלץ, וואָס מען האָט פון איר פאַרלאַנגט, נישט ווי זי וואָלט געווען אַ יונג כלה־מיידל, נאָר אַן אַלטע פאַרזעסענע מויד, וואָס פּאַקט אויף דער עלטער אַ שידוך. זי האָט רואיק, נישט פרעגנדיק זיך אַפילו אַף דעם חתן, אויסגעהערט דעם פאָטערס נייעס, אַז זי ווערט אַ כלה פון ראַכמאַניוווקע. זי האָט רואיק אויפגענומען די כלה־מתנות, וואָס מען האָט איר געשיקט אין אַטלעס־אויסגעבעטע צירונג־שאַכטעלעך.

— אוי, ווי שיין! — האָט זי בלויז געזאָגט.

זי האָט פּונקט אַזוי רואיק, גלייך, אויסגעהערט די ערשטע דינים פון אַ כלה, וואָס די שוועסטער אירע, צעווירענע אידענעס, וואָס שטאַמען פון אַנדערע מאַמעס, האָבן גענומען מיט איר לערנען געציילטע טעג פאַר דער חתונה.

זיי האָבן געפּראָוועט ריידן, די שוועסטער, מיטן יונגן מיידל זייער סודותדיק און מיט אַ סך אָנצוהערענישן וועגן די נייע ווייבערישע דינים און מצוות, אַזוי אַז די פערצן־יעריקע כלה זאָל זיך נישט שעמען.

— סערעלע — האָבן זיי איר געזאָגט — קיין תורה לערנען דאַרפן מיר, נקבות, נישט. דאָס האָט דער אויבערשטער געגעבן בלויז די מאַנסבילן. אָבער דערפאַר מוזן מיר אונזערע מצוות און דינים אָפּהיטן, וואָס איז אַזוי גוט ווי תורה לערנען.

זיי האָבן געבראַכט משלים פון דער תורה, פון די הייליקע מוטערס, פון שרה, רבקה, רחל און לאה, די סאַמע איידלסטע ווערטער אויסגעזוכט, אָבי סערעלען נישט צו פאַרשעמען. אָבער דאָס איז געווען איבעריק.

זי האָט געטאָן, די גרויסע, געוואוקסיקע, פליישיקע סערל, אַלץ

פשוט, גלייך. קיין איין איינציקע שעמעוודיקע רויטקייט האט נישט באגאסן אירע פולע באקן, קיין איין איינציקער שמייכל האט נישט אויפגעלויכטן אין אירע קאלטע אויגן. א רואיקייט איז געלעגן אף איר, א רואיקייט פון א ווייב, וואס גרייט זיך צו איר נײַ לעבן מיט חוב און מיט זיכערקייט.

מיט דער זעלבער רואיקייט איז זי געגאנגען א נאכט פאר דעם חופה־טאג אין דער הויפּישער מקוה, וואוהין עס האבן זי געפירט אלע אירע שוועסטער, כלערליי גבאיטעס, לאפיטוטניצעס, באגלייט מיט דער שרייענדיקער מוזיק פון דער שטאטישער קאפעליע. די שוועסטער האבן געקוקט מיט קנאה אף דעם יונגן, פעסטן מיידלשן לייב, אף אירע רייפע אנטוויקלטע היפטן און ברוסטן און זי אפגעשפיגן:

— טפו, טפו, קיין בייז אויג...

זיי האבן איר צוגעטראגן פאמעראנצן, דערקוויקעניש, ווי מערסטנס כלות, וואס ווערן אפגעשוואכט פון וואסער און פון די דינים.

— עס, כלה — האבן זיי איר צוגעטראגן — דאס הארץ איז דיר מסתמא אפגעשוואכט.

נאר זי האט עס נישט געדארפט. זי האט זיך געפילט גוט, קרעפטיק.

מיט דער זעלבער געזעצטקייט האט זי באגעגנט די טוקערן, וואס זיינען געקומען איר אפגאלן די האר פון קאפ.

אין ניעשאווע האט מען אפגעגאלט כלות די האר פון די קעפ נישט צומארגנס נאך דער חתונה, נאר אין טאג פון דער חופה. די שוועסטער האבן סערעלען געגומען צוגרייטן. פון די מיידלשע יארן, וואס ווייבער האבן אזוי ליב צו האלטן אין זכרון, האבן זיי נאך געדיינקט די שרעק פארן גאלן. זיי האבן דעריבער געגומען פלוצלינג צערטלען סערעלען דעם קאפ, פירן מיט די פינגער אין אירע געדיכטע האר, צעפ פלעכטן און פראווען קאמפלימענטן.

— אזא וואלד א געדיכטער — האבן זיי געזאגט סודותדיק, מיט דער סודותדיקייט פון ווייבער, וואס אין פלעכטן פון כלהשע צעפ דערמאנען זיי זיך אין ערשטן גליק און אין שפעטערער וועלקונג — זאל עס זיין ווי א קרבן, סערעלע, ווי די ערשטע שניט, וואס די אידן אין ירושלים האבן געבראכט צו גאט.

אבער ביי סערעלען איז עס גאר קיין קרבן נישט געווען. זי האט געוואוסט, אז אזוי דארף מען, און זי האט עס געטאן, ווי מען טוט יעדער אנדערן דין. די טוקערן האט זיך גארנישט געקאנט גענוג אויסלויבן זי פאר איר פרומקייט און צדקות.

— אזא כשרע נשמה — האט זי געזאגט, טונקענדיק לעקעך אין בראנפן, וואס מען האט פאר איר געשטעלט — די זון זאל נאר איר לייכטן.

ווי עס לייכטן אירע רויטע באקן, טאטע קאכאנעדיקער אין הימל.

מיט א גרויסער שער האט זי געשניטן אירע האר, געשניטן קרום, געמאכט טרעפ, און דערנאך האט זי א בליץ מיטן גאל־מעסער געגעבן און גענומען קראצן דעם דין־געשוירענעם מיידלשן קאפ, וואס איז צו א שעפסן־קאפ ענלעך געווארן.

— מזל־טוב! מזל־טוב! — האבן די שוועסטער געוואונטשן און סערעלען א ווייס אטלעסן טיכל אפן קליין־געווארענעם קאפ אנגעטאן.

-- מזל־טוב! — האט סערעלע געענטפערט, בינדנדיק די שפיצן פון ט־כל אונטערן קין, ווי א אידענע אין די יארן.

די טוקערן איז געגאנגען פון מחותנתטע צו מחותנתטע נאך גאל־געלט.

— א קרייצער פאר יעדער האר — האט זי געזאגט, צוקומענדיק צו דער כלה — „מערצישעם" אף א ברית ביי דיר...

— אם ירצה השם, ביי אייערע טעכטער — האט סערעלע, אן בושה, צוריקגעוואונטשן.

פונקט אזוי אן בושה איז זי געזעסן שפעטער אין דער כלה־שטוב און געלערנט די כלה־דינים פון נייעם קרבן־מנחה־סידור, וואס האט גע־האט העלפאנטביינערנע טאוולען און א גילדערנעם שלאס.

— און זי זאל בוויליקט ווערן אין דער בהפטינג — האט זי גע־לייענט אויפן קול מיט א ניגון פון תחינות — און אים ניט אנטהאענ חס ושלום קיינ צער נור אדרבה אים ליבשאפט דרווייזונ און אים ווילק זיין אין דער מצוה ווי דער מנהג דרום וועלן געבורן ווערונ בנים־זכרים מיט הילף פון געאכפערטנ...

גארנישט רואיק האט זיך געפילט נחומטשע, דער חתן.

א גאנצן גרויסן זומער־טאג מיט א קנאפער נאכט דערצו האט ער זיך געמאטערט אין די שווערסטע יסורים אין טאג פון זיין חתונה. א גאנצן מעת־לעת איז ער געפארן אין באן פון ראכמאניווקע דורך דער גרעניץ ביז ניעשאווע. ער האט געדארפט רו, מנוחה. אבער מען האט אים אויף קיין רגע קיין מנוחה נישט געלאזט. קודם־כל איז דער עולם געקומען צו אים שלום־נעמען. טויזנטער אידן זיינען אף דער חתונה געקומען, יעדן האט מען די האנט געמוזט געבן, „עליכם־שלום" ענטפערן. נחומטשען האט די האנט גלייך אנגעהויבן שמערצן. אין האלז איז אים טרוקן געווארן.

אז ר'איז פארטיק געווארן מיטן עולם, האט דער מחותן זיינער, דער ניעשאווער, אים אריינגעבעטן צו זיך און אפגעהאלטן לאנג. ער האט שויז, דער ניעשאווער, עטלעכע מאל אין ד ע ם טאג לעקעך און בראנפן מיט אנגעפארענע גוטע־אידן און מחותנים געטרונקען. ער איז געווען

נישט שיכור, אָבער אַביסל פאַרנעפּלט, בגילופין. אים האָט זיך געגלוסט רײדן, אַ סך רײדן. גערעדט האָט ער גיך, געשלונגען האַלבע ווערטער. דערצו האָט ער צוגעזונגען, אַפן גאַליצישן רבּישן שטייגער, און נחומטשע דער ראַכמאַניווקער האָט זעלטן אַ וואָרט פאַרשטאַנען. דער רבּי האָט אויך געוואָלט דעם חתן באַווײַזן זײַן לומדות. טאַקע דערפאַר, ווײַל ער איז קיין גרויסער למדן נישט געווען, האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט ווײַזן לומדות. ער האָט געדיינקט עפּעס אַ פּשטל נאָך פון זײַן ערשטער חתונה, וואָס ער האָט אפשר מיט פופציק יאָר צוריק געזאָגט פאַר אַן עולם, און ער האָט עס אײַנגעאַנצן איבערגעזאָגט פאַר נחומטשען. ער איז דערפון אַרײַן אין ווילדער התפעלות, געכאַפּט דעם אינגל בײַם קין, גלײַך ער וואָלט שוין געהאַט אַ באָרד, ער האָט געפּאַטשט מיט די הענט, צוגעשטיקט אים, אין די זײַטן אים געשטאַרקעט, אָפּגעשפּריצט און צענדליקער מאָל איבערגעחזרט דאָס זעלבע:

— פאַרשטייסטו מעך צי נישט? האַ, וואָוע...

דערבײַ האָט ער אים אָנגעפּיפּקעט פולע אויגן מיט שאַרפן ציגאַרן־רויך. אַף דעם אינגלס ניכטערן מאָגן האָט זיך דער רויך געלייגט ביטער. אין האַלז האָט געשטיקט. ער האָט געהוסט. נאָר דער מחותן האָט עס נישט געהערט. ער האָט בכלל קיינמאָל נישט געהערט יענעם, נאָר בלויז זיך אַליין, אַליין אַלין גערעדט, אַליין אַף אַלין זיך אָנגעוואָרפן.

— פאַרשטייסטו מעך... פאַרשטייסטו מעך? האַ, וואָוע... — האָט ער זיך געבּרומט דורך דער קאַלטענוואַטער באָרד און וואָנסן.

אַז ר'איז קוים אַרויס פון מחותנס שטוב, האָבן אים דעם רבּינס זין, פונקט אַזעלכע שווערע און טעמפּע אידן ווי דער פאָטער זייערער, גענומען פירן פון שטוב צו שטוב. אומעטום האָט מען געטרונקען בראָנפן, געוואונטשן זיך לחיים, לעקעך געגעסן און אפילו ווענן זײַן תענית נישט געטראָכט.

— לחיים, לחיים, ס'זאָלן זײַן שמחות בײַ אידן — האָט מען אים געוואונטשן און לאַנג געטרייסלט מיט זײַן האַנט.

דערצו האָט זיך צו אים בײַ אײנעם פון דעם רבּינס זין אין שטוב צוגעטשעפּעט אַ יונגערמאַן אַן עלוי, דאָס שיינדל פון די ניעשאַווער חסידים, וואָס האָט געוואָלט אַרויסווײַזן לומדות. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן אַ קרומער קאָפּ, אַ ווילדע בריאה, אַ שטיק באָק. אַפילו אין זײַנע באַוועגונגען, אין זײַן אָנשטויסן מיטן קאָפּ תמיד, ווען ער האָט אַ קשיה צו פרעגן, איז געווען באָקישעס. די צוויאַכמערטע פּיאות זײַנע זײַנען געשטאַנען אין דער הויך, ווי הערנער.

— צוריקגעשמועסט — האָט ער געהאַט אַ טבע צו זאָגן אויף אַלץ

— צוריקגעשמועסט קען מען זאָגן פונקט פאַרקערט...

וואָס נחומטשע איז שוין מיט אים פאַרטיק געוואָרן, האָט ער גענומען זאָגן פּונקט פאַרקערט. נחומטשען האָט אַ שוויים באַגאָסן.

די מקוה, וואָס מען האָט פאַר דעם חתן צוגעגרייט, איז נישט געווען קיין קאַלטע, נאָר גוט אויסגעהייצטע, כאָטש די זון האָט געברענט אין דרויסן. דער ריח פון איר פאַרדומפּנקייט האָט געדריקט ביז חלשות.

דער פאָטער זיינער האָט עטלעכע מאָל גערעדט מיט אים, ער זאָל אַנבייסן, כאָטש אַ שטיקל לעקעך, געווייקט אין זיסן בראָנפן, נעמען.

— רבישע קינדער — האָט ער געזאָגט — פאַסטן נישט אין חופּה־טאָג...

נאָר נחומטשע האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן. די מוטער איז געקומען און געוואָלט אָף אים גוזר זיין.

— קינד מיינס — האָט זי געטענהעט — פאָלגן אַ מאַמען איז מער מצווה ווי פאַסטן. זיי מקיים כיבוד־אם.

אָבער ער האָט איר נישט געלאָזט רײדן אַפילו.

— מאַמע — האָט ער זיך געבעטן — זיי מיך נישט מצער, איך וועל נישט עסן.

ער האָט כסדר געלערנט אין אַ קבלה־ספר, וואָס ער האָט נישט אַרויסגעלאָזט פון די הענט. דער מלמד זיינער, ר׳ פּתחיה זווילער, וואָס איז מיט אים מיטגעקומען אָף דער חתונה, אַ איד אַ למדן, אַ מרה־שחורה־ניק, האָט אים אַלעמאָל אויפסניי פאַרהערט די דרשה, וואָס ער דאַרף זאָגן ביים טיש.

— נע־זשע, חתן — האָט ער אים געמונטערט — זאָלסט נישט מבייש זיין דעם טאַטן, זאָל לעבן, ס׳וועט זיין אַ טיש מיט לומדים.

די לופט אין בית־המדרש, וואו מען האָט די טישן געדעקט, איז געווען געדיכט, ממש אַנצוטאַפּן. די חסידים האָבן פאַרשטעלט אַלע פענסטער, טירן. יונגעלייט זיינען געלעגן אונטער די טישן, אָנגעהאַנגען זיך איבער די בײנק, צוגעדריקט זיך פּלייצע צו פּלייצע, אָרעם צו אָרעם. בחורים האָבן זיך צוגעבונדן מיט גאַרטלען צו די זיילן פון בית־המדרש, געהאַנגען אין דער לופט. אינגלעך זיינען אַרײַנגעקראָכן מיט די פיס צו אידן אין די הינטערשטע קעשענעס פון די זשופּיצעס, אַבי כאַפּן אַ בליק צום חתן. קרומע זיילן שטויב האָבן זיך געלייגט איבער די קעפּ, ווי ברעטער.

די מאַסן ליכט אין די זילבערנע מנורות, שאַבאַשניקעס, קאַנדעליאַברעס, לייכטער האָבן געוויכערט, געשמאָלצן זיך, געטריפט. די מענטשן האָבן געשוויצט, געקלעפּט צו זיך. די גאַנצע היץ האָט צוגעשלאָגן אויבנאָן, וואו דער חתן איז געזעסן, אַרומגערינגלט מיט מחותנים און געסט.

דער קאפ האט נחומטשען געגליט, שווער געווען. א חוץ דער יארמעלקע, איז געזעסן אף זיין מידן קאפ א שטריימל, א הויך האריק גלאנציק שטריימל, וואס האט געדריקט, געהיצט, די שלייפן מיד געמאכט. טראפנס שוויים האבן זיך געגאסן פון די געקרייזלטע פיאות זיינע און באפלעקט דעם אויסגעפרעסטן שניי־ווייסן איבערגעלייגטן קראגן.

אין די ווייבערשע שטובן ביי דער כלה איז געווען גרויס, לופטיק. מיידלעך האבן געטאנצט, פארהויבנדיק די שלעפעס פון די ברייטע אנגעבלאזענע קליידער, און גערעדט מיט די קלעזמער דייטשמעריש.

— הערר מוזיקאנט, שפילען זי פרוינדליכסט איין שער.

קעלנער אין קורצע קליידער, מיט קליינע יארמעלקעלעך אף די שפיץ קעפ, האבן זיך מיט קאלטע געטראנקען געשארט איבער די שטובן און, מיט עלעגאנץ פון פראווינצער אפערעטן־ליבהאבער, צוגעטראגן כיבוד צו די ווייבער.

— וואללען זי עטוואס געניססען...

קליינע מיידלעך מיט ריזיקע שלייפן און קאקארדעס אין די קארבירטע צולאזענע האר, האבן קניקסן געמאכט, מיט די וואכלערס געפאכעט. ווייבער מחותנתטעס האבן געבליצט מיט גאלד און צירונג, געשאקלט מיט אלע קארשן און גרעלע בלימעלעך פון די קאפקעס, שלייערלעך און הייבלעך. א בדחן מיט א צוקאמטער פריציישער באַרד און מיט א מין גלחישער יארמעלקע אפן שפיץ קאפ, האט אין הוילן דייטש, מיט פסוקים פארבראקט, מיט ציטאטן פון שילער און לעסינג באווירצט, גראמען געפלאכטן. ער האט געווארפן מיט די הענט, געבליצט מיט די אויגן, געמאכט קונצן פון א ברעטל־זינגער, וואס ער האט אמאל אין א שטאטישער שענק געזען, און געווארפן אויגלעך בגנבה צו די מיידלעך.

א, הערען זי מאהל אוים, האכגעשעצטע בראַוט אונד איהרע ליעבע מעדכען.
שרה, רבקה, רחל אונד אויך ראזע אונד גרעטכען.
דאס שטערבען, חלילה, אונד די הייראט קאן ניעמאנד מיידן,
דען די ליעבע איזט דאך פיר די יונגע לייטע איין וואהרעס גן־עדן.
די ראזעס דופטען, ווען זי פריש זינד, זאגט דער גראסע דיכטער,
דארום פרייט אייך אונד ליעבקאסט אייך, איר שיינע געזיכטער.
אונד ווי די ליעבע זאננע, כלה, זאל דיין ליכטיק מזל שיינען,
אונד ביים רבונו־של־עולם איין גליקליכעס שיקזאל אויסוויינען...

אבער ביי די מענער אין בית־המדרש איז געווען ענג, דערשטיקט צו ווערן. אלעמאל האט אן אנדער חסיד געחלשט פון היץ. אידן האבן אים ביים קאפ און פיס אנגענומען און צום הויפישן ברונים אוועקגעטראגן. דארט האבן אינגלעך אף דעם פארחלשטן אזוי לאנג געגאסן וואַ־

סער פון פלומפ, ביז ער איז געקומען צו זיך.

— ביר, גיט מיר אַ גלעזל ביר — האָבן אידן געבעטן זיך רחמים ביי די משמשים, וואָס האָבן געצאַפּט ביר פון גרויסע פעסער.

— שאַ זאָל זיין! — האָט ישראל־אביגדור געשריגן — דער חתן גייט זאָגן די דרשה. שטיל זאָל זיין, ווי אין אַן אויער. דרך־ארץ!

נחומטשען איז געווען טרוקן אין האַלדז, די צונג האָט געקלעפּט צום גומען, ווי אַ פרעמדע זאַך. די שלייפן האָבן אים געבריט, די אויגן האָבן געשמערצט. נאָר דאָס אַלץ האָט נישט געקאָנט זיין קיין אָפּהאַלט פון דער דרשה. טויזנטער אידן האָבן אויסגעשטעלט אויערן. רביים, רבנים, לומדים, שיינע־אידן, עלוים, אַלע האָבן זיך צוגעבויגן, אַבי דעם חתנס וואָרט אויסצוהערן.

— נו, חתן — האָט דער מלמד זיינער דער מרה־שחורהדיקער געזאָגט — אַן עדה אידן וואַרט אויף דיין וואָרט.

ער איז אַזוי פאַרמאַטערט געוואָרן פון דער שעה דרשענען, אַז צום באַדעקן די כלה האָט מען אים געמוזט אונטערפירן. ער האָט אַפילו אַרויסגעלאָזט דאָס וויים־זיידענע דעק־טיכל פון האַנט, ביים אַרויפוואַרפן עס אויף דער כלהס פנים.

— אוי! — האָבן די ווייבער אַרויסגעקרעכצט, ווי מען וואָלט אַראָפּגעלאָזט אַ ספר־תורה.

דאָס איז געווען אַ שלעכטער סימן.

ביי דער גילדערנער יויך האָט ער גאָרנישט געקאָנט עסן. די כלה האָט געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט. זי האָט נישט גערעדט מיט אים. זי האָט שטאַרק געוואָלט אים זאָגן, ער זאָל עסן, אָבער זי האָט זיך געשעמט, געפלאַמט פון בושה פאַר דעם פרעמדן אינגל, וואָס זי האָט אים דאָס ערשטע מאָל געזען, און זי האָט שווייגנדיק געגעסן. נחומטשע האָט בלויז גענומען איין לעפל יויך פון דעם גילדערנעם שותפותדיקן שיסעלע, וואָס איז פאַר חתן־כלה געגרייט געוואָרן, און גלייך אָוועקגעלייגט. ער איז געווען אַזוי דערשלאָגן, אַז ער האָט אַפילו אויף זיין באַשערטער קיין קוק נישט געטאָן.

און דערנאָך, שפּעט ביינאַכט, אַז צוויי שיינע־אידן, זקנים, האָבן אים גענומען אונטער די הענט, גערעדט צו אים אַ סך וועגן דער ערשטער מצוה און אים פלוצלינג אין אַ פרעמדער שטוב פאַרלאָזט, פאַרהאַקנדיק הינטער זיך די טיר, — האָט ער זיך דערפילט אַזוי הילפלאָז, פאַרלאָזן, ווי אַ קינד, וואָס די מאַמע האָט עס אונטערגעוואָרפן.

פון נייעם בעטגעוואַנט, פון דעם ים איבערבעטן און קישנס, האָבן אויף אים געקוקט אַ פּאָר אויגן. אַ פּאָר אָפענע אויגן. ער האָט מיט שטאַרקע בליקן אַ קוק געטאָן אויף דעם בעטגעוואַנט, אויף דעם קאָפּ, אויף דעם פרעמדן

ווײַבעריש קאָפּ אין אַ ווײַסן טשיפּיק מיט רויטע בענדער. דאָס רויט־פּייט האָט געבלענדט אין די אויגן. אין דער אַרומיקער ווײַסקייט האָבן אַ פּאָר רויטע, פולע באַקן געגלאַנצט, באַקן פרעמדע, אָנגעבלאָזענע, שטאַרק־צעפלאַמטע. אַ קאַלטער שוויס האָט אים מיט אַמאָל באַדעקט. אים איז נישט־גוט געוואָרן.

— מאַמע — האָט ער גערופן שטיל און מיט אַן אַ שיעור צער און בושה — מאַ־מע...

צומאָרגנס האָט אים דער שווער אַרײַנגעפירט צו זיך אין שטוב און אים אָנגעוויזן אַ שטול צו זיצן. דער ניעשאַוור האָט זיך אָוועקגע־זעצט קעגנאיבער, און דאָס גאַנצע געדיכטעניש זײַנס, די באָרד, פּיאות, ברעמען און אפילו די בינטלעך האָר פון די אויערן האָבן זיך געטרייסלט בײַ אים פון צאָרן.

— עט — האָט ער געזאָגט — עך הויב נישט אָן צו פאַרשטיין אַזעלכע ייִנג... אין ניעשאַווע ווייסט מען נישט אַזוינס... עט...

נחומטשע איז געוואָרן נאָך שמעלער, דינער. דאָס לשון איז אים אָפּגענומען געוואָרן בלויז אַ מורא האָט אים אָנגעפילט, אַ באַהאַלטענע מורא פאַר אַלץ, פאַר דעם שווער, פאַר זײַנע פאַרקאַלטנטע באָרד און פּיאות, פאַר די פרעמדע אידן און אפילו פאַר דעם קאָפּ אין בעטגע־וואַנט, וואָס ער האָט אים נישט געדיינקט, וואָס בלויז די בלענדעניש פון רויטע בענדער און דאָס פאַרפלאַמטקייט פון אַ פּאָר אָנגעבלאָזענע באַקן אין ווײַסקייט שווינדלען אים נאָך פאַר די אויגן.

— מאַ־מע — האָט ער גערופן מיט ליפּן, וואָס לאָזן קיין קלאַנג נישט אַרויס, ווי אַ קינד אין גרויס שרעק — מאַמע...

פערט קאַפּיטל

די זיבן טעג שבע־ברכות זיינען פאַר נחומטשען געווען ווי זיבן טאָג שבעה־זיצן.

נאַכט ביי נאַכט האָט מען ארום אים געמאַכט שבע־ברכות, סעודות, געטרונקען וויין. דער שווער האָט אים באַפוילן זאָגן פשטלעך. די חסידים האָבן זיך געשטופּט צו אים מיט שווייסיקע הענט, ווינטשן לחיים. און דערנאָך האָבן אים ווידער אַמאָל אויפסניי גענומען אונטער די הענט די זעלבע צוויי זקנים, געדזשאַמדזשעט אים אין די אויערן צײנלאָזע רייד, וואָס האָבן אים באַגאָסן זיין איילבירט־פּנים מיט רויטקייט, און דערנאָך פאַרהאַקט הינטער אים די טיר פון סערעלעס שלאָף־צימער.

באַלד אין דער פרי נאָך, פאַרן דאַוונען, האָט שוין דער רבי ר׳ מלך געשיקט זיין עלטסטע טאָכטער, א גרויסע אומגעלומפּערטע אידענע, זי זאָל גיין זיך איבעררײדן מיטן ווייבל.

די אידענע איז געגאַנגען צו דער שוועסטער און דערנאָך געשאָקלט מיט ביידע שפּיצן פון איר שוואַרץ־זיידענעם קאָפּ־טיכל, ווי מיט צוויי פליגל.

— עט — האָט זי געזאָגט — גאָרנישט...

פאַר כעס האָט דער רבי אפשר צען מאָל געפּאַטשט מיט די ליפּן אין פאַרלאָשענעם ציגאַר.

— רחמנא ליצלן! — האָט ער געשריגן.

נאָך דעם לעצטן טאָג פון די שבע־ברכות האָט דער רבי געשיקט נאָך סערעלען.

זי איז געקומען אין א לאַנג קלייד פון געלן זייד, אף איר געגאָלטן קאָפּ איז געזעסן אַן אַטלעסענער טשיפּיק מיט א גאַנצן גאָרטן פון קארשן, ציטער־נאָדלען, גרינע בלעטער און גרעלע בלימעלעך. דער טשיפּיק איז געווען גרויס און אַראָפּגעגליטשט זיך איבער די אויערן. דער פאָטער האָט איר געהייסן זעצן זיך אף דער הילצערנער שטול, וואָס איז אַוועק־געשטעלט פאַר חשובע חסידים. ער אליין האָט זיך געזעצט ברייט אף

רעם לעדערנעם נידעריקן פאטעל. זיינע אויסגעקוילעטע אויגן האבן דאס יונגע ווייבל אזוי דורכגענומען, אז זי האט אזש דערפילט א קעלט אין דער ברוסט און זי צוגעדעקט מיט א האנט. דער רבי האט אויסגעזען פונקט אזוי שטרייננ און אומברחמנותדיק, ווי בעת ער וויל ארויסטרייבן אן איינגעשפארטן דיבוק פון א דארפישער מויד און יענער, דער דיבוק, הערט אים נישט.

— נו? — האט ער ענדלעך א פרעג געטאן מיט א גמרא־ניגון.

טערעלע האט געשוויגן.

— וואס 'עט זיין דער תכלית? — איז ער איבערגעגאנגען שוין אין א ניגון פון א איד א סוחר.

סערעלע האט געקוקט מיט שטארע בליקן.

— ער איז געווען ביי דיר?

— נייזן — איז סערל ארויס מיט א געוויין, מיט א מגושמדיק געוויין, אין וועלכן נישט נאר די אויגן, נאר אפילו מויל און נאז וויינען.

— גיי שוין גיי, שוטה... — האט זי דער פאטער געטריבן פון שטוב, אונטערשטופנדיק זי צו דער טיר — נו גיי נו...

ער האט געהייסן דעם משמש, דערלאנגען זיך עטלעכע פון די גרויסע לעמבערגער שולחן־ערוך'ס געבונדענע אין זעק־לייוונט און צעפליקטע. ער האט זיך האסטיק אוועקגעזעצט בים טיש, ער האט גענומען זוכן מיט די גרויסע אויסגעקוילערטע אויגן אין די קליינע געדיכטע שורהלעך אין די דינים פון מאן און ווייב.

ער האט אפגעמאכט ביי זיך, אוועקצושרייבן א בריוו צום מחותן זיינעם, דעם ראכמאניווקער, וואס איז באלד צומארגנס נאך דער חתונה, נישט איבערווארטנדיק אפילו ביז צו די אנדערע שבע־ברכות, אוועקגעפארן, צוזאמען מיט דער רביצן, אהיים. ער האט אים געוואלט דערציילן וועגן נחת, וואס ער האט פון דעם זון זיינעם, און טאקע דערביי אריינווארפן א ווארט מכח א גט. אבער דערצו האט ער געדארפט וויסן פריער די דינים וועגן אזא פאל, וויסן וויפל עס קומט פון מאנס צד קנס פאר דעם ווייבס בושה און פאר אומזיסטע הוצאות, אזוי אויך וואס מען זאל טאן בנוגע נדן און מתנות.

א גאנצן מעת לעת צייט האט ער געזוכט, גענישטערט אין די גרויסע ארומגעפליקטע ספרים. קיין גרויסער למדן איז ער קיינמאל נישט געווען. זייט יארן, זינט ער האט געפירט רביטסטווע, האט ער בכלל קיין גמרא, קיין לומדיש ספר נישט אנגעקוקט. ער האט בלויז געלערנט פון צייט צו צייט אביסל קבלה, זוהר, כדי אויסצוזוכן נייע תורה'ס, צו זאגן בים טיש. ער איז אפילו געווען, א חוץ רבי, אויך רב אין שטאט. אבער ער האט קיינמאל קיין שאלה נישט געפסקנט, נישט געקאנט פסקע־

נען. דאָס אַלץ האָט געטאָן פֿאַר אים אַ איד אַ למדן, אַ פּאַרטרעטער, וואָס מ'האָט אים דערפֿאַר גערופֿן די „מינקת", דעם רבינס אָם.

פֿרעגן בײַ דער „אָם" האָט ער נישט געוואָלט. צו וואָס דערציילן פֿון הויף? און ער האָט שטאַרק זיך געמאַטערט אין די גרויסע שולחן־ערוכס, פֿאַרבלאָנדזשעט זיך אין די פֿיל פּירושים, וואָס זײַנען מיט קליינ־טשיקע שווערע ווערטער און אָנצוהערענישן אָנגעפּיקעוועט. ער האָט גע־שוויצט, ווי אין באָד.

ער איז ענדלעך אַרויסגעקראָכן, דער ניעשאָווער. נאָך לאַנגער מי האָט ער זײַנס דערגרייכט. ער האָט גוט אויסגעפּשטלט ווי אַזוי דעם מחותן דעם בעל־גאוהניק אָנצולערנען, ווי אַזוי צווינגען דעם יונגנמאַן צו אַ גט, און דערבײַ אים אַהיימשיקן ווי ער גייט און שטייט, אָפּנעמען אַלץ ביז אַ פֿאָדים בײַ אים, דעם רוסישן נחת... ער האָט פֿאַרקאַשערט די ברייטע אַרבל פֿון דעם זײַדענעם גרעל־געבלומטן שלאָפֿראָק און טאַקע שוין אויפֿן אָרט גענומען שרײַבן אַ בייזן בריוו צום מחותן, אַ בריוו מיט קאַטשערע־אותיות און מיט האַלבע ווערטער. ער האָט שוין דעם גרויסן טיטול אָנגעשריבן, כּדי באַלד דערויף צו שרײַבן האַרבע ביטערע רייד. ווי פּלוצלונג איז די עלטסטע טאָכטער, פֿירנדיק סערעלען בײַ דער האַנט, אַרײַנגעפֿאַלן אין רבינס שטוב און אויסגערופֿן הויך:

— מזל־טוב, טאַטע! מזל־טוב!

דער רבי האָט אַזוי אויסגעקוילערט די אויגן זײַנע פֿון חידוש, אַז עס האָט אויסגעזען, ווי אָט, אָט, דרייען זיי זיך בײַ אים אָבער, ווי בײַ אַ ליאַלקע, וואָס מען שטעלט אויפֿן קאָפּ.

— ס'הייסט? — האָט ער געפֿרעגט.

— נעכטן איז ער בײַ איר געווען — האָט די טאָכטער געזאָגט — גאָר אומגעריכט. דערצייל, סערעלע, דעם טאַטן, שעם זיך נישט.

סערעלע האָט מיט שטאַרקע פֿאַרבן אין קאַלטן פּנים דערציילט אַלץ פּשוט.

— נו, מילא, געלויבט דער אויבערשטער! — האָט געזאָגט דער רבי און געשמייכלט מיטן גאַנצן גערדיכטעניש פֿון זײַן האָריקייט — אַז עין־הרע געווען. געדאַרפֿט באַלד אָפּשפּרעכן. געלויבט דער אויבערשטער דערפֿאַר.

און גלייך דערויף האָט ער, ווי אַלעמאָל, גענומען אַרויסשטופּן די נקבות פֿון שטוב.

— נו, גיי, גיי, שוטהלע — האָט ער געטריבן דאָס יונגע ווײַבל — גיי און זײַ אַ כשרע אידישע טאָכטער. אודאי אַזוי...

אָנשטאָט פֿאַרענדיקן דעם בריוו צום מחותן, האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צום שטאָמלער, דעם פֿעטער פֿון דער יתומה. ער האָט אים גע־

שריבן, אז באלד, תיכף־ומיד טאקע, ווי נאר ער וועט דערהאלטן דעם בריוו זיינעם, זאל ער שוין קומען צופארן קיין גיעשאווע, כדי אפצורעדן די חתונה, אם ירצה השם, צווישן אים, דעם רבין, און דער בתולה מלכהלע, זאל לעבן. כדי נישט צו פארלייגערן קיין אומזיסטע צייט, האט ער געשריבן, וועט מען נישט מאכן די תנאים באזונדער און די חתונה באזונדער, נאר ביידע צוזאמען, און דערווייל בלויז מאכן א ווארט. צום בריוו האט ער צוגעלייגט א פאפירענעם צוואנציקער רייניש פארן שטאמלער אויף הוצאות. ער האט זיך פארטראכט אף א ווײלע, צי עס איז נישט אמאל צופיל. אפשר גענוג זיין פאר דעם קבצן פופצן? נאר פלוצלינג איז אם געקומען אפן זינען דעם אידס רייד:

— א יפת־תואר, דאס מיידל. אזוי זאגן די ווייבער...

און ער האט ארויסגענומען פון גרויסן לעדערנעם בייטל נאך א פאפירענעם פינפערל און צוגעלייגט, מיט א קרעכץ פון קארגשאפט און פארגעניגן צוזאמען, צום פריערדיקן צוואנציקער.

— זאל ער האבן — האט ער גערעדט צו זיך אליין — פארט א בן־קדושים, נעבעך...

דערנאך האט ער זיך דערמאנט צוצושרייבן, אז וואס עס געהער זיך אן כלה־מתנות, וועט ער, מיט גאטס הילף, די כלה נישט פארשעמען. נאר אדרבה, באשיינען און באצירן זי, ווי עס איז שיין פאר א כלה. אויך מיט קליידער וועט ער זי אויסשטאטן גאר בריוט, ווי עס שטייט אן א אידישע טאכטער א מיוחסת, א רביש איניקל. און צום סאמע סוף האט ער נאך עטלעכע קליינע שורהלעך אריינגעקוועטשט, אז זי זאל נישט מורא האבן פאר מחלוקת און ארומרייסעניש אין הויף, ווארום ער וועט זי באשיצן מיט זיינע פליגל און אויסשפרייטן אף איר זיין מאנטל פון כבוד. און הגם ער אליין וואלט געקאנט איינגיין אף א שטילע חתונה, אבער אזוי ווי די כלה איז א בתולה און איר קומט לויטן דין און שטייגער פון דער וועלט א שמחה און א חתונה ווי אלע איידעלע אידישע טעכטער, וועט ער, מיט גאטס הילף, פאר זיין געלט לאזן פראווען א גרויסע חתונה מיט געסט און קלעזמער אפן גרויסן שטייגער אין דער שטאט פון דער כלה, ווי עס איז דער מנהג, מיט דער הילף פון אויבערשטן, זאל זיין געלויבט זיין נאמען.

ער האט זיך אונטערגעשריבן מיטן נאמען פון פאטער, זיידע, עלטער־זיידע און עלטעל־עלטער־זיידע. און מיט די גראבע ליפן האט ער שטארק גענעצט דעם קאנווערט, ער זאל זיך נישט צוקלעפן. ער האט אריינגערופן אן איניקל און אים געגעבן אנצושרייבן דעם אדרעס, ווייל ער אליין האט קיין גויאיש נישט געקאנט. ער האט באוואנדערט דעם אינגלס שיינע גויאישע האנטשריפט און אים דערפאר געגעבן א רייניש.

דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אַ צופרידענער אױף דעם ווייכן פּאָטעל, פאַרשניצט אַ פרישן ציגאַר און גערופן:

— סרולעוויגדער ! סרולעוויגדער !...

איצטיקס מאָל איז ישראל־אביגדור, דער גבאי, גלייך אַריינגעקומען און דערלאַנגט דעם רבין פייער. ער האָט נישט בלויז געדאַרפט דערלאַנגען דעם רבין פייער, האָט ישראל־אביגדור געוואוסט. עס איז געווען אַ וויכטיקערע זאַך. מען האָט געדאַרפט אַריינלאָזן דעם קיעווער גביר ר׳ פלטיאל הורוויץ, וואָס איז ספּעציעל געקומען פון קיעוו איבער דער עסטרייכישער גרענעץ קיין ניעשאַווע אױף דער חתונה.

ר׳ פלטיאל הורוויץ, אַ גרויסער וואַלד־סוחר, אַ חשוב ביי גרויסע לייט, אַן אַריינגייער צו גובערנאַטאָרס, אַ באַלעבאָס פון אַ גרויסער צוקער־פאַבריק און אַ געוואַלטיקער רוסיש־ריידער, איז דערביי געווען אַ פאַרברענטער חסיד פון ניעשאַווע. עטלעכע מאָל אין יאָר האָט ער גענומען קינדער און אייניקלעך, געמאַכט אויסלענדישע פּעסער און געפאָרן צום רבין.

צו דער חתונה פון דעם רבינס יונגסטער טאָכטער האָט פלטיאל הורוויץ געבראַכט גאַנצע טויזנט רובל, אַ חוץ מתנות פאַרן חתן, אַ גרויסן זילבערנעם חנוכה־לאָמפּ און אַ טייער שטריימל. אויך די קינדער זיינע, די אייניקלעך אַפילו, האָבן געבראַכט מתנות. אָבער ער האָט אים דערציילט, פלטיאל הורוויץ, אַז אים שטייט פאָר צו קויפן ביי אַ גענעראַל אין פּאָלעסיע אַ וואַלד, וואָס קאָן ברענגען אַ פאַרמעגן. אָבער עס איז נישט עפּעס גלאַטיק מיטן קויפן, פאַראַן עפּעס אַ שטערונג מצד דער רעגירונג, און אויב אידן וועלן מסרן, און מסרן וועלן אידן אודאי, קאָן מען אַמאָל אַריינפאַלן און, חלילה, גיין אין קרימינאַל, אַפילו אױף שווערע טורמע, באַהיט זאָל מען ווערן. דעריבער האָט ער געפרעגט דעם רבין, וואָס ער הייסט אים טאָן.

דעם רבין ר׳ מלך האָט גלייך אַ שטויס געטאָן אין קאָפּ, אַז עס וואָלט גלייך געווען, ווען דער פלטיאל הורוויץ זאָל אים צונעמען פאַר אַ שותף. גראָד איצט, ווען ער האַלט ביי חתונה האָבן, ער דאַרף אַ סך געלט, צאָלן אַלץ פאַר כלהס צד אַליין, קויפן מתנות, וואָלט אים דאָס שותפות שטאַרק צונויץ געקומען, גאָר שטאַרק. פאַרשטייט זיך, אַז פלטיאל וועט פון אים, דעם רבין, קיין געלט אין געשעפט אַריין נישט פאַרלאַנגען. חלילה ! נישט איינמאָל האָבן אים שוין חסידים אַריינגעצויגן אַלס שותף אין מסחרים. אָבער דאָס מאָל איז דאָס געשעפט צו גרויס אָפּצוגעבן אַ שותפות. דאָס איז צו שטאַרק, האָט ער געטראַכט, דער ניעשאַווער. עס קאָן נאָך פלטיאל׳ן פאַרדריסן און מען קאָן אים אינגאַנצן אָנווערן, וואָס עס וואָלט געווען אַ גרויסער שאָדן, גאָר אַ גרויסער. אָבער

פון דער אנדערער זייט איז פלטיאל אנגעשראקן. דאס מסחר איז מיט א שטערונג, ס'האלט, חלילה, ביי תפיסה, און זיין, דעם רבינס צוזאג, אז אלץ וועט גיין, מיט גאטס הילף, אפן גלייכן וועג, וועט פלטיאלן שטארקן.

ער האט דעריבער גענומען פלטיאלן אפשלעפן האלטן אים וואס מער אין ניעשאווע, נישט געוואלט געזעגענען אים. דאס, האט ער געוואוסט, ברענגט חסידים אלעמאל אריין אין א צורודערונג, איבערהויפט חסידים גבירים, פארנומענע מענטשן, אזעלכע, וואס האנדלען גרויס, מיט גענעראלן און שררות, און האבן מורא פאר מסירות. דאס שרעקט זיי, ווייסט ער, דאס ווארפט זיי אראפ פון קוראזש, פון דער זיכערקייט, פילט זיי אן מיט מורא, זיי ווערן ווייכער און גייען איין אויף אלץ.

וויפל מאל פלטיאל הורוויץ האט אריינגעשיקט ישראל אביגדורן צום רבן, אז ער וויל זיך געזעגענען, האט דער רבי אים געלאזט זאגן:

— עט, וואס איילט ער זיך אזוי, פלטיאל?

פלטיאל הורוויץ האט שיר נישט געעקט פון צרות.

אף אים האבן אין דער היים געווארט געשעפטן, מענטשן. טאג־טעגלעך האט ער געקראגן טעלעגראמעס פון זיינע פארוואלטער, ער זאל שוין קומען אהיים. ער האט זיך געבעטן ביי ישראל אביגדורן, אנשטופנדיק אים אין דער האנט רייניש אומגעציילט:

— ישראל אביגדור, גיי אריין און זאג דעם רבין, אז כ'מוז אוועקפארן. גענעראלן ווארטן אף מיר. אזוי זאלסטו זאגן — גענעראלן.

נאר דער רבי האט נישט געוואלט הערן.

— עט — האט ער געזאגט — כ'וועל אים אליין רופן, ווען מען וועט דארפן...

פלטיאל הורוויצן האט שוין אפילו דער עסק אנגעהויבן צו פארדריסן.

ביי זיין גאנצער חסידות, איז ער געווען א איד א תקיף, אן אריינגייער צו גרויסע לייט. ער האט אפילו שוין נישט איינמאל געהאט געטרונקען ווייז צוזאמען מיט פריצים און אפיצירן. אפילו אמאל עפעס געגעסן אויך, און טאקע אין בלויזן קאפ, און אפילו נישט גאנץ כשר. אין פעטערבורג פלעגט ער אפילו מיטגיין אין טראקטירן, נישט אלעמאל אפגעהיט געווען אין אידישקייט, און אין די וועלדער, אין וועג, אז א יונגע גויע, א ווייב פון א וואלד־וועכטער, פלעגט צו אים זיך שמייכלען ביים אראפציען די שטיוועל פון די פיס פארן שלאפן גיין און געבעטן א העכערן לוין פארן מאן, האט ער נישט אפגעזאגט, ניין. מיט גרויס פארגעניגן האט ער זיך געלאזט קושן פאר דאנקבארקייט די האריקע גבירישע האנט און געהייסן פארלעשן דעם לאמפ...

די דאזיקע זינד, אף וועלכע ער פלעגט נישט איינמאל א שווערן זיפץ געבן, האבן אבער אויך אין זיין גלויבן אריינגעטראגן א שטיקל צומישונג, אפילו הפקרות אף א וויילע. אים האט גענומען פארדריסן אפילו אף דעם רבין זיינעם. וואס רבי איז רבי — איז אים געקומען א געדאנק אן קאפ — און געשעפט איז געשעפט. ער האט זיך געפייני־טעוועט.

— נישט איז נישט! — האט ער אפילו אין כעס א זאג געטאן ישראל אביגדורן. — וועל איך פארן אומגעזעגנט.

אבער באלד האט ער חרטה געהאט. ער האט זיך דערמאנט, אז די געשעפטן זיינען נישט אלעמאל גאנץ אין ארדנונג, אז אידן מוסרים, נישט פארגינערס, פעלן נישט. דערצו טאקע איז דער גיהנום אויך נישט קיין קלייניקייט. מען ברענט און מען בראט, טאטע געטרייער אין הימל. לערנען קאן מען נישט, א דאווענען מוז מען אויך אמאל אראפשלינגען. אין וועג קומט אלץ אויס, נישט נאר מנחה, נאר טאקע טלית־און־תפילין אויך. זינד איז אויך דא. איי, וואסערע זינד, גאט אין הימל!... און גאט געדיינקט אלץ, פארצייכנט אלץ. ער איז א נוקם ונוטר, גאט, ער רעכנט זיך אפ אפילו פאר זינד פון די עלטערן אף קינדער. מען דארף רחמים, א בעטער פאר זיך, א צדיק. גאט האט ליב זיינע צדיקים, און די ,וואס האלטן אויס זיינע צדיקים, פארגיט ער, דער אויבערשטער. אמת, זיי דארפן א סך, די צדיקים זיינע, זיי דארפן פארן אין וואַרעמבעדער זיי און זייערע ווייבער, קינדער און אייניקלעך, זיי דארפן זייד און אטלעס און סאמעט און פוטערס. זייערע ווייבער דארפן צירונג, גאלד. אויך האבן זיי קינדער א סך, די צדיקים. זיי מאכן שטענדיק שמחות, ברויכן זילבער, בריליאנטן, פערל, אבער זיי זיינען ווערט. עס איז דא אף וועמען צו פארלאזן זיך, ביי וועמען צו בעטן, ביי א קראנקהייט, חלילה, צי ביי א מסירה. ס׳איז דא אף וועמען זיך אנצושפארן. עס איז גוט זיך אנצושפארן, אפילו ווען מען איז א גביר, אן עושר. וואס איז דען דער מענטש, משטיינס געזאגט!...

און ער האט באדויערט זיינע שלעכטע געדאנקען, חרטה געהאט אויף זיינע שארפע רייד. ער האט אראפגעבויגן דעם קאפ, איבערגע־קלערט, איבערגעטראכט, אפשר איז דא עפעס אין דעם, וואס דער רבי וויל אים נישט געזעגענען. אפשר זעט ער עפעס. מעגלעך א געפאר, א מסירה, חלילה, אפשר גאר א רציחה, באהיט זאל מען ווערן. די גאנצע וועלט איז פול מיט מוסרים, גזלנים, נישט־פארגינערס. און אז נאך א גאנצער וואך איבערטראכטן און ציטערן איז ישראל אביגדור ענדלעך געקומען צו אים מיט א פייערלעך פנים און סודותדיק געזאגט:

— ר׳ פלטיאל, דער רבי לאזט אייך רופן!

איז פלטיאל הורוויץ אריין אַן אונטערטעניקער, אַ געהאָרכזאַמער, אַ גלויביקער, גרייט צו טאָן אַלץ, וואָס דער רבי וועט פון אים פאַרלאַנגען.

דער רבי האָט פלטיאלן אויפגענומען מיט שמחה.

— זיץ, פלטיאל — האָט ער אים אַנטקעגנגעשמייכלט — זיץ!

אַליין איז ער צוגעגאַנגען צום שענקל, ער האָט אַרויסגענומען לעקעך און וויין און אָנגעגאָסן פלטיאל'ן אַ פולן זילבערנעם בעכער.

— רבי — האָט זיך פלטיאל געוועדט — דער רבי אַליין איז זיך מטריח?

נאָר דער רבי האָט אים נישט געהערט און אַזוי ברייט אָנגעגאָסן, אַז ר'האָט אַ סך איבערגעגאָסן איבערן טיש. פלטיאל האָט אין דעם געזען אַ גוטן סימן, אַ סימן פון מזל, גוטס, אַ סך געלט.

דערנאָך האָט דער רבי אים דערלאַנגט די האַנט. ער האָט געהאַלטן דעם גבירס האַריקע, פעטע האַנט אין זיין ווייך גוט־אידישער האַנט און געזאָגט האַסטיק:

— מילא, כ'זע דאָך, פלטיאל, אַז דו ביסט דערשראָקן, איז כדי זאָלסט נישט מורא האָבן, וועלן מיר אים נעמען שותפות דעם וואַלד. כ'זע דאָך, אַז ס'איז מן־השמים...

פלטיאל האָט אַפילו קיין וואָרט נישט גערעדט אַנדערש.

— זאָל זיין מיט גליק — האָט ער געוואונטשן, געשאָקלט דעם רבינס האַנט און געטרונקען דעם שלעכטן וויין, וואָס דער גבאי ישראל־אביגדור מאַכט אַליין און פאַרקויפט אים ביים טיש פאַר אונגער־וויין.

נאָך פלטיאלס געזעגענען, האָט דער רבי ר' מלך מיט גרויס חשק פאַררויכערט אַן האַוואַנאַ־ציגאַר, וואָס דער גביר האָט אים איבערגעלאָזט, און געלאָזט געדיכטע קנוילן רויך. ער האָט מיט הנאה אָנגעריבן עטלעכע מאָל די הענט און געברומט:

— געלויבט זיין ליבער נאָמען.

דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט צום טיש, אַליין אויסגעטרונקען אַ בעכער וויין און פאַרביסן מיט לעקעך. דאָס האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַגעהויבענער שטימונג, דערמאָנט אים אין שמחות, דערמאָנט אים אין זער גיכער חתונה זיינער מיט דער בתולה דער יתומה.

ער האָט פאַרצויגן דעם שטערן, וועלנדיק זי זען, כאָטש ער האָט זי נישט געקענט. ער האָט דעריבער אַרויסגערופן אין זכרון זיינעם דאָס צעשוואָומענע בילד פון זיין דריט פאַרשטאָרבן ווייב.

דערנאָך האָט ער האַסטיק גענומען טינט און פעדער און, כאָטש ער האָט נאָר וואָס געהאַט אַוועקגעשיקט אַ בריוו צום מיידלס פעטער, האָט ער שוין נאָכגעשריבן אַ צווייטן, אַז אויב אַפילו ער, דער פעטער אירער,

דארף פארן אין וועג, זאמלען געלט, זאל ער עס אפלייגן אף אן אנדערש מאל און שוין קומען קיין ניעשאווע. דעם שאדן וועט ער אים באצאלן, מיט גאטס הילף, דאפלט, כפל־כפלים.

איצט מעג ער עס זיך פארגינען — האט ער געטראכט, געדענ־קענדיק אין שותפותדיקן וואלד. עס וועט, מיט דעם אויבערשטנס הילף, זיין גוט — האט ער געהאט בטחון — און אידן וועלן נישט מסרן. חלילה! אידען זיינען, ברוך השם, אידן.

פינפט קאפיטל

נחום'טשע איז אין ניעשאווער הויף אף קעסט געווען איינזאם, עלנד.

קיין טענות האט מען צו אים מער נישט געקאנט האבן, ניין. נאך די ערשטע טעג קינדערישער דערשראקנקייט, האט ער זיך פלוצלונג ארויסגעוויזן פאר א מאן.

די טאג־טעגלעכע שמחות פון די חתונה־טעג ביז איבער די שבע־ברכות, די צוויי ציינלאזע זקנים מיט זייער דזשאמדזשן אים סודות אין די אויערן, דאס זינגעניש פון די חסידים, די זיפצנדיקע אומפארשעמטע בליקן פון די מחותנת'טעס, די בייזע גראבע ברומערייען פון שווער, דאס גאנצע דערוואַרטעניש פון אלע זייטן — האט דעם עמפפינדלעכן פערצן יעריקן יונגערמאנטשיקל דערדריקט, געלייגט זיך שווער אף אים, ווי אן אונגעהויערער בּאלאסט, געפייניקט זיין געמיט און אים אזוי צערייצט, אז בלייבנדיק פלוצלונג ארייגעשטויסן צו סערעלען אין צימער, הינטער א האסטיק־פארהאקטער טיר, האט ער נישט געזען סערעלען זיין יונגווייבל אין קלארן שימערירנדיקן בעטגעוואנט, נאר א ווייסן נאכט־טשיפיק, רויט בלענדענדע בענדער און א פאר פארפלאמטע באקן, וואס האבן אים אנגעפילט מיט שרעק, מורא, פרעמדקייט, בושה און הילפלאזיקייט. א חוץ צער האט ער גארנישט געפילט אין די שלאפלאזע נעכט.

סערעלע האט אף נחום'טשען געווארט, באגערט. אבער אין איר ווארטן, באגערן, איז נאט געווען גארנישט קיין מורא'דיגס, אונערווארטעטעס, סודות'דיקס, ציטערדיקס, וואס ציט אזוי צו, איבערהויפט עמפפינדלעכע אינגלעך אין דער ערשטער אויפוואכנדער רייפקייט. עס איז בלויז געווען דאס שטומע ווארטן פון א זי, דאס גערודיקע ווארטן פון א באשעפעניש אין זיין רייפקייט, דער קאלטער דראנג פון א פיש, וואס יאגט אין די וואסערן, כדי אויסצושפייען די רויגן.

א געזונטע, א פרי־רייפע, ווי מערסטנס אידישע מיידלעך, א גרייטע מוטער שוין, פארטיק צו פרוכפערונג און צו ברייגגען דורות, א צוגעגרייטע דורך די שוועסטער אירע און דורך די ווייבערישע דינים, האט

זי מיט שטארקן באגער אפגעוואָרט איר באשערטן אז יעדן ווידערשטאנד, אז יעדער קאפּריז אפילו. זי האט נישט פאַרמאגט גאַרנישט אזוינס ווי אזוי צו דערנענטערן צו זיך יעם באשערטן אירן, קיין שום ליב וואָרט, קיין ווייבערישן בליק, קיין באוועגונג אפילו, וואס זאל צוציען, לאָקן, צערטלען, פארשפּרעכן. זי האט בלויז געוואַרט, אונטערטעניק, שווייגענדיק, שווער, אונטער דעם פולן פּאַק בעטגעוואנט, ביז זי איז איינגעשלאפן און גערעדט דערנאך פון שלאף אומגעלומפּערטע שווערע, אומפארשטענדלעכע רייד, וואס האבן דערמאָנט אינגאנצן אין די ווערטער פון איהר טאטן, דאס האט דעם וואכן נחום׳טשע נאָך מער דערווייטערט.

ערשט שפּעטער, פלוצלונג, ווען אלע אין הויף האבן שוין געהאט אנגעוואוירן די האָפנונג צו דערלעבן פון אים נחת און דער רבי האט זיך שוין גענומען גרייטן ריידן וועגן א גט, ערשט דעמאָלט, ווען קיינער האט זיך אף אים מער ניט אומגעקוקט, נישט געפירט אים, נישט אונטערגעזאגט אים, נישט געשטאנען אף דער וואך הינטער דער טיר, נישט פארהאקט די טיר הינטער אים, נישט געקוקט אים אין די אויגן — איז מיטאמאל געווארן רייף ביי אים עפּעס, האט אין אים אויפגעוואכט א שטארק געפיל, וואס האט אים אנגענומען מיט אזא אונערווארטעטער קראפט, מיט אזא לעכצנד זיסער שטארקייט, אז ר׳האט אליין דערפילט דעם פּראַצעס פון וואקסן, געפילט ווי די ברוסט זיינע וואקסט זיך פאנאנדער, די אָרעמס פילן זיך אן מיט קראפט, די אדערן אין די פּיס ציען זיך אן און די בלוטן ארבעטן הייסער, שנעלער.

אויך די אויגן זיינע האבן אנגעהויבן אנדערש זען. אנשטאט זייער פריערדיקער פארנעפּלטקייט, ווען זיי האבן בלויז געזען דעם שפּיק ווייסן טשיפיק און די רויטע בענדער, זענען זיי איצט געווען קלאר, ריין ווי א שויב, וואס מען ווישט אויס פון פארלאָפנקייט, און דערזען האבן זיי צום ערשטן מאל א פרוי, נישט קיין אויסגעפּאנטאזירטע ביי די גמרות, נישט קיין פארנעפּלטע, דורכזיכטיקע ביי די קבלה־ספרים, נאר א פרוי פון בלוט און פלייש, פון לייב, וואס שניידט זיך ארויס פון קלאר שימערדיק בעטגעוואנט.

דער פלוצלונגדיקער ערוואכנדיקער באגער צו באהערשן, באזיצן, איז ביי אים געווען אזוי שטארק, אז ער איז אין זיין ערשטן געבּאט געווען זיכער, גארנישט ווי קיין שעמעוודיק אינגל. נאר ווי א געניטער רייפער מאן. זי האט איהם גלייך ליב געקראגן, סערע׳ע, שטארק ליב, ווי א מאן און א קינד צוזאמען. זי איז צוגעבונדן געווארן צו אים מיט דער גאנצער ליבע פון א שטארקער פרוי, וואס זוכט אין איידעלן צארטן מאן נישט אזוי פיל דעם מאנספּיל, ווי דאס קינד, דאס קינד צו צערטלען

און צו אַפּפּערן זיך דערפֿאַר.

סערעלעס עלטערע שוועסטער האָבן געגלאַנצט מיט שמאַלציקע אויגן, הערנדיק די פּרימאָרגן־באַריכטן פֿון סערעלען בײַם אָנטאָן זיך, אַזוי אַז זיי האָבן שוין אַפֿילו אָנגעהויבן צופֿיל מורא האָבן פֿאַר דעם דאָזיגן אומפֿאַרשטענדלעכן נחום'טשע, מורא געהאַט אים אָנטרויען אידישקייט. טרויען די שוועסטער, און אַפּגעמאַכט צו היטן זי, שלאָפֿן מיט איר צוזאַמען, ביז ווי לאַנג עס וועט אויסקומען נאָכן דין.

— געדיינק, סערעלע — האָבן זיי איר געוואָרנט — זיי אַ כשר'ע אידישע מאָכטער. וואָרום איבער דריי זאַכן גייען יונגע ווײַבער פּרי פֿון דער וועלט בײַ דער קינפּעט — צוליב ניט נעמען חלה, צוליב נישט צינדן ליכט און צוליב נישט אַפּהיטן טהרה. סערעלע, אַ מאַן דאַרף מען ליב האָבן, אָבער די הייליגע תורה דאַרף מען נאָך ליבער האָבן. זאָלסט זיך האַלטן פֿון דער ווייטנס, נישט לאָזן אָנרירן זיך...

סערעלע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, כאָטש זי האָט געוואוסט בײַ זיך, אַז זי וואָלט פֿאַר קיין פֿאַל נישט אומשטאַנד געווען אַפֿילו איין איינציק וואָרט זאָגן איר נחום'טשען אַנטקעגן. מיט דער גאַנצער אונטערטעניקייט פֿון פּראָסטע פּשוטע ווײַבער האָט זי שוין געקוקט אַף נחום'טשען, אַף דעם לייכטן, געשניצטן, שוואַרץ־אויגן מאַן, אין וועלכן זי האָט געזען אַ סך, אַ סך העכערס פֿון זיך. ניין, זי וואָלט נישט אומשטאַנד געווען אָוועקצונעמען די האַנט, ווען ער, נחום'טשע, זאָל נאָר וועלן זי בײַ דער האַנט נעמען.

אָבער אַלע אָנזאָגענישן זײַנען געווען איבעריק. נחום'טשע האָט אַפֿילו נישט פּרובירט ווען עס איז צוצוגיין צו איר נענטער, ווען עס איז אויסגעקומען צו זיין אַליין בײַ זיך אין שטוב. אַפֿילו בײַם עסן האָט ער געשוויגן. יעדעס מאָל, ווען זי האָט אים צוגעלייגט נאָר אַ הינעריש פּליגעלע פֿון איר טעלער אין זײַנעם, האָט ער עס איר צוריקגעגעבן שווײַגנדיק, אַפֿילו נישט קוקענדיק אויף איר.

ער האָט זי נישט ליב געהאַט, נחום'טשע, פֿון דער ערשטער מינוט אָן. זי איז אים געווען דערווידער מיט איר שווערקייט, מיט אירע פּראָסטע ווײַבערישע רייד, מיט איר שווער אָטעמען, מיט איר אָפט ריידן אין שלאָף, מיט אירע תחינות, וואָס זי האָט שוין, ווי אַן עלטערע אידענע, געזאָגט אָפט און מיט אַ ניגון, און מיט איר גאַנץ שווער, אָנגעבלאָזן רויט־באַקיק טעמפּ פּנים, וואָס איז נאָך מגושמער געוואָרן אין דעם הויכן אַטלעסענעם טשיפּיק מיט דער וואָלד קאַרשן, בלימעלעך און ציטער־נאָדלען, וואָס האָבן געפֿלאַטערט בײַ יעדער באַוועגונג אירער און זיך אַראָפּגעלאָזט אַפֿן געגאַלטן קאָפּ.

ער האָט זיך איבערהויפּט געפֿילט פֿרעמד, עלנד און איינזאַם אין ניע־

שאַווע, פול מיט בײנקשאַפט נאָך דער הײם אין ראַכמאַניווקע.

די הײם איז אים כסדר געשטאַנען פאַר די אויגן, אַף קײן רגע אים פון זינען נישט אַרויס. ער האָט געזען פאַר זיך דעם ראַכמאַניווקער גרויסן אויסגעקאַלכטן הויף מיט דעם פלומפ אין סאַמע מיט, אַ גרינער ברונים, וואָס פון זײן לײביש געשניצטן קאָפ, פון ברײט־געעפנטן מויל, רינט שטענדיק קלאָר קאַלט וואַסער און פאַלט מיט אַ ראַשיקער שמחה אַף די קלאָרע װײסע שטײנער, אויסגעוואַשענע און אויסגעריבענע פון שטענדיקן וואַסער־פליסן. די שטובן זײנען הויכע בײ זײ אין דער הײם, ברײטע און שטאַרק ליכטיקע. די פענסטער קלאָרע, לויטערע, פאַרהאַנגען מיט שנײ־װײסע לויטערע פאַרהײנגלאַך. איצט זײנען זײ מסתמא האַלב געעפנט און דער לײכטער ווינט שפילט זיך מיט זײ. נאָך סוכות וועט דער הויף־משרת, נפתלי, אָנשיטן געל זאַמד צווישן די דאָפּלטע פענסטער און די דינסט, מאַריאַשקע, וועט אויסשנײדן פון רויט פאַפיר הויכע שקאָרמיצלעך און פאַרשטעקן זײ אין געלן זאַמד. זי וועט אויך אָנוואַרפן שטיקלעך װײסע וואַטע, ווי שנײ־פליטערלעך.

בײם פאָטער אין שטוב זײנען די ווענט אויסגעקלעפּט מיט טאַפּעטן און גילדערנע בלעטער. אין שטוב שמעקט מיט שטאַרקער שמעקעדיקער טײ, וואָס דער פאָטער טרינקט אַ סך פון אַ רויט־געמאָלט גלאָז. ער רויכערט דינע פאַפּיראָסלעך, שמעקעדיקע, וואָס לאָזן זײער דינע, געדרײטע בלויע קנוילעכלעך רויך. די צוריבענע נעגעלעך און בשמים רײסן זיך דורך די עטלעכערלײ זילבערנע בשמים־ביקסן, קריכן דורך דער באַגלאַזטער טיר פון דעם רויט־מאַהאָגיענעם שויבן־שענקל. ער זינגט מסתמא אַ לידעלע, דער פאָטער, אַ זײער שטיל זמר'ל, אַ האַרץ־נאָגנדעס. יעדעס מאָל, ווען ער זעט אים נחום'טשען, שמײכלט ער אים אַנטקעגן. נישט ווי אַ פאָטער, נאָר ווי אַ חבר.

— נו, וואָס, נחום'טשע? — פרעגט ער גלאַט אַזוי זיך. — לערנסט.

אַף דעם ערשטן שטאָק איז דער מוטער'ס וואוינונג. די שטובן זײנען ברײטע, נאָר טונקעלע, די פענסטער זײנען פאַרהאַנגען מיט שווערע גאַרדינען און פליושענע פאָרטיערן. אַ גלאַנציקער בײכיקער סאַמאָוואַר אַף אַ גרויסער טאַץ זידט געמיטלעך. פון די טירן אַף די קלײדער־שענק קוקן אַרויס גרויסע לײבן־קעפּ מיט קײלעכדיקע רינגען אין די מײלער. זײ זײנען נישט בײזע, די לײבן־קעפּ, כאָטש זײ האָבן געדיכטע געשניצטע גריוועס און קײטן צווישן די צײן. זײ זײנען הײמישע לײבן, שטוביקע, געמיטלעכע, פון אַלע זײטן שימערירט זילבער, לײכטער און קאַנדעליאַברעס, זילבערנע בעכערס, בעכערלעך, טעצעלעך, קוישעלעך, קרוגן, פאַרביק גלאָזוואַרג, קריסטאַלן.

די מאַמע, אין אַ ברוין טיכל אַפן קאָפּ, אַרומגענומען ביז צו די ברע־

מען, איז אפילו אפטמאל נישט ביים געזונט. זי ליידט אף קאפ־ווייטאק. אבער איר ווייטיק איז א שטילער, א היימישער, א צוגעוואוינטער. זי זיצט שטענדיק כמעט אף דער אטאמאנע, מיט די פיס באהאלטן אין זיידענעם קלייד. בלויז דינע, זייער דינע שפיצלעך פון די קליינע אטלעס־שווארצע שיכלעך קוקן ארויס. ס'רוב לייענט זי.

אין שטוב איז כמעט תמיד דא עפעס א ווייטע קרובה, א גרויסאר־טיקע קרובה, עפעס א רבישע טאכטער א גרושה, וואס האט נישט גע־קענט אויסקומען מיט איר מיוחס'דיקן מאן, טאקע צוליב איר גרויסאר־טיקייט, און געקומען דערפאר קיין ראכמאניווקע, אין דעם הויף, וואו מען קען אלץ פארטראגן, מוחל זיין און מען מישט זיך נישט צו קיינעם.

אפגעשלאסן איז מען אין הויף, אפגעזונדערט פון ארומיקן שטע־טל, ווי אין עפעס א פריצישן שלאס. דער ערשטער שטאק, די רביצנס וואוינונג, געהער זיך גארנישט אן מיטן אונטערשטן, מיטן רבי'נס שטובן און מיט די חסידים. אפילו מאטיע גדול באווייזט זיך דא נישט. בלויז נאר אמאל, ווען עפעס נאר א רייכער, קורץ־געקליידעטער גרויס־שטא־טישער חסיד קומט אראפ פון פעטערבורג אדער פון מאסקווע, גייט ער ארויף מיט א וויזיט צו דער רבי'צן. די רבי'צן איז מכבד מיט גוטן וויין, מיט זיסקייטן און, צוזאמען מיט דער פרעמדער קרובה אירער, זיצט זי ביים טיש. זיי קוקן מיט נייגעריקע אויגן אפן פרעמדן גרויס־שטא־טישן מאן און הערן נייס פון דער גרויסער וועלט.

— וואס־זשע — פרעגט די קרובה ביים פרעמדן — פעטערבורג שטייט טאקע נאך אלץ אפן אייגענעם ארט? הא?...

ער, נחום'טשע, איז שוין א דערוואקסענער. ר' פתחיה זווילער לערנט שוין מיט אים שווערע גמרות, וועגן חתונות און גט"ן. מען רעדט אים שוין שידוכים, אים ציט שוין אפילו צו קבלה. אבער די מאמע זיינע כאפט אים נאך צו זיך אפן שויס, גלעט אים דעם קאפ און זינגט אים א וויג־לידעלע, א מאדנע לידעלע, ער געדיינקט עס גאנץ גוט, די ווערטער און די מעלאדיע.

דער פויגל איז געפלויגן א טאג מיט א נאכט,
א טאג מיט א נאכט,
געטראפן ביי דער מלכה די לאדן פארמאכט.
שטיי שוין אויף, גילדענע צורה,
כ'האב דיר געבראכט פון מלך א בשורה...

ער רייסט זיך פון דער מאמע'ס הענט. עס פאסט אים נישט. נאר די מוטער וויל אים נישט ארויסלאזן.

— נחום'טשע — זאגט זי צערטלעך — קינד מיינס, זיי נישט מצער די מאמען, לאמיך דיר זינגען אזוי. ביסט מקיים כיבוד־אם.

ער שעמט זיך, אָבער עס איז אים גוט, ווייך און וואַרעם, און אַפּטמאָל כאַפּט אים גאָר די קרובה, די גרושה, צו זיך און קושט אים אויס מיט גיריקייט די אויגן זייגע. וואָס מער ער רייסט זיך פון איר, אַלץ האַסטיקער נעמט זי אים אַרום, קושט אים ווילד און לאַכט.

— חמור־אייזל — זאָגט זי — וואו האָסטו גענומען אַזעלכע וואונדערלעכע אויגן, נחום'ניו־, פרינץ שיינער?...

וויפיל ער זאָל זיך נישט באַמיען, נחום'טשע, צו פאַרגעסן אין דער היים, אין הויף, אין די שטובן, קאָן עס אים פון זינען נישט אַרויס. ער פּרובירט זיך פאַרטיפן אין די ספרים, פאַרמאַכן די אויגן. אָבער וואָס מער ער שליסט די אויגן, אַלץ שאַרפער שטייט פאַר אים די היים, יעדע שטוב יעדער ווינקעלע, און אַלץ דאָ, אין ניעשאַווע, איז אים פרעמד, דערווידער, אָפּשטויסנד, עקעלדיק אַפילו.

ער פאַרטראָגט נישט דעם גרויסן, שווערן הויף, מיט די אומגעלומפּערטע געבייידעס, וואָס קוקן מיט אָפּגעריסענע ווענט און מיט לאַטעס אַרום זיך. ער ליידט נישט דעם ברונים מיט דער פאַרראָסטעטער קייט, וואָס האַלט אין איין סקריפּען ביים אַרויפציען וואַסער. עס דערקוטשען אים די קופּעס מיסט, וואָס ליגן כמעט ביים בית־המדרש און זייגען שטענדיק באַזעצט מיט קעץ, הינט, חזירים און קראָען. אים איבלט דער ריח פון מקוה און באָד־בעזעמלעך, וואָס דרינגט אַריין אומעטום, דורך טיר און פענסטער. עס רעגן אים אויף די צוקאָלטענטע „יושבים“ און חסידים מיט די צוריסענע טיזליקעס, פאַרפעצטע קאַפּעלאַטשען און פאַרקאָלטענטע בערד, די אידן, וואָס די בלאָטע ליגט זיי ביז די קעלנער פון די זשופּיצעס און וואָס אַזעלכע האָט מען נאָך קיינמאָל אין ראַכמאַניווקע נישט געזען. רק זיי שטייען מיט די צושפּרייטע פּאָלעס ביי די מויערן פון הויף, אונטער אַלע פענסטער, טירן, און טוען אָפּ אַ מענשלעך געברויך.

אים איז דערווידער דאָס גרויסע פּאָס, וואָס שטייט אין מיטן הויף, אָפּ צו וואַשן די הענט — נאָר קיין וואַסער איז דערין קיינמאָל נישטאָ; בלויז אָפּן דנאָ שווימט אַרום אַ ביסל אַלט, געדיכט און עיפּוש'דיק פייכטקייט, צו וועלכן די אידן בויגן זיך איינגאַנצן אַריין, אָבי אָפּצונעצן די הענט און אַביסל דערפון אַריינצוגיסן אין די הויזן, כדי צו מעגן דאַווענען מיט אַ רואיק געוויסן... אים איז שווער איבערצוטראָגן דאָס גרויסע בית־המדרש, וואָס איז נאַקעט, אָן יעדער באַפּוצונג. בלויז לאַנגע, שווערע הילצערנע טישן און ביינק שטייען אין די זייטן, און צוריסענע ספרים, צופליקטע, זאַק־געבונדענע, אָפּגעשיילטע, וואַלגערן זיך אָדער ליגן פאַנאַנדערגעוואָרפן, אָן אַ סדר, אין די שווערע פאַכן ביי די ווענט. ער קאָן נישט סובל זיין דעם גרויסן אומגעלומפּערטן אויוון, הינטער וועלכן עס רייסט די נאָז מיט הקדש, מיט שמאַטעס, מיט ברודיקע שווייסיקע

קערפערס פון קבצנים און וואנדערער, וועלכע האלטן זיך דארט אויף, שלאפן, רויבערן, ציילן נדבות און עיפוש'ן. פרעמד זיינען אים די דאווענדיקע אידן, מיט זייער שפרינגען, טאנצן, מאכן קולות, שלינגען ווערטער,ווארפן זיך און מיט זייער משונה'דיקן זינגען. מיאוס זיינען אים די סעודות אין בית־המדרש, די שווערע טישן, ברודיקע טישטעכער, איבער וועלכע ישראל־אביגדור קריכט ארום מיט די פארפלאטיקטע שטיוול, נעמט אין די פארטאבעקטע הענט פיש און פלייש פון רבינ'ס האנט ארויס און טיילט עס צו די חסידים. וויפל מאל דער רבי אליין דערלאנגט אים, נחום'טשען, א שטיקל פיש מיט די הענט, בלייבט עס אים שטעקן אין האלז פון עקל. ער קען נישט ליידן דעם קלעפיקן וויין, וואס ישראל־אביגדור מאכט אליין, רופט אים אונגער־וויין און טיילט אים ביים טיש. ער שרעקט זיך פאר די אלע רבי'שע קינדער, אייניקלעך און משפחה, אידן און יונגעלייט, פליישיקע, האריקע, מגושמ'דיקע און שלעכטע, וואס קוקן אף אים מיט בייזע, שלעכטע אויגן.

ער קאן נישט פארטראגן די שטובן זיינע, וואס זיינען באשטעלט מיט שווערע שאפעס, הארטע לעדערנע שטולן און ריזיקע בעטן, מיט א סך, א סך בעטגעוואנט. עפעס שטענדיק פליען דא די פעדערן, אלץ איז פארבעדערט. ער קאן נישט ליידן דאס עסן, דאס אויסגעווייקטע פלייש, די שלעכט־אפגעזונקטע הינערישע פליגעלעך, די שלעכט אפגעקראצטע ווארעמע קעלבערנע פיסלעך, די געפאלדעוועטע גריישלעך, וואס זענען קלעפיק, נישט געשמאק און געדיכט. ער קען נישט טרינקען די טיי, וואס מען גיט דא אין גראבע גלעזער, אפטמאל נישט איבעריק ריינע, און וואס דערמאנען מיט זייער ריח אין דער מקוה און אין די באד־בעזעמלעך. ביי קיין פאל איז זיך פון דעם ריח נישט צו באפרייען. און אים איז אויך פרעמד און דערווידער דאס אייגענע ווייב, די צעוואקסענע סערל, וואס שטענדיק ליגט איר דער לויזער טשיפיק איבער די אויערן, די קליידער שווימען אף איר און די שיך אירע, די שווערע, אומגעלומפערטע, קלאפן איבער דער זעלטן־געוואשענער פאדלאגע.

זי פלאמט מיט די באקן יעדעם מאל, וואס ער קומט אריין. זי פארעט זיך, שטייענדיק אף אן ארט, און ווייזט ארויס א סך אונטערטעניקייט. אבער אויסריידן א ווארט קען זי נישט. די איינציקע צערטליכקייט וואס זי ווייזט אים, איז דאס, וואס ביים עסן נעמט זי ארויס מיט די הענט א פליגעלע פון איר טעלער און ווארפט עס אריבער צו זיינעם.

און ער ווארפט איר צוריק מיט ווידערווילן דאס שלעכט־אפגעזונקטע פליגעלע, און א ביינקשאפט, אן אומגעהויערע ביינקשאפט נעמט אים ארום, ווי מיט רייפן. ער בענקט נאך טאטע ־ מאמע, נאך דער פרעמדער קרובה, נאך די ליכטיקע שטובן, נאך דעם ברונים אין הויף מיט דעם

גרינעם לייבישן קאָפּ, וואָס גיסט וואַסער אַף אויסגעריבענע שטיינער, נאָך דעם בלאַנקענדן זילבער, נאָך די בלויע קנויל״עכלעך רויך פון פּאַ־טער׳ס דינע פּאַפּיראָסלעך, נאָך דעם געשמאַקן גערוך פון שטאַרקער רוי־טער טיי און נאָך די פּאַר׳שיכור״נדע ריחות פון נעגעלעך און בשמים, וואָס טראָגן זיך פון די זילבערנע בשמים־ביקסלעך איבער אַלע שטובן.

די ריחות קיצלען אים אַזש אין דער דינער געשניצטער נאָז.

זעקסט קאַפּיטל

די חתונה פון רבי ר׳ מלך פון ניעשאַווע מיט דער יתומה מלכה׳לע איז געפּראַוועט געוואָרן מיט גרויס פייערליכקייט באַלד נאָך שבת־נחמו.

גלייך נאָך תשעה־באב איז דער רבי מיט טויזנטער חסידים אַרויסגע־פאָרן קיין קיטעווע, אַ שטעטעלע אין די קאַרפּאַטן־בערג, וואו די חתונה האָט געדאַרפט פאָרקומען. מלכה׳לע, די כלה, האָט נישט געוואָלט, דער חתן זאָל קומען צו איר קיין פּרעמיסלע אף דער חתונה .דער פעטער אירער האָט איר אויסגעמאָלט דעם כבוד, וואָס זי וועט האָבן מיט דעם אָנקומען פון דעם ניעשאַווער מיט אַ סך רבנים, חסידים און גבירים. אָבער זי האָט נישט געוואָלט הערן דערפון. זי האָט זיך געשעמט פאַר אירע חבר׳־טעס מיט דעם אַלטן חתן אירן און זי האָט געסטראַשעט צו אַנטלויפן אין טאָג פון דער חופּה, אויב מען וועט נישט מאַכן די חתונה ערגעץ אַנדערש.

איר פעטער, דער שטאַמלער, האָט שטאַרק געציטערט. פון איין זייט האָט ער מורא געהאַט פאַרן ניעשאַווער׳ס צאָרן: פון דער צווייטער זייט האָט ער נאָך מער מורא געהאַט פאַר דעם כלה־מיידל. ער האָט גוט גע־קענט מלכה׳לע מזיק, געוואוסט וואָס פאַר אַ מרשעת און הפקר־מויד זי איז. נישט איינמאָל איז זי שוין געהאַט אַנטלאָפן פון שטוב. קוים מען האָט זי צוריקגעבריינגט. ער האָט דעריבער אין זייער אײדעלע ווערטער און אַנ־צוהערענישן פּרובירט אויפקלערן דעם ניעשאַווער די זאַך. דאָס האָט זיין שטאַמלען נאָך מער פאַרשטאַרקט, אַזוי, אַז אַ שוויים האָט אים אַזש באַנאָסן. אָבער דער ניעשאַווער האָט זיך גאָרנישט געבייזערט.

— מילא — האָט ער געזאָגט — אַ קינד נאָך, מען דאַרף איר צוליב טאָן.

און ער האָט אויסגעקליבן פאַר זיין חתונה קיטעווע, אַ שטעטל אַ זיי־טיקס, וואָס ליגט אין דער מיט וועג, איינגעפּאַסט צווישן הויכע בערג, אַ שטעטעלע, וואו אידן זיינען פּראָסטע אָבער גלויביקע. דערצו נאָך איז דאָס שטעטעלע אַ הייליקס. אף די אַרומיקע בערג האָט אַמאָל דער בעל־

שם געגראָבן לײם און געפֿירט מיט אַ פֿערד און װעגעלע צו פֿאַרקױפֿן. אױך אין טײַכל, װאָס שנײַדט דורך דאָס שטעטל, האָט זיך דער בעל־שם געבאָדן. אַ פֿלאַכס איז עס, דאָס טײַכל, אַ קלאָרס, אָבער זײער אַ רױשיקס, אַ פּלאַפּלדיקס, װאָס לױפֿט מיט אַ סך שױם און זילבער איבער די שפּיציקע שטײנער, װעלכע באַגלײטן עס פֿון בײדע ברעגן. אױף אײן אָרט איז דאָס פֿלאַכע טײַכל טיף, דערגרײכט אַ מענטש ביז איבערן האַלז. אױף דעם דאָזיקן אָרט האָט דער בעל־שם געװאַשן דעם צוגעקלעפּטן לײם פֿון זײַן קערפּער. קראַנקע װײַבער, עקרות, קומען דאָ זיך באָדן און געהאָלפֿן װערן. און אױך דער רבי ר׳ מלך האָט געװאָלט זיך דאָ טובל׳ען פֿאַרן פֿערטן מאָל חתונה האָבן. ער פֿילט זיך נאָך אַפֿילו בײַ די כּחות, דאַנקען גאָט אין הימל, אודאי, אָבער עס מאַכט נישט אױס צו באָדן זיך אין אַזאַ הײליקן קװאַל, דערצו נאָך, װען מען װיל ברײנגען אַ בן־זכר אױף דער װעלט.

די חתונה איז געפּראַװעט געװאָרן גרױס. אַ הױז טױזנטער חסידים זײַנען אַ סך בערג־לײַט אָנגעקומען „גאַזדעס״ פֿון די אַרומיקע בערג. באַ־פּעדערטע שקאַצים, ברײט־אַרבלדיקע שיקסעס, מיט פּאַטשערקעס באַ־האַנגען, זײַנען מיט הײ־װעגעלעך אָנגעפֿאָרן. געטאַנצט אין אידישע שײַנ־קען און געשאָסן אױף „װיװאַט״. הינקענדיקע פּאַסטוכער מיט זײערע סטאַ־דעס שאָף האָבן זיך פֿאַרהאַלטן. אױסגעדאַרטע לאַנג־װאָנסנדיקע פּױערן מיט געלאַטעטע קניען האָבן פֿערד אָפּגעריסן פֿון דער פֿעלד־אַרבעט, אױס־געבעט די װאָגנס מיט שטרױ און געפֿירט חסידים. צוליב די גוטע פֿאַר־דינסטן, האָבן זײ טרוקענע צװײַגן אָנגעלײגט און פֿײַערן לכּבוד דער חתונה געצונדן. צוזאַמען מיט עטלעכע קאַפּעליעס אידישע קלעזמער און בדחנים, איז אױך אַ גױ׳שע קאַפּעליע געקומען, אַ קאַפּעליע פֿון פֿידעלן, פּאַסטוך־פֿלײטן און אַ קאָבזאַ, אַן אָנגעבלאָזענע ציגן־פֿעל, אױף װעלכער אַן אַלטער און אױסגעטרוקנטער באָרװעסער זקן אין אַ שעפּסן־פֿעל האָט געשפּילט.

צומאָרגנס נאָך דער חתונה איז צוריק קײן ניעשאַװע אַ קאַראַװאַן מיט פֿורן אַהײמגעפֿאָרן. בלױז אױף אַהײמצופֿירן מתּנות און דרשה־געשאַנק האָט מען עטלעכע פּױערישע װעגעלעך געדאַרפֿט דינגען. נאָך זײ איז דער רבי מיט זײַנע נאָענטע אין אַ קאַרעטע געפֿאָרן. בריטשקעס מיט נגידים, שטרױ־װעגעלעך מיט באַלעבאַטישע חסידים און פֿוס־גײער אָרימעלײַט האָבן זיך לאַנג געצױגן איבער די באַרגיקע שטױביקע װעגן און שליאַכן. פֿון הינטן איז דאָס יונגע װײַבל מיט אַ סך װײַבער, מחותּנת׳טעס, דינסטן און משרתים געפֿאָרן. חסידים האָבן געזונגען.

אָבער דאָס איז איז נישט געװען אומשטאַנד צו דערפֿרײען דאָס האַרץ פֿון עטלעכע־און־זעכציק־יעריקן חתן, דעם רבי ר׳ מלך.

אַ טרױעריקער, נישט אַזױ װי ער זאָל צוריקפֿאָרן פֿון אַן אײגענער

חתונה, נאָר ווי פֿון אַ לויה נאָך אַן אייגענעם, איז דער רבי געזעסן אויף דער אויסגעבעטער קאַרעטע, אַרומגערינגלט מיט די משמשים. די געזאַנגען פֿון די חסידים האָבן אים געררייצט, אויפֿגערעגט.

ער האָט געהאַט צוליב וואָס טרויעריק צו זיין, דער רבי ר׳ מלך. שוין אין טאָג פֿון דער חופּה האָט מלכה׳לע, די כּלה, באַוויזן גאָרנישט קיין שיינע זאַכן.

דער מנהג איז געווען אין ניעשאַווע אָפּצוגאָלן דער כּלה די האָר נישט צומאָרגנס נאָך דער חופּה, נאָר אין טאָג פֿון דער חופּה. דאָס איז געווען הייליק, און קיינער פֿון ניעשאַווער הויף האָט נישט געוואַגט זיך קעגן דעם קעגנצושטעלן. אויך צו מלכה׳לען זיינען אין חופּה־טאָג געקומען צוויי ווייבער מיט דער טוקערן פֿון שטעטל, כּדי דורכצופֿירן מיט גרויס פּאַראַד די אָפּגאָלונג. אָבער מלכה׳לע האָט זיך איינגעקלאַמערט מיט ביידע הענט אין אירע געדיכטע שוואַרצע האָר און נישט געלאָזט צו זיך צוגיין.

— נישקשה, זי וועט בעסער ווערן — האָט די טוקערן, אַ בייזע אידענע מיט אַ שפּיציקן שלעכטן קין און מיט איין גרויסן צאָן אין לינקן מויל, געזאָגט — אַלע זיינען זיי אַזוי, אָבער עס העלפֿט זיי נישט...

דערביי האָט זי אַ בליץ געטאָן מיט איר גאָל־מעסער:

— עך זאָל שוין האָבן אַזוי פֿיל רייניש, טאַטע געטרייער אין הימל, וויפֿל שיינע קאָפּ האָר עך האָב שוין אָפּגעגאָלט... קום, כּלה׳שי, קום!...

מלכה׳לע האָט נישט געוואָלט הערן.

ווייבער זיינען אַריינגעקומען בעטן, ריידן, צוגעזאָגט מתּנות, הונדערט רייניש גאָל־געלד, נאָר מלכה׳לע האָט נישט נאָכגעגעבן. זי האָט געקלאַמערט קראַמפּהאַפּט די הענט אין די האָר און געשריען:

— די הענט וועט עטץ מיר פֿריער מוזן אָפּשניידן.... כ׳וועל נישט לאָזן!

— קינד, וואָס איז דיר דען נישט אַלצאיינס? — האָבן די ווייבער איר גערעדט צום שכל — סיי־ווי־סיי וועסטו דאָך מוזן זיי אָפּגאָלן. וואָס־זשע, איז גייט דיר אין אַ טאָג?

— מאָרגן יאָ און היינט נישט — האָט מלכה׳לע געענטפֿערט — כ׳על בייסן, ווער ס׳וועט צו מיר צוגיין, כ׳וועל די אויגן אויסדראַפּען...

זי האָט געוויזן צוויי שורות ווייסע שאַרפֿע ציין. די ווייבער האָבן זיך דערשראָקן.

דער רבי אַליין איז געקומען זי בעטן.

— כּלה — האָט ער געזאָגט — וועָרסט ניעשאַווער רבי׳צין און דו דאַרפֿסט זיך פֿירן ווי מען פֿירט זיך אין ניעשאַווער הויף. מיין ווילן

איז, זאָלסט זיך אָפּזאָגן.

— און מיין ווילן איז, זיך נישט אָפּצוזאָגן! — האָט מלכה'לע געענטפערט ווידערשפּעניק, קוקנדיק מיט האַס דעם רבי'ן אין די אויגן אַריין.

ביים רבין האָט אַזש אין האַרץ אַ שטאָך געטאָן. דאָס ערשטע מאָל איז עס געווען, וואָס עמיצער האָט זיך אים קעגנגעשטעלט, דאָס ערשטע מאָל, אַז מען האָט מיט אים אַזוי גערעדט.

דער פעטער, דער שטאַמלער, האָט געציטערט אינגאַנצן. ער האָט ערוואַרט עפּעס שרעקליכעס. ער איז געווען זיכער, אַז דער רבי וועט הייסן פּאַקן די זאַכן און אַהיימפאָרן צוריק קיין ניעשאַווע. אָבער געשען איז גאָרנישט. דער רבי האָט בלויז אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— אַן עקשנ'טע, ווי אַן אמת'ע טאָכטער פון אַ תלמיד־חכם... מילא, קיין דין, אייגנטלעך, איז עס נישט, אַ מנהג בלויז, זאָל זיין אַזוי.

אָבער דאָס איז געווען גאָרנישט קעגן דעם, וואָס זי האָט באַוויזן שפּעטער. אַ גאַנצן טאָג האָט זיך דער רבי ר' מלך געגרייט צו דער חופּה־נאַכט. כאָטש עס איז שוין ביי אים נישט געווען קיין נייס, שוין גאַנצע דריי מאָל איז ער געגאַנגען צו דער חופּה און תמיד מיט בתולות, איז ער פונדעסטוועגן קיינמאָל נישט געווען אַזוי אומרואיק, אַזוי צעריצט, ווי דאָס מאָל. ער האָט נישט אויפגעהערט לערנען די דינים פון מאַן און ווייב, פּונקט ווי אַ יונג חתן־בחור'ל. ער האָט געזאָגט תפילות, ספּעציעלע אַזעלכע געבעטן, וואָס נישט אין יעדער סידור געפינט מען זיי. נאָר אין גאָר אַלטע אויסגאַבן. ער האָט אויך פּלוצלונג גענומען קעמען מיט זיינע קורצע גראָבע פינגער די געדיכטע באָרד און פּיאות, צו וועלכע ער פלעגט זיך קיינמאָל נישט צורירן, וועלכע האָבן קיינמאָל קיין קאַם נישט געפילט אויף זיך. ער האָט אויך נישט אויסגעפאַסט דעם גאַנצן חופּה־טאָג, אויסגעזוכט אַן אויסרייד, אַז ער איז שוואַך און גענומען לעקעך און בראָנפן. ער האָט אויך געלאָזט זיך אָפּשפּרעכן ביי אַן אַלטע חסיד אַן עין־הרע. דער איד האָט זיך געוואַשן די הענט און געזאָגט:

— שלש נשים — דריי ווייבער זיינען געשטאַנען אויף אַ פעלצאָן. איינע האָט געזאָגט: קראַנק, די אַנדערע האָט געזאָגט: עס וועט נישט זיין קיין קריינק און קיין שוואַכקייט. אויב אַ מאַנסביל האָט דיר געטאָן שלעכטס, זאָלן אים אַרויספאַלן די האָר פון קאָפּ און פון דער באָרד. אויב אַ פרוי האָט דיר געטאָן שלעכטס, זאָלן איר אַרויספאַלן די ציין און די בריסטן. אַזוי ווי דאָס וואַסער האָט נישט קיין וועג און דער פיש און די מוראַשקע האָבן נישט קיין נירן, אַזוי זאָל נישט זיין קיין קראַנקייט און קיין שוואַכקייט און קיין שלעכטס און קיין שאָדן און קיין בייז אויג צו מלך דעם זון פון דבורה בלומע, ווייל ער קומט אַרויס פון

יוסף הצדיק, וואָס אַף אים האָט קיין בייז אויג נישט געהאַט קיין שליטה. איך באַשווער אייך אַלע מינים אויגן: בייז אויג, טונקל אויג, העל אויג, גרין אויג, שמאָל אויג, אַרויסגעזעצט אויג, טיף אויג, אויג פֿון אַ מאַן, פֿון אַ ווייב, פֿון אַן אַלטער, פֿון אַ יונגפֿרוי, וואָס האָט נאָך קיין מאַן נישט געקענט, איהר זאָלט זיך אָפּקערן, נישט האָבן קיין צוטריט צו מלך, דעם זון פֿון דבורה־בלומע, נישט וואַכעדיקערהייט, נישט אין שלאָף, נישט אין קיין גליד פֿון זיינע צוויי הונדערט און אַכט און פֿערציק גלידער, נישט אין קיין אָדער פֿון זיינע דריי הונדערט און פֿינף און זעכציג אָדערן...

אויך מלכהלען האָבן די ווייבער געגרייט. זיי האָבן איר צום הונדערטסטן מאָל דערציילט וועגן גרויסן גליק, וואָס איר טרעפֿט, צו ווערן דאָס ווייב פֿון ניעשאַווער רבי׳ן, די זכיה צו ווערן די גרויסע ניעשאַווער רבי׳צין.

— מלאכים אין הימל האָבן זיך געמיט — האָבן זיי איר געזאָגט — טאַנצן דאַרפֿסטו...

אַ כּך מאָל, ביז צום פֿאַרנודיעט ווערן, האָבן זיי איר געלערנט ווי אַזוי דרך־ארץ צו האָבן פֿאַרן רבי׳ן, ווי אַזוי זיין ווילן צו טאָן.

און דערנאָך האָבן זיי איר אַ סך געגלעט איבערן קאָפּ, פֿון אַ בייז אויג אָפּגעשפּיגן. מיט גרויס צערטלעכקייט און מיט פֿאַרפּלאָמטע באַקן האָבן זיי איר אַ לאַנג ווייס העמד אָנגעטאָן, אַ העמד ביז די טריט און וואָס פֿאַרשפּיליעט זיך ביזן האַלז, עס זאָל קיין שטיקל לייב זיך נישט אַרויסזען. מלכה׳לע האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט, געלאָזט מיט זיך טאָן וואָס נאָר די ווייבער האָבן געוואָלט. זיי האָבן דערפֿאַר פֿאַרגעסן אין אירע פֿריערדיקע מעשים און איר אַ סך קאָמפּלימענטן געמאַכט. זיי האָבן אירע קויל־שוואַרצע האָר מיט די פֿינגער גוט צוקעמט, אַף זיי אַ ווייס הייבל מיט בלויע אַטלעסענע בענדער אָנגעטאָן און אַלע פּאַסמעס האָר באַהאַלטן.

— באַהאַלט, באַהאַלט — האָבן זיי געוואָרנט — זאָל מען כאַטש די חרפּה נישט זען...

דערנאָך האָבן זיי איר געקושט אין קאָפּ און אַרויסגערוקט זיך הינטערווילעכטס.

— מזל טוב, „מערטשעם“ צו ניין חדשים אַף אַ ברית...

אויך ווען דער רבי איז אַריינגעקומען צו איר אין שטוב, האָט זי קיין איין וואָרט נישט געזאָגט און באַטראַכט מיט גרויסע טשיקאַווע אויגן יעדער באַוועגונג זיינע. זי האָט געקוקט, ווי ער וואַרפֿט פֿון זיך אַראָפּ גיך די אַטלעסענע קאַפּאָטע, ווי ער ציט מיט ציטערנדיקע הענט דעם גרויסן טלית־קטן איבערן קאָפּ. זי האָט געזען ווי ער ברומט מיט די ליפּן, זאָגט עפּעס שטילערהייט אַ געבעט, זי האָט געהערט זיין אַלט שווער זיפֿצן, באַטראַכט ווי ער ציטערט מיט באָרד און פּיאות און מאַכט קאָמישע שאָטנס

אף דער טונקל־באלויכטענער וואנט. אבער ווי נאר ער האט פארלאשן דאס ליכט און גענומען רייבן די יארמעלקע אפן קאפ הין און צוריק — איז זי פלינק און געשיקט, ווי א יונגע ציג, א שפרונג ארויס געטאן פון בעט און אוועקגעשטעלט זיך אינמיטן שטוב אין בלויזן העמד, לויכטנדיק מיט די שווארצע ברענענדיקע אויגן, ווי פאספאר אין דער נאכט.

א ווײלע איז דער רבי געבליבן א פארשטארטער. אין זיין אלטן קאפ האט זיך עפעס א פלאנטער געטאן.

— יענע לייט... — האט אים א בליץ געגעבן אין מוח — לצים, וואס קומען שטערן אידישע שמחות...

דאס האט אים אין ציטערניש ארייגעווארפן. מיט קלאמרנדע הענט האט ער גענומען זוכן אף זיך דעם טלית־קטן. באלד איז ער געקומען צו זיך און ער האט אזוי אויסגעקוילערט די ארויסגעזעצטע אויגן זיינע, ווי נאר ארויסצעווארפן זיי פון די אויגן־לעכער.

— רחמנא לצלן! — האט ער געמורמלט און געפילט זיך א פאר־לוירענער, נישט וויסנדיק וואס אזוינס צו טאן.

וואס, וואס, נאר אף אזעלכעס האט ער זיך נישט גערעכט.

אין זיין לאנגן פאמיליען־לעבן, וואס האט זיך געצויגן ביי אים פון דרייצן יאר ביז עטלעכע און זעכציק, האט ער פארשידענע זאכן דורכגעמאכט. אויך זיינע פריערדיקע דריי ווייבער זיינען געווען פארשידענע. אין זיין אלטן קאפ האבן זיך געפלאנטערט פארשידענע איבערלעבונגען, צייטן, נעכט אלערליי, נעכט פון גרויסן תענוג און נעכט פון ווייבערישן געוויין, נעכט פון אומבאפרידעניש און נעכט פון ווייבערשער צולאזנקייט, קלות־ראש. אבער אזעלכעס? אזא... אזא הפקרות! אזא חווק... און קעגן וועמען? קעגן אים... דעם ניעשאווער!...

וואלט דא געווען דער פעטער אירער, דער שטאמלער, וואלט ער אים אויסגעריסן, א תל וואלט ער פון אים באלד געמאכט! ווארום א כבוד איז עס פאר אים, דעם קבצן, וואס ער, דער ניעשאווער האט זיך אראפגעלאזט און געטאן א שידוך מיט אן ארים מיידל, א יתומה. א גליק איז דאס פארן מיידל. זי דארף עס וויסן און דרך־ארץ האבן. אבער מיט דעם פעטער האט מען איצט נישט געקאנט ריידן. ריידן האט מען געדארפט מיט איר, מיט דעם מיידל דער יתומה, וואס דארף זיך פילן גליקלעך צוליבן גרויסן כבוד, צוליבן גליק, וואס איז איר געשען, און ריידן מיט א נקבה האט ער, דער ניעשאווער, נישט געקאנט, נישט געוואוסט ווי אזוי. קיינמאל האט ער מיט קיין ווייבער נישט גערעדט, א חוץ מיט די, וואס קומען מיט קוויטלעך און געווייגען. אפילו מיט זיינע דריי ווייבער האט ער זעלטן גערעדט. און וואס איז בכלל דא צו ריידן מיט א נקבה?...

א ווײלע האט ער געפרואווט מיט גוטן. גערעדט צו דער כלה זיינער

האָט ער נישט. חלילה! וואָס איז דאָ צו רעדן מיט אַ אידענע, און נאָך מיט אַזאַ יונגע, אָן שׂכל, דערצו! אָבער פאַר איר געזונט האָט ער געזאָרגט.

— נו — האָט ער געבּרומט בּייז — מען טאָר נישט אַזוי אַרומגיין... מען קאָן זיך נאָך, חלילה, פאַרקילן...

זי האָט אים גאָרנישט געענטפערט און בּלויז געלויכטן מיט די פּאָס־פּאַר־בּליקן אין דער פינסטערניש, ווי אַ קאַץ.

אַז דאָס האָט נישט געהאָלפן, איז ער איבּערגעגאַנגען צו אידישקייט.

— עט — האָט ער געזאָגט — אַ אידישע טאָכטער, נאָך דערצו אַ רבּי'ש איינִיקל, טאָר נישט אַזוינס... ס'איז אַ גרויסע זינד מצער צו זיין אַ חתן...

אַז דאָס האָט אויך קיין פּעולה נישט געהאַט, איז ער איבּערגעגאַנגען צו כעס. דאָס גאַנצע געדיכטעניש פון באָרד און פּיאות האָט זיך בּיי אים געטרייסלט פון צאָרן.

— חוצפּה און העזה! — האָט ער געשריען — עזות! דרך־ארץ!

אין זיין גרויסן צאָרן האָט ער אַפילו פאַרגעסן ווער ער איז, וואו ער געפינט זיך און געלאָזט זיך אַראָפּקריכן פון בּעט, כדי זי, די חצופה, אָנצוזאָרגען, מיט כח זי לערנען דרך־ארץ האָבּן פאַרן ניעשאַווער. די וועלט איז נישט הפקר, די וועלט... אָבער דאָ האָבּן אים די כוחות פאַרלאָזט. די פיס האָבּן אים גענומען ציטערן, די הענט זיך טרייסלען. ער האָט מיטאַמאָל די אַלטקייט דערפילט, די זיקנה, און ער האָט גענומען קרעכצן, זיפצן, אַלט, צוּבּראָכן, נישט ווי אַ חתן אין זיין חופּה־נאַכט, נאָר ווי אַן אַלטער זיידע, וואָס דאַרף רו, מנוחה.

זי איז איצט צוגעגאַנגען צו אים, די כלה. זי האָט אים געגלעט מיט רחמנות איבּער דער יאַרמעלקע. אָבער ער איז געווען אַזוי שוואַך, אַזוי צוּבּראָכן, אַז ער האָט מער אַפילו נישט געקאָנט אויסשטרעקן צו איר אַ האַנט. זי האָט אים אַרומגעדעקט מיט דעם שווערן איבּערבּעט, אַרויפגעלייגט אים אַ קישן אויף די פיס, און ער איז איינגעשלאָפן.

איצט, פאָרנדיק אין דער אויסגעבּעטער קאַרעטע צוריק פון דער חתונה קיין ניעשאַווע, איז אים, דעם רבּי'ן, די גאַנצע נאַכט געשטאַנען פאַר די אויגן און זיין קאָפּ איז אים געווען שווער, בּלייענדיק.

— אַריינגעפאַלן! — האָט אים געגעבּערט אין קאָפּ — מיאוס אַריינגעפאַלן.

די געזאַנגען פון די חסידים האָבּן אים געשרויפט אין מוח, געריצט, נישט ווי מען וואָלט זינגען, נאָר ווי מען וואָלט שפּאָטן פון אים. ער האָט שוין עטלעכע מאָל געוואָלט געבּן אַ צייכן מיט דער האַנט, מען זאָל שווייגן, אָבער ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן. צו וואָס אויסגעבּן זיך? — האָט ער זיך געטראַכט — קיינער דאַרף נישט וויסן פון זיין צער.

אז ער וועט זיך נישט גט'ן איז געווען ביי אים קלאר, זיצנדיק אויף דער טרייסלענדיקער קארעטע. ערשטנס, וואלט עס נישט פאסטן פאר די חסידים. זיי האבן אזוי אויך געקוקט מיט חידוש אף זיין פערטן מאל חתונה האבן. זיי האבן נישט געזאגט קעגן דעם, חלילה! זיי האבן פארשטאנען, אז מסתמא דארף אזוי זיין. זיי זיינען טאקע געקומען אף דער חתונה, געבראכט געלט, מתנות. וואס פאר א פנים וועט עס האבן, ער זאל זיך איצט גט'ן? און וואס וועלן זאגן פרעמדע חסידים? מען וועט דאך לאכן אין די פויסטן. אין די גוט־אידישע הויפן, ביי די שונאים זיינע און נשיט־פארגינערס, וועט מען קווען פון שמחה. ניין, מען דארף זיי נישט אנטאן אזא נחת! פאר קיין פאל נישט!

צווייטנס, האט ער עס נישט געקענט טאן פארן אייגענעם הויף. זיי האבן אים געווארנט, די קינדער זיינע, די זין ווי די טעכטער, אז ער דארף מער נישט חתונה האבן. ער האט נישט געפאלגט. איצט וועלן די אייגענע קינדער לאכן פון אים, וועלן חוזק מאכן. עס וועט מער קיין דרך־ארץ נישט זיין. דערצו טאר נישט קומען.

דריטנס, איז זי אים טאקע א שאד געווען אויך, זי, דאס ווייב זיינס, וואס פארט איצט אין אן אנדער בריטשקע, ארומגערינגלט מיט מחותנת'טעס און רביצנס. אמת, זי האט אים מצער געווען, שטארק ווי געטאן, געפירט זיך גארנישט ווי א אידישע טאכטער. ווער ווייסט, צי זי האט אים, חלילה, נישט אין א קריינק אריינגעבראכט? ער איז אן אלטער מאן, מען דארף אים נישט פייניקן, מען דארף זיין גוט צו אים. ווען מען פייניקט אים, ווערט ער שוואך, ווי נעכטן. ווער ווייסט, צי צוליב קרענקונג זיינען נישט מיטאמאל, חלילה, זיינע לעצטע כוחות פארשוואונדן. עפעס פילט ער זיך פלוצלונג אזוי שוואך, מיד, גארנישט ווי פריער פאר דער חתונה. יא, א סך אידן, חסידים, האבן אים געוואונטשן אינדערפרי ביים טיש א בן־זקונים. די ברכה פון טויזנטער אידן איז נישט קיין קלייניקייט. אבער ער פילט זיך מיד, שוואך, אלט, שטארק אלט. און שולדיק איז זי. וואו איז גאר אזוינס געהערט געווארן? סיידן, חלילה, צווישן גוים, אדער צווישן פראסטע לייט, באלמעלאכעס... הפקרות איז, נעבעך, אריין צווישן אידן, אפילו צווישן מיוחסים און רבי'שע קינדער...

ער האט געפילט דעריבער א שנאה צו איר, צו דער, וואס פארט איצט אין א זייטיקער בריטשקע, ארומגערינגלט מיט מחותנת'טעס און רבי'צינס. אבער פון דער צווייטער זייט, וואלט ער זי נישט געוואלט דערווייטערן פון זיך. וואס איז אים דען געבליבן איצט? די קינדער זיינען שונאים, ווארטן שוין, זיך צוצוטיילן מיט דער רבי'טסטווע. ישראל־אביגדור דער גבאי איז א שונא און אן עזות־פנים. נישטא קיין איין נאנטער מענטש. און זי איז אזא יונגע, א יפת־תואר, זאגן ווייבער, און ער האט דעריבער

ניט געשטערט די חסידים זינגען. פארקערט, ער האט זיך געשטארקט, אליין א פריילעך פנים צו מאכן. אז אלץ בלייבט ווי עס איז — איז ביי אים געווען פעסט. קיינער דארף נישט וויסן. ער האט נאר נישט געוואוסט, צי דארף ער איבעררעדן מיטן פעטער דעם שטאמלער, צי נישט? א ווייַלע האט זיך אים אויסגעוויזן, אז ער דארף עס טאן. אים האט זיך געוואלט אויספייזערן, אפרעדן זיך. שרייען אף עמיצן. און אף קיינעם, האט ער געוואוסט, קען מען נישט אזוי שרייען ווי אף דעם שטאמלער. אפשר וועט ער זיך איבערריידן מיט איר, האט ער געקלערט, אנבייזערן זיך אף איר, און זי וועט בעסער ווערן. באלד, אבער, האט ער זיך באטראכט, אז דאס וועט צו גארנישט ברייגגען. ער אליין דארף זי איינגעמען, מיט אייגענע כוחות. דער עיקר איז נאר, ער זאל זיך נישט פילן אזוי שוואך, ער זאל זיין מער זיכער ביי זיך. אפשר דארף מען גאר צופארן צו א פראפעסאר? אפשר שטארקן זיך? דער עיקר פאר קיינעם נישט ריידן, נישט שפל זיך מאכן.

און ער האט זיך געשטארקט, דער רבי ר׳ מלך, מיט בטחון זיך ארומגענארטלט כדי צו פארגעסן זיך, האט ער גענומען רויכערן ציגארן איינעם נאכן אנדערן.

— ישראל אביגדור — האט ער אלע מאל געמונטערט דעם גבאי — פייער גיב, סרועלווינדער!

ישראל אביגדור האט געצונדן שוועבעלעך, פאררויכערט די פארלאשענע ציגארן און געקוקט ביים שיין פון פייער מיט חוזקדיק־ממזורישע אויגן דעם רבי׳ן אין די אויגן אריין.

פון די הויף־דינסטן האט ער שוין געוואוסט, אז צווישן די ווייבער, וואס זיינען געקומען צומארגנס, דער כלה גוטמארגן ביטן, איז געקומען צו שטילע מחלוקת. עפעס האט מען זיך דארט צופיל ביים בעטגעוואנט גע׳עסק׳ט, אף דער כלה אנגעשריען און געשושקעט זיך, געשושקעט. ער האט פארשטאנען, ישראל אביגדור, אז דעם בעל־שם׳ס קוואל און די אפגעשפראכענע עין־הרע׳ס האבן קיין גרויסע פעולה נישט געהאט. און ער האט געקוקט מיט חוצפה׳דיג־גנב׳ישע אויגעלעך דעם רבי׳ן אין די אויגן אריין.

— חתן, מאך דיר א לב — האט ער געטראכט מיט הנאה און גענומען א שטארקן שמעק־טאבאק.

און דערנאך האט נאר דער רבי פארקאשערט דעם ספאדיק אן א זייט, ווי תמיד, ווען ער נעמט אן א פעסטן באשלוס, און געזאגט מיט קוראזש:

— סרועלווינדער, עך וויל, אז די שבע־ברכות זאלן געפראוועט ווערן גרויס, מיט שמחה. און טישן זאל מען אין גרויסן בית־המדרש, הערסט, סרועלווינדער!...

זיבעטער קאַפּיטל

איבער די גאַנצע זיבן טעג פון די שבע־ברכות, וואָס זיינען געפּראַוועט געוואָרן מיט גרויס פּאָמפּע אין ניעשאַווע, האָט דער פעטער, דער שטאַמלער, און נאָך מער זיין ווייב, די מומע איידעלע, געלעבט אין כסדר'דיקער שרעק פאַר זייער מלכה'לע, דער ניעשאַוועער יונגער רבי'צין. זיי האָבן געציטערט, זי זאָל נישט אָפּטאָן עפּעס אַ מיאוס'ע זאַך, עפּעס אַן אונערוואַרט שטיקל, דער עיקר, זי זאָל נישט אַמאָל איבערלאָזן אַלץ און אַלעמען אין דער מיט שמחה און אַנטלויפן.

אין אונרואיקייט, אין שרעק פאַר דעם, האָבן אירע דערציער געלעבט די גאַנצע צייט, דורך די עטלעכע חדשים פון דער פאַר'קנס'אונג, פון טאָג אָן, זינט דער פעטער איז געקומען פון ניעשאַווע מיט דער בשורה, אַז דער רבי וויל זיך משדך זיין מיטן מיידל. צוזאַמען מיטן נחת, וואָס זיי האָבן דערלעבט, אויסצוגעבן זייער קרובה פאַרן ניעשאַוועער, צו ווערן די מחותנים פון גרויסן רבי'ן און דערמיט הויבן זייער אַראָפּגעפאַלענעם אַנזען צווישן אידן, האָט זיי כסדר אַן אומרואיקייט געפּייניקט, אַ שרעק. זיי האָבן כסדר געציטערט, זי זאָל עפּעס נישט אָפּטאָן, מלכה'לע מזיק, זי זאָל קיין מיאוס'ן סקאַנדאַל נישט מאַכן און ברענגען זיך, מיט אירע ערציער און דעם ניעשאַוועער הויף צו שפּאָט און צו שאַנד. זיי האָבן זיך זייער אייגן גליק נישט געטרויט.

אַז דער פעטער דער שטאַמלער איז פּלוצלונג אַהיימגעקומען מיט דער גוטער בשורה, מיטן גליק־שידוך, האָט זיין ווייב איידעלע אים געהאַט נאָר איין־איינציק וואָרט צו זאָגן.

— שוטה! — האָט זי אים געזאָגט.

זי האָט געטראָגן די הויזן, די מומע איידעלע. געהאַלטן זיך פאַר אַ חכמה, און זי האָט אפילו נישט געוואָלט הערן, וואָס דער מאַן איהרער האָט מיט ברען געשטאַמלט.

— פונקט אַ שידוך פאַר מלכה'לע מזיק — האָט זי חוזק געמאַכט — רעד מיט איר בעסער נישט דערפון, ווייל זי וועט דיר די באָרד אויסרייסן.

דער פעטער האָט זי נישט געהערט. אַן שום פֿאַרבֿרייטונגען, פֿול מיט מורא פֿאַר זײַן ווײַב, זי זאָל אים נישט שטערן, איז ער צו צום מיידל און אַרוים מיט לשון.

— מזל־טובֿ! — האָט ער אַרויסגעריסן פֿון זיך — מלכה׳לע, וועסט ניעשאַווער רבי׳צין.

די מומע איידעלע איז אַזש בלאַס געוואָרן. זי האָט ערוואַרט דאָס ערגסטע. אָבער מלכה׳לע האָט בלויז גענומען לאַכן. אַ ווילד געלעכטער איז זי באַפֿאַלן. זי האָט נישט געפֿרעגט, ווער ער איז, דער ניעשאַווער, ווי אַלט ער איז, נאָר זי האָט בלויז געלאַכט, געלאַכט ווילד, צולאַזן, בייגנדיק זיך אין דרייען ביז דער ערד.

— מאַמע — האָט זי גערופֿן און ווידער אַרײַנגעפֿאַלן אין געלעכטער.

— וואָס כיכעסטו אַזוי? — האָט דער פֿעטער מער נישט געקענט איבערטראָגן דעם מיידלס געלעכטער — ווילסט נישט דעם ניעשאַווער?

— כ׳וויל! כ׳וויל! — האָט מלכה׳לע געשריען — נאָר וואו האָט דער פֿעטער דעם לעקעך? כ׳וויל לעקעך...

דער פֿעטער איז אַזוי גרויס געוואָרן בײַ זיך פֿון זײַן זיג, פֿון זײַן ערשטן נצחון אין זײַן לעבן, אַז ער האָט פֿאַרגעסן אין זײַן שטענדיקער מורא פֿאַרן ווײַב, אַן אויסגעגלייכטער, אַ פֿעסטער בײַ זיך, איז ער צו־געגאַנגען נאָענט צו זײַן ווײַב און איר צוויי פֿייגן האַרט אין די אויגן אויסגעשטעלט.

— אַריסטאָטלעס — האָט ער געזאָגט — ווער איז דער חכם און ווער איז דער נאַר?

— הלוואַי, דו זאָלסט זײַן דער חכם! — האָט די מומע איידעלע פֿאַר־גלאָצט די אויגן — שפּרינג נאָך נישט קדוש באַצײַטנס...

דער שידוך איז געטאָן געוואָרן.

אין מלכה׳לעס משפּחה איז מען געווען גליקלעך, אָבער רואיק איז מען נישט געווען. אַ משוגעת איז אויף דער מויד אָנגעפֿאַלן, האָט מען אויסגע־טײַטשט איר אײַנגיין אַפֿן שידוך, איינע פֿון מלכה׳לע מזיק׳ס משוגעת׳ן. מען האָט נישט געגלייבט, עס זאָל קומען צו אַ חתונה. מען האָט זי גוט געקענט אין דער משפּחה, מלכה׳לען. גענוג צרות האָט מען שוין פֿון איר געהאַט, פּונקט ווי פֿון דער מוטער אירער. בײַ זיבעצן יאָר איז זי שוין דרײַ מאָל געהאַט אַנטלאָפֿן פֿון פֿעטערס שטוב און דרײַ מאָל האָט מען זי בסוד צוריקגעבראַכט.

— טריפֿה בלוט — האָט מען וועגן איר גערעדט שטילערהייט אין דער משפּחה — צוזאַמען מיט דער מילך פֿון דער ברוסט האָט זי דער מאַמע׳ס טריפֿה׳נע בלוט אין זיך אַרײַנגעזויגן.

אויך די מוטער אירע, מלכהלעס, אַ רבֿישע טאָכטער און אַ רבֿישע

שנור, איז פון שטוב אנטלאפן. סך־הכל מיט פופצן יאר עלטער איז די מוטער געווען פון איר טאכטער מלכהלע. צו פערצן יאר האט זי חתונה געהאט און אין א יאר ארום האט זי א טאכטער געבוירן. עלף יאר נאך דער חתונה, ווען מלכה'לע איז שוין אלט געווען גאנצע צען יאר און מען האט איר שוין גענומען רעדן שידוכים, האט זי, די פינף־און־צוואנציק יעריקע מוטער פון א כלה־מיידל, פלוצלונג פארלאזן דעם הויף, דעם מאן און די טאכטער און מיט אן אונגארישן אפיציר, א קאוואלעריסט פון שטאטישן גארניזאן, קיין בודאפעשט אנטלאפן.

די משפחה האט זי פארשאלטן, איר נאמען אויסגעמעקט. דער מאן אירער, א קריינקלעכער רביש'ער זון, איז פון חרפה און בייענקשאפט פון דער וועלט אוועק. אבער די זאך איז געבליבן בסוד. אפילו אין די רבי'שע הויפן האט מען נישט געוואוסט פון דער מעשה. עס האט געהייסן, אז דאס ווייבל זיצט אין אויסלאנד, אז זי איז קראנק.

מלכה'לע, די יתומה, איז אריבער צו דער מומע איידעלע אויף ערציאונג. זי האט נישט געהאט קיין קינדער מיט איר מאן דעם שטאמלער, די מומע איידעלע, און זי האט געוואלט דאס קינד נעמען צו זיך. אויך האט דעם פעטער'ס שטוב גע'שמ'ט פאר א פרומע, א גאטספארכטיקע, און די משפחה האט געוואלט די קליינע מלכה'לע פאר א פרומע כשר"ע טאכטער דערציען.

ער האט זיך טאקע גלייך גענומען צו דער ארבעט, דער פעטער, איינשפאנען זי אין אידישקייט, לייענען פאר איר מוסר־ספרים און שטאמלען שעה'ן־לאנג וועגן גיהנום, וואו מען ברענט און מען בראט. ער איז געווען א גרויסער למדן, דער פעטער, אין גיהנום, געוואוסט אלע וועגן פון עולם־התוהו, געקענט אויסמאלן אלע בראט־קעסלען מיט סמאלע, אלע שטעדבעטלעך. אויך די מומע, א אידענע א פוילע, האט זיך גענומען שאפן מיט דער קליינער, געהייסן זיך כסדר צוטראגן, דערלאנגען, אויסטאן די שיך, כדי דאס מיידל צו האלטן אין דער צוים, א געטרייע טאכטער א אידישע פון איר צו מאכן.

אבער די קליינע האט גלייך זיך אוועקגעשטעלט הארט אי קעגן פעטער, אי קעגן דער מומע. דעם פעטער'ס מעשיות פון גיהנום האט זי אפילו נישט געוואלט הערן.

— איך האב עס שוין געהערט — האט זי אים אפגעשניטן שארף און זיך אויסגעדרייט צו אים הינטערווייעלעכטס.

אויך די מומע האט זי נישט געוואלט הערן, נישט געפאלגט. צען מאל האט זי זי געקאנט רופן, איידער זי האט זיך אפגערופן, און אפילו אז די מומע האט איר גענומען דערציילן מעשיות פון צדיקים, פון צדקניותן, האט זי נישט געוואלט הערן.

— לאָמיר די מומע איידעלע בעסער עפּעס דערציילן וועגן דער מאַמען — האָט זי איבערגעריסן אין דער סאַמע מיט, ווען דער בעל־שם האָט זיך געראַנגלט מיט אַ וואָל־קאָלאַק...

די מומע איידעלע האָט איר נישט געלאָזט אויסריידן.

— רייד נישט וועגן „איר" — האָט זי באַפוילן — האָסט נישט מער קיין מאַמע, איך בין דיין מאַמע.

— ניין, מיין מאַמע איז מיין מאַמע! — האָט די קליינע געטופּעט מיט די פיס — דו ביזט בלויז מיין מומע.

און אין דער משפּחה האָט מען אָנגעהויבן מורא האָבן פאַר דער קליינער.

— אינגאַנצן ס'מאַמעלע, ימח־שמה! — האָט מען געמורמלט.

פּונקט ווי די מוטער אירע, איז זי אויך געוואַקסן שנעל, גרויס, דין און שלאַנק, ווי אַ ריטל. אויגן האָט זי געהאַט שוואַרצע, שאַרפע, וואָס ביי זייער גאַנצער שוואַרצקייט, זיינען זיי נישט אידיש. עפּעס ווילדס איז געלעגן אין זיי, ציגיינערישעס. אויך אירע האָר זיינען געוואַקסן ווילד, שוואַרץ, אַזש בלוי פון שוואַרצקייט, אָבער נישט געקרייזלט, נאָר גלייך, אין גלאַטע שוואַרצע פּאַסמעס אַראָפּגעפאַלן. קיין איין קרייזעלע האָט זיך נישט געדרייט איר אַרום די שלייפן. פּונקט אַזוי שאַרף, שוואַרץ און גלייך האָבן זיך געצייכנט אירע ברעמען, לאַנגע, שטרייַנגע ברעמען. וועלכע קומען זיך צונויף און פאַראייניקן זיך איבער דער גלייכער גראָדער נאָז, וואָס פאַרברייטערט זיך עטוואָס ביי די נערוועזע, באַוועגלעך־ציטערנדיקע נאָז־לעכער.

יעדעס מאָל, ווען די מומע האָט געקעמט דער קליינער די האָר און געפלאָכטן אירע דיקע צעפּ, האָט זי נישט אויפגעהערט צו זיפצן.

עפּעס פאַר קיין גראַשן אידישן חן האָט עס נישט אין זיך. זע נאָר די גלאַטע קודלעס, די שיקסישע פּלייצעס די גלייכע... אינגאַנצן יענע... „יענע" האָט מען געמיינט די מוטער אירע, וועלכע מען האָט נישט אָנגערופן ביים נאָמען. און פּונקט ווי „יענע", האָט אויך מלכהלע נישט געשווינט קיינעם, נישט געלאָזט קיינעם הערשן איבער זיך, אַן עקשנ'טע געווען, אַ ווילדע דעספּאָטן, און משוגע'נע טעג געהאַט: טעג פון לאַכן, שפּרינגען און ווילדקייט, אָן קיין שום סיבה דערצו, און טעג פון פּלוצ־לונגדיקן שווייגן, פאַרביטערטקייט און מעלאַנכאָליע, אָן קיין שום סיבה דערצו.

— אַ נישט־גוטס זיצט אין דעם קינד! — האָט די מומע אָפט גע־זאָגט צום פעטער — עפּעס אַ מזיק.

נישט גוטס איז געלעגן אין אַלע טעג אירע, אין די פריילעכע ווי אין די אומעטיקע. זי האָט ליב געהאַט זיך צו שפּילן, אָבער געשפּילט האָט זי זיך אויסטערליש, אַנדערש פון אַלע קינדער, שיעור די שטוב נישט

צוטראָגן. זי האָט אַריינגענומען אַ פולע שטוב מיט קינדער. אַלע אַלטע לעדערנע שטולן האָט זי איבערגעקערט, אַלע שופלעדער פון די טישן אַרויסגעצויגן, דעם פעטערס כתבים און פאַפירן מיט יחוס־בריוו פון זיי אַרויסגעוואָרפן; און פון די שטולן מיט די שופלעדער געמאַכט אַ באַן, אַ שנעל־צוג, וואָס פאָרט ווייט, קיין אונגאַרן, קיין בודאַפעשט, וואו די מאַמע איז.

אַ חוץ אין באַנען, האָט זי אויך ליב געהאַט שפּילן זיך אין חתונות. אַלע אַלטע זיידענע חתונה־קליידער דער מומעס האָט זי אַרויסגעשלעפּט פון די שאַפעס, אַלע קרינאַלינעס, פוטערס, אַלטע היטן מיט קאָלירטע פעדערן און פויגל, און זיך אויסגעצירט אין זיי. וואו די מומע האָט ערגעץ געהאַט אַ קעסטעלע צירונג באַהאַלטן, אַ בראָש, אַ קייט, שנירלעך פערל, אַ ציטער־שפּילקע, האָט זי זיך באַהאַנגען, אין די האָר פאַרשטעקט, און זיך פאַרשטעלט פאַר אַ כלה.

די מומע האָט געמאַכט קולות:

— מלכה, וועסט מעך בדלות שטעלן! מזיק, מאַכסט מיר אַ תל פון די קליידער, וואָס האָב עד דען, מ'שטיינ'ס געזאָגט, אַ חוץ די עטלעכע שמאַטעס?...

נאָר מלכהלע האָט זי נישט געהערט, געטאָן אירס, געשריען, געהייסן די קינדער מאַכן קולות, קלאַפּן, זינגען, טאַנצן. די מומע נישט געוואוינט צו קינדער, האָט געקרעכצט, אַז מען רייסט איר אָפּ די אויערן, אַז מען לאָזט איר נישט לייענען די מעשה־ביכלעך פון די צדיקים. מלכה'לע האָט זיך דערפון נישט געמאַכט.

— קינדער, קלאַפּטס! — האָט זי באַפוילן — די באַן דאַרף גיך אָנקומען קיין בודאַפעשט.

אויך די חתונות האָט זי געמאַכט אַזעלכע טומלדיקע, ביז איינמאָל זיינען שכנ'טעס זיך געקומען קלאָגן. אויף איינער אַ חתונה, אויף וועלכער מלכה'לע איז געווען די כלה און אַן אַכט־יאָריק חדר־אינגל — דער חתן, האָט מלכה'לע געהייסן צוויי חבר'טעס, מחותנת'טעס, זיי זאָלן זיי ביידע, חתן־כלה, „לייגן־פירן". די קינדער האָבן עס דערציילט די מוטערס, און די ווייבער זיינען זיך געקומען קלאָגן צו איידעלע דער רבי'צן.

— רבי'צן קרוין, אַ קינד זאָל אַזעלכעס וויסן...

עטלעכע טעג צייט האָט די מומע געוואָלט דערגיין ביים מיידל, וואו זי האָט פון אַזוינס געהערט, ווער עס האָט מיט איר וועגן אַזעלכעס גערעדט. אָבער מלכה'לע האָט געשוויגן, פאַרביסן געשוויגן. ביינאַכט האָט די מומע נישט געקענט שלאָפן, און זי האָט געוועקט דעם מאַן אירן פון שלאָף.

— הערסט — האָט זי אים געמונטערט, ציענדיק ביי דער יאַרמעלקע

און נישט רופֿנדיק אים בײַם נאָמען — הערסט, הלוואי דאָס מײדל זאָל אונדז קײן חרפּות און בושות נישט אָנטאָן!...

שפּעטער האָט זי גענומען, מלכה׳לע, ליב קריגן קלײנע קינדער, אָבער אַזוי ווילד, אַז מאַמעס זײַנען פֿאַר איר אַנטלאָפֿן. טאָמער פֿלעגט זי פּאַקן ערגעץ אַ קלײן קינד, האָט זי עס אַזוי ווילד אויסגעקושט, אַזוי געדריקט און געקנײַפּט, אַז ס׳קינד פֿלעגט זיך פֿאַרקײַכן.

— דער מזיק גײט! — האָבן װײַבער גענומען שרײַען, זעענדיק זי, און אַנטלאָפֿן פֿון איר.

יונגע מוטערס האָבן אויסגעפֿונען, אַז זי האָט אַ בײז אויג, אַז זי איז אַן עין־הרע׳ניצע, און איר נאָכגעשיקט קללות שטילערהײט:

— זאָלן דיר אין די אויגן, פּעפּער דיר אין נאָז...

וואו נאָר אַ קינד איז קראַנק געוואָרן, איז מען געקומען צולויפֿן צו אײדעלע דער רבי׳צן, כּדי אויסצורײסן אַ פֿרענדזל פֿון מלכה׳לעס שאַלעכל און עס פֿאַרברענען אין פֿײַער פֿאַר אַ שלעכט אויג, פֿון אַלע שאַלעכלעך, וואָס די מומע האָט איר געקויפֿט, האָט מען אַ תּל געמאַכט. די מומע האָט זיך שיעור נישט באַגראָבן פֿאַר חרפּה.

צו דרײַצן יאָר איז זי דאָס ערשטע מאָל אַנטלאָפֿן פֿון דער הײם.

אין קלײדער, אין וועש, אין אַ קרײַצער אין קעשענע איז זי אויפֿגעזעסן אויף דער באַן און געלאָזט זיך קײן בודאַפּעשט צו דער מאַמען, פֿון וועלכער זי האָט גאָרנישט געוואוסט, אַפֿילו קײן אַדרעס אירן נישט געהאַט. מען האָט זי אויפֿגעזוכט, אין מיטן וועג האָט מען זי מיט פּאָליצײ אַראָפּגענומען. די מומע האָט געמײנט, אַז דאָס מײדל וועט װײנען, פֿאַלן צו די פֿיס, איבערבעטן. אָבער מלכה׳לע האָט אַפֿילו די אויגן נישט אַראָפּגעלאָזן. מיט פֿאַר׳עקשנ׳טע אויגן, אין וועלכע דער ערשטער הונגער האָט זיך גענעסט, האָט זי דער מומען אין די אויגן געקוקט און געזאָגט:

— כ׳על ווידער אַנטלויפֿן... צו דער מאַמען...

דער פֿעטער מיט דער מומען האָבן גאַנצע טעג גענומען רײדן בײַ איר דער מוטער. זײ האָבן איר ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל דערצײלט, ווי צוליב איר איז איר מאַן, מלכהלעס טאַטע, פֿון דער וועלט אַוועק. זײ האָבן איר אויסגערעכנט די חרפּות און בושות, וואָס זי האָט דער גאַנצער משפּחה אָנגעטאָן. זײ האָבן אויסגעמאָלט איר שטײנערן האַרץ, וואָס וויל אַפֿילו פֿון קײן אײגן קינד נישט וויסן. אָבער מלכה׳לען האָט עס נישט גערירט.

— כ׳וויל צו דער מאַמען — האָט זי זיך געהאַלטן בײַ אירס.

— וועסט דאָך מוזן בײַ איר עסן חזיר.

— כ׳וויל צו דער מאַמען...

— וועסט דאָך מוזן זײַן צווישן גוים.

— כ'וויל צו דער מאַמען...

— מען וועט דיך, חלילה, אָפּ'שמד'ן!

— כ'וויל צו דער מאַמען... כ'וועל אַנטלויפן!

זי האָט געהאַלטן וואָרט. צוויי מאָל איז זי נאָך געלאָפן פון שטוב. זי האָט די מוטער נישט געפונען. יענע איז ווי אַ שטיין אין וואַסער אַריין, פאַרשוואונדן, און מלכה'לע האָט געמוזט צוריקקומען צו פעטער־און־מומע קיין פּרעמיסלע. אָבער פון דעמאָלט אָן האָט זי אָנגעהויבן שווייגן, מיט קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, מיט קיינעם זיך נישט געוואָלט באַגעגענען. נאָר גאַנצע טעג איז זי ביים פענסטער אָפּגעזעסן, נאָכגעקוקט די פעסטונג־אָפיצירן, וואָס האָבן זיך פון צייט צו צייט באַוויזן אין גאַס. לאַנג האָט זי זיי נאָכגעקוקט, יעדן אָפיציר, ביז ער איז געוואָרן אַלץ קלענער, קלענער און ענדלעך אינגאַנצן פאַרשוואונדן.

אין אַזאַ צייט איז דאָס דער פעטער געקומען פון ניעשאַווע און איר אַ מזל־טוב געבראַכט. פאַר דער משפּחה איז דאָס אַן אויסלייזונג געווען. אַן נעלט, פּרעמד, שלעכט צו מענטשן, מיט נישט קיין גוטן נאָמען, וואָלט זי געמעגט פאַרזיצן ביזן גרויען צאָפּ — האָט די משפּחה געוואוסט — אָדער, חלילה, נעמען אַ באַלמעלאָכע.

— אַזאַ גליק — האָבן זיי געזאָגט.

אָבער זיי האָבן זיך דאָס גליק נישט געגלויבט.

— ווי דערלעב איך שוין צו זען זי אונטער דער חופּה! — האָט די מומע איידעלע געגלאָצט מיט די אויגן צום פאַררויכערטן באַלקן — זכות־אבות זאָלן נאָר ביישטיין!

זיי זיינען ביי געשטאַנען, די זכות־אבות. זי האָט דערלעבט, די מומע איידעלע, מלכה'לען צו זען אונטער דער חופּה. אַפילו שבע־ברכות האָט זי שוין דערלעבט. אָבער איר אומרויקייט איז נישט פאַרשוואונדן, פאַר־קערט, זי איז געוואַקסן מיט יעדער שעה, מיט יעדער מינוט.

— עפּעס גייט עס צו גלייך, עד זאָל אין קיין בייזער שעה נישט האָבן אויסגערעדט — האָט זי כסדר געזאָגט איר מאַן — ס'האַרץ קלאַפּט מיר, עס זאָל נישט עפּעס געשען!

אָבער געשען איז גאָרנישט.

אַלץ איז געגאַנגען מיטן סאַמע גלייכסטן וועג. דורך די גאַנצע עט־לעכע חדשים פאַר'קנס'ונג האָט זי אַפילו קיין איינציק מאָל נישט גע־פרעגט וועגן חתן אירן, מלכה'לע, זי האָט זיך נאָר געפרייט ביי יעדער נייער כלה־מתנה וואָס דער ניעשאַווער האָט איר צוגעשיקט. דער רבי האָט געשיקט אַ סך מתנות. נאָך אַלע זיינע דריי ווייבער איז אַ סך צי־רונג געבליבן, בריליאַנטענע פינגערלעך, אויריינגלעך, דימענטענע בראָשן ציטער־שפּילקעס, בראַסלעטן און אַפילו שטערן־און־ברוסט־טיכלעך, מיט

איידל־שטיינער אויסגעשטיקט. דעם רבי'נס טעכטער האבן די ירושה געוואלט צונעמען, יעדע נאך איר מאמען, אבער דער פאטער האט נישט געלאזט. פון איין ווייב איז געבליבן פאר דער צווייטער. נאך דער דריטערס טויט, האבן שוין אלע טעכטער פון אלע דריי ווייבער געוואלט ירשנ'ען זייערע מוטערס. אבער דער רבי האט אלי'ן פארשלאסן אין איי־זערנעם קופער אף רעדלעך, וואס איז געשטאנען ביי אים אין שטוב, און דעם שליסל האט ער געהאלטן ביי זיך. ער האט זיך נישט געאיילט. ער האט זיך געהאט זיינע אויסרעכנונגען. איצט האט ער דאס אלץ געשיקט צו מלכה'לען. און זי איז געווען גליקלעך. זי איז גארנישט מיד געווארן זיך צו שפילען אין די ברילאנטן. זי האט זיך באהאנגען, באפוצט, גע־קוקט אין קליינעם שפיגעלע, דאס איינציקע, וואס איז געווען ביי דער מומען אין שטוב. זי האט זיך געפלאזן, געמאכט גרימאסן פון א גרויס־ארטיקער פריצה. אויך אף אויסשטייער האט דער רבי א סך געלט געשיקט. ער האט אפילו געוואלט שיקן פאר דער כלה די קליידער, וואס זיינען גע־בליבן נאך די דריי ווייבער זיינע, א סך זיידענע און אטלעסענע קליי־דער, אויך פוטערס. אבער מלכה'לע האט נישט געוואלט. עס האט לאנג געדויערט, ביז מען האט דעם רבי'ן געגעבן צו פארשטיין, אז אלטע קליי־דער קען מען מער נישט טראגן, ווייל זיי זיינען מער נישט אין דער מאָ־דע, כאטש זיי מעגן זיין נאך גוט און פון זייד און סאמעט.

— אזוי? — האט ער זיך געוואונדערט, הערנדיק די רייד פון דעם שטאטמלער, וואס האט זיי איבערגעזאגט אזוי, ווי זיין ווייב האט אים אויסגעלערנט — גארנישט צו פארשטיין מיטן שכל, ווא, ווא, ווא...

ער האט דעריבער ארויסגעשיקט געלט אף אויסשטייער, א סך געלט. גאנצע טעג איז זי ארומגעלאפן, די כלה, איבער די פרעמיסלער שניט־קראמען, אנגעקויפט זיידנס, סאמעט, אטלעס, וואלנס. געקויפט האט זי סחורות פארביקע, העלע, אזעלכע ווילדע און שטורמישע ווי זי אליין. וואס די סוחרים האבן נישט געוויזן, האט זי געהייסן אפשניידן. אפילו דינגען זיך האט זי דער מומען נישט געלאזט.

— משוגענע — האט די מומע זיך געבייזערט — וואס בויג דיר אזוי פיל שמאטעס? אן עבירה געלט.

— ב'וויל — האט מלכה'לע געענטפערט.

דערנאך זיינען שניידערס מיט זייערע מאשינען געקומען צו דער מומען אין שטוב און גענייט די חתונה־קליידער אפן ארט. די מייסטערס האבן געגארגלט זיך, געזונגען „יעלות“, נגונים פון „גשם“. די יונגע געזעלן האבן געזונגען דייטשמערישע ליבע־לידער און געווארפן אויגלעך צו דער כלה. דאס קלאפן פון די מאשינען, דאס זינגען די לידער, דאס כסדר־דיקע מעסטן די קליידער, דאס אויסטאן און אנטאן זיך, האט זי מיט

אזא פרייד אָנגעפילט, אַז זי האָט אַזש געכאַפּט די מומע און אויסגע־קושט אירע ביידע באַקן.

— רות, לאָז מיך אָפּ! — האָט די מומע זיך געבעטן — מאַכסט דאָך מיר צייכנס, משוגעת!

אויך די חתונה האָט איר פאַרשאַפט נחת. ווען חתן האָט זי אַפילו קיין איין איינציק מאָל נישט נאָכגעפרעגט, ווי אַזוי ער זעט אויס. אמת, אַז ביי דער ערשטער באַגעגעניש איז שוין געקומען צווישן איר מיטן אַלטן צו רייסענעש. פריער ביים אָפּגאָלן די האָר און שפּעטער, שפּעטער דאָרט אין דער פינסטערער שטוב. ער האָט זיך געבייזערט דער אַלטער. אָך, ווי בייז ער איז געווען! די יאַרמעלקע האָט אַזש ביי אים זיך געהויבן. אָבער דאָס האָט איר נישט קיין האָר געאַרט. פאַרקערט, עס האָט איר נאָך פאַרגעניגן פאַרשאַפט. לאַכן האָט זיך געגלוסט דערפון, שטאַרק לאַכן.

ווען ווייטער, ווען אַ תכלית, האָט זי נישט געטראַכט. איר איז געפעלן דער עסק, דאָס טומלעניש, דאָס קאָכעניש אַרום איר. עס האָט איר געפרייט דאָס שטופּעניש פון די חסידים, דאָס גוידערן פון די אָנגעבלאָזענע מחותנת'טעס, דאָס קלאַפּן פון די קאַפּעלעס, דאָס אַרומטאַנצן אַרום איר, דאָס אַרומשמאַיען.

דער וועג פון קיטעווע קיין ניעשאַווע איז געווען אַ פריילעכער. פון אַלע דערפער זיינען אידן אַרענדאַרן אַנטקעגנגעגאַנגען, ברכות נאָכגעשיקט. בענטשן זיך געלאָזט, קינדערשע קעפּלעך צום בענטשן צום רבי'ן אונטערגעטראָגן און דערפאַר געשאָנקען פלעשער מילך מיט האָניג, אַרענדאַרקעס האָבן מלכה'לען די הענט געכאַפּט קושן.

— חי אַ קעניגין — האָבן זיי איר געזאָגט קאָמפּלימענטן — די שכינה רוט אַף איר...

פון ניעשאַווע איז די גאַנצע שטאָט אַנטקעגנגעקומען חתן־כלה.

אידן האָבן געטאַנצט, ווייבער האָבן מיט לייש־גאָלד־באַפּוצטע האָניג־לעקעכס אַנטקעגנגעשפּרונגען. אינגלעך האָבן ליכט, הבדלות און פאַרביקע לאַמטערנדלעך אַנטקעגנגעטראָגן. מלכה'לען איז אַזאַ ווילדע פרייד באַפאַלן, אַז זי האָט זיך גענומען הוידען אַף דער בריטשקע און פּאַטשן מיט די הענט. די מחותנת'טעס פון חתנ'ס צד האָבן זיך אָנגעבלאָזן, ווי די אינדיקעס, פאַר בושה.

מיט דער זעלבער קינדערשער פרייד, ווי זי האָט קינדווייז געפּראַוועט חתונות, אָנהענגענדיק אַף זיך דער מומעס אַלע שמאַטעס, פיילדערנדיק און טומלענדיק — מיט דער זעלבער שמחה האָט זי איצט געפרייט זיך אַף איר אייגענער חתונה, געקוואָלן פון דער מוזיק, פון די ליכט, פון די קופּערס נייע קליידער, וואָס פאָרן איר נאָך אַף עטלעכע וועגעלעך.

אין הויף האָבן דעם רבינ'ס קינדער, טעכטער, שנורן, אייניקלעך,

קרובות, באַגעגנט אַפֿילו מלכה׳לען מיט שנאה, מיט שטילער פֿײַנטשאַפֿט און קנאה, וואָס האָט אַרויסגעקוקט דורך דער געמאַכטער פֿרײַנטשאַפֿט און חניפֿה. אַלעמאָל איז אַן אַנדערע טאָכטער צוגעגאַנגען צו איר, באַטראַכט אַף איר דאָס צירונג און זיך צוזיפֿצט.

— דער מאַמע׳ס, זכרונה לברכה — האָט זיך אַלעמאָל אַן אַנדער ווײַבעריש פּיסקל פֿאַרקרימט — טראָג געזונטערהייט...

אָבער דאָס איז מלכה׳לען געפֿעלן געוואָרן. זי האָט שוין אין די ערשטע טעג דערשמעקט, אַז מען האָט זיך דאָ פֿײַנט אין הויף, אײנס רעדט אָפּ צווייטן, אַז עס זײַנען פֿאַראַן אין הויף צדדים, טעכטער פֿון פֿאַרשיידענע מאַמעס, שנורן, וואָס אײנע דער אַנדערער פֿאַרגינט נישט, האַסט. [illegible] האָבן זיך אָנגעהויבן אַרום איר שאַרן מענטשן פֿון בײדע צדדים געחנפֿה׳ט, געשיט מיט שטעכווערטלעך, דערציילט סודות און גערעדט לשון־הרע, רכילות. זי האָט גלייך דערשמעקט די מחלוקת, רייסענעש, און דאָס איז איר געווען צום האַרצן. מלכה׳לע מזיק האָט דערשנאַפּט, אַז זי וועט דאָ קענען עפּעס טאָן, פֿאַרדרייען, אָנמאַכן אַ פֿײַער, רודערן און הערשן. די גאַנצע זיבן טעג פֿון די שבע־ברכות, ווי אַ פֿיש אין וואַסער. די מומע איידעלע האָט קיין שום גרונד נישט געהאַט אומרואיק צו זײַן. אומרואיק האָט זי ערשט געקענט זײַן שפּעטער, נאָכדעם ווי זי מיטן מאַן אירן, דעם שטאַמלער, זײַנען צוריק אַהיימגעפֿאָרן.

נאָך די זיבן טעג פֿרייד, טומל, פֿילדערניש, האָבן זיך רואיקע, נודנע טעג אָנגעהויבן. די חסידים זײַנען זיך צופֿאָרן, די קאַפּעליעס זײַנען שטיל געוואָרן, און מלכה׳לע איז מיט זיך אַליין געבליבן, מיט זיך אַליין אין אַ גרויסער שווערער גוט־אידישער שטוב, אין וועלכער עס איז קיין שטיקל פֿאַרפּוצונג נישטאָ, בלויז נאַקעטע ווענט, פֿאַרשטעלט מיט שווערע אַלטמאָדישע שאַפֿעס, פֿולע מיט מילבן־צופֿרעסענע קליידער פֿון דרײַ פֿריערדיקע ווײַבער, וואָס האָבן דאָ געלעבט און געשטאָרבן. די פֿענסטער, גרויסע, פֿיר־שויביקע און נישט געפּוצטע, זײַנען אַרויסגעגאַנגען צום הויף, צום ברודיקן שלעכט־געפּלאַסטערטן פּוסטן הויף. מלכהלע האָט די האַלבע פֿאַרהייגלעך פֿאַנאַנדערגענומען און אַ פּאָר אויגן צו דער שויב צוגעקלעפּט. אָבער ס׳איז גאָרנישט געווען וואָס צו זען, אַ הויז אָפּגעריסענע ווענט, קרומע גאָרנס, געלאַטעטע דעכער, אַ ברונים, וואָס הערט נישט אויף סקריפּען, אַ טשאַפּענדיק חסיד׳ל מיט אַ פֿאַרשמאַלצעוואַטן קאַפּעלאַטש, אַ פֿאַרבלאָנדזשעטע קאַץ. מען זאָל דאָ אַפֿילו אָפּזיצן יאָרן, האָט מלכה׳לע דערפֿילט, וועט מען דאָ קיין אַנדער זאַך נישט זען. איר האָט גלייך אַ בײַנקעניש אַרומגענומען, אַ בײַנקעניש נאָך דער מומעס פֿענסטער אין פּרעמיסלע, דורך וועלכע מען זעט פֿעסטונג־אָפֿיצירן דורכגיין, אַ בײַנקעניש צו עפּעס ווייטס, צום פֿײַפֿן פֿון באַנען, צו שוועבנדע

קאנדוקטארישע רויט־גרינע לאמטערנדלעך אין דער נאכט, צו ווייטסייט, צו בודאפעשט, וואו א מאמע, א שוין פארגעסענע אומבאקאנטע מאמע, איז ערגעץ מיט א פרעמדן קאוואלעריסט פאראן.

אין שטוב איז קיין שפיגל נישט געווען, חלילה. אבער מלכה'לע האט זיך אומעטום געזען, אין די זילבערנע טאצן, פושקעס, וואס זיינען אומעטום געשטאנען אנגעשטעלט, אין צירונג און אויך אין קליינעם שפיגעלע, דאס איינציקע פארמעגן, וואס זי האט פון דער מומעס שטוב דא אהער בגנבה מיטגעבראכט. דער קאפ איז איר געווען קלענער, אפגעגאלט. דאס האט איר א שטאך געטאן אין דער ברוסט, ווי מיט א דין, שארף מעסער.

זי האט זיך אריין א צונג באוויזן.

— מאלפע — האט זי געזאגט צום ווייבל אין קליינעם שפיגעלע.

אבער באלד האט זי פארדוקט דאס שווארצע זיידענע טיכל ביז די ברעמען, ביז די געדיכטע ברעמען, וואס קומען זיך צונויף איבער דער דינער באוועגלעכער נאז. זי האט עטלעכע מינעס אויסגעשניטן און זי איז זיך געפעלן געווארן.

זי האט נאך נישט געוואוסט זיכער, וואס אזוינס זי וועט דא טאן, וואס עס וועט איר נאך אין קאפ איינפאלן. אבער געדיינקט האט זי, אז זי האט א סך צירונג, גאר א סך. אויך קליידער האט זי גענוג, זי האט גענומען דאס צירונג אין דער האנט, עס געוואויגן, געקוקט דערין, געשפיגלט זיך דערמיט, און די בריליאנטענע פייערלעך האבן מיט א סך פרייד אין אירע שווארצע אויגן געפינקלט.

מיט אזא אוצר — האט איר געקייכט אין מוח — קען מען שוין אוועק אין א נאכט, ווען עס וועט נעמען שטארק ציען אהין, צו ווייטקייטן, קיין בודאפעשט.

בלויז פון געדאנק, וואסער פנים אלע וועלן דא האבן צומארגנס, ווען מען וועט געפינען א ליידיקע שטוב, בלויז פון פארשטעלן זיך דער מומעס איינעלע'ס דערשראקן אויסזען און דעם פעטערס שטאמלען, האט זי זיך הויך צולאכט אין דער נאקעטער גוט־אידישער שטוב, אזש די דינסט, א דיקע מארוסענע, נאר פרייליכע מויד, איז געקומען אריינצולויפן.

— אוי, כ'האב זיך אזוי דערשראקן, רבי'צן — האט זי געזאגט, אונטערהאלטנדיק זיך מיט די רויטע צושטאכענע הענט די ווייכע גרויסע ברוסטן.

— פארוואס? — האט מלכה'לע געפרעגט.

— יענע רביצינס, דער רביצן צו לייגנערע יאר — האט די מויד געזאגט — האבן קיינמאל נישט געלאכט. דא לאכט מען דען אמאל?

איר איז פון דער מוידס רייד שטארק אומעטיק געווארן, אין הארץ

איז געווארן קיל און די שטוב האט גענומען שטיקן. די פרעמדע ווייט־קייטן זיינען נעענטער געווארן, געגרופן.

אבער מיט אמאל האט זי א מענטש דערזען אין הויף, א מענטש, וועלכן זי האט קיינמאל נישט ערווארט דא צו באגעגענען. און אין איין אויגנבליק האט זי דערפילט, אז איר ארט איז דא, נישט אין די פרעמדע ווייטקייטן, נאר אין דעם גרויסן אפגעשיילטן הויף, אז אלע אירע בענק־שאפטן זיינען גאר נישט, אז נאר דא איז איר פלאץ, גליק און באשערט־קייט.

נאך אלע כיבודים, סעודות, נאך אלע פארבעטעניש, וואס ווייבער און ווייבלער, מעכטעו און שנירן פון הויף, האבן געמאכט פאר מלכה׳לען דער נייער רבי׳צן און זי מיט א סך איינגעמאכטס, חניפה׳לער, שטעב־ווערטלער און לעקעך מכבד געווען, איז זי צום לעצט איינגעלאדן געווארן צו סערעלען, דעם רבי׳ס יונגסטער טאכטער.

מער ווי אלע, האט סערעלע געזוכט מלכה׳לעס פריינטשאפט. זי האט קיין שום אויסרעכענונגען נישט געהאט, פון קיין פאליטיק נישט געוואוסט. צו יונג, תם׳עוואטע און בלינד איבערגעגעבן צו איר נחום׳טשען איז זי געווען, זי זאל זיך פארשטיין אף אזעלכע זאכן. א שווערע, א גוטמוטיקע איז איר יעדע שנאה און האס געווען פרעמד, יעדע חניפה, קנאה און איבערגעשפיצטקייט ווייט. זי האט בלויז געוואלט האבן א חבר׳טע, א ווייבל אין די זעלבע יארן, ווי יעדער יונג ווייבל נאך דער התונה, וואס האט ליב דעם מאן און קען נישט קיין מענער געזעלשאפט, וויל האבן א נאענטע חבר׳טע, א פריינדין, פאר וועמען זיך אויסצורעדן, פריידן און ליידן אויסצודערציילן און סודות אנטרויען.

זי האט א סך כיבוד אנגעשטעלט, סערעלע, א סך קלאשן מיט קלע־פעדיקע האניג־קיכלעך, איינגעמאכטס בלעטלי וויישניקעס, זאפטן און מאנדלען. זי האט נישט געוואוסט וואס צו ריידן מיט מלכה׳לען, געשעמט זיך, נישט געוואוסט ווי אזוי זיך צו ווענדן צו איר. זי איז געווען פאר איר אי א חבר׳טע כמעט אין די אייגענע יארן, אי עפעס העכערס. די פרוי פון איר טאטן, איר שטיפמוטער. זי האט נישט געקענט פוען׳ן בוי זיך צו זיין מיט איר אף „דו" און אויך נישט געקענט זי „אירצן". צוליב דעם האט זי זיך נישט אויפגעהערט רויטלען, אבער גלאל און ווידער אמאל געשפילט זיך מיט דער פרעמדערס שנירלעך פערל און גערעט צו איר אין דער דריטער פערזאן די זעלבע עטליכע אונזיניקע ווייד:

— אוי ווי מיר, מלכה׳לע פארזוכט גארנישט פון איינגעמאכטס... דער כיבוד מוז אודאי מלכה׳לען נישט שמעקן...

מלכה׳לען איז צוגעגעסן געווארן סיי דאס נאשן, סיי סערעלע׳ס טו־ליען זיך צו איר, סיי אירע עטלעכע ווערטער, וואס זיינען געווען פינקט

אַזוי גודנע און קלעפּיק, ווי די איינגעמאַכטסן און די האָניק־קיכלעך.

זי האָט זיך געזעגנט און גענומען אַרויסגיין. נאָר אין דער טיר האָט זי זיך מיט נחום'טשען, סערעלע'ס מאַן, באַגעגנט. אין דער זעלבער רגע, ווי זי איז אַרויס, איז ער אַריין. ביידע האָבן זיך געוואָלט אויסמיידן, נאָר אַנשטאָט דעם זיך נאָך מער צוזאַמענגעשטויסן. די שבת־צו־נאַכטיקע שטוב ביי סערעלען איז בלויז מיט צוויי ליכט געווען באַלויכטן און מער אין שאָטן ווי אין ליכט געווען פאַרהילט.

אין אַ זיידן־געבּלומטן שלאַפראָק, דורך וועלכן יעדער גליד פון זיין שלאַנקן קערפּער האָט אַרויסגעקוקט, אין אַן איבערגעלייגטן ווייכן ווייסן ראַכמאַניוועקער קאָלנער אַרום ווייכן וואַרעמען ברוינעם האַלז, איז ער געשטאַנען אין דער טיר אַ שלאַנקער, אַ חנ'עוודיקער, אין שבת־צו־נאַכטיקן שאָטן געהילט. קעגנאיבער אים, אין אַ שוואַרץ לאַנג זיידן קלייד, אין אַ שוואַרץ זיידן טיכל ביז די ברעמען, אַ שלאַנקע, אַ דינע, אַ ברוינהויטיקע, איז געשטאַנען מלכה'לע. ביידע זיינען זיי געבליבן צעטומלט אַ וויילע, דערשראָקן, איינער דעם צווייטן האָט געוואָלט אויסמיידן, זאָגן עפּעס, נאָר ביידע האָבן זיי קיין וואָרט נישט געפונען. און מיטאַמאָל האָבן זיך ביידנס בליקן באַגעגנט. צוויי פּאָר אויגן, שוואַרצע, ברענענדיקע, באַגייסטערטע, האָבן אַ לייכט געטאָן איינס אין אַנדערן, אַ ברי געטאָן, אַ ווייע געגעבן מיט היימישקייט, גליק, און פאַרגליווערט געוואָרן, ווי היפּנאָטיזירט.

ראַטעווען האָט געקענט סערעלע. זי האָט נאָר געדאַרפט צוגיין, אַ וואָרט זאָגן, דערציילן איר מאַן, נחום'טשען, אַז דאָס איז מלכה'לע, די יונגע רבי'צן, און ביידע פון דער אומגעריכטער פאַרגליווערונג, פון וועלכער זיי האָבן קיין אויסוועג נישט געהאַט, אַרויסציען. אָבער זי איז געבליבן ווי אַ געליימטע אַפן אָרט. זי האָט געקוקט אַזוי פאַרשטיינערט. געשטאַנען מיט אַזעלכע אַראָפּגעלאָזטע הענט, ווי אַן אָרעמע פרוי, וואָס האָט אַ גלעזערנע כלי אַראָפּגעלאָזט און זי באַטראַכט שטום די שאַרבנס ביי אירע פיס. דער ערשטער האָט נחום'טשע ערוואַכט. מיט אַ פּלוצלונגדיקער באַוועגונג האָט ער זיך אַ לייג אַרויף געטאָן די שמאָלע אינגלערישע האַנט פאַר די אויגן, אָפּגערוקט זיך אַן אַ זייט און פאַרשעמט אַ וואָרט אַרויסגעזאָגט.

— גוט־וואָך — האָט ער געזאָגט שטיל.

דאָס וואָרט האָט מלכה'לען פון איר פאַרגליווערונג אויפגעוועקט און אַ רויטקייט האָט באַגאָסן איר געזיכט פון די געדיכטע ברעמען ביז דעם הויך־צוגעשפּילעטן קראַגן פון איר שוואַרץ זיידן קלייד.

— מאַמע! — האָט זי גערופן אין באַגייסטערונג.

זי איז באַלד גיך געלאָפן אַהיים, ווי מען וואָלט זי געיאָגט, אַ־

באַפרייט זיך פון דעם איינגן צונעשנורעוועטן קלייד, פון אַלע פּישביי־נער און דראָטן. איר ברוסט איז געווען פול מיט גליק, מיט רחמנות און ליבע גלייכצייטיק צו דעם, וואָס זי האָט פּלוצלונג באַגעגנט. צוזאַמען מיט דעם פייער פון אַ מאַן, האָט ער אין איר אַ מוטערלעכע ליבע צו זיך אויפגעוועקט, ווי צו אַ קינד. זי האָט דערפילט אין זיך אַזאַ הייסן באַגער צו דעם אינגל אין זיידענעם געבלומטן שלאָפראָק, ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק ביי דער מומען אין שטוב צו פרעמדע קינדער, ווען מאַמעס פלעגן פון אים אַנטלויפן. איר האָט זיך געוואָלט צערטלען, צו דער ברוסט צו־דריקן, מיט פינגער אין לאָקן קרייזלען, און אָפּפערן זיך, ס׳גאַנצע לעבן אָפּגעבן.

אַ געפיל אַ נייער, אַ נאָך קיינמאָל נישט דורכגעפילטער, האָט איר גאַנצן קערפּער, פון די האָר־וואָרצלען ביז די נעגל פון די פיס־פינגער, אָנ־געפילט: צו צוטוליען צו איר ברוסט אַ קינד, זיינס אַ קינד, וואָס זאָל זיין פּונקט אַזוי חנ׳עוודיק און שיין ווי ער, ווי יענער, וואָס זי האָט אים געזען אַ פרעמדן און אַזאַ נאָענטן צום ערשטן מאָל. דער געפיל איז ביי איר געווען אַזוי שטאַרק, אַזוי שמאַרציק, אַז זי האָט זיך אָפּגערעקט די ברוסט, די יונגע האַרטע און צאַפּלדיק־קליינע ברוסט, און זי מיט ביידע הענט צאַרט אונטערגעהאַלטן, ווי זי וואָלט זויגן אַ נאַר־וואָס געבוירן קינד, וואָס קען נאָך אַליין די מאַמעס ברוסט נישט אָנכאַפּן.

און אויף זיין געלעגער ביי זיך אין שטוב איז געלעגן וואַך נחום׳טשע און געגליט, ווי אין פיבער. אויפן הויף האָבן חסידים געזונגען שפּעט בייי־נאַכט צו דער מלוה־מלכה. עמיצער האָט געשעפּט וואַסער און דער פּלומפּ האָט געסקריפּעט אין דער נאַכט. אָבער נחום׳טשען האָט עס נישט אויפ־געוועקט ווי תמיד. ער האָט עס אַפילו נישט געהערט. ער האָט געזען זי, זי אין דער טיר. אירע ברענענדיקע אויגן האָבן אים געגליט, און ער האָט אויסגעשמעקט אַ האַנט צו סערעלע׳ן און פּלוצלינג זי גענומען צערטלען, צום ערשט זאַנפט, באַלד שטאַרקער און ווילדער.

קיינמאָל האָט נאָך סערעלע אַזוי פיל ליבע פון איר נחום׳טשען נישט געזען ווי אין דער דאָזיקער נאַכט. אין איר גליק האָט זי נישט געהערט, ווי ער רופט זי מיט אַן אַנדער נאָמען.

— מלכה׳לע — האָט ער זי גערופן הייס.

אַכטער קאַפּיטל

נחום'טשע האָט זיך אַריינגעלאָזט אין קבלה. ער האָט געלערנט: — סוד הזיווג תלוי בשלמות — דער סוד פון דער באַהעפטונג הענגט אָפּ פון דער פאָלקאָמענקייט, עס זאָלן זיך ממש באַהעפטן די מענלעכע און ווייבלעכע כוחות, צו ווערן איין לייב. און דער מאַן, דער באַשערטער פון דער מטרניתא, וואַרט מיט לעכצנדיקע אויגן און מיט גרויסער בייגקשאַפט צו דער צייט פון קומען פון דער שיינער און גליוסטיקער, און ער פאַלט צו מיט פרייד צו איר, און ער, האַלזט זי און טוט איר פאַרגעניגן אָן. און נאָך זיינע קושן, וואָס איז די באַהעפטונג פון די גייסטער, און נאָך דער אינערלעכער באַהעפטונג. קומט די אויסערלעכע באַהעפטונג — האַנט צו האַנט, מויל צו מויל, אויג צו אויג. און דער קוש פון ביידע פאַראייניקט זיך אין איין אָטעם. און די עלימתא־דשפירתא, די שיינע יונגפרוי אָן אויגן, וואָס אַלע אַנדערע קענען איר זיינען העסליך און שאָטנדיק, און אַלע מענלעכע און ווייבליכע כוחות אהמען נאָך די ליבשאַפט פון דער מטרניתא און באַהעפטן זיך און פאַראייניקן זיך...

קיין גמרא האָט ער נישט געקענט לערנען. זיין מלמד, ר' פתחיה זווילער, וואָס איז פאַרבליבן אין ניעשאַווער הויף צו לערנען מיט אים, האָט מיט אים זיך אָוועקגעזעצט לערנען שווערע סוגיות, אָבער ער האָט קיין שום זאַך נישט אויפגענומען. די אויגן זיינע האָבן אַפילו די אותיות נישט געזען. געזען האָבן זיי בלויז זי, מלכה'לען. ער האָט זי געזען אין די גרויסע בלעטער פון די ספרים, אין די אויסגעשניצטע לייבן איבערן אָרון־קודש, אין די סאַמעטענע מענטעלעך פון די ספר־תורה'ס, אין פאַרגייענדיקן רויט־פייערדיקן הימל. אַפילו אין דעם גאָלד־אויסגעשטיקטן „יהוה" אויפן „שויתי" האָט ער זי געזען. די בלעטלעך פון די קבלה־ספרים זיינען אים נאָענט געווען, גערעדט צו אים.

ר' פתחיה, דער איד מיט דער שיטערער העלער באָרד, וואָס ווערט קיינמאָל נישט גרוי, האָט נחום'טשען נישט דערקענט. ער איז כסדר געווען פאַרטראַכט, פאַרקלערט, פאַרטאָן ערגעץ. אין מיטן בעסטן לערנען,

בײַם סאַמע שװערסטן געדראַנג, װען מען דאַרף שטאַרק צוליגן קאָפּ, האָט נחום׳טשע מיט אַמאָל אָנגעשטעלט זײַנע אױגן, פֿאַרטראַכט זיך אױף אַ נאַרישקײט, אױף אַ זשומעדיקער פֿליג, אױף אַ קרומען זײַל זון, אױף אַ פֿאַר־בײַפֿליענדיקן פֿױגל, װאָס שלאָגט זיך אָן מיט אַ שפּיץ פֿליגל אין בית־המדרש ־ פֿענסטער.

— נחום׳טשע — האָט ר׳ פּתחיא געזאָגט שטיל — װאָס קוקסטו?

— גאָרנישט — האָט נחום׳טשע געענטפֿערט, װי מען װאָלט אים פֿון שלאָף אױפֿגעװעקט — פֿאַרטראַכט זיך.

ער האָט אָפּטמאָל נישט געװאוסט רעכט, װאו מען האַלט, װי אַ חדר־אינגל. ר׳ פּתחיא האָט געליטן. אַ איד, אַ מרה־שחורה׳ניק, אַ מוסר׳־ניק, װאָס שטענדיק שטײט אים דאָס גיהנום פֿאַר די אױגן, האָט ער גוט געװאוסט, װאָסער גרױסע זינד עס איז אין איבעררײַסן דאָס לערנען צוליב נאַרישקײטן, דאָס אױסבײַטן די הײליקע תורה, װאָס איז אײביק, צוליב זאַכן, װאָס האָבן קײן װערט נישט. ער האָט נישט אײנמאָל דער־צײלט נחום׳טשען װעגן װילנער גאון, װאָס האָט געהאַלטן בײַם לערנען די פֿיס אין קאַלטן װאַסער, אַבי ער זאָל נישט פֿאַרשלאָפֿן װערן, נישט פֿאַרטראַכטן זיך. אַנדערע צדיקים זײַנען געװען, װאָס האָבן זיך די אױגן אױסגעשטאָכן אַבי נישט לאָזן זיך פֿירן פֿון יצר־הרע, װאָס לאָקערט נאָר אױף דעם מענטשנס אױג.

ער האָט זיך נישט געבײזערט, ר׳ פּתחיה. ער האָט געלעבט לױט די מוסר־ספֿרים. ער האָט געשטאַרקט זיך איבער אַלע מענטשלעכע טבע׳ט, געװאױנהײטן, ער האָט געװאוסט, אַז כעס איז אַ מיאוסע מידה, אַז צער־נען איז אַזױ גוט װי דינען די עבודה־זרה. ער האָט אױך געװאוסט, אַז אַ כעסן טאָר קײן מלמד נישט זײַן. פֿון אַלע יאָרן זײַנע, װי נאָר ער איז אַ מלמד געװאָרן, האָט ער זײַנע תלמידים, װיפֿל זײ האָבן אים נישט געפֿײַ־ניקט, קײן קרום װאָרט נישט געזאָגט. ער האָט זײ בלױז מוסר געלערנט. אױף נחום׳טשען האָט ער קײנמאָל, אַפֿילו אין ראַכמאַניװקער הױף, קײן הױך נישט געגעבן, נאָך דערצו איצט, װען ער איז שױן אַ ניעשאַװער אײדעם געװען. ער האָט בלױז פֿון צײַט צו צײַט גענומען פֿאַר אים לײע־נען אַ בלעטל מוסר.

נחומטשען האָט זײַן מלמדס מוסר ביזן מאַרך דורכגענומען. ער האָט געהאַט, ר׳ פּתחיה, אַ שטים, װאָס האָט געשמעקט מיט טרױער, מיט טױט. דורך זײַנע בלאַסע דינע ליפּן, װאָס קוקן אַרױס דורכזיכטיק דורך די פֿאַרבלאָזע הע.ע באָרד און װאָנסן, האָבן די װערטער זײַנע אַרױסגע־גלימשט זיך, װי פֿון אַ קבֿר אַרױס. זײַן פּרק, װאָס ער פֿלעגט לערנען אין הײסע זומערדיקע שבתים נאָכן שלאָף, האָט מיט טרױער אָנגעפֿילט, מיט דער גאַנצער נישטיקײט פֿון נאַרישן לעבן.

מיט דעם זעלבן ניגון האָט ער איצט אָפּט פֿאַר נחום'בשען שטיקער מוסר געלערנט. יעדעס מאָל, ווען נחום'טשע האָט זיך פֿאַרטראַכט, האָט ער געגומען מורמלען:

— רבי חנינא בן חכינאַי אומר, רבי חנינא דער זון פֿון חכינאַי זאָגט, אַז עמיצער כאַפּט זיך אויף ביינאַכט און אַז עמיצער גייט אַליין אין וועג און ער קערט אָפּ זיין האַרץ אַף ליידיקגיין, איז ער זיך שולדיג אין זיין לעבן. רבי יעקב אומר, רבי יעקב האָט געזאָגט, אַז איינער גייט אין וועג און ער רייסט איבער זיין לערנען און ער זאָגט, ווי שיין איז דער בוים, ווי שיין איז דער אַקער, שטייט אַף אים געשריבן, אַז ער איז שולדיק אין זיין לעבן.

נחום'טשע האָט אַ ציטער געטאָן, זיך גענומען שאָקלען, כּדי צו פֿאַרטרייבן יעדן געדאַנק, כּדי אַריינצוטאָן זיך אין דער תורה. ער האָט פֿאַרלייגט די האַנט פֿאַר די אויגן, זיי זאָלן גאָרנישט נישט זען. אָבער וואָס מער ער האָט פֿאַרשטעלט, אַלץ ווייטער האָבן זיי געזען, געזען נאַרישקייטן, פּוסטע זאַכן.

אַפֿן רבי'נס הויף זיינען קיין ביימער נישט געווען. אָבער אַביסל ווייטער, אויסגעלייגט ווי אַף דער האַנד־פֿלאַך, בלויז עטלעכע טריט פֿון הויף, האָבן זיך געצויגן שוואַרצע צעאַקערטע פֿעלדער, אַף וועלכע מען זעט כמעט שטענדיק אַ געבויגענעם פּויער נאָכגיין נאָך זיין פֿערדל און אַקעראַייזן. אַמאָל שטעלט זיך אַ בושל אַוועק אַף איין דינעם רויטן פֿוס, שטייט אַזוי שעה'ן־לאַנג, ווי מען וואָלט אים געדונגען דערצו, און קוקט. פּונקט אַזוי ווי דער בושעל, אָן ציל, אָן צוועק, האָט אויך נחום'טשע געקענט אַזוי אָפּזיצן שעה'ן־לאַנג און קוקן אַף די טאָליקע פֿעלדער, אַף די בעקלעך וואַטע, וואָס ליגן אין הימל און פֿרעגלען זיך אין דער זון.

פֿון אַ זייט, בּאַרג־אַרויף, האָבן זיך געשפּרייט לאָנקעס, גרינע, פֿייכטע, אין וועלכע ס'הערט נישט אויף זשומען, פּייפֿן, גרילצן און קוואַקען. פֿרעש האַלטן אין איין ברומען. דאָס שטילע זשומען האָט אים קיין רגע נישט אָפּגעלאָזן, אין אַלע ביינער אים אַריינגעקראָכן, געצויגן צו זיך, ווי ליבע ציט די נאַכט־פֿליגעלעך. פּונקט אַזוי האָבן אים געצויגן די שטומע באַשעפֿענישן אַף די לאָנקעס. די געלאַטעטע קיה, צוגעבונדענע מיט דעם קאָפּ צום פֿאָדערשטן פֿוס, די גרויסהערנערדיקע ביקעס, וואָס די פּאַסטוכער הייגען זיי אָן אַ פֿלאָקן פֿאַר די פֿיס, זיי איינצוהאַלטן אין לויפֿן, די געפּענטעטע פּויערישע פֿערדלעך מיט די קורצע פֿיס און לאַנגע עקן, די ווייסע טרייסלענדיקע שעפּסעלעך און די סטאַדעס גענז, וואָס לאָזן זיך איבערן טייכל.

הונדערטער מאָל האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך, ער זאָל אַף די אַלע זאַכן נישט קוקן. וואָס איז דען דאָ צו קוקן דערויף? און וויפֿל איז דער

שיעור דאָס צו זען? אָבער ער האָט די אויגן נישט געקענט אָפּרייסן פֿון פֿענסטער. זיי זיינען גאָרנישט מיד געוואָרן צו טונקען זיך אין גרינקייט פֿון די פֿעלדער, אין ווייסקייט פֿון די גענז, אין געלקייט פֿון די פֿעלדבלומען. אַ גוואַלדיקע פֿרייד האָט אים אַרומגענומען, אַן אומפֿאַרשטענדלעכע פֿרייד. אין יעדער פֿלעק זון, וואָס ליגט זיך אַוועק אַף אַ פֿערדישן קאָפּ, אין יעדער וואַסערל, וואָס זילבערט זיך אַרויס פֿון גרינקייט, אין יעדער וואָרימן קיעשן פֿלעק האָט ער פֿלוצלינגדיק גליק דערזען. אַלץ האָט צו אים גערעדט, סודות איינגערוימט, דערציילט וועגן איר, וואָס זיצט דאָרט אין די שטובן, וועגן מלכּה׳לען. אין דעם פּייפֿן פֿון די פּאַסטוכישע פֿלייטלעך, אין דעם קנאַל פֿון זייערע בייטשן, האָט ער איר נאָמען געהערט.

אָפּטמאָל זיינען די באַשעפֿענישן אַף די לאָנקעס אומרואיק געוואָרן, ווילד. מערסטנס נאָך אַ לאַנגן רעגן, ווען די זון הויבט מיטאַמאָל שיינען שטאַרק פֿון איין אָרט צווישן וואָלקנס אַרויס און אַ שאַרפֿער פֿייל־און־בויגן שניידט איבער דעם ברייטן הימל פֿון איין עק ביזן צווייטן. געפּענטעטע קליאַטשעס הירזשען דאַן מיט גרויס בייַנקשאַפֿט, רופֿן אַזוי לאַנג אין דער פֿייכטער אָנגעזאָפּטער לופֿט, ביז אַן אַגער אין אַ שטאַל, וואָס מען לאָזט אים נישט אַרויס צוליב זיין זכר׳שען ווערט מיט די קליאַטשעס, רייסט אויף די פֿאַרשפּאַרטע טיר אין שטאַל און לאָזט זיך אַרויס מיט אַזאַ ווילדקייט צו דער ערשטער געפּענטעטער קליאַטשע, אַז די פּאַסטוכער קענען אים מיט קיינע בייטשן און שטעקנס נישט אָפּטרייבן.

יונגע ביקלעך, וואָס האָבן ביז איצט געשפּילט זיך בלויז אין לויפֿן מיט אַ פֿאַררייסן עקל איבער דער לאָנקע פֿון איין געפֿלאָכטענעם פּלויט ביז אַ צווייטן, דערפֿילן מיטאַמאָל רייפֿקייט און זיי כאַפּן זיך צו זייערע אייגענע מוטערס, ביי וועלכע זיי האָבן אין פֿרילינג ערשט די מילך געזויגן. אַפֿילו די שווערע נישט־געשווירענע צאַפּעס נעמען יאָגן די דערשראָקענע שעפּסעלעך און מעקן מיט פֿאַרביינקטע קולות.

נחום׳טשע ווייסט, אַז ער דאַרף נישט קוקן אַף דעם אַלעם, אַז דערמיט פֿאַראומרייניקט מען די אויגן, דערפֿאַר דאַרף מען פֿאַסטן טעג דערנאָך. ער ווייסט, אַז ער איז שוין נישט קיין אינגל, אַז ער איז אַ מאַן פֿון אַ ווייב. ער פֿאַרלייגט די הענט אַף די אויגן, אָבער דער דראַנג צום פֿייכטן צעפּאַרעטן פֿעלד, וואָס איז אָנגעגליט, איז שטאַרקער פֿון זיין ווייכער האַנט. זיין בלוט צינדט זיך אָן, די אויגן ווערן ביי אים גרעסער, דאָפּלט ברייט און ווייטזיכטיק. ער זעט ביזן רונדן פּיאָלעטענעם גאַרטל, וואָס נעמט אַרום דעם צע׳שרפֿה׳טן הימל.

ער זעט אויך ווי די פּאַסטוכער ווערן אַזוי אומרואיק ווי די בהמות. זיי לאָזן די בהמות קריכן אין פֿרעמדע לאָנקעס, איבער געאַקערטע פֿעל־

דער, און אליין הויבן זיי אן יאגן נאך די פאסטושקעס, דריקן זיי און ווארפן זיי אין די קוסטעס. די שיקסעס אנטלויפן, ווארפן פון זיך אראפ די קליידער און ווארפן זיך אין טייכל אריין שווימען מיט הילכיקע געשרייען און געלעכטערן. און איינע א פאסטוכין, אן עלטערע שיקסע, וואס צוליב איר נארישקייט פאשעט זי נאך אין גענז, כאטש זי וואלט שוין לאנג געמעגט חתונה האבן, דעקט זיך גאר אויף ביזן גארטל און ווייזט איהר וויים לייב דער ארומיקער וועלט.

א גוואלדיקע בייקשאפט נעמט אים ארום, א באגער, וואס ציט אן זיינע אדערן ווי שטריק. זי וואקסט פאר אים אויס, מלכה'לע, אזוי שארף, אזוי קלאר, ווי זי וואלט אים געשטאנען פאר די אויגן. ער האלזט זי, קושט זי, שמרעקט אוים די הענט צו איר, נאר אז זיי געפינען נישט קיין אנהאלט קומט ער צו זיך און ער לויפט אוועק פון פענסטער.

ער האט געליטן, געפילט, אז ער זינדיקט, אז ער זינקט אינגאנצן דא אין דעם הויף. ער האט געוואוסט פון די ספרים, אז זינדיקן אין געדאנק, איז דאס אייגענע ווי זינדיקן באמת. ער האט געוואוסט, אז נישט נאר פאר זינדיקן, נאר אפילו פאר באגערן א פרעמד ווייב איז דער גיהנום צו קליין. נאך דערצו פאר באגערן די פרוי פון אייגענעם שווער, די שטיפמוטער פון זיין אייגן ווייב.

ער האט גענומען לערנען מוסר־ספרים.

און שדים זיינען פאראן — האט ער געלערנט אפן קול — וואס האבן צו טויזנט אויגן פון אלע זייטן און וואס פארפייניקן דעם זינדיקן בלויז מיט קוקן אף דעם מענטש, און פייערן זיינען דא, וואס רופן זיך טויט און פינסטערניש און קלאג און אפגרונט און נאך פיל, און דאס קלענסטע פייער ברייט זעכציק מאל זעכציק שטארקער פון דעם קלענסטן פייער, און דאס געשריי פון די זינדיקע טוט נאך מער ווי פון דעם ברענען, און די בושה איז גרויס, דען דער מענטש האט אוועקגעגעבן פאר איין מינוט נארישן פארגעניגן אזוי פיל יסורים, און דאס שפאטן פון די שדים איז זייער שטארק און דער צער איז גרויס.

א גרויל האט אים ארומגענומען. ער האט זיך די אייגענע הענט באטראכט, די דינע צארטע הענט, וואס קענען קיין ווייטאק נישט פארטראגן, וואס דער מינדסטער צופעליקער שטאך, קלעם אין א פינגער ברענגט צו די גרעסטע שמערצן. ער האט געזען ווי די ווייכע פינגער זיינע מוזן הייסע קוילן שארן, ווי זיי ווערן מיט אנגעגליטע שפיזן אונטער די נעגל געשטאכן. דאס בלוט איז אים פארשטאנען געווארן.

און עס איז געווען א מענטש א גאלדשמיד — האט ער געלערנט — וואס האט תמיד געהאט צו טאן מיט פרויענצימער, דען ער האט פאר זיי צירונג געמאכט, און ווייל ער איז נישט געווען אפגעהיט און ער האט די

ווייבער ביי די הענט גענומען און פערל אף זייערע נאקעטע העלזער אנגעהאנגען, און ווייל די ווייבער האבן צו אים געגלוסט, דען ער איז א שיינער מאן געווען, האט אים לילית גענומען אין אירע הענט, און זי איז געקומען צו אים יעדעס מאל, ווען ער האט זי נאר אין געדאנק גערופן, און א נאקעטע, א גלוסטיקע, האט זי זיך פאר אים געשטעלט, און אף א גילדן בעט האט זי איר גלוסטיק לייב געלייגט, און מיט גלוסטיקע רייד אים גערופן, און ער האט מיט איר געזינדיקט, און זי מטמא געווען. און נאך זיין טויט, רחמנא ליצלן, זיינען מיליאנען שדים אים נאכגעלאפן, און אים מאמע גערופן, דען ער האט זיי געבוירן, און זיין בושה איז געווען נאך ערגער, ווי דאס פייער פון גיהנום, וואס איז זעכציק מאל שטארקער פון אונזער פייער, און זיין צער איז געווען גרויס.

ער האט פארמאכט די אויגן, אויסגעמאלט זיך דעם זינדיקן גאלדשמיד, וואס מיליאנען שדים לויפן נאך נאך זיין לויה און רופן אים מאמע. אבער געזען האט ער גאר זי, לילית, וואס גייט אין זיידנס, טראגט א שווארץ טיכל אפן קאפ ביז די אויגן. אויגן האט זי שווארצע, זיי לייכטן. ער רופט זי און זי קומט צו אים, א גלוסטיקע, א נאקעטע, און אף א גילדן בעט לייגט זי איר גלוסטיק לייב און מיט גלוסטיקע רייד רופט זי אים און ער זינדיקט מיט איר און ער רופט זי מלכהלע, מלכהלע...

נאך מער ווי אין די טעג, זיינען די נעכט זיינע געווען אויסגעפילט מיט איר, מיט דער פרעמדער, וואס דער רבי האט אהער געבראכט.

אין די חלומות זיינע איז זי נישט דאס ווייב פון ניעשאווער רבין געווען, נאר די טאכטער זיינע, די כלה פון אים, נחומטשען. א גרויסע חתונה ווערט געפראוועט, ער זיצט ביים טיש, זאגט א פשטל, דערנאך פארדעקט ער איר פנים מיט אן אטלעסן טיכל. דאס טיכל פאלט אראפ און די ווייבער קרעכצן. דערנאך זיצן זיי אין א באזונדערער שטוב און עסן די גילדענע יויך פון איין שיסעלע, דערנאך נעמען אים צוויי זקנים אונטער די הענט און פירן אים אריין צו איר אין שטוב און זיי פארהאקן הינטער אים די טיר. סערעלע ווידער איז די טאכטער פון פעטער דעם שטאמלער. א קראנקע איז זי. זי שטארבט. דער ניעשאווער ווערט נאר א קברן, ער גראבט פאר איר א קבר מיט א גרויסער לאפאטע. ער. נחומטשע, באוויינט זי. אבער מלכהלע זיין ווייב ווישט אים אויס די אויגן, פונקט ווי זיין מאמע, ווען ער איז א קליין אינגל געווען, און זי זאגט אים, אז א חתן טאר נישט וויינען...

ער האט גענומען פאר יעדן מאל שלאפן־גיין זאגן פארשידענע תפילות, וואס היטן אפ פון בייזע חלומות, באשווערן מלאכים, וואס זיינען געזעצט אפצוהיטן דעם שלאף. אבער די חלומות האבן זיך איבערגעחזרט, כמעט שטענדיק געווען די זעלבע, אף צומארגנס האט ער זיך גע־

פילט שולדיק פאַר סערעלען, געשעמט זיך פאַר איר, ווי זי וואָלט וויסן זיינע נאַכטיקע זעאונגען.

ער האָט געפאַסט, געפייניקט זיך.

סערעלע האָט געליטן. זי האָט פאַר אים די שענסטע פּלעצלעך מיט ציבעלעס אויסגעקליבן, די סאַמע אויסגעבאַקנסטע, מיט מאָן און קימל באַשאָטן, ווי ער האָט ליב געהאַט. אָבער ער האָט נישט געוואָלט עסן.

— כ'האָב אַ שלעכטן חלום געהאַט — האָט ער געזאָגט — איך וויל פאַסטן.

ער איז געוואָרן אויסגעדאַרט, די אויגן זיינען ביי אים דאָפּלט גרויס געוואָרן, גרויס און ברענענדיק, אין ברוין־און־בלויע רעדער געראַמט. סערעלע האָט גענומען מורא האָבן פאַר איר מאַן. זי האָט געוואָלט רעדן מיט אים, אויספרעגן אים, אָבער זי האָט קיין ווערטער נישט געהאַט, נישט געוואוסט ווי אַזוי צו רעדן מיט אים. זי האָט געוואָגט טון אַ זאַך, פאַרוואָס זי האָט זיך אַליין דערשראָקן. זי האָט צו איר שוויגער קיין ראַכמאַניווקע וועגן נחומטשעס פאַסטן אָנגעשריבן. די מוטער זיינע האָט אים אַ לאַנגן לשון־קודש בריוו אָנגעשריבן, געבעטן אים, ער זאָל זיך אָפּהיטן דאָס געזונט, נישט דערוועגן זיך פייניקן. זי האָט אים אויך געשריבן, ער זאָל אַהיימקומען קיין ראַכמאַניווקע, כאָטש עס איז ערשט עטלעכע חדשים נאָך דער חתונה.

— קינד־לעבן — האָט זי פאַרענדיקט אין אידיש, ווי אַלעמאָל, ווען זי האָט געוואָלט אויסגיסן איר מאַמישע צערטלעכקייט — קום צו דער מאַמען דיינער, מיר זאָל זיין פאַר דיין קלענסט ביינדעלע, פאַר דיין מינדסט נעגעלע.

פאַסטן האָט ער טאַקע אויפגעהערט. וואָרום נאָך מער ווי אין די טעג פון עסן, האָט זיין קאָפּ, זיינע געדאַנקען, אין די טעג פון פאַסטן געאַרבעט, אים די זינדיקסטע געשטאַלטן געוויזן. אָבער אַהיימגעפאָרן קיין ראַכמאַניווקע איז ער נישט. פּונקט ווי פריער איז אים אַלץ אין ניעשאַווער הויף געווען מיאוס, האָט אים אַלץ געררייצט, אַזוי איז אים אַלץ דאָ געוואָרן איצט אייגן. נאָענט, די אָפּגעריסענע ווענט, דער סקריפּנ־דיקער פּלומפּ, די שפּיציקע שטיינער, יעדער שויב פון אַ פענסטער, יע־דער קליאַמקע פון אַ טיר. אַלץ איז געווען אַ טייל פון איר. שעהן לאַנג האָט ער געקענט אָפּזיצן ביים פענסטער פון זיין לערן־שטיבל אָפּן גאָרן און קוקן, קוקן אַזוי לאַנג, ביז זי וועט פאַרבייגיין אַמאָל איבערן הויף. פּונקט ווי פריער איז ער קיינמאָל צום שווער זיינעם נישט אריינגעגאַנ־גען, נישט געוואָלט זען אים, אַזוי האָט ער איצט אָפּט גענומען אַריינגיין צו אים לייען אַ ספר, שמועסן אין לערנען, אַבי צו זיין נענטער צו איר.

מלכהלען, צו פילן, אז היגטער דער וואַנט זיצט זי. דאָס אַליין האָט אים אָנגעפילט מיט ציטער.

זי איז שוין שטענדיק אריינגעקומען אין שטוב צום רבין, מלכהלע, ווען נחומטשע איז געקומען. פלוצלונג פלעגט זי דעם רבין שטאַרק־טריי ווערן און אים אַריינטראָגן אַ גלאָז מילך, זיך צו דערכאַפּן דאָס האַרץ. אָדער געבראַכט אים די רפואות, וואָס ער דאַרף נעמען.

— פּאַמעלעך, פּאַמעלעך — האָט דער רבי געזאָגט צערטלעך, אַליין נישט ווינסנדיק, וואָס אַזוינס צו זאָגן — האָסט זיך אַליין מטריח געווען.

נחומטשע האָט אַף איר נישט געקוקט, מורא געהאַט די אויגן אויפֿצוהויבן. דאָס האַרץ האָט כמעט אויפֿגעהערט קלאַפּן ביי אים. אָבער זי האָט אַף אים יאָ געקוקט. ער האָט דאָס געפילט. און אפילו אַזוי נאָענט איז זי נעבן אים פאַרבייגעגאַנגען, אַז זי האָט אים מיט אַ שלעפּ פון קלייד אין די קניען באַרירט, מיט אַ ווינט פון פלינקן דורכשוועבן איבער זיין צעהיצט פּנים אַ ווייע געטון. טעג דערנאָך האָט דאָס אין זיין בלוט ארומגעקרייזט, געברענט און אָנגעפילט דערביי מיט תענוג.

אַמאָל האָט זי אַפילו אין זיין האַנט זיך איינגעקלאַמערט, ביים רבין אין שטוב טאָקע. צופרידן דערפון, וואָס דער איידעם זיינער קומט צו אים שמועסן און לערנען, האָט דער ניעשאַוועד געהייסן מלכהלען, זי זאָל כיבוד פאַר נחומטשען שטעלן, ווין און האָניק־לעקעך. זי האָט דעם כיבוד צוגעטראָגן, נאָר זי האָט זיך איר אין אויפרעגונג אין אייגענעם שלעפּ פון קלייד פאַרטשעפּעט און שיעור נישט געפאַלן. זי האָט פלינק די האַנט אויסגעשטרעקט, געוואָלט זיך אין דער שטול אָנכאַפּן, נאָר אָנגעכאַפּט האָט זי זיך אין זיין האַנט און אַזוי זיך איינגעקלאַמערט אין איר, אַז זי האָט זיך אַ ווײַלע נישט געקענט פון איר אָפּרייסן. פונקט אַזוי פאַרשטיינערט איז נחומטשע געשטאַנען און נישט געטאָן קיין זאַך, איר אַרויסצוהעלפן. ערשט דער רבי איז צו און אומגעשיקט זי ביי דער האַנט אַרויסגעפירט.

— אוי — האָט זי אַ זיפץ געטאָן, אַרויסלאָזנדיק די פלאַש ווײַן פון דער האַנט.

— אַ כפרה דער ווײַן — האָט דער רבי געזאָגט — האָסט דיר גאָר־נישט נישט געטאָן?

זי איז אַנטלאָפן פון שטוב, ווי מען וואָלט זי געטריבן.

גאַנצע אַכט טעג האָט ער זיך ביים שווער זיינעם נישט געוויזן. ער האָט זיך געריבן די האַנט, וואו זי האָט זיך מיט אירע פינגער איינגעקלאַמערט, געוואַשן אַ סך מיט וואַסער, ווי ער וואָלט וועלן דאָס פייער פון דאָרט פאַרלעשן. אָבער אין דער שטיל, אין דער מיט לערנען, אין דער סאַמע מיט מוסר לערנען, האָט ער פלוצלונג גענומען גלעטן צערט־

לעך די אייגענע האַנט זיינע, ווי דאָס וואָלט אַ פרעמדע האַנט געווען. און איינמאָל איר אַפילו אַ פאַרשעמטן קוש געטאָן.

ער האָט ווירעד געגומען גיין צום שווער אין שטוב, געדרייט זיך איבער דעם הויף, אָבי בלויז פאַר דעם פענסטער פון איר שטוב פאַר־בייצוגיין. ער האָט מקנא געווען די שוועלן, וואָס פירן צו איר שטוב, די ווייסע קאַץ, וואָס זיצט פאַר איר טיר. ער האָט אויפגעהערט לערנען מיט דעם מלמד זינעם, ער איז אומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער, ער האָט נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו אים, ער האָט נישט געענטפערט אַף פראַגן, נישט געזען, וואָס עס טוט זיך פאַר די אויגן. איינמאָל האָט ער פאַרגעסן אויסצוגיין שמונה־עשרה אַ צייט לאַנג. אידן האָבן אַף אים געקוקט, געוואַרט, נאָר ער האָט נישט געפילט. ערשט ווען דער חזן האָט שוין מער נישט געקענט וואַרטן און גענומען זאָגן די הויכע שמונה־עשרה, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרטראַכטקייט און אַ פאַר־שעמטער געמאַכט דריי טריט הינטער זיך.

אַ צווייט מאָל האָט ער נישט געהערט, ווי דער שמש רופט אים אויף צו דער ספר־תורה, אַזוי, אַז אידן אין בית־מדרש האָבן אים גענו־מען רופן פון אַלע זייטן:

— ר׳ נחום, שלישי! —

ביים רבינס טיש האָט ער נישט אָנגערופן זיך, ווען מען האָט אים געטיילט ווין, שיריים. און ביים עסן אין שטוב איז ער גאָר געזעסן ווי אַן אַרימער ישיבה־בחור ביי אַ פרעמדן טיש. ער האָט פאַרגעסן צוצו־שיטן זיך זאַלץ, ער האָט געטרונקען טיי אָן צוקער.

סערעלען האָט עפּעס געשראָקן, אָבער זי האָט זיך געשעמט ריידן מיט אים. זי האָט מורא געהאַט, נישט געוואוסט ווי אַזוי אָנצוהויבן. זי האָט קיין ווערטער נישט געהאַט.

— אפשר רופן דעם דאָקטאָר? — האָט זי יעדעס מאָל געפרעגט און יעדעס מאָל געבליבן אָן ענטפער.

אויך אין די נעכט איז ער נישט געווען צו איר אַזוי, ווי ער האָט עס געדאַרפט זיין, לויט די דינים פון די ספרימלעך, וואָס זי האָט אַף אויסנווייניק געקענט.

זי האָט אין די טבילה־נעכט געזאָגט אַלע געבעטן, וואָס זיינען נאָר דאָ, אָבי צו געפינען לייטזעליקייט אין די אויגן פון איר באַשערטן. זי האָט אים מיט אַ סך שטומע אָנצוהערעכישן פון פרומע ווייבער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער מעג זיין נאָענט מיט איר. אָבער קיין שום זאַך איז צו זיינע אויגן נישט דערגאַנגען, האָט צו זיינע אויערן נישט אָנ־געשלאָגן.

און אַמאָל, פּלוצלונג, האָט ער גאָר גענומען זי צערטלען, קושן אַזוי

היים, ליידנשאפטלעך, אַז זי האָט מורא געקריגן פאַר אים. זי איז פון שרעק פאַרשטאַרט געוואָרן און זי האָט גאָרנישט געוואוסט ווי אַזוי צו ענטפערן דערויף. אין אירע ספּרימלעך אין עברי־טייטש איז גאָרנישט געווען וועגן אַזעלכע משונהדיקע פּירונגען. זי האָט געפילט, אַז זי דאַרף זיך מיט עמיצן איבעררעדן וועגן דעם, דורכשמועסן זיך, אַן עצה זיך האַלטן. אָבער זי האָט נישט געהאַט מיט וועמען. דער פאָטער איז גע־ווען פרעמד, ווייט. קיין מוטער האָט זי נישט געהאַט. די שוועסטער זיינען געווען פון אַנדערע מאַמעס, עלטערע אַ סך פון איר, אָפּגעזונ־דערטע.

און זי האָט זיך דעריבער אין מלכהלען אָנגעכאַפּט, פאַרטרויט זיך פאַר איר, סודות דערציילט. מיט רויטע פאַרבן אין די באַקן האָט זי אויסדערציילט איר צער, אומרואיקייט, אַלע נחומטשעס געוואוינהייטן, מאָדנע גיינג און פירעכצן.

קיינער האָט זי נישט אַזוי אויסגעהערט, ווי זי, די דאָזיקע יונגע שטיף־מאַמע אירע, וואָס אַלע אין הויף האָבן זי פיינט געהאַט, געהאַלטן פאַר אַ מרשעת. יעדער וואָרט אירס האָט זי געשלונגען.

— כ'האָב דיך אַזוי ליב, סערעלע — האָט זי איר היים געפּלים־טערט, קושנדיק און האַלדזנדיק — דערצייל, קרויז, ווי פאַר אַ שוועס־טער אַן אייגענע...

נײַנט קאַפּיטל

מלכהלע די יונגע רביצן האָט מער געוואוינט בײַ סערעלען אין שטוב, ווי בײַ זיך. זי פלעגט נאָר אַרײַנגיין צו זיך אָפּעסן און נעכטיקן. דעם איבעריקן טאָג איז זי אָפּגעזעסן בײַ איר שטיף־טאָכטער.

ווי אַמאָל בײַ דעם פעטער אין שטוב, האָט זי דאָ אויך אַלץ איבער־געדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און פיס אַרויף. זי האָט איבערגעשטעלט דאָס מעבל, פאַרפּוצט די פענסטער מיט פאָרהאַנגען, זי האָט אָנגעהאָנגען אַלערליי שמאָכטעס און שמאַטעס, איבערגעהאנגען די קליידער, און אַלץ מיט אַזאַ ברען, מיט אַזאַ קאָכעניש, אַז סערעלע איז געבליבן שטיין ווי אַ גולם אין איר אייגענער שטוב.

— וועסט זען, סערעלע — האָט מלכהלע גערעדט מיט ברען — אַפילו לאַנדשאַפטן וועל איך דיר אויסנייען און אויסהיינגען אויף די ווענט. אַ שפּיגל וועט מען אַרײַנשטעלן...

סערעלע האָט זיך דערשראָקן:

— מלכהלע, וואָס רעדסטו? אין ניעשאַווע טאָר מען נישט אַזעלכע זאַכן... דער טאַטע, זאָל לעבן, וועט זיך דערוויסן...

— זאָל ער זיך דערוויסן — איז מלכהלע נישט נתפעל געוואָרן — עס וועט זײַן אַזוי שיין...

אַז זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט די שטובן, האָט זי זיך גענומען סערעלען אַליין פוצן און איבערמאַכן. זי האָט זיך געביטן מיט איר מיט די קליידער, איבערגעטאָן זיי, געפּוצט זיך און סערעלען, געמאַכט גריי־מאַסן, גענומען דעם שלעפּ אין דער האַנט אַרײַן, ווי עס טוען די דאַמען אין די דײַטשע ראָמאַנען־ביכלעך, געפאָכעט זיך מיט אַ פעכער און נאָר געכאַפּט סערעלען פאַר דער דיקער טאַליע און גענומען מיט איר זיך דרייען אין אַ קאַדריל. זי האָט נישט מיטגעהאָלפן, סערעלע. קיין אַנדער טאַניץ, ווי אַ מצוה־טענצל בײַ אַ רויטער קעשענע־פאַטשיילע, האָט זי נישט געקענט. מלכהלע האָט געשוועבט אין דער לופטן, געדרייט זיך מיט ווילדער גיכקייט, און אַז סערעלען האָט זיך דער קאָפּ פאַרדרייט,

און זי איז געפאַלן, איז איר, מלכהלען, אַזאַ געלעכטער באַפאַלן, אַז מען האָט אירע קולות געהערט איבערן גאַנצן הויף.

סערעלע האָט זיך אין ביידע אַנגעבלאָזענע באַקן, ווי אַן אַלטע אידענע, געקנייפּט.

— מלכהלע, מען טאָר נישט אַזוי לאַכן... נחומטשע וועט נאָך דערהערן...

— ס'וועט אים גאָרנישט שאַדן — האָט מלכהלע געענטפערט און נאָך שטאַרקער געלאַכט.

זי האָט סערעלען אַראָפּגעריסן דעם אַטלאַסענעם טשיפּיק מיט אַלע קאַרשן און בלומען פון קאָפּ און איר אַ זיידן טיכל אָנגעטאָן, מיט שלייפן פאַרפּוצט און מיט שפּילקעס פאַרטשעפּעט. סערעלע האָט מיט אומרו־איקייט געקוקט אַף מלכהלעס משוגעתן, וואָס פּאַסן גאָרנישט פאַרן גיע־שאָווער הויף, אָבער זי איז געווען נישט דרייסט זיך קעגנצושטעלן. זי האָט נישט געוואַגט זאָגן אַ וואָרט קעגן דער געשיקטער מלכהלע. זי האָט זיך בלויז צוגעהאַלטן מיט ביידע הענט דעם געגאָלטן קאָפּ דורך דער צייט, ווען זי איז אין בלויזן קאָפּ געבליבן, ווי אַ פרומער איד, וואָס פאַרלירט די יאַרמעלקע.

— וואָס האַלטסטו זיך צו דעם קאָפּ? — האָט מלכהלע געלאַכט.

— אַ אידישע טאָכטער — האָט סערעלע געלערנט מיט אַ ניגון — טאָר נישט באַווייזן דעם בלויזן קאָפּ אַפילו פאַר די ווענט.

מלכהלע האָט אַפּצו־להכעיס זי געלאָזט שטיין אַזוי און זי האָט געקאָטשעט זיך פון געלעכטער פון אירע טרעפּ.

— ווי אַן אָפּגעשוירענער שעפּס זעסטו אויס — האָט זי זיך מיט איר געדרייצט — מעעע!

זי האָט אַלץ געטאָן, אַבי די סערעלע צו דערצערענען, ביז מאַכן. קריגן זיך האָט סערעלע נישט געקענט, ריידן אויך נישט, בלויז וויינען האָט זי געקענט, וויינען שווער, נאַריש. דעמאָלט פלעגט מלכהלע צו איר צופאַלן, נעמען זי קושן, דריקן, שיער נישט אויפ־עסן, און אַרומטאַנצן אַרום איר. זי האָט איר אַרומגענומען דעם שטערן מיט זיידענע בענדער, אָנגעמאָסטן איר אַלע חתונה־קליידער, דאָס צירונג אָנגעהאַנגען און זיך באַגייסטערט:

— סערעלע, ווי אַ פּרינצעסן וועסטו ביי מיר אויסזען. נחומטשע וועט דיך נישט דערקענען.

— ער קוקט נישט אַף מיר — האָט סערעלע געזאָגט — ער איז פאַרטאָן שטענדיק אין לערנען.

— ער וועט שוין קוקן, וועסט זען — האָט מלכהלע געענטפערט מיט אַ געלעכטער — טו נאָר, וואָס איך וועל דיר הייסן...

זי האט גענומען איינפירן נייע געוואוינהייטן. זי האט געהייסן סערעלען, נישט אריינטראגן איר מאן די טיי צו אים אין גארן, נאר ביי זיך אין שטוב. סערעלע האט מורא געהאט. נאר מלכהלע האט איר באפוילן.

— ביסט א נארעלע — האט זי איר געזאגט — ביי זיי אין ראכמאניווקע פירט מען זיך נישט אזוי צלאפיש, ווי אין ניעשאווע. ביי זיי רעדט מען מיט ווייבער. אז דו ווילסט, נחומטשע זאל דיך ליב האבן, דארפסטו זיך פירן מיט אים ווי ביי זיי אין דערהיים. פאלג מיך!

דאס האט געווירקט. נחומטשע האט זיך נישט קעגנגעשטעלט. מיט אראפגעלאזטע אויגן איז ער אריינגעקומען, געזאגט גאט־העלף, און זיך ביים טיש אוועקגעזעצט. און מלכהלע האט זיך אויך צוגעזעצט צום טיש, טאקע לעבן סערעלען. זי האט זיך מיט איר אין איין זיידן טיכל איינגעהילט, און נחומטשען מיט די אויגן געגעסן.

— אט דא־שטייט איינגעמאכטס — האט זי געזאגט און אים אונטערגערוקט טעצעלעך, ווי א באלעבאסטע — און מאן־קיכלעך זיינען דא...

נחומטשע האט געשוויגן. אין ניעשאווע האט מען מיט קיין ווייבער נישט גערעדט, נישט געזעסן ביי איין טיש. אבער מלכהלע האט שוין אויסגעזוכט אלערליי וועגן, ווי אזוי אריינצוציען אין א שמועס. געבוירן און ערצויגן אין רבישע הויפן, האט זי גוט געקענט אלע שידוכים, קרובהשאפט און יחוס פון די רבישע גאליצישע און רוסישע הויפן, וואס זיינען צווישען זיך געקניפט און געבונדן, און זי האט דורכאויס געוואלט דערגיין די קרובהשאפט צווישן זיך און דעם ראכמאניווקער הויף.

— אויב דער ריזשינער האט זיך משדך געווען מיט דעם קארלינער — האט זי געזאגט מיט גוט־אידישער געניטשאפט — קומט אויס, אז איך מיט נחומטשען זיינען קרובים פון דער מאמעס צד...

סערעלע האט געפלאמט אינגאנצן. זי האט געקוקט אף מלכהלען ווי אף א וואונדער. דאס, וואס זי, אן אייגן ווייב, וואלט בשום אופן נישט געוואגט צו ריידן, רעדט זי, א פרעמדע, אזוי גלייך און אן בושה. אפילו ביים נאמען רופט זי אים — נחומטשע, דאס, וואס זי האט נאך ביז היינט נישט ארויסגעזאגט. און נאך גרעסער איז דער וואונדער, וואס ער, דער מאן אירער, ענטפערט איר. אמת, ער האלט אראפגעלאזט די אויגן, ער ענטפערט האלבע ווערטער, שטילע, אבער ער ענטפערט.

פון דעמאלט אן איז יעדן טאג געשטעלט געווארן טיי, און זי, מלכהלע, איז געווארן דא אין שטוב די באלעבאסטע. זי האט אזוי מיט אליץ געשאפט, סערעלען מיט שליחותן געשיקט, גלייך די שטוב וואלט געווען אירע און סערעלע איר דינסט.

זי האט אפילו אזוי געמאכט, אז תמיד איז איר אויסגעקומען צו

בלייבן אף א ווילע אין שטוב אליין מיט נחומטשען. זי האט גאנץ גוט געוואוסט, אז פון פעטערס שטוב, אז פון רבינס הויף, אז א איד טאר נישט בלייבן אליין מיט קיין פרוי, נאך דערצו מיט א ווייב פון א מאן. אבער דווקא דערפאר האט זי אלץ געטאן, אבי צו בלייבן אליין מיט נחומטשען און קוועלן פון גליק, ווען ער קארטשעט זיך אין בושה און אין פיין.

זי האט שוין שטענדיק געפונען א מיטל ווי אזוי ארויסצושיקן סערעלען פון שטוב. דא האט אויסגעפעלט מאלינע־זאפט, דא האט מען געדארפט ברענגען האניק־לעקעך, וואס שטייט פארשלאסן אין אן אלמער אין הויז. דא איז מלכהלען פלוצלונג קאלט געווארן, און מיט אלע זיס־קייטן, וואס זי האט נאר געקענט ארויסברענגען, האט זי זיך צוגעטו־ליעט צו סערעלען און איר געבעטן:

— סערעלע קרוין, וועסט מיר אויסזוכן א טיכל.

סערעלע האט געוואוסט פון די ספרימלעך, אז מען טאר נישט ארויס־גיין פון שטוב אין אזא פאל, אז סאיז נישט גלייך, אז איר נחומטשע קען דערפאר פאראיבל האבן, וואס מען האט אים געלאזט זיצן אליין, האבן יחוד מיט אן אשת־איש. אבער זי האט זיך נישט געקענט קעגנ־שטעלן. זי האט בכלל נישט געקענט זאגן אנדערש, ווי עמיצער זאגט, נאך דערצו קעגן מלכהלען, דער גרויסשטעטישער, דער קלוגער, און נאך אין קעגנווארט פון איר מאן. זי האט גארנישט נישט געקענט ריידן. א שטומע, א פארלוירענע, איז זי געגאנגען מיט שווערע טריט ארויס אין דער אנדערער שטוב, אדער אין הויז ארויס, וואו די אלמערס שטיין, און געפאלגט, וואס מען האט איר געהייסן.

גיך, געשיקט, האט זי זיך צוגערוקט, מלכהלע, צו נחומטשען. זי האט אים אריינגעשיט צוקער אין דער טיי, צוגעטראגן די טעצעלעך, און אזוי זיך ארומגעדרייט ארום אים, אז זי האט אים באריריט זיין פנים מיט א ווייכן סאמעטענעם גלעט פון אן ארבל, צוגעשפארט אים מיט א פוס צו דער קני, אנגעשטויסן לייכט מיט איר האנט אין זיינער.

— עס ווערט קאלט די טיי, נחומטשע — האט זי געפליסטערט. אויסזינגענדיק זיין נאמען מיט אזוי פיל ליבשאפט און ווארעמקייט, אז אים איז אלץ געפאלן פון די הענט.

אמאל האט ער אפילו דאס גלאז איבערגעקערט. זי האט גענומען מאכן ארדנונג אפן טיש און פארביי זיינע אויערן געשעפטשעט זיין נאמען. זי האט זיך געשפילט מיט זיין פארלוירנקייט, ספעציעל געווארט לעבן אים, כאטש עס האבן זיך שוין געהערט די שארנדע שווערע טריט פון סערעלעס לויזע שיך. ערשט צו דער לעצטער מינוט האט זי אזא פלינקן קעציש שפרונג געטאן, אז סערעלע האט זי געטראפן זיצן פונקט

אזוי אף דעם זעלבן ארט, ווי בעת זי איז ארויס אף א ווײלע.

— סערעלע — האט זי געזאגט — דײן מאן האט איבערגעקערט דאס גלאז. וועסט אים געבן אנדערע טיי.

דאס שפּילן זיך מיט נחומטשען און מיט דער שווערער גוטמוטי־קער סערעלע האט איר אזוי פיל פרייד פארשאפט, אזוי פיל לוסט, אז זי האט מיט יעדן טאג מער, אין סערעלעס קעגנווארט די געשיקטסטע און דין־ראפינירטסטע באציאונגען מיט דעם ברוין־הויטיקן געשניצטן יונ־גערמאנטשיקל אנגעקניפּט. מיט טויזנטער געהיימע וועגן, וואס ווייבער האבן אין זייער רשות ארויסצואווייזן צערטלעכקייטן און פארליבטקייט צו דעם, וואס זיי באגערן, האט זי זיך באנוצט אין אירע אפטע וויזיטן ביי סערעלען אין שטוב, מיט שטומע צערטלעכקייטן, אנצוהערענישן, וואס זיינען פאר דער פארשלאפענער סערעלען געבליבן אומבאמערקט, וואס האבן בלויז געפירט צו אים, דעם עמפּפינדלעכן מאן אירן.

די וויזיטן זיינען איר געווארן ווייניק, און אין איר דרייסטיקייט און לוסט צו ריזיקירן, איז זי ווייטער געגאנגען און געזוכט זיך צו טרעפן מיט אים אויג אף אויג, אויסערן הויז. זי האט שטענדיק געהאלטן אפן אויג זיין לערן־שטיבל אפן גארן. זי האט זיך אויסגעזוכט פארשידענע וועגן און גיינג פארביי זיין פענסטער, אבי צו זען, ווי יעדער מאל גיבן זיך די פארהיינגלעך פון זיין פענסטער א רוק פאנאנדער און א פאר שווארצע אויגן גיבן א ברי פון הינטער דער שויב. זי האט געוואוסט, ווען ער גייט אוועק און ווען ער קומט צוריק. זי האט געוואוסט, אז ער גייט יעדן טאג ארויס צו די פעלדער, שפּאצירט ארום לאנג איבער די וועגן, איבער די בערגלעך, פארביי דעם וואסער. און זי האט אויך גע־נומען מאכן דיזעלבע שפּאצירן פון א צווייטער זייט, אזוי, אז זי זאל אים טרעפן אין וועג.

— נחומטשע — האט זי אים געפליסטערט, פארבייגייענדיק.

ער איז מיט גיכע טריט אוועקגעלאפן אהיים. ער האט אפגעמאכט ביי זיך, ער זאל מער דא נישט גיין, אדער ער זאל זיין מלמד ר׳ פתחיה מיטנעמען און שמועסן מיט אים אין לערנען. אבער צומארגנס איז ער ווידער געגאנגען אליין אין דער זעלבער שעה, אפן זעלבן ארט, אבי צו דערהערן דאס דאזיקע פליסטערנדע ווארט. ביז עס איז געקומען צו דעם, אז ער האט אויפגעהערט ארויסגיין פון הויף.

אין א שפּעטן אלול־טאג, ווען עס איז נאך געווען זייער הייס, ווי אין תמוז, איז ער ארויס הינטער דעם שטעטל, נחומטשע. אף די וועגן האבן זיך ווייסע פעדעם געצויגן אין דער לופט, די ערשטע סימנים פון סוף־זומער, און בושעלס האבן זיך געטראגן פון דארפישן דאך צו דאך. אין די סעדער האבן די צייטיקע עפּל און בארן געגרויטלט זיך פון גרינ־

קייט ארויס. אף די פעלדער האבן פויערים געשניטן היי און אויסגעליינט סטאגעס. די לופט האט געשמעקט, און נחומטשע איז געגאנגען אלץ ווייטער און ווייטער, ביז ער איז ארויס אין וואלד אריין, וואס פירט אוועק ווייט ערגיץ ביז אין די בערג אריין. ער האט זיך צוגעקוקט צו די מוראשקעס־נעסטן, וואס הויבן זיך אונטער די בוימער, ער האט פארריסן דעם קאפ צו די פיקהאלצן, וואס קלאפן מיט די שנאבלען אין די שטאמען פון די בוימער, און ער האט אויך נאכגעקוקט די רויטע און שווארצע וועוויריקעס, וואס שפרינגען איבערגעשראקענע פון בוים צו בוים. ווי מיטאמאל האט א ווינט גענומען דרייען מיט די נאדלען פון די סאסנעס און באלד דערנאך האט א שלאקס־רעגן זיך אראפגעלאזט, א רעגן א שטארקער, א שטורמדיקער, באגלייט מיט דונערן און בליצן, מיט שווערן דונערן און בליצן, ווי נאר עס טרעפן אזעלכע אין די לעצטע הייסע טעג פון א שפעטן זומער.

נחומטשע האט זיך באהאלטן אין א בוים, אין אן אלטן פארטריקנטן בוים, וואס די צייט און די דונערן האבן פון אים דאס איינגעווייד אויסגעריסן. ער האט זיך אריינגעטוליעט אין זיין אויסגעהוילטקייט אריין. ער האט געוואשן די הענט אין רעגן און א ברכה איבער דעם דונער געמאכט. פלוצלונג איז מלכהלע אויסגעוואקסן לעבן בוים א נאסע, א דערשראקענע ,און זי האט זיך אין הוילקייט פון בוים אריינגעשארט, הארט צו אים זיך צוגערוקט.

— נחומטשע — האט זי געזאגט, האלטנדיק זיך די האנט ביים הארץ און אפשאקלענדיק זיך פון נאסקייט — א שלאקס־רעגן האט מיך געטראפן... כ'האב אזוי מורא.

ער האט זי נישט געפרעגט פונוואנען זי קומט דא, ווי אזוי זי קומט דא. ער האט בלויז געפילט, ווי דאס בלוט פון זיין קערפער לויפט אין אים ארום, לויפט פון די האר־ווארצלען ביז די טריט פון די פיס.

א ווײַלע זיינען זיי געשטאנען שווייגנדיק. זיי האבן געקוקט אף די שנירן רעגן, וואס גיסן פון הימל, אף די ריטשקעלעך און וואסערלעך, וואס יאגן אף דער ערד מיט א געפילדער, און זיי האבן געשוויגן. נאר באלד האט ווידער אנגעהויבן דונערן, און ביי יעדן דונער האט מלכהלע אפסניי זיך אנגעכאפט אין נחומטשעס האנט.

— כ'האב מורא — האט זי געזאגט.

נחומטשע האט אויסגערעדט עטלעכע ווערטער.

— מען דארף נישט מורא האבן — האט ער געזאגט — מען דארף זיך וואשן די הענט און מאכן א ברכה.

זי האט אים געפאלגט. זי האט אויסגעשטרעקט די הענט צום רעגן, געשפילט זיך מיטן פליסנדיקן וואסער, וואס פאלט מיט א רעש אף אירע

הייסע הענט, און זי האט זיך געכאפּט דערמאנען, וואסער ברכה מען מאכט איבער א דונער. נאר אין דער רגע האט א בליץ געשפּאלטן די וועלט אף צוויי העלפטן און א צייט אליין ארום באדעקט מיט א גוואלטיקער ליכט. באלד דערנאך איז געקומען א דונער, א שטארקער, לאנגדויערנדיקער דונער, וואס ברעכט זיך אין דער מיט, כדי אויסצוקנאלן באלד נאך הילכיקער און פּארכטיקער, ארויסרופנדיק אן א שיעור ווידער־קולות אין דער שווערער לופט. און מלכהלע האט זיך איינגעקלאמערט אין נחומטשעס האלדז, געדריקט זיך ווי א קינד אין גרויס שרעק און האט זי גערופן, אן ־— גאט אין הימל האט זי געמורמלט — מא־מע!

ער האט זיך ארויסגעריסן. א צווייטער בליץ האט געטאן, א בליץ. וואס האט ווי א ריזיקע פייערדיקע רוט אויסגעזען, גאטס רוט, וואס שמייסט זינדיקע און רשעים. א ציטער־ניש איז אים באפאלן אין דעם אויסגעפוילטן בוים, אין דעם שטורמישן אלול־טאג, נעבן איר, דעם ווייב פון זיין שוועד. ער האט נישט געקוקט אף דעם רעגן, אף די בליצן און ער איז געלאפן. זי האט אים נאכגעשריגן, געבעטן:

— נחומטשע, עס דונערט! כ׳האב מורא.

אין רעגן איז זי אים נאכגעלאפן. נאר ער האט זיך נישט אפּגעשטעלט, געיאגט אהיים.

אז ער איז א נאסער, א דורכגעווייקטער, א דערשראקענער געקומען אין הויף אריין, האבן שוין אידן געדאווענט מנחה און געזאגט דאס קאפּיטל תהילים פון ראש־חודש אלול.

ביינאכט האט ער געגליט פון היץ. סערעלע האט צו אים דעם דאקטאר געבראכט.

אז ער איז געזונט געווארן, איז ער נאך מער שוויינגנדיקער געווארן, ער איז גאר אינגאנצן פון זיין שטיבל אפן גארן נישט ארויס. מלכהלע איז, ווי שטענדיק, געקומען צו סערעלען, געווארט, געוואלט אים זען בלויז, נאר ער האט זיך נישט געוויזן. ער האט נישט געוואלט אריינגיין טרינקען טיי ווי פריער, ער האט אויסגעמיטן די אייגענע שטוב. מלכהלע האט טאג־טעגלעך זיך געלאזט שפּאצירן, געגאנגען אוועק ביזן וואלד. זי האט דעם זעלבן בוים אויסגעהוילטן אויסגעזוכט, באהאלטן זיך דארט און געווארט, געווארט, כאטש זי האט געוואוסט, אז ער וועט נישט קומען.

פאר דער גאנצער צייט פון די ימים־נוראים האט ער זיך קיין איין איינציק מאל נישט געוויזן, קיין איין מאל אפילו צום שווער זיינעם נישט אריינגעקומען.

בלויז צו סערעלען איז ער געווארן נענטער, אייגענער. גערעדט האט ער מיט איר נישט, אבער געפירט האט ער זיך מיט איר, ווי זי האט

עס געוואוסט פון די ספרימלעך, ווי א מאן דארף זיך פירן. מיט רויטע פארבן אין די אנגעבלאזענע באקן האט זי דערציילט דערפון מלכהלען.

— ר'איז גאר אן אנדערער געווארן — האט זי געזאגט — פון דער קראנקייט אן.

מלכהלע האט נישט אפגעלאזט. זי האט אלץ געדרייט זיך פאר זיינע פענסטער, געקומען צו סערעלען אין שטוב. זי האט נאר געווארט, דער פארכטיקער חודש אלול זאל אריבער, אלע יום־טובים, און דעמאלט וועט ער צוריק ווערן דער אייגענער. זי איז געווען זיכער אין דעם. מיט טויזנטער גראנקען אין די נעכט איז זי געווען פול, מיט געדאנקען, ווי אזוי צו דערנענטערן זיך צו אים, צו דעם, צוליב וועמען איר זיצן דא אין ניעשאווער הויף האט א זין.

אבער פון ראכמאנעווקער הויף איז פלוצלונג א ספעציעלער שליח געקומען נאך נחומטשען, אים אהיימצופירן צו די עלטערן.

זיי האבן זיך שוין נישט געקענט דערווארטן אין דער היים אף נחומטשען. אף אלע בריוו פון די עלטערן, ער זאל אהיימקומען, האט ער אן אויסמיידנדן ענטפער געגעבן. און די ראכמאניווקער רביצן האט אריינגערופן צו זיך מאטיע גדול דעם גבאי, זי האט אים געגעבן געלט אף אן אויסלענדישן פאס, אף הוצאות, און זי האט אים אנגעזאגט, ער זאל אן נחומטשען נישט קומען גאר אין הויף אריין..

מאטיע גדול איז געפארן מיט גרויס חשק. זיין שנאה צו די גאליצישע גוטע־אידן איז געווארן אלעמאל שטארקער. ער איז ביי זיך געווען קעגן דעם שידוך, כאטש ער האט וועגן דעם נישט גערעדט. ער האט נאך אויך גוט געדיינקט דעם אפשניט, וואס ער האט געכאפט אף דער דתונה פון ניעשאווערס גבאי, און ער האט געוואלט נחומטשען דעם רבינס ארויסנעמען וואס גיכער פון די קירהשע שרייערס, די פרא־אדמס. ער איז גלייך אראפגעקומען אין הויף אריין קיין ניעשאווע מיט א כעס. א ברוגז, און ער האט גענומען יאגן נחומטשען, ווי עס וואלט געברענט.

— אזוי, אזוי — האט ער געמוסרט דעם רבינס זון, ווי נאר ער האט אים שלום־עליכם אפגעגעבן — אזוי באזעצט מען זיך דאס אין ניעשאווע, אז מ'פארגעסט גאר טאטע־מאמע, דעם ראכמאניווקעס הויף... די רביצן, זאל לעבן, גייט דאך אוים נאך דיר...

אין ניעשאווע האט מען דעם פרעמדן מכבד געווען, געבעטן אים, ער זאל צוווארטן אביסל. אבער ער האט נישט געוואלט הערן. אפילו עסן האט ער נישט געוואלט אין הויף. ער האט זיך ארומגעדרייט מיט ר' פתחיה מלמד, דעם איינציקן ראכמאניווקער, וואס האט זיך דא ארומגעוואלגערט, און ער האט געטריבן:

— גיכער, גיכער, איך אייל זיך.

אין הויף האָט מען גענומען צוגרייטן צו דער נסיעה, באַקן לעקער, קיכלעך, אויסזידן הינער, אַנגיסן פלעשלעך זאַפט, איינגעמאַכטס איינ־פּאַקן אין גלעזער, גלייך מען וואָלט געדאַרפט אַרויסשיקן נחומטשען אַף יענער זייט וועלט. סערעלע האָט זיך געפּאַרעט, געטומלט. זי האָט גע־וואָלט ווייזן איר שוויגער, דער גרויסאַרטיקער רביצן אין רוסלאַנד, אַז אין ניעשאַווע ווייסט מען ווי אַזוי צו באַהאַנדלען אַן איידעם אַף קעסט, און זי האָט אָנגעפּאַקט אַן אַ שיעור עסנוואַרג, נאַשערייען. נאָר מאָטיע גדול האָט גאָרנישט געלאָזט מיטנעמען.

— מען דאַרף נישט, נישט נויטיק — האָט ער געזאָגט מיט כעס — איך האָב אַליין מיטגעבראַכט פון ראַכמאַניוווקע, געלויבט צו גאָט...

דערפאַר האָט ער געהייסן אַלע מלבושים און וועש איינפּאַקן, אַלע פוטערס אַפילו.

— וועסט זיי דאַרפן, נחומטשע — האָט ער געזאָגט מיט אַ מיין — די רביצן, זאָל לעבן, וועט דיך נישט לאָזן אַזוי גיך צוריקפאָרן קיין ניע־שאַווע. ס'ברענט נישט...

אויך ר' פּתחיה מלמד האָט ער מיטגענומען מיט זיך.

סערעלע איז אומגעגאַנגען מיט פולע אויגן טרערן. די שוועסטער אירע, וואָס אַזוי זען זיי איר כמעט נישט, האַלטן זיך פונדערווייטנס, האָבן זי גענומען איצט עסן, פאַרוואָס די שוויגער האָט זי נישט איינ־געלאַדן צוזאַמען מיט נחומטשען קיין ראַכמאַניוווקע.

— ספּאַסט איר נישט, דער פריצהטע — האָבן זיי גערעדט מיט גאַל.

זי האָט געוואָלט פרעגן בײַ נחומטשען, ווען ער וועט קומען, זי האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז זי וועט בענקען נאָך אים, ער זאָל איר שרײַבן בריוו. נאָר זי האָט זיך געשעמט, נישט געוואָגט, נישט גע־וואוסט ווי אַזוי אָנצוהייבן. נאָכדעם ווי ער האָט זיך געזעגנט, נחומטשע, מיט דעם שווער, מיט די שוואָגערס, האָט ער זיך אויך געזעגנט מיט סערעלען. אַן איין וואָרט אויסצורעדן, אָן דער האַנט זיך צו דערלאַנגען, האָבן זיי זיך געזעגנט שטום, אַפילו בײַ די נעמען זיך נישט אָנגערופן.

— זײַ געזונט! — האָט נחומטשע געזאָגט בײַ דער טיר.

— פאָר געזונט! — האָט סערעלע געענטפערט אַ פאַרשעמטע, אַ רויטע — זאָלסט זיך גוט אַרומהילן דעם האַלדז, זאָלסט זיך, חלילה נישט פאַרקילן...

אויך מיט מלכהלען האָט ער זיך אַזוי געזעגנט, שטיל די ווערטער אַרויסגערעדט, נישט אויפהויבנדיק די אויגן פון דער ערד.

זי איז אַזוי פאַרשטיינערט געווען, די סערעלע, אַז זי האָט נישט געוואוסט, אַז זי דאַרף באַגלייטן דעם אַפּפאָרנדיקן מאַן אירן. ערשט

מלכהלע האָט זי גענומען פאַר דער האַנט און אַ ריס געטאָן מיט זיך.

— קום, מיר וועלן ארויסגיין מיטן וועג אַ שטיקל.

זי איז מיטגעגאַנגען און געקוקט אַף דער באַלעגאַלעשער בריטשקע, וואָס שלעפּט זיך איבער די בלאָטעס, און אַף דער שמאָלער זיידענער פּלייצע פון נחומטשען, וואָס דערווייטערט זיך אַלץ מער. זי האָט איר פעסט געהאַלטן פאַר דער האַנט, מלכהלע, אַז זי האָט קוים געקענט מיטה׳זלטן מיט איר פלינקן גאַנג.

ערשט ווען די פערד זיינען ארויס אַפן שאָסע און גענומען גיך לויפן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַלץ אין שטויב געהילט, האָט זיך מלכהלע, אַ מידע, אוועקגעזעצט אַף אַ שטיין, וואָס ליגט אין וועג, און זי האָט זיך הויך צעוויינט.

סערעלע איז געשטאַנען אַ פאַרגלאָצטע, אַן איבערראַשטע, און ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך אזוינס מיט דער מלכהלען. ענדלעך איז איר געקומען אַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין, אַ ווייבערשער געדאַנק און זי האָט זיך צוגעבויגן צו מלכהלען און איר געפרעגט:

— מלכהלע, אפשר ביסטו פאַרגאַנגען אין טראָגן? שעם זיך נישט, מלכהלע, דער טאַטע זאָל לעבן, וועט זיך זייער פרייען...

מלכהלע האָט אין מיטן וויינען זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. זי האָט געלאַכט הויך, לאַנג, היסטעריש, גאַרנישט זיך איינצוהאַלטן.

— מאַמעלעך — האָט זי געריפן, און ווידער אין אַ נייעם געלעכ־טער אויסגעבראָכן.

צענט קאַפּיטל

שווערע טעג, פֿול מיט פּיין, אומרו און פֿאַרצווייפֿלונג, האָבן זיך אָנגעהויבן פֿאַר מלכהלען אין ניעשאַווער הויף, טעג אָן אַ זין.

בײַטאָג איז זי געזעסן בײַ סערעלען. אָבער אַמאָל און ווידער אַמאָל געגעסן אירע קלעפּיקע אײַנגעמאַכטסן, געהערט די זעלבע שווערע רייד אירע. אָבער דאָס זיצן האָט קיין טעם נישט געהאַט איצט. איין מאָל אין וואָך פֿלעגט פֿון נחומטשען אַ בריוו פֿון ראַכמאַניווקע אָנקומען. סערעלע האָט אים געגעבן מלכהלען איבערצולייענען. מאָגערע זײַנען געווען די בריוו פֿון עטלעכע ווערטער בלויז, וועגן געזונט און גרוסן פֿאַר אַלע. אָבער מלכהלע פֿלעגט זיך צוכאַפּן מיט גרוים ברען צו די דאָזיקע קאַרגע בריוולעך. צענדליקער מאָל האָט זי זיי געלייענט.

נאָך מער באַשעפֿטיקט איז זי געווען בײַם שרײַבן בריוו פֿאַר סערעלען צו נחומטשען. סערעלע האָט זיך שטאַרק געוואָלט אויספּײַנען פֿאַר איר גרויסאַרטיקער שוויגער, ווײַזן איר, אַז זי איז נישט אַזאַ נאַרישע, ווי זי האַלט זי. קיין גרויסע שרײַבערן איז זי נישט געווען. אויסערדעם, וואָס דאָס כתב אירס איז געווען אומגעלומפּערט, קרום, קאָטשערעס און לאַפּעטעס, פּונקט ווי דאָס כתב פֿון איר טאַטן, האָט זי אויך צו קיין שום זאַך זיך נישט געקענט דערטראַכטן. פֿון ווײַבערישן לערער אירן, דעם לעמבערגער איד, וואָס האָט זי געלערנט אַמאָל פֿון אַ דייטשמערישן בריוונשטעלער שרײַבן אַ שורה־גריזל און אונטערשרײַבען זיך אויף לשון־קודש „ממני שרה סערל בת הרב הקדוש מניעשאַווע“, האָט זי זיך מער גאָרנישט אויסגעלערנט: און מלכהלע האָט פֿאַר איר געשריבן די בריוו.

לאַנגע בריוו האָט זי געשריבן, מלכהלע, בריוו, וואָס זי האָט אין אירע נעכט צוזאַמענגעשטעלט אין די געדאַנקען, בריוו פֿול מיט אײַדעלע אָנצוהערענישן וועגן בענקשאַפֿט, וועגן איבערגעבנקייט, באַהאַלטענער ליבע. איר גאַנץ לעבן האָט זי אין די פֿרעמדע בריוו אַרײַנגעלייגט. סערעלע האָט די בריוו איבערגעשריבן מיט אירע קאָטשערעס און לאַפּעטעס. וואָס מער זי האָט זיך באַמיט צו שרײַבן שיין, אַלץ מער פֿלעקן

און קלעקן האט זי געמאכט. מלכהלע האט איר פארריכט, צונעשריבן, אויסגעמעקט, און דערנאך זיינען זיי ביידע געגאנגען צו דער פאסט און מיט קלאפנדיקע הערצער דעם בריוו אריינגעלאזט אין קעסטל.

אין די טרוקענע טעג איז זי ארומגעגאנגען, מלכהלע, איבער די וועגן, איבער די זעלבע פעלדער, וואו זי פלעגט זיך מיט נחומטשען באגעגענען. אבער באלד האבן זיך אנגעהויבן טעג שווערע, נאסע, ווען דער הימל הייננט איבער דער וועלט ווי א נאסע שמאטע, די וועלקנדיקע בוימער הערן נישט אויף רוישן און וויינען, און די שווארצע ערד איז אזוי ווייך, אז ווייבער טוען שטיוול אן. אין הויף איז פוסט. איבער די שלעכטע וועטערן קומען ווייניק חסידים. אליץ איז איינגעהילט אין נעפל, קויט, פייכטקייט. בלויז פארבלאנדזשעטע, אויסגעשמירטע חזירים שארן זיך איבערן הויף, קראצן זיך אין די ווענט און כריוקען מיאוס. די טעג ווערן קלענער און קלענער. איידער מען קוקט זיך אום, איז נאכט. און די ליכט און די טונקעלע נאכט־לאמפן ווארפן מער שאטן ווי ליכט. און מלכהלע איז ארומגעגאנגען א פרעמדע, א פארלוירענע, א צארנדיקע, ווי א חיה אין א שטייג.

דער ניעשאוועד האט איצט צו איר מער ליבשאפט און געטרייקייט ארויסגעוויזן ווי ביז איצט.

פריי פון יום־טובים, פון חסידים, האט ער זיך פרי געלייגט שלאפן. פון די פייכטקייטן און רעגנס האט ער דערפילט שמערצן אין זיינע אלטע ביינער, קאלטקייט, און ער האט געוואלט אביסל נחת געפינען ביי דעם פערטן ווייב זיינעם, וואס ער האט אף אזוי פיל זיך געלאזט קאסטן, א פארמעגן געפטרט.

— נו — האט ער געזאגט, געגעצנדיק נאך דעם קריאת־שמע לייענען — ווינטער דארף מען גיין פרי שלאפן.

זי האט אים נישט געענטפערט. זי איז אריינגעגאנגען צו זיך אין שטוב און זיך אוועקגעזעצט אליין אין דער שטיל, צוהערנדיק זיך מיט הנאה צו זיינע שווערע קרעכצן און אויקען.

זי האט אים פיינט געהאט. פונקט ווי נחומטשע האט, אין זיין באגער צו מלכהלען, זיין ווייב נישט געהאסט, פארקערט, ווי יעדער מאן, וואס האט ליב א פרעמדע, האט ער זיך פאר זיין ווייב געפילט שולדיק, זינדיק, מיטלייד געהאט צו איר און איר זיין גרויסע ליבע ארוסגעוויזן. — אזוי האט מלכהלע, ווי יעדער פרוי, וואס האט ליב אן אנדערן, איר מאן געהאסט, פיינט געהאט, גאר קיין רחמנות, מיטלייד צו אים נישט געפילט.

זי האט זיך אויסגעבעט אין אן אנדער חדר, אנטלאפן פון אים. אין מיטן דער נאכט האט זי גאר גענומען דאס בעטגעוואנט פון איר בעט,

אויסגעלייגט עס אויף דער ערד און זיך איבערגעדעקט מיט דער פּערנע איבערן קאָפּ.

דער ניעשאַווער האָט געפילט, ווי זיין האַריק האַרץ הערט אויף צו שלאָגן, דאָס לעבן שטעלט זיך אָפּ פון צער.

— מלכהלע — האָט ער גערופן מיט אַ פאַרדומפּן קול — מלכהלע. עס איז נישט דער שטייגער אַזוי צו ליגן אויף דער ערד. וועסט זיך נאָך פאַרקילן...

דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געקענט זאָגן. קיין אַנדערע ווערטער האָט ער פאַר איר נישט געפונען.

זי האָט זיך צו אים נישט אָפּגערופן.

אָפטמאָל האָט זי גאָר חוזק געמאַכט פון אים, געררייצט אים, געערגערט. און דערנאָך, ווען ער איז שוין געווען אַ מידער, אַ דערשלאָגענער, פון די פיס געפאַלן, האָט זי זיך דערנענטערט צו אים, כדי חוזק צו מאַכן פון זיין אַלטקייט, דערנידעריקן אים. ער האָט אויסגעזען זייער נישטיק, דער דאָזיקער אַלטער מאַן, וועלכן טויזנטער מענטשן פאַרהייליקן, זוכן זיין הילף, זייער קאָמיש און נישטיק מיט זיינע צעפּלאָסענע פּיאות, מיט זיין גאַנצער שווערקייט און פעט־לייביקייט. ער איז ענלעך געווען צו די שטיינערנע פיגורן מיט די ציגענע פיס, וואָס זי, מלכהלע, פלעגט זען אין פרעמיסלער שטאָט־גאָרטן. פון דעם געדאַנק האָט זי זיך הויך פאַנאַנדערגעלאַכט.

ער איז געווען פאַרצווייפלט, דער רבי. ער האָט אַלץ איבערגעלייגט אין זיין קאָפּ און בשום אופן נישט געקענט דערגיין, וואָס אַזוינס זי וויל. ער האָט איר אַזוי פיל כבוד אָנגעטאָן, אַ מיידל אָן אַ קרייצער נדן גענומען, באַקליידט און באַנייט, צירונג אַ סך געגעבן, פאַר ניעשאַווער רביצין געמאַכט. וואָס נאָך וויל זי? נאָך לאַנגע טראַכטענישן האָט ער זיך דערקלערט, אַז זי וויל אודאי זיך פאַרזיכערן. אַ יונגע, אַ נאַרישע, האָט זי מורא, אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, נאָך זיין פּטירה, וועלן זי די יורשים פון הויף נישט מקרב זיין, אַרויסטרייבן זי אָן קיין שום טענה־ומענה. דאָס איז עס — איז אים ליכטיק געוואָרן אין קאָפּ — און זי איז אפשר טאַקע גערעכט אויך: ווארום די קינדער זיינע וואַרטן נאָר אויף דער רביסטווע. נישט קיין געטרייע קינדער. אודאי אַזוי, מיינט זי דאָס — איז ער געווען ביי זיך זיכער — זי וויל, מען זאָל זי פאַרזיכערן, אָפּשרייבן איר אַ חלק פון הויף, געלט. דערפאַר איז זי דאָס ברוגז, דערפאַר איז זי אַזוי שלעכט צו אים. אַ נקבה אַ יונגע, שעמט זי זיך צו זאָגן אים.

דאָס האָט אים אַזוי די אויגן געעפנט, אַז גלייך האָט ער גערופן צו זיך דעם גבאי ישראל אביגדור און אים געשיקט נאָך דעם שטעטלשן,

נאטאר. שעהן לאנג איז ער מיט דעם גוי אפגעזעסן. ער האט געלאזט פארשרייבן אף זיין פערט ווייב א טייל הויז, צירונג, געלט א סך. דער־נאך האט ער מיט ישראל אביגדורן גענומען בראנפן און לעקעך, און ער איז געווען זייער אויפגערוימט.

— געלויבט דער אויבערשטער — האט ער געברומט מיט שמחה א סך מאל, פול מיט בטחון.

דאס מאל איז ער זייער פרי געגאנגען שלאפן. ער האט לאנג קריאת שמע געזאגט, עטלעכע זייטיקע תפילות אויך, און ער האט געשמייכלט צו מלכהלען מיט דער גאנצער געדיכטער האריקייט זיינער. אלע גע־קרייזלטע האר פון זיין באַרד און וואנסן, ברעמען, אויערן און נאז האבן געקוואלן.

— מלכהלע — האט ער געזאגט — ביסט ,ברוך השם, א נגידית, א שיינע נגידית...

אבער מלכהלע האט זיך דערפון נישט געמאכט. פאר קיין איין קרייצער דאנקבארקייט האט זי אים פאר זיין גרויס גוטס נישט אפגע־צאלט. ער איז געווען פארצווייפלט.

ערגער פון אלץ איז געווען דאס, וואס ער האט מיט קיינעם נישט געקענט ריידן וועגן דעם, קיינעם וועגן זיין צער נישט געקענט דער־ציילן, קיינעם קיין עצה נישט געקענט פרעגן. ער, וואס האט אזויפיל מענטשן עצות געגעבן, איז געווען איצט עלנט, אליין, איינער אליין צווישן אלע זיינע קינדער, נאענטע, טויזנטער חסידים, איינער אליין מיט זיין בושה, ווייטיק און הילפלאזיקייט קעגן דער ארימער יתומה, וואס ער האט אזוי גליקלעך געמאכט.

— א נישט־גוטס זיצט אין איר — האט ער צו זיך אליין געברומט.

ער האט דעם אפעטיט פארלוירן, ניט געקענט שלאפן. אפילו די צי־גארן האבן אים ניט געשמעקט. א חוץ ביטערקייט האט ער אין זיי גארניט נישט געפילט. ער האט זיך גענומען דאקטערן, גיין אין קאלטע מקוות, שלינגען פילן, כדי צו פארגעסן אין זיין אומגליק, איז ער איבער דער וועלט געפארן, געלט ביי חסידים זאמלען. ער האט א סך געלט גע־זאמלט, געפאדערט, שטרייננ געווען צו די געבער. אין געלט האט ער זיין ווייטיק פארגעסן.

און פאר מלכהלען האבן זיך געצויגן טעג לאנגווייליקע, אומזיניקע. טעג פול מיט אומעט און פוסטקייט. זייער לאנג און אויסזיכטלאז זיינען געווען די נעכט, די לאנגע ווינטער־נעכט. אין די וועגט האט געקנאקט, די געפרוירענע פענסטער האבן געסקריפעט פון פראסט. זי איז געלעגן וואך, גארנישט, אפילו אף קיין איין מינוט, די אויגן צו שליסן. זי האט דאס קישן געביסן, געוויינט, געוויינט פון שטארקער בייגקשאפט און

באַגער, צו דעם, וואָס איז איצט אַזוי ווייט, ערגעץ אין יענער זייט גרענעץ. אַ ווײַלע פֿלעגט זי זיך אים פֿאָרשטעלן אין געדאַנק, מיט איין פֿאַרמאַכט אויג, אַרויסרופֿן זײַן געזיכט, זײַן דינעם געשניצטן קערפּער. זי האָט אַזוי קלאָר אים דערזען, אַז זי האָט גענומען קושן דאָס קישן. וואָס האָט בײַ איר זײַן פּנים אָנגענומען.

באַלד איז זי אַרײַן אין כּעס אַף אים, וואָס ער האָט זי איבערגעלאָזט אַליין אין איר בענקשאַפֿט, און זי האָט אים געהאַסט, די פּוסטן געבילט. אויך אין די חלומות האָט זי אים געזען, אין אירע העפֿטעריען, אין די ביכלעך, וואָס זי האָט בגנבֿה געליִיענט. אָבער זינלעכער, גלוסטיקער פֿון נחומטשען, נישט פֿאַרשאַרפֿט דעם מוח פֿון לערנען, נישט אויסגעאייִדלט פֿון ספֿרים, קבלה, איז איר דראַנג געווען אַ קרעפֿטיקערער. אַ מגושמדיקער, וואָס לאָזט זיך נישט פֿאַרדעקן מיט חלומות, וואָס לאָזט זיך נישט פֿאַרבײַטן מיט געדאַנקען. אַ פֿײַער האָט געברענט אין אירע בלוטן און געזוכט זיך צו לעשן.

געווען נעכט פֿון וואָרטן. מיט אָפֿענע אויערן האָט זי זיך צוגעהערט צו יעדן שאָרך, וואָס קומט פֿון דער שטילקייט, צו יעדן קלאַנג, מיט וועלכע די נעכט זײַנען אַזוי פֿול. זי האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דער, אַף וועמען זי וואַרט, וועט דאָ נישט קומען, אַז ער איז ערגעץ ווײַט ווײַט. אַז קיינער וועט דאָ נישט קומען אין דעם ראָזיקן שרעקלעכן הויף. דאָך איז זי געלעגן מיט אָפֿענע אויגן און יעדן קלאַנג, יעדן שאָרך אויפֿגעכאַפּט. זי האָט געוואַרט ווי אַף אַ נס.

געווען נעכט פֿון צאָרן. אַ ווילדער צאָרן האָט זי אַרומגענומען, אַף דעם הויף, אַף דער מומע, וואָס האָט זי דאָ פֿאַרקויפֿט, אַף דער מוטער, וואָס זיצט ערגעץ אין דער פֿרעמדער מיט אַ פֿרעמדן מאַן, אַף אַלע באַקאַנטע, אַפֿילו אַף אים, נחומטשען, וואָס איז אַזוי טויב צו אירע רופֿן. זי האָט אין כּעס אַראָפּגעריסן פֿון וואַנט דעם אַלטמאָדישן זייגער, דעם שונא פֿון שלאָפֿלאָזע, וואָס הערט נישט אויף צו קלאַפּן זײַן אייביק נודנעם קלאַפּן און וואָס פֿון איין קלונג זײַנעם ביז דעם צווייטן דויערן נישט שהען, נאָר אייביקייטן. זי האָט צעריסן די עטלעכע דײַטשע ביכלעך אירע, וואָס זי האָט שוין צענדליקער מאָל דורכגעליִיענט. מיט נעוואַלטיקן האָס האָט זי געריסן די גלאַטיקע בלעטלעך מיט די גאָטישע בוכשטאַבן, די אויסגעמאָלטע דזשענטלמענער אין צילינדערס און די דאַמען אין די שפּיצן.

געווען נעכט פֿון מיטלייד, פֿון רחמנות צו זיך אַליין. אין מיטן נאַכט איז זי אַרויס פֿון בעט, זי האָט זיך די טײַערסטע קליידער אָנגעטאָן, די שענסטע צירונג אַף זיך אָנגעהאָנגען און אַליין זיך לאַנג באַוואונדערט. קיין שפּיגל איז אין שטוב נישט געווען, בלויז אַ קליין שפּיגעלע. זי

האט פארהויבן דעם שלעפ, אליין טאנצן געגאנגען, טאנצן גיך, שנעל. ביז דער קאפ האט זיך איר פארדרייט און אזוי, אין די קליידער, האט זי זיך אין בעט ארייגעווארפן און אליין זיך באוויינט, מיט הארץ, אפן גאנצן קול.

אמאל האט זי די פענסטער געעפנט. אין בלויזן העמד האט זי זיך ביים אפענעם פענסטער אוועקגעזעצט און געקוקט מיט גרויסע אויגן אף דעם ווייסן אנגעשאטענעם שניי, וואס ליגט באלויכטן פון דער לבנה. זי האט זיך געוואלט פארקילן, שטארבן.

זי האט גענומען פארשטעלן זיך די אלע דריי פריערדיקע ווייבער. וואס האבן דא אמאל געלעבט און געשטארבן, וואס זיינען אפשר דא אמאל געלעגן אזעלכע טרויעריקע און איינזאמע, ווי זי. זי האט זיך אליין דערזען א טויטע, מענטשן גייען נאך נאך איר לויה. אויך נחומטשע גייט נאך. אירע קליידער בלייבן אין די שאפעס, צוזאמען מיט די קליידער פון די פריערדיקע ווייבער. מילבן פרעסן זיי.

דאס האט איר מיט א ווייטיק ארומגענומען, מיט אזא שארפן שמערץ, אז זי איז צוגעלאפן צו די שאפעס, זי האט אלע מילב־צעפרעסענע קליידער פון די פריערדיקע ווייבער ארויסגעווארפן און צעריסן זיי, געפליקט גיך, גיך, ווי זי וואלט אין פרעמדע האר פון א פרוי א־שונא געריסן.

זי האט אף זיך אליין גרוים רחמנות געקראגן, מיטלייד אף איר יונג לייב. זי האט זיך אינגאנצן נאקעט אויסגעטאן, זי האט זיך די שלאנקע פיס געצערטלט, די פארונדיקייטן פון די אקסלען, די יונגע שטייפע קליינע ברוסטן, יעדער ווארצעלע באזונדער. טרערן האבן זיך פון אירע אויגן געגאסן.

זי האט גענומען שלאפן ביי סערעלען, מיט איר אין איין בעט.

זי האט נישט אויפגעהערט ריידן, שושקען, פלוידערן, מיטאמאל דריקן זי, האלדזן און קושן, פליסטערנדיק דערביי, ווי אמאל, ווען זי פלעגט קינדער אזוי באפאלן:

— סערעלע, כ'וועל דיר אויפעסן.

סערעלע האט זיך געשראקן פאר איר.

אמאל האט זי די דינסט ארייגענומען צו זיך צו שלאפן. זי האט איר קיין רגע נישט געלאזט די אויגן צומאכן. דא האט זי איר אוועקגעשאנקען א קלייד, און נישט אנדערש געוואלט, נאר זי זאל עס אין מיטן דער נאכט אנטאן. דא האט זי איר גענומען אויספרעגן, צי זי האט שוין אמאל א חתן געהאט. און דא פלעגט זי איר גאר כאפן פאר דער טאליע און דרייען זיך מיט איר אין א ראד.

די מויד מיט די גרויסע צעווירענע בריסטן האט נישט געוואגט

זיך צו דערנענטערן צו דער רביצן, נאָר מלכהלע האָט זי גענומען מיט געוואַלט.

איינמאָל האָט זי אַפּילו אַרויסגענומען דעם רבינס מלבושים פֿון שאַפֿע, זי האָט זיך אין זיין וואַטענעם שלאָפֿראָק אָנגעטאָן, דעם ספּאָדעק אויפֿן קאָפּ אַרויפֿגעזעצט און געהייסן דער דינסט, זי זאָל זיך לאָזן בענטשן פֿון איר.

דער דינסט איז אַ ווילד געלעכטער באַפֿאַלן.

— גאָטעניו — האָט זי געהירזשעט — ווען מענטשן זאָלן דאָס זען!...

האָט זיך מלכהלע אָנגעשטעקט פֿון דער מוידס געלעכטער און צוזאַמען מיט איר גענומען לאַכן, לאַכן ווילד, בויגנדיק זיך אין דרייען. וואָס איינע האָט אויפֿגעהערט, האָט די אַנדערע אָנגעהויבן.

שפּעטער־צו האָט זי נאָך דער מומע איידעלע געשריבן אַ בריוו זי זאָל קומען צו איר. די מומע איידעלע איז געקומען. אָבער זי האָט איר גלייך גענומען לערנען מוסר, דערציילן מעשיות און מופֿתים פֿון גוטע־אידן. דערצו האָט זי געוואָלט שטאַרק וויסן, ווען זי וועט פֿאַרגיין אין טראָגן. און מלכהלע האָט זי אַוועקגעשיקט ווי אַמגיכסטן. זי האָט איר פֿולע פּעק מיט קליידער מיטגעגעבן און פֿאַרטריבן.

איינע אַליין האָט זי גענומען אַרומקריכן איבער די פֿאַרשייטע פֿעלדער, איבער די פֿאַרשאָטענע וועגן. זי האָט זיך צוגעקוקט צו די איינצעלנע נאַקעטע טאָפּאָליען־ביימער, וואָס שפּיזן מיט זייערע פֿאַרריסענע צווייגן אין דער גרינלעך־געפֿרוירענער לופֿט. זי האָט באַטראַכט יעדן קאַלטן פֿליגל פֿון אַ ווינט־מיל, וואָס צייכנט זיך שטייף אויפֿן רויטלעך־געפֿרוירענעם הימל. זי האָט אויסגעהערט אַלע קראַקערייען פֿון די שוואַרצע מחנות קראָען, וואָס שפּרינגען איבערן שניי, מאַכן אסיפֿות און פּלוצלונג לאָזן זיי זיך מיט גיכער, איילנדיקער קראַקעריי ווייט ערגעץ אַוועק.

אַ שוואַרץ־געהילטע, איבערן שניי אַרומבלאָנקענדיק, האָט זי אַליין ווי אַ קראָ אויסגעזען. זי האָט אַפּילו גענומען שפּרינגען ווי זיי, און מיט די הענט אין דער לופֿטן ווי מיט אַ פּאָר פֿליגל געפּאָכעט, ווי זי וואָלט מיט די שוואַרצע פֿויגל וועלן מיטפֿליען. פֿויערים האָבן זיך געשראָקן פֿאַר איר, געטראַכט וועגן כישוף און זיך געצלמט.

די ווייטקייטן, וועלכע האָבן זי תמיד געצויגן, האָבן צוריק גענומען שפּרייטן זיך פֿאַר די אויגן. עס האָט געצויגן צו ווייטן פּייפֿן פֿון באַנען, צו קאָנדוקטאָרשע רויטע לאַמטערנדלעך, וואָס שאַרן זיך אין דער נאַכט, און צו פֿרעמדע ווייטע שטעט, ווייט, ווייט, וואו אַ מאַמע געפֿינט זיך ערגעץ מיט אַ פֿרעמדן מאַן.

זי האָט גענומען טראַכטן וועגן אַנטלויפֿן. זי האָט נאָר געוואַרט ביז

פּרילינג. אָבער צו פּרילינג, פאַר פּסח, איז אַ טעלעגראַמע אָנגעקומען אין הויף פון ראַכמאַניוּוקע, אַז נחומטשע איז אַרויסגעפאָרן.

מלכהלע איז אַרויסגעפאַלן סערעלען אפן האַלדז און איר אַזוי ווילד געגומען קושן, אַז סערעלע האָט די גרויסע וואַסערדיקע אויגן אויסגע־קוילערט ווי אַ קאַלב.

— גיי, גיי — האָט זי געזאָגט בייז — האסט מיך שיער' נישט דערוואָרגן.

עלפטע קאַפּיטל

אַ פולער פרילינג, אַ גאַנצער און אַן אָנגעזאָפּטער, ווי אַ צייטיקער עפּל, האָט זיך געבראַכט צוטראָגן פון די אַרומיקע בערג און אָנגעפּילט ניעשאַווע מיט דעם פריילעכן געפילדער פון צעגאַנגענעם שניי, פון געדרייטע פליוסקענדיקע ריטשקעלעך וואַסער, וואָס לויכטן אין דער זון, ווי צעגאָסענער זילבער. פאַרפוילטע שטיקלעך צווייגן, קיזלשטיינדלעך, ביינער פון אַן אַרומגעפרעסענעם פויגל, צוזאַמען מיט פאַרוועלקטע נאָדלען און פאַרדאַרטע שישקעס פון סאָסנעס האָבן זיך געטראָגן פון אַרומיקע בערג און געבראַכט גרוסן פון באַהאַלטן גליק, פון ערוואַכנדיקע האָפנונגען און פון געזונטער פרייד, צוליב וועלכער עס איז כדאַי צו לעבן אַף דער וועלט.

ער איז געפלאָסן, דער פרילינג, פון אַלע לעכער, פון אַלע שפּאַלטן אין דער ערד, פון יעדער בערגל מיסט, פון יעדער קופּע פאַרדאַרטע בלעטער. די זון האָט זיך געלייגט אַף אַלע פאַרלאַטעטע דעכער, געבאָדן זיך אין יעדער ריטשקעלע וואַסער, געשפּילט זיך מיט דעם שפּיציקן רויטן דאַך פון דער שול, מיט די שוואַרצע אייזערנע צלמים פון דער קאַטוילישער קירכע און מיט די פאַרגילדעטע קופּאָלן פון קליינעם רוטענישן צערקווועלע.

פאַרטאָג האָבן די שוואַרצע צעאַקערטע פעלדער געפאַרעט. צוזאַמען מיט די צעשרפּהטע זונען־אויפגאַנגען האָבן זיך גרינע גרעזלעך ארויסגעפּיקט פון דער צעוואַרעמטער שוואַרצער ערד. פון די צופלאָסענע שנייען ארויס האָט זיך גרינער ווינטער־קאָרן ארויסגעשיילט, אַזאַ גרינער און ליכטיקער, אַז פויערים האָבן גאָט געבענטשט און מיט שטיקער ערד די פּישטשענדיקע פויגל געגומען טרייבן. שניי־בלימעלעך האָבן באַשיידן קעפּלעך מיט נייגעריקייט ארויסגעשטעקט. און איינצלנע בושלען, ווייטע, פון וואַרימע לענדער צוריקקומנדיקע, האָבן זיך געדרייט אין רעדער אין דער לויטערקייט פון הימלען, אַרומגעשמעקט שטרויענע דעכער פון כאַטעס און שייערן און געלאָזט זיך צוריק, קלאַפּנדיק הילכיק

מיטן שנאָבל, אָנצוזאָגן יעדער זייניקע די בשורה, אַז זומער קומט.

איינגלעך האָבן זיי באַגעגנט מיט שמחה, מיט פּאַטשן אין די הענט.

— באַטשאַן המלך, די נעסט ברענט!

אין די נעכט האָבן די פּרעש פון די זומפּן גענומען לאָזן הערן זייער קוואַקעריי. וואַרימע רעגנס האָבן ווייך געוואַשן דעכער, טראָפּנס רעגן האָבן געקלונגען אין אונטערגעשטעלטע פּעסלעך, אין ערדענע טעפּ, וואָס מיידלעך שטעלן אַרויס, כדי צו וואַשן מיטן ווייכן רעגן־וואַסער די געדיכטע האָר און שווערע צעפּ.

פּונקט אַזוי צייטיק, אָנגעזאַפּט און פול האָט אויפגעוואַכט דער פרילינג אין מלכהלעס צאַפּלדיקער ברוסט, האָט פאַנאַנדערגעבליט זיך. געשפּאַרט.

נחומטשע איז צוריקגעקומען פון ראַכמאַניווקע אַן אויסגעוואַקסענער, אַ לויטערער. די מוטער זיינע, די רביצן, האָט אים דאָרט שטאַרק אָפּגעהיט, געקעכלט אים. נאָך אין בעט האָט זי אים צוגעטראָגן פּוטערקוכן, מילך.

— עס, קינד, עס — האָט זי אים געבעטן — רבישע קינדער מעגן זיך דערלאַפּן דאָס האַרץ פאַרן דאַווענען. דער טאַטע איז דיר מתיר.

אַז ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, האָט זי אים געצוואונגען.

— פאָלגן אַ מאַמע — האָט זי געזאָגט — איז מער מצוה ווי נישט עסן פאַרן דאַווענען. כיבוד־אם איז אַ מצוה אין דער תורה, און נישט־עסן פאַרן דאַווענען איז בלויז אַ מנהג.

דערויף האָט נחומטשע נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן און ער האָט געפאָלגט. זי האָט אים נישט געלאָזט פאַסטן אַפילו אין אסתר־תענית און אין עשרה־בטבת.

— רבישע קינדער — האָט זי געזאָגט, ווי שטענדיק — פאַסטן נישט. דער טאַטע איז דיר מתיר...

ער איז געוואָרן פולער, אויסגעוואַקסענער, אַפילו אַ לייכטער טונקעלער פוך, האָט זיך באַוויזן אויף זיין אויבערשטער ליפּ, וואָס האָט אים צוגעגעבן דעם ערשטן חן פון מענלעכקייט. זיינע אויגן זיינען געוואָרן נאָך שוואַרצער, ברענענדיקער, אַזוי, אַז וויפל מאָל מלכהלע האָט זיך מיט זיי באַגעגנט אויף אַ ווייַלע ביי סערעלען אין שטוב, האָט זי דערפילט אַ ברי אויף זיך. דאָס האָט איר אַזאַ צוק אין דער שטייפער ברוסט געגעבן, אַז זי האָט זיך צוגעלייגט די האַנט צו דער שמערצנדיקער ברוסט, ווי זי וואָלט וועלן דערמיט לינדערן דעם זיסן ווייטיק.

גערעדט האָבן זיי קיינמאָל נישט. אויך איז ער קיינמאָל נישט אַרויס צו די פעלדער, אויף די וועגן. זי האָט יעדן טאָג אָפּסניי דורכגעמאַכט אַלע וועגן, שטעגן, אויסגעקוקט אים, אָבער ער איז נישט געקומען. פונדעסט־

וועגן האָט זי געוואוסט, אַז ער בענקט נאָך איר, אַז ער גאַרט נאָך איר, אַז ער גייט נאָך איר אויס. זי האָט עס ארויסגעפילט, געזען עס אין יעדער ריר, אין יעדן באַהאַלטענעם קוק פון זיינע אויגן.

נאָך דעם פריען פרילינג זיינען הייסע טעג אָנגעקומען, טעג מיט אַ סך זון, מיט קורצע און געדיכטע רעגנס און דונערן און בליצן, וואָס האָבן די לופט אָנגעגליט, עלעקטריזירט.

פון דער וויטער פעסטונג־שטאָט איז אַ סך מיליטער אַראָפּגעקומען, פוסגייער און רייטער, וואָס האָבן זייערע לאַגערן ארום ניעשאַווע אויסגעשפּרייט און אויף מאַנעוורעס געגאַנגען. גאָר גרויסע מאַנעוורעס זיינען דאָס געווען, אויף וועלכע עס זיינען פּרינצן פון ווינער קייזערלעכן הויף געקומען. גאַנצע טעג האָט מען געשאָסן, געטראָמייטערט, ביינאַכט האָט מען ראַקעטן געלאָזט. איבערן שטעטל האָבן זיך סאָלדאַטן געשאַרט. אונגאַרישע אויסגעפּוצטע און פאַרביקע הוזאַרן, יונגען מיט שוואַרצע הייסע אויגן און קויל־שוואַרצע וואָנסעס, האָבן געקלונגען מיט די שפּאָרן, מיט די לאַנגע נאָכהיינגענדיקע שווערדן.

יונגע אָפיצירן, פרייליכע, מיט מעדאַלן באַהאָנגענע, מיט מאָנאָקלען אין איין אויג, האָבן איבער דעם שטעטל ארומגעשפּאַנט, געפרייט זיך איבער די מאָדנע אידן, מיט די לאָקן ביי די שלייפן, מיט די בענדלעך, וואָס היינגען זיך זיי נאָך איבער די שטיוול. אין אַלע קראָמען, געוועלבן זיינען זיי געווען פול, זיי האָבן געקויפט אַלערליי שמאָכטעס, צאַצקעס, שאָקאָלאַד, ציגאַרעטן, נישט געדונגען זיך, אָפטמאָל קיין אויסגאָב נישט געוואָלט נעמען, און דערביי געקנייפּט אין די בעקלעך ביי שיינע אידישע טעכטער.

— היפּש, שוואַרצקאָפּ, זייער היפּש.

מאַמעס האָבן זיך נישט קעגנגעשטעלט, געשמייכלט בלויז. ערשט ביים ארויסגיין פון די אָפיצירן, האָבן זיי די טעכטער גענומען טרייבן אַהיים און זאָגן:

— די כּפּרה זאָלן זיי זיין פאַר מיין קינד, טאַטע אין הימל...

אומעטום זיינען זיי געווען פול. אומעטום האָט דאָס פרעמדע מיליטער אַריינגעטראָגן פרייד, טומל, געזאַנג און געלעכטער. אויף די וועגן, וואו מלכּהלע איז געגאַנגען, האָבן איר אָפיצירן נאָכגעקוקט, מיט פעלדלאָרנעטעס זי באַטראַכט.

— ווארום זאָ איינזאַם, שיינעס פרוילייַן? — האָבן זיי איר נאָכגעשריגן און גערופן מיט איין הענטשקע צו זיך.

צוליב דעם מיליטער האָט זיך אַ קאַרוזעלע קיין ניעשאַווע געבראַכט צו שלעפּן. גאַנצע טעג האָט שרייענדיקע מוזיק געשפּילט און סאָלדאַטן מיט שיקסעס האָבן זיך געיאָגט אויף הילצערנע פערדלעך און אויף אַלערליי

מאָדנע חיות און פּיפּערנאָטערס. אַ פּאָר פּאַלק, אַ שוואַרצס, אָן אָפּגעברענטס, ווי די ציגיינער, איז פון ערגיץ אָנגעקומען, אויף אַ גרויסן פּלאַץ אַ גרויס געצעלט פאַרצויגן, באַלויכטן עס מיט אַ סך פּאַפּירענע קאָלירטע לעמפּלעך און דאָרט אַ לאַנגער־קאַבאַרעט פאַר אַפּיצירן געמאַכט, וואו מען האָט פאַרקויפט וויין, אַ פידל האָט געשפּילט און נקבות האָבן געזונגען.

מען האָט זיך גלייך דערוואוסט אין ניעשאַווע, אַז דאָס פּאָר־פּאַלק, וואָס זעט אויס ווי ציגיינער און רעדט אויף דייטש, אונגאַריש, פּויליש, טשעכיש, רומעניש, סערביש און אַפּילו אויף טערקיש און ציגיינעריש, זיינען גאָר אידן פון דער בוקאָווינע. דער רבי האָט גלייך דערפילט אַ זינד אין שטעטל. מען האָט שלעכטע זאַכן פון דעם לייווענטענעם געצעלט דערציילט, און ער האָט געשיקט ישׂראל אביגדור דעם גבאי, ער זאָל דעם פרעמדן ברייננגען צו אים. אָבער דער שוואַרצער איד, וואָס זעט אויס ווי אַ ציגיינער, האָט נישט געוואָלט קומען און בלויז געהייסן זאָגן דעם רבין, אַז ער מישט זיך נישט צום רבינס געשעפטן, און דעריבער זאָל דער רבי זיך צו זיינע געשעפטן אויך נישט מישן.

פאַרקערט, די מוזיק מיט די געזאַנגען פון די מיידן האָבן זיך נאָך מער געשטאַרקט, אין אַלע אידישע שטובן אַריינגעדרונגען, ביזן רבינס הויף.

— איי, איי — האָט דער רבי געזיפצט אין די נעכט, געשטערט אין שלאָף פון די קולות, געזאַנגען און געלעכטערן — הפקרות, נעבעך...

פּונקט אַזוי האָט נישט געקענט צוטאָן קיין אויג מלכהלע ביי זיך אין שטוב. די קולות האָבן גערופן, געוועקט, דאָס בלוט אָנגעצונדן, קיין מנוחה נישט געגעבן.

אין דעם שטילן שטעטל האָבן זיך פרעמדע מענטשן אַריינגעריסן, פרעמדע רייד, געלעכטערן, וואָס דערציילן פון וויטן, פון פייפעריען פון באַנען, פון קאָנדוקטאָרישע רויטע און גרינע לאַמטערנדלעך, וואָס שאַרן זיך אין דער נאַכט. דאָס האָט איר דערמאָנט אַז איר פרעמדער מאַמען, וואָס איז ערגעץ מיט אַ פרעמדן מאַן אין אַ ווייטער גרויסער שטאָט.

צוליב דעם לאַגער און באַוועגונג האָבן זיך אַלערליי הענדלער, קונצנמאַכער און וואַנדערער גענומען ווייזן. אידן האָבן אין דער תורה פאַרגעסן און געהאַנדלט, געוואַנדלט, אינם רבינס הויף זיינען אַלעמאָל אַנדערע מיליטערלייט געקומען, צו זען דעם וואונדער־ראַבי.

מלכהלע האָט געבריט אין די הייסע נעכט. זי האָט אַרויסגעוואָרפן פון בעט אירן די שווערע פערענע, זי האָט זיך אָפּגעדעקט אינגאַנצן. אַלץ איז אויף איר היים לייב שווער געווען, געלאַסטעט. אַ וואַכע, אַ גע־

שפּאַנטע, איז זי געלעגן מיט אָפענע אויגן, וואָס בלאַנקען ערגעץ אין ווייטן, מיט אויפגעשפּיצטע אויערן צו אַלע שאָרכן און קלאַנגען אין דער נאַכט. ווי אַ הונט אין זיין רייפקייט האָט זי נאָכגעשפּירט נאָך עפּעס, וואָס דאַרף קומען, וואָס מוז קומען און זי דערלייזן.

— נחומטשע — האָט זי גערופן היים — נחומטשע, קום צו מיר!

און אין דער ערשטער שבועות־נאַכט, אַז עס איז געקומען, און די בײנקשאַפט אירע האָט איר אַזוי צוגעשפּאַרט, אַז איר האָט אָנגעהויבן אויספעלן אָטעם, האָט זי זיך גיך אַף איר געלעגער אָנגעטאָן און זי איז אַרויס פון שטוב אין דער סאַמעט־שוואַרצער נאַכט.

אַ פינסטערע איז געווען די נאַכט, אָן איין שטערן, אָן אַ מינדסט פּענעצל לבנה, אָבער אַ געדיכטע, אַ פולע, אָן אָנגעזאַפּטע, פול מיט ריחות פון בעז און בליענדער אַקאַציע, וואָס מאַכט שיכור, פול מיט איינגעהאַלטענע זשומערייען, פול מיט ריחות פון פעלד און געשניטע־נער לאַנקע.

אַ גאַנצן טאָג האָבן פאַרביינקטע טראַמייטן און בלאָזערייען פון פאַסטוכישע הערנער געטראָגן זיך אין די לופטן. דער גראַף אַלכּא האָט אין זיין שלאָס איינגעאָרדנט אַ באַל פאַר די הויכע ווינער געסט, פאַר די פּרינצן און פאַר די אָפיצירן פון לאַגער. אויך אַ יאַגד איז פריער אין די וועלדער פאָרגעקומען. הונדערטער פויערים, און אַפילו אַ טייל פּראָס־טע אידן, האָבן דעם וואַלד אַרומגערינגלט און די האָזן נישט געלאָזט אַנטלויפן, צוריק זיי מיט שטעקנס געיאָגט. הינט האָבן געבילט, טראָ־מייטן האָבן געבלאָזן, ביקסן האָבן געקנאַלט מיט אַ סך ווידער־קולות. אין אָוונט האָט מען ראַקעטן געלאָזט.

אין רבינס בית־המדרש איז ליכטיק געווען. אידן האָבן תקון־שבועות געזאָגט. מלכהלע האָט זייערע געבעטן נישט געהערט. געהערט האָט זי בלויז די שטימען פון דער שוואַרץ־סאַמעטענער נאַכט. מיט ציטערנדיקע נאָזלעכער האָט זי איינגעזאַפּט אין זיך די פאַרשיכורענדע ריחות פון בעז און אַקאַציע, די סודותדיקע שושקערייען פון דער שטיל־קייט, דאָס גרילן פון אַ נאַכטיקער פעלד־גריל. זי איז אַרויס צו די פעל־דער. זי איז געגאַנגען מיט אָפענע וואַנזיניקע אויגן, וואָס זעען אַלץ און גאָרנישט. גלי־ווערים האָבן, ווי שוועבנדיקע פייערלעך, געפלאַטערט אין דער פינסטערניש, געשפּאָלטן דעם סאַמעטענעם חושך, פאַרפּוילט האַלץ האָט פאַרפירעריש מיט פאָספאָר־גלאַנץ געלויכטן. עפּעס אַ פרעמדער פויגל אַן אומבאַקאַנטער האָט געשריגן מיט אַ משונהדיק קול ערגעץ. מיסטישעס איז געלעגן אין דער ברייטער ריזיקער אומענדלעכער שוואַרצ־קייט.

צום ערשטן איז זי געגאַנגען גיך, איילנדיק, ווי זי וואָלט ערגעץ

געהאט צוצוקומען. זי איז אפגעגאנגען א שטיק. אבער הינט האבן אנ־געהויבן נאנט צו בילן, רייסן זיך. א הירזשען פון א פערד, וואס פא־שעט זיך א גאנצע נאכט אף דער לאנקע, האט געציטערט. געפלאכטענע פארקאנעס האבן זיך געבראכן. און זי האט זיך אומרואיק אומגעקערט און צוריק אוועק צום הויף.

אין א ווינקל ביי דער גרויסער הויפישער סוכה האט אין א נידע־ריקער וואנט־לאמטערנע א טריפנדיק שטיקל ליכט געברענט. אליין נישט וויסנדיק פארוואס, האט זי עס אין דער האנט גענומען. איז דער סוכה איז די טיר געשטאנען אפן. זי איז אריינגעגאנגען. אין דער נאז האט א שטיקנדער ריח א זעץ געטאן. א חוץ די שטענדיקע קאזאקישע מונ־דירן, וואס זיינען דארט געלעגן פון חתונה צו חתונה און געשימלט, א חוץ אלערליי שמאטעס און קליידער, זויערע פעסער און פארפוילטע רא־גאזשעס, זיינען אויך דארט שמוציקע שטרוי־זעק געלעגן אויסגעלייגט, שטרוי־זעק, אף וועלכע עס שלאפן ארימע חסידים אין די יום־טובים. אף שבועות זיינען די שטרוי־זעק געלעגן געדיכט. דאס האט צום קאפ צו־געשלאגן, צו מלכהלעס וואנזיניקן קאפ, וואס איז געווען פארשיכורט פון די שטילע שארכן, פון דער סאמעטענער נאכט־שווארצקייט, פון די שאר־פע בעז־און־אקאציע־ריחות.

דער גאנצער עיפוש, פארדומפנקייט און אומזין פון הויף, פון ניע־שאווע, האט איר א בלאז געטאן. אין קאפ האט גענומען דרייען. פון דער שווערער שטיקעניש און געדיכטער לופט האט דאס שטיקל ליכט אין איר האנט אנגעהויבן טריפן, צאנקען. דער הייסער חלב האט גע־בריט אירע פינגער. א פייער־פלעמל האט א ביס געגעבן. זי האט א בליק געגעבן ארום זיך, א פרעמדן בליק, ווי עמיצער דערזעט זיך אין א פרעמד ארט. און זי האט דאס שטיקל ברענענדיקע ליכט אין פארפוילטן שטרוי אוועקגעווארפן. זי איז געבליבן שטיין א ווײלע מיט אן איינ־געהאלטענעם אטעם, אין א פארגעפלטער ערווארטונג. ביי דער ערשטער פייער־צונג, וואס האט זיך אויסגעבויגן צו איר זייט, ווי די צונג וואלט וועלן א לעק טאן, האט מלכהלע האסטיק פארלאזן די סוכה, מיט שטילע קעצישע טריט אריינגעשלייכט זיך צו זיך אין שטוב און צוגעלייגט א פאר אויפגעריסענע אויגן צו דער פינסטערער שויב פון פענסטער.

ווען די אידען אין בית־המדרש האבן די ערשטע פלאמען דורך די גרויסע רונדע פענסטער דערזען, איז שוין די שרפה געווען גרויס.

— אידן, די ספר־תורהס ראטעוועו! — האבן קולות געשפאלטן די לופט.

ווי ביי אלע אידישע שריפות אין די קליינע שטעטלעך, זיינען די קולות געווען גרעסער ווי דאס ראטעווען. זיידענע יונגעלייטלעך, לומדים,

בית־המדרש בחורים, נישט געוואוינט קיינמאָל עפּעס צו טאָן, מיט די הענט צו רירן, האָבן זיי זיך געשטויסן, געטוליעט זיך ווי די שעפּסן איינער צום אַנדערן, געוואַלדעוועט און נישט גערירט זיך פון אָרט, שרייענדיק בלויז אַפן פייער, וואָס שלינגט מיט רויטע צונגען אַלץ ארום זיך. ביז די באַלמעלאָכעס און באַלעגאָלעס זיינען געקומען, איז שוין אַ האַלבער הויף אין פלאַמען געשטאַנען. פון דאָ און דאָרט איז בלויז אַ צעפלאַמטער איד מיט אַ צוגעטוליעטער ספר־תורה געלאָפן ווילד.

אין דער קירכע האָבן די גלעקער זיך צעקלונגען מיט שווערע קלאַנגען. ווייבער מיט קינדער האָבן געשריגן אין דער נאַכט:

— אידן, געוואַאַאַלד!...

מלכהלע איז ארומגעלאָפן אַ שוויינגדיקע, אַ וואַנזיניקע, אַ פאַרשיכורטע. זי האָט זיך געשלייכט פון אָרט צו אָרט, פון ווינקל צו ווינקל און מיט גרויסע אויפגעריסענע און שוואַרצע משוגענע אויגן, אין וועלכע די שׂרפה האָט זיך פריילעך געשפּילט, געבּרענט, האָט זי געזוכט, געזוכט דעם, וועמען זי האָט אין די לאַנגע נעכט גערופן. מיט אָפענע אויגן, וואָס זעען קיין שום זאַך נישט, אַ חוץ אים, איז זי אין דער פייער־באַלויכטענער נאַכט ארומגעלאָפן ווי אַ חיה, וואָס איז פול געוואָרן אין איר רייפקייט. און זי האָט אים געפונען.

הינטערן בית־המדרש, אָפּגערוקט, צו די פעלדער צו, איז נחומטשע איינער אַליין געשטאַנען און מיט פאַרקלעמטע הענט עפּעס אַ צעריסן ספרל געדריקט צו דער ברוסט.

אין גרויסן טומל און שרעק האָט ער געכאַפּט דאָס ערשטע, וואָס איז אים געקומען אונטער דער האַנט, אַליין נישט וויסנדיק וואָס.

זי איז צו צו אים מיט פעסטע טריט. זי האָט אים ביי דער האַנט אָנגענומען. ווי אַ מאַמע אַ קינד, האָט זי באַפוילן:

— קום!

ער איז געגאַנגען.

זיי זיינען געגאַנגען גיך, שוויינגדיק, האַנט אין האַנט. זיי זיינען געגאַנגען גלייך, מיט די פעלדער ארויס, צום וואַלד, ווי דעמאָלט ביים שלאַקס־רעגן. קיין איין וואָרט האָבן זיי נישט ארויסגערעדט. דאָס פייער פון דער שׂרפה האָט זיי באַלויכטן דעם וועג.

די נאַכט האָט געלעבט איר שטום־נאַכט־לעבן. אַ לייכט־בלאָזנדיק ווינטל האָט געדרייט זיך און געסודעט זיך מיט רויט־באַזוימטע נאָדלען פון די שוואַרץ־געשלייערטע שטאַמען. דאָ און דאָרט האָט אַ שאָרך געטאָן. אַ שישקע איז אַראָפּגעפאַלן. זיי זיינען געגאַנגען זיכער, שטום, טרעטנדיק אויף נאָדלען, ברעכנדיק צווייגן. אַז זיי זיינען צוגעקומען צום בערגל, וואו דער אויסגעהוילטער בוים איז געשטאַנען, צום בוים, צו

וועלכן זי איז אזוי פיל מאָל געגאַנגען, אַזוי אַז די טריט אַליין האָבן שוין דאָרט געטראָפן, האָבן זיי זיך אָוועקגעזעצט אױף דער ערד. שטום, בלויז מיט אַ ברום, ווי שטומע פֿולע באַשעפֿענישן, זיינען זיי צוגעפֿאַלן צו זיך און געוואָרן איינס.

זי האָט געשריען אין איר ערשט גליק, געשריען אין דער געדיכטער סוף־פֿרילינג נאַכט, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט ריחות פֿון בעז און בליענ־דער אַקאַציע.

דער הימל האָט זיך אַליין ברייטער געצונדן, פֿון פֿייער פֿאַרכאַפּט געוואָרן.

צוועלפטע קאפיטל

אין ניעשאווער הויף איז געווען פוסט, חושך.

אפן ארט פון גרויסן בית־המדרש זיינען איצט געשטאנען בלויז הויכע שווארצע קוימענס, ווי שטומע עדות פון דער שריפה, פאררייסנדיק די טרויעריקע קעפ צום בלויען זוניקען הימל. קראען האבן כסדר געוואוינט אף די שפיצן פון די וויסטע קוימענס און געקראקעט שלעכטע בשורות אין דער וועלט אריין. פון דעם רבינ׳ס הויז זיינען צוויי פליגל מיט רויך אפגעגאנגען. שטיקער אינערלעכע ווענט האבן גע־קוקט ווי נאקעטע ארום זיך מיט זייערע פאררויכערטע טאפעטן. די איבעריגע פליגל, וואס די באלמעלאכעס און באלעגאלעס האבן אין שבועות אפגעראטעוועט, זיינען געווען פאררויכערט, פארזענקט און געשפרייט ארום זיך ריחות פון קויל, רויך.

דער רבי מיט מערסטנס קינדער און קינדס־קינדער זיינען זיך צעפארן אין די ווארמבעדער. ערשטנס, האט ער זיך געפילט נישט מיט אלעמען, דער רבי. די געלענקען האבן אים געבראכן. פון עגמת־נפש און פון דער שריפה איז אים דאס הארץ אביסל שלאבעריק געווארן, און די דאקטוירים האבן אים פארשריבן ווארמבעדער, עטלעכע ווארמבעדער, בלאטע־בעדער פאר די געלענקען, וואס דערפון ווערט נאך מער אפגעשוואכט דאס הארץ, און דערנאך קוואלן פארן הארץ, וואס איז אפגעשוואכט פון דער בלאטע און פון עגמת־נפש. צווייטנס, האט ער אויך גענדארפט זאמלען געלד אין די ווארמבעדער, וואוהין עס קומען זיך אן א סך גבירים און „דייטשן" פון גאר דער וועלט.

קיינמאל האט ער נאך נישט גענדארפט אזוי פיל געלט, ווי איצט. דאס בית־המדרש איז געווען פארברענט און מען האט גענדארפט בויען אן אנדערס. אויך א האלבער הויף איז מיטן פייער אוועק, צוזאמען מיטן מעבל, מלבושים, וועש און כלים. אבער ערגער פון אלץ איז געווען דאס, וואס א סך געלט, שווערע טויזנטער רייניש, זיינען אין דער שריפה פארפאלן געווארן. אין דער גראבער גמרא חולין, וואס איז געשטאנען אין

שטוב פארשלאסן אין אלמער, האט ער בסוד געהאט אפגעשפארט געלט, אין די גוטע טויזנטער רייניש, אין גרויסע פאפיר־באנקנאטן. קיינער האט דערפון נישט געוואוסט. ער האט די גמרא חולין געהיט ווי אן אויג אין קאפ.

זיין שטוב איז אפילו ביי דער שריפה גארנישט געשען, דאס פייער האט אהין נישט דערגרייכט. אבער ישראל אביגדור האט פון דארט די ספרים געראטעוועט. קיין שום זאך האט ער אזוי נישט געראטעוועט, ווי דעם רבינ׳ס ספרים, איבערהויפט די, וואס שטייען אין פארשלאסענעם אלמער. ער האט מיט גרויס גבורה דעם שלאס אויפגעריסן, די ספרים ארויסגעטראגן און אוועקגעשיקט זיי אהיים צו זיך אין שטוב, וואס ליגט ווייט פון הויף. ער האט זיי אפגעבראכט דערנאך די ספרים, קיין איין ספר האט נישט געפעלט. דער רבי האט זיך דאס ערשטע געכאפט צו דער גמרא חולין. מיט ציטערדיקע הענט האט ער גענומען בלעטערן, אבער קיין פרוטה איז דארט צווישן די בלעטער מער נישט געווען. אלץ איז געווען, יעדער רבינ׳ס האר פון דער בארד, וואס ער האט דארט אריינ־באהאלטן אין די בלעטער, יעדער ביסל שמעק־טאבעק, וואס ער האט פארשאטן, יעדער אלטע ציצה, וואס ער האט דארט אריינגעלייגט, נאר נישט די באנקנאטן, קיין איינער אפילו נישט.

דער ניעשאווער האט ישראל־אביגדור׳ן געפרעגט, געפארשט, געבייזערט זיך אף אים. ער האט אים שיר נישט כיט די אויסגעקוילערטע אויגן אויפגעגעסן א לעבעדיקן, אבער ישראל אביגדור האט אפילו קיין פינטל מיט די אויגן נישט געטאן.

— אז דער רבי איז מיך חושד — האט ער געזאגט א באליידיק־טער — קען איך, נאך דרייסיק יאהר גבאות, אוועקגיין... ער קען שווערן, ער.

דער ניעשאווער האט אים באטראכט מיט איין אויג, לאנג אים דורכ־גענומען און פאר צארן אפשר צען מאל געפאטשט מיט די ליפן אין פארלאשענעם ציגאר.

— מוחל דיר דיינע שבועות... — האט ער געברומט מיט אונגלויבן
— גיב פייער, גיב, זעסט נישט, אז דער ציגאר האט זיך פארלאשן?

ישראל אביגדור האט גיך, מיט פלוצלנגדיקן איבערגעטריבענעם דרך־ארץ, צוגעטראגן דעם רבי׳ן פייער און געלאזט זיך אנפיפן פולע אויגן רויך.

— ביז ימים־נוראים, מען זאל עס דערלעבן — האט ער געזאגט מיט טרייסשאפט — וועט מען אויפשטעלן א דערווייליק הילצערן בית־מדרש. צום צווייטן זומער, אם ירצה השם, וועט מען מויערן א גרויס בית־מדרש, א דאפלט־גרעסער, ווי דאס אפגעברענטע, עטלעכע טויזנט

אידן, קיין עין־הרע, זאָלן אַריין.

— ביזט אַן עם־הארץ, ישראל אביגדור — האָט דער רבי אים געזידלט — ווייסט נישט, אַז מען טאָר נישט צענעמען איין מקום־קדש ביז מען בויט נישט פריער אויס אַן אַנדערס?

ער איז געבליבן, ישראל אביגדור, ווי שטענדיק. דער רבי האָט זיך אַן אים נישט געקענט באַגיין. נאָך דערצו, ווען מען האָט זיך געגרייט אין וועג. און ער האָט די רייזע צוגעגרייט מיט גרויס ברען. ער האָט גע־קראָגן אַ ספּעציעלן וואַגאָן פאַרן רבי'ן און די זאַכן. אַלץ, וואָס איז גע־בליבן נאָך דער שריפה, האָט ער געלאָזט איינפּאַקן, מלבושים, וועש, ספרים, זילבערן־געשיר, פוטערס אַפילו, טאָמער וועט זיין קיל. אויך אַ שוחט איז מיטגעפאָרן. אַ קעכין, אַ משרת. ער האָט זיך נישט פאַרלאָזט, דער ניעשאַווער, אַף קיין פרעמדע שחיטה, אַף פרעמדע קיכן, נאָך דערצו אַף די געגאָלטע דייטשן פון די גוישע וואַרמבעדער.

אויך דעם רבינס זין מיט זייערע ווייבער און קינדער זיינען זיך צעפאָרן — יעדער אין אַן אַנדער באָד. אין פרעמדע ערטער האָבן זיי, יעדער פאַר זיך, רביטסטווע געפירט, טישן געמאַכט, תורה געזאָגט, שיריים געטיילט און געלט גענומען. איבערהויפּט האָט מען געמאַכט געלט אין די וואַרמבעדער, וואו עס זיינען דאָ קוואַלן פאַר עקרות, נאָך דער שריפה אין הויף האָבן אידן גערן געלט געגעבן.

צוזאַמען מיט די ברידער, צו אַ קוואַל פאַר ווייבער, וואָס ווילן האָבן קינדער, איז אויך סערעלע געפאָרן.

זי האָט נאָכן יאָר פון דער חתונה אירער קיין קינד נישט געהאַט, אַפילו אין טראָגן נישט פאַרגאַנגען. דאָס האָט זי זייער באַאומרואיקט. דערצו האָבן איר די עלטערע שוועסטער, גרויסע קינדלערנס, געפרעגט ביי יעדער געלעגנהייט:

— גאָרנישט, סערעלע?

— גאָרנישט — האָט סערעלע געזאָגט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— עד אין דיינע יאָרן — האָט זיך יעדע פון זיי באַרימט — האָב שוין געטראָגן מיטן צווייטן... וואָס איז די מעשה?...

סערעלע האָט זיך עס צום האַרץ גענומען און זי האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, מיטצופאָרן צו די קוואַלן.

— אוודאי — האָט דער ניעשאַוועער איר צוגעשאָקלט — פאָר, און זאָל דער אויבערשטער העלפן.

אויך מלכהלע איז מיטגעפאָרן, דער ניעשאַוועער האָט שטאַרק מורא געהאַט, אַז זי וועט נישט וועלן פאָרן, אַז זי וועט אים זאָגן עזות. נאָר אַרויס געוויזן האָט זיך, אַז זי איז גערן איינגעגאַנגען. זי איז גאָר גוט גע־וואָרן צו אים. דער ניעשאַוועער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז דערפאַר וועט

ער באַלד נאָך די בעדער זיך לאָזן איבער דער וועלט, צו אַלע חסידים זיינע, און אַ סך געלט מאַכן, נייע זאַכן איינקויפֿן פֿאַר איר, ניי צירונג, אויך געלט איר אָפּשרייבן. עס קומט איר.

אַ טאָג פֿאַר דעם רבינס נסיעה זיינען אַ סך אידן פֿון די נאָנטע שטעטלעך אָנגעקומען זיך געזעגנען. מען האָט אַ סך לעקעכער אָנגעבאַקן, מתנות מיטגעשיקט, גאַנץ ניעשאַווע איז אַרויס עטלעכע קילאָמעטער באַגלייטן דעם רבין. בחורים זיינען נאָך דער קאַרעטע נאָכגעלאָפֿן און פֿון קוטשער בייטשן געכאַפּט. און באַלד דערנאָך איז אַ פּוסטקייט אָפּן הויף געפֿאַלן, אַ מרה־שחורה. קיין חסידים זיינען מער נישט געקומען, די יושבים זיינען זיך צעקראָכן, צופֿאָרן. בלויז אַ מנין שלים־מזל'דיקע יושבימלעך, וואָס טויגן נישט צו קיין זאַך, האָבן זיך טייטגעוואַלגערט איבערן אָפּגעברענטן הויף, געשאַרט זיך הונגעריקע אַרום דער קיך. די דינסטן און משרתים האָבן נישט געוואָלט טאָן קיין זאַך, זיי זיינען געלעגן אין די קיכן און געדרימלט. מלכהלעס דינסט, די גראָבע לאַבעדיקע מויד, וואָס האָט געדאַרפֿט היטן דער רביצינס שטובן, האָט איבערגעלאָזט די דירה אַף הפקר. אין אַ ווייט דאָרף ביי ניעשאַווע איז ביי אַ איד אַ טעפּער זיין אידענע געשטאָרבן און איבערגעלאָזט אים אַ סך קינדער, איינס קלענער פֿון אַנדערן. די פּאַרזעסענע מויד האָט דערפֿילט, אַז זי קאָן נאָך אויפֿגעריכט ווערן און גיין, ביי אירע פֿערציק יאָר, מיטן טעפּער צו דער חופּה. זי איז דעריבער צו אים אַפּילו אין דאָרף אַרויסגעגאַנגען. זי האָט דאָרט די ליימענע פּאָדלאָגע פֿון זיין שטיבל אויסגעקערט, די קינדער די קעפּלעך אויסגעצוואָגן און דעם אַלמן אַ לאַטע אַף די הויזן צוגענייט, זיפֿצנדיק דערביי כסדר:

— אַז אַ מאַנסביל, משטיינס געזאָגט, איז אַליין...

איבערן הויף האָבן זיך באַלמעלאַכעס אַרומגעדרייט. מען האָט געלאַשן קאַלך, געגראָבן גריבער, געקלאַפּט, געגרייט בויען. אין די אָוונטן איז געווען חושך, וויסט, ווי אַף אַ בית־עולם. פּונקט אַזוי חושך, וויסט און פֿול מיט מרה־שחורה איז געווען נחומטשע, וואָס איז איינער אַליין פֿאַרבליבן אין הויף אַף זיין גאָרן־שטיבל, וואָס די שריפֿה האָט עס אויסגעמיטן. —

ער האָט נישט געוואָלט פֿאָרן אין ערגעץ, וויפֿל מען האָט אים נישט געבעטן, וויפֿל דער רבי האָט מיט אים נישט איינגעטענהט.

— איך וויל בלייבן אין הויף — האָט ער געזאָגט — איך דאַרף אַזוי.

און גאַנצע טעג איז ער אָפּגעזעסן אין זיין לערן־שטיבל אַפֿן גאָרן. ער איז נישט אַראָפּגעגאַנגען דאַווענען מיט מנין מיט די יושבים, ער האָט זיך אַף דער גאַס נישט געוויזן, ער האָט ווייניק געגעסן, אָפּטמאָל אינגאַנצן זיך נישט צוגערירט צום עסן, וואָס איינער פֿון די יושבים האָט

אים ארויפגעטראגן פון דער קיך, און בלויז געקוקט אין די ספרים אדער גאר שעהנווייז געזעסן אומבאוועגלעך אף אן ארט און געקוקט מיט פינסטערע בליקן אף די שטומע קוימענס, וואס זיינען געבליבן נאך דער שריפה.

און גרעסער פון אלע זינד אף דער וועלט — האט ער געלערנט אין די ספרים — איז די זינד פון טוען אומוערדיקייט מיט א פרוי פון א מאן. דען א מאן, וואס ענטפלעקט די שאנד פון זיין חבר — זאגט די הייליקע תורה — איז געטייט זאל ער געטייט ווערן ,אי דער מאן, אי די פרוי, וואס האט אפגעקערט, זאלן זייביידע פארטיליקט ווערן פון פאלק. און ווי איז צו די רשעים, וואס זינדיקן מיט פרעמדע ווייבער, דען זיי בעטן אף זיך דעם גיהנום אף יענער וועלט, אבער מען לאזט זיי נישט אריין, דען זייער אומווערדיקייט איז זייער גרויס, און מען ווארפט זיי אין כף־הקלע פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן, און זיי ווערן מגולגל אין בהמות און חיות און עופות און שרצים און אין פיש און אין שפראצונגען, און זייער צער איז גרויס און נאך גרעסער די בושה. און ווען זיי שטארבן און די ערד דעקט זיי צו, קומען שדים אין געשטאלט פון אקסן און טרעטן זיי מיט די פיס, און דער מלאך־הדומה קלאפט אן מיט א פייערדיקער רוט אין קבר און שרייט: ווער ביזטו, רשע, און ווי איז דיין נאמען? און די רשעים, וואס האבן פאראומרייניקט דאס אידישע פאלק, בפרט די, וואס האבן ממזרים געברענגט אין קהל, פארגעסן זייערע נעמען. דעמאלט קומען שדים אזויפיל, ווי דאס זאמד פון ים, און זיי שלאגן און זיי פייניקן און זיי שפעטן, אז מען הערט די קולות פון געפייניקטן פיר הונדערט מייל אף פיר הונדערט מייל, און דער רשע וויל תשובה טאן, אבער די רוחות לאכן פון אים. דען זיי זאגן, איצט איז שוין צו־שפעט.

נאכט ביי נאכט האט ער שריפות געזען, פייער־פלאמען. דער ניעשאווער הויף האט געברענט, וואו דאס בית־המדרש איז געשטאנען, איז מיטאמאל דאס גיהנום געווארן. מלאכים שטייען אין גיהנום אין אטלעסענע קאפאטעס און זאגן תקון־שבועות. דער רבי שטייט מיט זיי. נאר מיטאמאל קומען רוחות אן און שפעטן פון דעם רבין, זיי פירן אים אין א וואלד אוועק, צו א בוים אן אויסגעהוילטן, ער מיט מלכהלען, נאקעטע אינגאנצן, לויפן, אידן יאגן זיי נאך, פירן זיי אוועק קיין ירושלים, וואו דאס בית־המקדש שטייט, און כוהנים זיצן פארן טויער פון שטאט. דער רבי שרייט צו די כוהנים, ווייזט אן אף מלכהלען, אז זי האט געזינדיקט. מלכהלע לייקנט, דעמאלט הויבט זיך אויף דער כוהן. א איד מיט א שווארצער בארד ביזן גארטל, א בייזער זייער, און גיט מלכהלען צו טרינקען ביטער־וואסער, און ער שעלט הויך, און ער שרייט, אויב דו האסט גע־

זינדיקט און פּאַראומרייניקט זיך, און דו האָסט געטאָן אַ פעלשונג אין דיין מאַן, זאָל דאָס וואַסער מאַכן געשוואָלן דיין בויך, און דיין דיך זאָל אַרויספאַלן, און דו זאָלסט זיין אַ קללה און אַ פלוך צווישן דיין פאָלק. זי שרייט: נחום, נחומטשע! ער וויל זי פאַרשטעלן, נאָר די אידן כאַפּן שטיינער און וואַרפן אַף אים און שרייען: פאַרטיליקט זאָל ווערן דער מאַן, וואָס האָט אנטפּלעקט די שאַנד פון אַ ווייב פון אַ מאַן, זיין בלוט אין אים!...

מיט אַ יאָמערלעך געשריי פלעגט ער זיך אויפכאַפּן פון שלאָף און קאַרטשען זיך איינגאַנצן אין ווייטאָק.

אויך אַף דער וואָך האָט ער זעאונגען געהאַט, איבערהויפּט אין די פאַרנאַכטן, ווען ער איז געזעסן איינער אַליין אין דער טונקלקייט פון צופאַלענדן אָוונט און די שטומע קוימענס האָבן צו אים אין פענסטער אַריינגעקוקט. שטימען פאַרהוילענע, ווייטע, האָבן זיך געטראָגן צו אים פון די פינסטערע ווינקלען. געשטאַלטן זיינען געקומען נישט דורך דער טיר און גערעדט צו אים אין דער טונקלקייט.

און בלינד איז דער — האָט איין געשטאַלט געזאָגט, — וואָס מיינט, אַז ווען מען ווערט געשטרויכלט איז שוין קיין האָפנונג נישטאָ. דען גאָט איז אַ דערבאַרמדיקער, און ער האָט דעם מענטש געגעבן די בחירה, גוט צו מאַכן דאָס וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט. און אַפילו ווען דייגע זינד זייגען רויט, ווי רויטער פּאָדים, קאָנען זיי דורך תשובה און פּיין ווערן אָפּגעוואַשן און ווייס, ווי שניי. און פּייניקן דאַרף דער זינדער זיין גוף, און פאַסטן, און אַש אַף דעם קאָפּ שיטן, און חרטה האָבן מיטן גאַנצן האַרץ, דען אַזוי ווי פייער רייניקט דעם ראָסט פון אייזן, אַזוי רייניגן יסורים דעם זינדיקן גוף פון עבירות. און עס איז בעסער צו פּייניקן דעם גוף אַף דער וועלט, ווי לאַנג עס איז נישט שפּעט, איידער צו ליידן טויזנטער מאָל שטאַרקער אַף י ע נ ע ר וועלט...

דער שוטה מיינט — האָט די אַנדערע געשטאַלט געלאַכט — אַז מיט פּייניקן און פאַסטן קאָן מען זיך דערנענטערן צו דער גאַנצקייט. גאַראָנים, זיי ווייסן נישט, אַז די מחשבה, דער מענטשלעכער געדאַנק איז טויזנט מאָל שטאַרקער פון דער זינד אַליין. און דאָס טראַכטן וועגן זינד, וואָס מען טוט נישט, איז פיל ערגער, ווי די זינד, וואָס מען טוט. ווען די זינד איז נישט דויערהאַפט און דער געדאַנק איז שטענדיק. דען ווען דער מענטש האָט דעם יצר־הרע נאָכגעגעבן און איז זאַט, האָט ער שוין מער די זינד נישט אין זיך, ער האָט זיך פון איר באַפרייט, און דער קאָפּ איז ריין, און דער מוח איז לויטער, און מען קאָן פאַרשטיין די העכערע זאַכן. אָבער, ווען דער מענטש פאַסט און טראַכט נאָר וועגן עס, ווען דער מענטש שיידט זיך אָפּ פון לוסט און ווייבער און טראַכט

נאָר וועגן אומווערדיקייט, איז פינסטער זיין געדאַנק, איז אומריין זיין מוח, און ער קאָן נישט גאָט דינען, און ער איז איינגעטונקען אין שלעכטע געדאַנקען און מרה־שחורה, וואָס איז געגליכן צו טומאה. און געווען זיינען צדיקים, וואָס האָבן געוואָלט ברענגען די אויסלייזונג דורך עבירות, דען משיח קאָן נאָר קומען, ווען אַלע וועלן זיין גערעכט אָדער אַלע וועלן זיין אומגערעכט, און ווייל אויך די זינד זיינען פון גאָט, און אויך די סטרא־אחרא, די אומריינע כוחות זיינען אַ טייל פון דער גאָטהייט, איז גאָט דאָ אויך אין דער זינד, ווייל אין אַלץ איז גאָט, און עס שטייט געשריבן, איך וועל רוען אין אייך אין אייער טומאה... און אַזוי ווי מען קאָן נישט ווייס מאַכן קיין שוואַרצקייט, אַזוי קאָן מען נישט אינגאַנצן ריין מאַכן דאָס, וואָס מען האָט אומרייניקט דערמיט, וואָס מען שפּייט די זינד אויס פון זיך, מען עסט זיך איבער מיט איר, ווי דער פרעסער, וואָס פרעסט אַזוי לאַנג, ביז ער ברעכט אויס, און מען קומט צו דער גאָטהייט.

ער האָט געבלאָנדזשעט, אַליין נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיך.

עס זיינען געווען טעג, ווען ער האָט זיך גענומען פייניקן .ער האָט נישט פאַרזוכט קיין פלייש אַפילו אין שבת. אין די קילסטע טעג איז ער אין די קאַלטסטע מקוות געגאַנגען. ער האָט זיך אויך נישט צוגערירט צו זיין געלעגער, נאָר געשלאָפן אַף דער הוילער ערד. אַף שבת האָט ער קיין העמד נישט איבערגעטאָן.

עס זיינען געווען טעג, ווען ער האָט נישט געדאַוונט, די תפילין אַפן קאָפּ נישט אָנגעטאָן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט דעם של־ראש אַף זיין זינדיקן קאָפּ פאַרשוועכן, ווייל ער האָט מורא געהאַט מיט זיינע אומריינע ליפן אַ אידיש וואָרט אַרויסצוזאָגן, גיי, זיי דיך מטמא, האָבן שטימען צו אים גערעדט, ווייל צו דער ריינקייט וועסטו שוין מער נישט קומען. לייקן, טרייב זנות, דען אין דער טומאה וועל איך רוען צווישן אייך, שטייט געשריבן.

צוויי כוחות האָבן אין אים מלחמה געהאַלטן, איינמאָל האָט זיך איין כוח געשטאַרקט, באַלד — אַ צווייטער. און אַמאָל האָבן ביידע כוחות צוזאַמען גלייך געוועלטיקט איבער אים, די קדושה מיט דער טומאה צוזאַמען, אַזוי, אַז ער האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס ער איז און ווער ער איז. אין מיטן דאַוונען, אין דער גרעסטער תשובה, האָט ער פּלוצלונג אַראָפּגענומען די תפילין פון קאָפּ, ער איז אַרויס אונטער דער שטאָט און מיט גיכע טריט געלאָזט זיך צו די פעלדער, וועלדער. אַפן וועג האָט ער צו זיך אַליין גערעדט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן טייכל, וואו גויעס, האַלב נאַקעטע, שטייען און קלאַפּן אויס וועש, און געקוקט אַף זייערע רויטע אָפּגעדעקטע פיס. ער האָט אָנגעשטעלט די אויגן אַף

די צלמים פון דער דארפס־קירכע און שלעכטע געדאנקען דערפילט.

אפטמאל איז אים אויסגעקומען, אז ער איז גאר נישט נחום, נאר עפעס אן אנדערער, א גלגול, וואס האט זיין פריערדיק געשטאלט אנגענומען. און אמאל איז אים אויסגעקומען, אז ער איז נישט איין מענטש, נאר צוויי, אז אין אים א־יין איז א פארצווייאונג פאראן. דאס האט אים מיט אזא שרעק ארומגענומען, אז ער פלעגט צו זיך אליין נעמען שרייען:

— ווער ביסטו, הא?...

אז דער רבי מיט זיין הויז־געזינד זיינען צו די ימים־נוראים צוריקגעקומען פון די ווארמבעדער קיין ניעשאווע, האבן זיי נחומטשען נישט דערקענט. אין הויף איז צוריק געווארן פריילעך. דער רבי האט א סך געלט געבראכט. אויך די זין האבן גוטע צייטן געהאט. חסידים זיינען זיך אנגעקומען, יושבים, אורחים. אין בית־המדרש האבן אידן מעד געטרונקען, מזל־טוב זיך אפגעגעבן. מען האט שוין געוואוסט, אז דעם רבינס פערטע ווייב איז אין טראגן פארגאנגען, אז עס וועט זיין א אינגל, ווי דער רבי האט נאך פריער־אויס א ווארט דעריבער געלאזט פאלן.

— לחיים, אידן, — האט מען זיך געוואונטשן — ס'זאלן נאר זיין שמחות ביי אידן.

נחומטשע האט קיינעם נישט געוואלט זען, מיט קיינעם קיין ווארט נישט אויסגערעדט. ער איז אפילו קיין איין מאל נישט צום רבינס טיש געגאנגען. אין הויף האט מען גענומען מורא האבן פאר אים.

— ר'האט זיך זיינע גיינג — האבן אידן געזאגט שטיל — נישט צו פארשטיין.

סערעלע האט חדשים לאנג געליטן. זי האט זיך אנגעטאן א כוח און מיט איר מאן געפרואווט ריידן, דערנענטערן אים צו זיך. ער האט נישט געענטפערט. זי איז אריין צו איר פאטער מיט א געוויין:

— טאטע — האט זי געכליפעט — ער האט זיך אינגאנצן אפגעשיידט פון מיר...

דער ניעשאווער האט זי געטריבן מיטן ספאדיק, ווי שטענדיק.

— גיי, גיי, שוטהלע — האט ער געברומט — עך וועל אים זאגן, עך וועל אים געבן א פסק, אז אין ניעשאווע האלט מען נישט פון אזעלכע זאכן, עט...

ער האט זיך טאקע געגרייט מיט אים צו ריידן, דער רבי. ער האט עס בלויז אפגעלייגט פון טאג צו טאג. ער איז געווען שטארק פארנומען, א סך חסידים געהאט, געלט אפן בית־המדרש געפארן זאמלען, און ער האט נישט געהאט קיין קאפ דערצו. ער האט באשלאסן, עס אפצולייגן אף פורים ביי דער סעודה, ווען אידן זיינען בגילופין — האט ער

געטראַכט — וועט ער אים נעמען פאַר דער האַנט און מאַכן ליצנות פון אים.

— עך האָב שפּעטער פון דיר חתונה געהאַט — וועט ער אים זאָגן — פונדעסטוועגן בין עך מער בריה פון דיר, דו ראַכמאַניוועקער ליטוואַק...

אָבער פאַר פורים איז אַן אומגליק געשען אין הויף.

אין אַ שטאַרק־פראָסטיקער נאַכט, כאָטש עס איז שוין געווען אין אדר, האָט מלכהלע שווערע ווייען געקראָגן און נישט געקענט געבוירן. פון רבינס הויף האָט מען אַרויסגעשיקט אַ שליטן מיט דריי פערד נאָך דעם אַלטן דאָקטאָר פון דער נאָנטער גרויסער שטאָט, וואָס זאָל דעם ניעשאַ ווער דאָקטאָר צוהילף קומען. אָבער ביז ער איז געקומען, דער אַלטער דאָקטאָר, איז שוין געווען צו שפּעט.

זי איז געשטאָרבן מיטן קינד אין בויך.

דער רבי איז געזעסן אין אַ ווינקל־שטוב און געיאָמערט. קיינער פון די קינדער זיינע איז צו אים נישט צוגעגאַנגען.

— נישט גדאַרפט חתונה האָבן מיט אַ קטלן — האָבן די ווייבער געמורמלט.

אַ גאַנצן מעת־לעת צייט האָבן די ווייבער געוואָלט אַרויסקריגן ביי דער געשטאָרבענער רביצן איר טויט קינד, כדי עס צו באַגראָבן באַזונדער, ווי דער מנהג איז. אָבער זי האָט עס נישט געגעבן. מען האָט זי טויטערהייט אין מקוה געטונקען, תהילים געזאָגט, עס האָט נישט געהאָלפן.

מען האָט אַף איר גוזר געווען.

— מלכה בת שפרה — האָט אַ בית־דין פון דריי רבנים צו דער טויטער געזאָגט — מיר זיינען גוזר אַף דיר, דו זאָלסט אַרויסגעבן דיין קינד פון דיינע געדערים, ווי דער דין איז..

די טויטע האָט עס נישט געגעבן. זי איז געלעגן מיט פאַרהאַקטע ציין אין דער אונטערשטער ליפּ און געקוקט אַף אַלעמען מיט אָפענע אויגן.

די שטאָט האָט מורא געהאַט. דאָס איז געווען אַ שלעכטער סימן.

און אינמיטן דער נאַכט, ווען אַלע זיינען געזעסן אַרום דער טויטער, געצונדן ליכט און תפילות געזאָגט — האָט נחומטשע אויפגעעפנט שטיל די טיר פון זיין לערן־שטיבל אפן גאָרן און ער איז פאַרשוואונדן אין דער נאַכט. ער איז געגאַנגען נאָך אַ קול, וואָס האָט אים גערופן.

אַלע מלבושים זיינען געבליבן. בלויז די תפילין האָבן געפעלט.

מען האָט פאַנאַנדערגעשיקט שליחים איבער אַלע וועגן. מען האָט געלאָזט אויסרופן אין בתי־מדרשים און שולן אין שטעט און שטעטלעך. מען האָט דער פּאָלייצי צו וויסן געגעבן. מען האָט אפילו אין די גויאישע בלעטער אַריינגעשריבן. נאָר מען האָט אים נישט געפונען. מען האָט

שליחים קיין ראַכמאַניווקע אָוועקגעשיקט. ער איז דאָרט נישט געווען. ער איז פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אַ פליעוווע, וואָס דער ווינד בלאָזט אַוועק.

סערעלע האָט אָנגעגליט אַ ציגל אין קיך אויף רויט און זי האָט געזאָגט איבער אים אַ שפּרוך:

— שטיין, שטיין, אַזוי ווי דו גליסט, אַזוי זאָל גליען דאָס האַרץ פון מיין מאַן נחום צו מיר. קום, קום, קום!

ער איז נישט געקומען.

נאָך עטלעכע וואָכן אומזיסטן זוכן אין דורך דעם ניעשאָוועד הויף, אין דורך ראַכמאַניווקע, האָט דער רבי געשיקט רופן סערעלען צו זיך.

ער האָט זי נישט געבעטן זיצן, אַפילו זיך נישט רעכט אומגעקוקט אויף איר.

— זיי וויסן, אַז דו ביסט אַן עגונה — האָט ער איר געזאָגט — ביסט נישט מעוברת?

זי האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט, סערעלע, אָבער דער פאָטער האָט זי נישט געטרייסט.

— נו גיי, גיי — האָט ער זי געטריבן מיטן ספּאַדיק — נו!...

זי איז אַוועק צו זיך אין שטוב. זי האָט אַראָפּגענומען דעם אַטלעסענעם שלייער פון קאָפּ און איינגעהילט זיך אין אַ גרוי טיכל, נישט אין קיין זיידנס, נאָר אין אַ וואָלנס, ווי עס טראָגן אָרעמע ווייבער. דערנאָך האָט זי אָנגעטאָן אַן אַלט שוואַרץ קלייד, און די פיס אין לויזע שיך אָנגעשטעקט.

זי האָט אויסגעזען ווי אַלע פאַרלאָזענע פּראָסטע ווייבלעך פון שטאָט, וואָס זייערע מענער באַלמעלאָכעס זיינען פון זיי אַוועק קיין אַמעריקע און זיי געלאָזט עגונהס.

צווייטע טייל

דרייצנט קאפיטל

אף די בלאטיקע וועגן, וועלכע פירן קיין ביאלאגורע אין פוילן אף דער רוסישער זייט, הארט ביי דער גאליצישער גרעניץ, איז באוועגלעך און טומלדיק.

אין ביאלאגורע איז א יאריד, דער גרויסער יארמארק פאר ניטל, אף וועלכן פויערים פון אלע ארומיקע דערפער קומען זיך צונויף. רייכע גוים אין רויטע פעלצן פארן מיט ווייב און קינדער און מיט א ביק צו־געבונדן ביי די הערנער צום וואגן הינטן. ארעמע גוים גייען צופוס, גלויז האלטנדיק צוגעבונדן א שטריקל צו א הינטערשט חזיריש פיסל. בעטלערס מיט ווייסע בערד און ברייטע קליידער, ענלעכע צום הייליקן ניקאלאי, וואס מען מאכט פון אים צוקער־לעקעכלעך פאר קינדער, שלעפן זיך אף וועגן, קניענדיק אין שניי פאר יעדער הייליקער פיגור, פאר יעדער אויסגעבויגענעם חרובן צלם. אידן קרעמער, טאנדעטניקעס, היטל־מאכערס, שוסטערס, קירזשנערס פארן מיט ווייב און קינדער אף לייכטע אידישע וואגנס. יונגע גזעלן, פריילעכע, צולאזענע בחורים, מיידן אויס די פויערישע פוסגייער, די באלעבאטיש־פארנדיקע גויאישע וואגנס. פאר יעדן דארף, וואס זיי פארן דורך, מאכן זיי מיט די הענט צו די שיקסעס פאר די געפלאכטענע פלויטן און שרייען:

— מיינע הענט און פיס אף דיין לייב און לעבן....

עלטערע אידן מוסרן זיי:

— יונגאטשעס, טשעפעט נישט ס'גאיעס.

נאר די יונגען הערן נישט.

— העי! — שרייען זיי צו א תמעוואט פויערל, וואס טראגט א מענדל אייער אין א רויטער קעשענע ־ פאטשיילע אפן יאריד צו פארקויפן — קופטשע יעלה־ויבוא, טאניא...

דאס גויעצל שפארט אונטער א האנט אונטערן ברוין־און־בלויען אויער.

— טשעגא? — שרייט ער.

און די געזעלן קנייפּן די מייסטערס טעכטער פאַר הנאה.

אידן שמאַגניקעס מיט געשווירענע בערד, שוואַרצע, אָפּגעברענטע, ענלעכע צו ציגיינער, פאָרן מיט זייערע לייוונטענע ביידלעך, אָנגעפּילטע מיט מציאות, כלים, פּייפלעך, גלעזערנע קרעלן, דראָטענע פינגערלעך, פאַטשערקעס, וואָס זיי געבן פאַר שמאַטעס און ביינער. ביי יעדער דאָרף, וואָס זיי פאָרן דורך, קלינגען זיי מיט גלעקלעך, קרייען אין ערדענע גאָלד - געפאַרבטע הענער און רופן צום גראַם אין אידיש, פּויליש און רוסיש געמישט, מיט אַ ניגון פון אתה הראית:

בתולהס, פּאַניענקעס, מאַלאָדיצעס,
זאַ שאַראַוואַרי, סוקענעטשקי און ציצית,
סאַראַפאַני, קאַפּטאַני און הויזן,
ביינער, שמאַטי און שאַלאַמויזן.
בראַנסאַליעטקי, קאַראַלן, זהב־טהור,
האָבן זאָלט עטץ מיר אַזאַ יאָר,
דאַיו זלאָטאָ, סרעברא און טייער שטיין
די ממתקים אהער, ונאמר אמן!...

טשעכישע קונצנמאַכער מיט מאַלפּעס אף די אַקסלען, ציגיינער מיט קופערנע פאַנען און קעסלען, הונגעריקע רוטענער, הוצולן פון די קאַרפּאַטן־בערג, דראָטשאַרעס, וואָס גייען אוים וועלטן מיט זייערע בינטלעך דראָט, צו פאַרריכטן געשפּאָלטענע ערדענע כלים, — גייען איבער די וועגן שווייגנדיקע, פאַרוואָלקנטע.

— קאַמעראַדי — בעטן זיי ביי זייערע לאַנדסלייט, גאַליצישע אידן אין רבנישע קאַפּעלאַטשן און אין לאַנגע פאַרבלאָטיקטע זשופּיצעס, וואָס שוואַרצן איבער די גרענעץ וואָלנס און זיידנס אף דער רוסישער זייט — קאַמעראַדי, גיט עפּעס צו עסן, אַ שטיקל צוויבאַק כאָטש, די קישקעס דרייען זיך איבער פון הונגער. גאָט וועט באַצאָלן.

אידן פערד - הענדלער פון דער רוסישער זייט גרענעץ, אידן גיבורים מיט הויכע שטיוול, מיט שווערע בורקעס און מיט שעפּסענע היטלען אף די קעפּ, קריגן זיך מיט זייערע קאָנקורענטן, פערדס - הענדלער פון גאַליציען, אידן מיט לאַנגע פיאות און רבנישע זשופּיצעס, וואָס קומען אהער אף דער רוסישער זייט איינקויפן פערד פאַר דער עסטרייכישער קאַוואַלעריע.

לאַנגע טאַבונען פערד פירן זיי מיט זיך, פערד יונגע, שטאַרקע, וואָס הירזשען מיט ביינקשאַפט און באַגער צו פאַרלאָזענע שטאַלן און צו אָנערס. פריעראָוים רייט אַ גאַליציאַנער איד מיט אַ רויט געזונט פּנים, וואָס שפּראָצט מיט בלוט, מיט אַ געדיכטער באָרד און פיאות. ער רייט אין אַ זאָטל. די פּים הייגנען זיך אים נאָך, די לאַנגע זשיפּיצע שלעפּט

זיך, די פּיאות פלאַטערן, די ציצית פון לאַנגן טלית־קטן באַמבלען זיך, דער פאַרשמאַלצעוואַטער רבנישער קאַפּעלאַטש איז פאַררוקט אין אַ זייט, אָבער אַראָפּוואַרפן פון פערד לאָזט ער זיך נישט, אַפילו פון הײם־בלו־טיגסטן אַנער.

— העפּ, העפּ! — שרייט ער און יאָגט מיטן טאַבון אף די בלאָטיקע וועגן — ווישטאַ, קינדערלעך, העי!...

די קאָנקורענטן זייערע פון דער רוסישער זייט גלוסט זיך שטענדיק אויפסניי לאַכן פון די פערד־יונגען אין די רבנישע זשופּיצעס.

— קיר"ה מאַק — שרייען זיי נאָך און שמייסן מיט די לאַנגע ביימשן דעם „רבס" פערד, כדי דעם קאָנקורענט אַראָפּצוּוואַרפן — באַבעלע־יוש־קע... קאַשטאַנער רבי...

— פּאַניע חזיר! — ענטפערט דער „רב" אין גאַלאָפּ — ער לאַך פון אייער געפגרטן טאַטן...

אין גרויסן שטאָטישן אַלטן בית־המדרש, וואָס מיט זיינע משונהדיקע ווענט און האַלב־רונדע פאַרקראַטעוועטע פענסטער דערמאָנט עס אין אַ פעסטונג פון מלך סאָביעסקים צייטן, איז געפּאַקט. אידן פרעמדע, יאַריד־פאָרערס, בעטן זיך מיט רויע קולות ביי די שטאָטישע שיינע אידן, זיי זאָלן זיי לייען טלית און תפילין.

— ס'עט נישט לאַנג דויערן — זאָגן זיי צו — איידער איר קוקט זיך אום, האָב איך שוין אָפּגעפאָרן. ס'עט גיין ווי געשמירט. נישטאָ קיין צייט...

לייטישע אידן ווילן נישט געבן.

— נאָכאַמאָל — זאָגן זיי געלאַסן, נישט געאיילט — נאָכאַמאָל זאָלט עטץ וויסן, אַז אַ איד טאָר אָן טלית און תפילין נישט אַרויס־פאָרן — אַ פלעשל בראָנפן פאַרגעסט מען וואויל נישט מיטצונעמען. נאָר תפילין יאָ, גראָבע יונגען...

— אַ סוף, אַ סוף — בעט זיך אַ באַלעגאָלע און דעקט אָפּ די לינקע האַנט פון אַלע אַרבלען, פון אַלע לייבלעך און שפּענצערס, וואָס ער טראָגט — יעך וועל נאָר דאָס געשפּאַן אַרויפוואַרפן, אַ קוש טון די ציצית, אויסשפּייען און היידאַ! אַ סוף, כ'האָב איבערגעלאָזט די פערד אף הפקר...

אידן חסידים טרינקען בראָנפן, מען ווינטשט זיך לחיים און מען פאַרבייסט מיט הייסע באָבעלעך מיט קאַשע געפילט, וואָס אַ אידענע פאַרקויפט אין ווינקל פון בית־המדרש און פון אונטער אַ פּאַק שמאַ־טעס, כדי זיי זאָלן האַלטן היץ.

— לחיים, אידן, אַ גוטן יאַריד, גאָט זאָל העלפן!...

בית המדרש בחורימלעך, קעסט־איידעמלעך מיט פוכיקע בערד־לעך, זיצן ביי די גראָבן טישן, ביי ריזיקע צעריסענע גמרות און זינגען,

מאכן קולות, נאר לערנען וויניק. זיי זיינען מקנא זייערע חברים, וואס טאטעס און שווערס האבן זיי צוגענומען אף א טאג פון דער גמרא און אוועקגעשטעלט ביי קראמען, אכטונג צו געבן אף פויערים, קוקן גויעס אף די הענט. דער יאריד, די פרעמדע מענטשן, דער טומל רופט, לאזט ביי די גמרות נישט איינזיצן. צום וויפלטן מאל הויבן זיי אן אויפסניי:

— שור שנגח את הפרה, אז אקס האט געשטויסן א קוה...

און הינטערן ריזיקן בית־המדרש אויוון, אין ווינקל, וואס ליגט אריין גאנצע שייטן האלץ, טומלט זיך און רודערט זיך. גאנצע מחנות ארעמע־לייט זיינען זיך צוזאמענגעקומען אפן יאריד, ווען אידן לייזן געלט און מען קאן כאפן פעטע נדבות, און זיך אין בית־המדרש הינטערן אויוון באזעצט. בייטאג קאנען זיי נישט בעטלען. אידן זיינען פארנומען. אויך פארנאכט וועט מען נישט קאנען גיין איבער די הייזער, ווייל אידן וועלן זיין פארנומען מיט רעכענען, ציילן געלט. גיין וועט מען ערשט קאנען צומארגנס, און דערווייל האט מען זיך דא אויסגעזעצט אין בית־המדרש, הינטערן גרויסן אויוון, וואו ס'איז ווארעם און אפגעזונדערט. זיי זיצן אף דער ערד, אף די טארבעס, אף שמאטעס, זיי ציילן גראשנס, לייגן אויס ברודיקע שטיקלעך צוקער, וואס קארגע ווייבער גיבן זיי אנשטאט גראשנס.

דעם צוקער פאקן זיי אין טארבעלעך און שאצן אים אפ, וועגן אין די הענט, וויפל געלט מען וועט קריגן דערפאר ביי די קאצאפעס, וואס קויפן דעם צוקער אף מאכן „סאכאמאראזש". אויך באלעבאסטעס פון ארעמע גאסט־הייזער קויפן דעם צוקער אף זים צו מאכן טיי.

אנדערע לויזן זיך, קראצן זיך אין די געדיכטע בערד און קאלטע־נעס, בינדן זיך שמאטעס ארום די וואונדיקע פיס און ריידן וועגן גוטע און שלעכטע שבתים. זיי גייען איבער שטעט און שטעטלעך לויט דער פרשה פון דער וואך. זיי שטעלן אזוי אויס זייער מארשרוט, אז צו דער זעלבער פרשה זאלן זיי זיין אין דער זעלבער שטאט. די נעמען פון די שטעט געדיינקען זיי נישט אלעמאל, זיי געדיינקען בלויז די סדרהס און ביי וועמען זיי האבן געגעסן שבת. און זיי ריידן וועגן די שבתים.

— בראשית — זאגט א איד מיט רויטע אויגן — האב יעך א פעטן פיש און פעטשאי, און ציבעלעס מיט שמאלץ, און קוגל, און קישקע, און צימעס, און בראנפן וויפל מען וויל נאר, און אפילו מלוה־מלכה גיט מען א צולאג, בארשט מיט קארטאפל. איך וואלט פאר מיין בראשית קיין דריי גילדן נישט גענומען.

— מיין ויקרא — ענטפערט א דיקער איד מיט א פעך־שווארצער באָרד און מיט פינסטערע אויגן, וואס אזעלכע אידן געפינט מען אין די אלטע שפאט־ביכלעך אף אידן — מיין ויקרא זאל א פייער נעמען.

א קליין פיצל פיש. קיין פעטשאי אינגאנצן נישט, און חלה גיט מען נאר צו דער מוציא, דערנאך דערלאנגט מען ברויט.

צווישן גאנצן עולם בעטלערס, אפגערוקט אן א זייט, אין לייכטע צעריסענע קליידער, מיט א יונג, שווארץ בערדל ארום זיין בלאס מאט פנים, זיצט א יונגער בעטלער אף זיין מאגער זעקל און זאגט כסדר תהילים פון א צעשיסן סידורל. ער איז א פרעמדער צווישן די אלע. זיי קענען אים קיינער נישט, קיינמאל האט מען אים נאך נישט באגעגנט אף די וועגן, און מען וויל דערגיין ביי אים, ווער ער איז, מען וויל מיט אים האנדלען.

— יונגערמאן — פרעגט אן אלטער בעטלער — וויפל קלעצלעך צוקער האסטו? יעד קויף צוקער.

— איך האב נישט קיין צוקער — ענטפערט דער יונגערמאן און זאגט ווייטער תהילים.

— אפשר האסטו פרוטות? — וויל וויסן אן אנדערער — פאר פינף פרוטות גיב יעד א גראשן.

— איך האב נישט קיין פרוטות — זאגט דער יונגערמאן און הערט נישט אויף זאגן ווייטער אין סידורל.

— קום מיט מיר שותפות — זאגט א בלינדער — וועסט מיך פירן און וואס מען וועט מאכן, וועט זיין העלפט אף העלפט.

— איך קאן אליין נישט די וועגן — ענטפערט דער יונגערמאן.

— וואס קאנסטו? — פרעגן די ארעמעלייט.

— גארנישט.

— איך זאג תהילים.

— א משוגענער! — זאגט איינער.

— ניין, א שווינדלער! — זאגט א צווייטער — קיין קאליקע איז ער נישט, יונג איז ער אויך, מאכט ער זיך פרום, אבי כאפן א גראשן.

— אויב אזוי זאל ער גיין צו די בכבודע ארעמעלייט — שרייט א איד מיט א פייערדיק רויטער באַרד און מיט איין הילצערנעם פוס — זאל ער גיין צו די אייניקלעך, נשרפים, אונז זענען פראסטע בעטלערס, אורחי - פורחי...

— הע, הע, טראגט זיך פון דאנען!...

— רוקט אים אראפ דאס היטל איבער די אויגן! — לאכט מען.

— לאמיר אים עפענען דעם זאק. אפשר האט ער דארט אן אוצר...

די גאנצע חברה רוקט זיך צו צו אים פארזיכטיק. זיי ווארטן, אז ער וועט זיך קעגנשטעלן. אבער ער זאגט ווייטער תהילים. זיי בינדן אויף זיין זאק און געפינען דארט גארנישט. בלויז א תפילין־זעקל און א שטיינדל, וואס זאל האלטן געוויכט אין זעקל.

— לאָזט אים אָפּ — זאָגן עלטערע אַרעמעלייט — ער האָט גאָרנישט.

— ניין, זאָל ער גיין פון דאַנען! — שרייען אַנדערע — מיר דאַרפן נישט קיין צדיקים.

— זאָל ער גיין, זאָל ער גיין! — שרייט דער בעטלער מיט דער פייערדיקער באָרד און מיטן הילצערנעם פוס — ס'איז אַזוי אויך איינג, איך וויל דאָ עמיצן אַריינגעמען...

ער גייט אַרויס פאַר דער טיר און באַלד קומט ער אַריין מיט אַ שוואַרץ ווייבל, אַ בלינדע אַף איין אויג, וואָס טראָגט אַ מענערישע קאַפּאָטע מיט אַ שטריקל פאַרבונדן.

— שיינדל — זאָגט דער הינקענדיקער — דאָ קריך אַרונטער. סוועט דיר זיין וואַרעם. אידן, לאָזט זי אַריין.

די אַרעמעלייט מאַכן אַ געוואַלד!

— אַ אידענע אין בית־המדרש! מ'טאָר נישט! דער שמש וועט אונז אַלע אַרויסטרייבן...

— זי איז נישט זיין ווייב, ר'האָט זי צוגענומען ביי אַ בלינדן, אַן אשת־איש...

— זאָל זי גיין אין הקדש!

דער הינקעדיקער שטעקט אַרויס זיין מעכטיקע ברוסט פון אַ גיבור.

— עטיץ פאַרגינט מיר נישט — זאָגט ער — עס עסט ענק די לעבער. דוקא וועל יעך זי אַריינגעמען און טוטס מיר עפּעס!...

ער גייט מיט כח. ביי איין האַנט האַלט ער דאָס ווייבל מיטן בלינדן אויג, מיט דער צווייטער האַנט שאַרט ער אַלעמען אַוועק פון וועג, שפּאַרט אָפּ. מיט אַ געוואַלדיקער גבורה שפּאַרט ער אָן זיין הילצערנעם פוס אין דער ערד און שטייט ווי אַ מויער קעגן אַלע. דערנאָך פאַרמעסט ער זיך מיטן הילצערנעם פוס אַף דעם פרעמדן יונגנמאַן, וואָס זאָגט תהילים:

— צי אָפּ! — באַפעלט ער — וואָרום כוועל דיך דורסן!

אַלע בעטלערס מאַכן קולות.

— טרעט נישט אָפּ! — רופן זיי צום יונגן בעטלער — מירן רופן דעם שמש. מירן דיר נישט לאָזן קיין שלעכטס טאָן.

דער יונגער בעטלער רעדט נישט קיין וואָרט. ער הייבט זיך אויף פון אָרט, נעמט דאָס זעקל מיט זיך, פאַרלאָזט דעם וואַרעמען הינטערן אויוון און זעצט זיך ביי דער טיר זאָגן ווייטער תהילים.

— בהמה! — שרייען אים אַרעמעלייט נאָך — קאַלב!...

דער יונגערמאַן ענטפערט נישט און זאָגט ווייטער פון סידורל.

פאַרנאַכט, ווען אידן קומען צו מנחה־מעריב, שטעלן זיך אויס אַלע בעטלער ביי דער טיר פון בית־המדרש. יעדער רוקט אַרויס זיין מוס און

דאַווגט פרום. פאַר אַלע שטייט דער רויטער מיטן הילצערנעם פוס. דאָס ווייבל מיטן בלינדן אויג האָט ער באַצייטנס אָוועקגעשיקט. איצט דאַווגט ער פרום. דעם הילצערנעם פוס שטעקט ער אַרויס, מען זאָל אים זען. קיינער זאָל נישט זען, קנייפּט ער ביים דאַווגען יעדן אָרעמאַן, וואָס וויל זיך אַרויסרוקן אין פראָנט פאַר אים און פאַרשטעלן זיין הילצערנעם פוס. ביי דער שמונה־עשרה קריגן זיך אָרעמעלייט שטילערהייט, אַזוי שטיל, קיינער זאָל נישט הערן און מיינען, אַז דאָס דאַווגען זיי אַזוי פרום. איינער דעם אַנדערן קריכט מיט נעגל אין לייב.

נאָכן דאַווגען קלויבן זיך באַלעבאַטים אויס אָרעמעלייט און נעמען זיי מיט זיך אַף וועטשערע און נאַכטלעגער.

דאָס בית־המדרש ווערט ליידיק. דער שמש פאַרלעשט די לאָמפּן, דערנאָך קוקט ער זיך אַרום אין אַלע זייטן, גייט צו צו די יאָרצייט־ליכט, זוכט אויס די נישט־באַלעבאַטישע ליכט, די, וואָס אָרעמע אַלמנות האָבן אַוועקגעשטעלט פאַר די נשמות פון זייערע מענער די באַלמלאָכעס, ער לעשט זיי גיך אויס, באַהאַלט זיי אונטערן בעלעמער, און דערנאָך לאָזט ער זיך מיט אַ ניגונדל צו דער טיר, קושט די מזוזה און גייט אַרויס. אָבער אַף דער שוועל שלאָגט ער זיך אָן אין עמיצן. אַ ווײַלע דערשרעקט ער זיך.

— אַ מת! — גיט אים אַ בליץ אין קאָפּ — אַ מת, וועמענס יאָר־צייט־ליכט ער האָט אויסגעלאָשן.

אָבער באַלד קומט אים צוריק זיין קאַלטבלוטיקייט, די קאַלטבלו־טיקייט פון אַ שמש, וואָס איז יאָרן־לאַנג אויך אַ באַגרעבער, וואָס ווייסט, אַז פאַר מתים איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. ער דערזעט אַ יונגער־מאַן, וואָס זיצט און זאָגט תהילים, און ער פרעגט שטרייַנג:

— ווער ביסטו?

— אַ פרעמדער!

— וואָס טוסטו?

— כ'גיי איבער דער וועלט.

— וואו ביסטו געווען פריער? ביי מנחה־מעריב?

— אין בית־המדרש.

— פאַרוואָס ביסטו נישט געשטאַנען ביי דער טיר, צווישן די אור־חים, מען זאָל דיך נעמען אַף וועטשערע?

דער יונגערמאַן שווייגט.

— איך וועל דיך איצט צו קיינעם נישט פירן. וואָס וועסטו איצט טאָן?

— כוועל זיצן און זאָגן תהילים.

דער שמש באַטראַכט דעם פרעמדן, קוקט אים אָן פון אַלע זייטן

און ברומט ביין.

— עפעס א קאלב — זאגט ער.

ער שארט אים אוועק מיט א פוס און פעקנט אפ ביי זיך צו און אים זיצן דא פאר דער טיר. אויב אן ארימאן האט נישט קיין שכל זיך אוועקצושטעלן ביי דער טיר און אויפזוכן א באלעבאס, איז א שמש נישט מחויב אים צו באזארגן. כאפט אים דער רוח! אבער אין דער זעלבער רגע גיט אים עפעס א בליץ אין געדאנק. עס קומט אים אפן זינען זיין צביה, די פארזעסענע האלב־שטומע איינציקע טאכטער זיינע. און ער פארהאלט זיך נאך א ווײַלע.

— וואס ביסטו? — פרעגט ער דעם פרעמדן — א בחור? אן אלמן?

— א נע־ונדניק — ענטפערט דער פרעמדער.

— ווי הייסטו?

דער פרעמדער טראכט א היפשע ווײַלע. ענדליך רופט ער אן זיין נאמען.

— י א ש ע.

— אפשר א גאט־זאך — פאלט איין דעם שמש א געדאנק. ער נעמט דעם פרעמדן ביי א האנט און פירט אים מיט זיך אף וועטשערע.

— אי ביסטו א קאלב, יאשע — זאגט ער און טשאפעט מיט די שטיוול אין בלאטיקן שול־געסל, וואס פירט צום אלטן בית־עולם, וואו ער וואוינט אין קהלשען שטיבל. הינטער אים גייט נאך דער פרעמדער.

זיי גייען פארביי דעם באד, וואס שטייט ווי א ממשות'דיקער פלעק, ווי א פיר־קאנטיקער שווערער חושך אין דער נאכט. זיי גייען דורך דעם הקדש און קומען ארויס צום אײַנגעפאלענעם שטיינערנעם פארקאן, וואס נעמט ארום דאס בית־עולם. פון הינטער דעם צוים רוישן פארעקשנט ביימער.

— ס'בית עולם — ברומט דער שמש — האסטו מורא פאר מתים?

— כהאב מורא פאר גאט — זאגט דער פרעמדער.

דער שמש רעדט נישט מער. עפעס ווערט אים אונהיימליך מיט דעם דאזיגן שווײַגנדיקן פרעמדן. באלד קומען זיי צו צו א טויער מיט א נידריק טירל.

— בויג איין דעם קאפ — זאגט דער שמש, שוין נאכדעם ווי דער פרעמדער האט זיך אנגעקלאפט אין שטערן.

אין פעדערהייזל שטייט א טהרה־ברעט און א קעסטל פאר מתים־קינדער, אין ווינקל א גרויסע קאץ מיט קעצעלעך זיצן.

דער שמש טרײַבט זיי מיטן שטעקן.

— א פשיק, אן אויסרייסעניש אף זיי. האבן שוין נישט וואו צו

זיצן?

דערנאָך פירט ער אריין דעם פרעמדן אין א קליין שטיבל, אין וועלכן עס הייגט א מעשענער שבתדיקער הענגלייכטער מיט רויטע פאַפירענע בלומען פאַרפוצט און עס שטייען צוויי הויך־פאַרבעטע בעטן, איבערגעדעקט מיט סיטצענע ליילעכער. די ליילעכער זיינען זייער פאַרביקע, מיט א סך רויטע בלומען און פויגל.

פון א טיפן ברעגענדיקן באַק־אויוון שטעקט א מויד ארויס א בלאָנדן צעשויבערטן קאָפ מיט גרינע אויגן, ווי ביי א קאַץ.

— כ'האָב געבראַכט אַן אורח — זאָגט דער שמש — גרייט צום טיש, צביה! און שלאָפן וועט דער אורח אפן פיעקעליק. וועסט אויסזוכן מיין אַלטן פעלץ און אים צודעקן.

די בלאָנדע צעשויבערטע מויד צעהאַקט א הערינג מיט ווילדער גיכקייט. אַלץ ציטערט אונטער אירע הענט. די צעשויבערטע האָר, די פליישיקע היפטן, די גרויסע ברוסטן אירע, אַלץ צאַפּעלט און טרייסלט זיך, ווען זי טוט עפּעס. זי קוקט אף דעם פרעמדן מיט גרינע אויגן און צעלאַכט זיך. זי לאַכט מיט א ווילד שטום געלעכטער.

— וואָס לאַכסטו, צביה! — פרעגט דער פאָטער.

— הי, הי הי — ענטפערט זי דערויף און האַקט נאָך שטאַרקער דעם הערינג, אזוי, אז די עטלעכע הינער, וואָס דרימלען אף א פאָליצע, כאַפּן זיך דערשראָקענע אויף, א האָן נעמט פאַטשן מיט די פליגל און צעקרייעט זיך פלוצלונג.

צביה יאָגט אים דערפאַר אַראָפּ מיטן פאַרטוך פון דער פאָליצע — אשאַ, א שאַאַאַאַ...

דער פרעמדער האַלט די אויגן אַראָפּגעלאָזן. ער עסט ווייניק און זאָגט א סך. די מויד טראָגט צו צום טיש הייסע קאַרטאָפל, פון וועלכע עס שלאָגט א וואַרעמע פאַרע. זי גייט צו אזוי נאָענט צום פרעמדן, אז זי שפּאַרט אים אָזש צו מיט אירע גרויסע ברוסטן. צוזאַמען מיט דער פאַרע שלאָגט פון איר א היץ, א הייסער אָטעם. דער פרעמדער דרייט זיך אפן אָרט. די מויד ביקעט. ער בענטשט לאַנג, דער פרעמדער, זאָגט פאַרשידענע תפילות פאַרן שלאָפן און קריכט ארויף אפן פיעקעליק. די מויד דעקט אים איין מיט אן אַלטן צוריסענעם פעלץ. זי הערט גאָרנישט אויף ביקען און דערביי קיצלט זי אים אין די פיס און אין די זייטן.

— הי, הי, הי — זאָגט זי מיט האַלב־שטומע רייד און בליצט אף אים מיט א משוגענעם גלאַנץ אין די אויגן — הי, דו חתן מיין, הי...

דער קליינער הייננדיקער נאַפט־לאָמפּ ציטערט מיט אַן א שיעור לענדע שאָטנס, ווי שוואַרצע טעלער.

אין מיטן דער נאַכט, ווען דער זייגער הויבט אָן הייזעריק זיך וואַרגן

מיט זיין אַלט געוועדק און די נאָכהענגנדע געוויכטן קלאַפּן אויס טעמפּע צוועלף קלאַנגען, הויבט זיך דער פרעמדער אויף פון זיין געלעגער און זאָגט חצות. ער וויינט מיט אַ בּיטער איינגעהאַלטן קול און שלאָגט זיך מיט דער פויסט אין האַרץ. אין שטוב איז שטיל. בּלויז דאָס שווערע אָטעמען פון די שלאָפנדע הערט זיך. אַ מאַנספּילשער דיקער שנאָרך הויבט אָן און אַ ווייבּערישער אַ דינער ענטפערט אים צו דער רגע. דער פרעמדער וויינט אַלץ העכער און העכער. אים האַלטן אונטער די רוישנדע בּוימער פון בּית־עולם. אַ גריל, אַן איינציקע גריל בּאַגלייט מיט אירע קינות פון אונטערן פינסטערן בּאַק־אויוון.

פערצענט קאפיטל

צומארגנס נאכן יאריד האבן די ארעמעלייט גענומען די שטאט מיט שטורם.

ווי אלעמאל, האבן די באלעבאטים גענומען טיילן די ארעמעלייט פרוטות. אבער זיי האבן נישט געוואלט נעמען. דער יארמארק איז גע־ווען א גוטער, און די ארעמעלייט האבן געוואלט נאר געלט אין מזומנים. קיין איין פרוטה, קיין איין שטיקל צוקער האבן זיי אין האנט נישט גענומען. מוציאס ברויט האבן זיי צוריקגעווארפן.

— ווערטס דערווארגן מיט די פרוטות און מיטן צוקער — האבן זיי געשאלטן.

די באלעבאטים האבן געקרעכצט און געגעבן גראשנס. נגידים האבן אפילו געמוזט געבן קאפיקעס.

אלע פרוטות זיינען אריינגעפאלן צום פרעמדן יונגנמאן, דעם שמש'ס אורח.

פארנאכט איז ער אוועק צום שטאט־גבאי אויסטוישן די פרוטות אף געלט.

— וויפל האסטו? — האט געפרעגט דער גבאי, א בייכיקער איד מיט א קורצן אטעם.

— כהאב נישט געציילט.

— פארוואס האסטו דיר אלע פרוטות געלאזט אריינגנארן?

— כהאב גענומען, וואס מען האט מיר געגעבן.

— א בהמה א איד — האט געזאגט דער גבאי, ציילנדיק פאמעלעך די שמוציקע פארפעטסטע פאפירלעך, אף וועלכע עס איז דא א רונדער שווארצער סטעמפל מיט אפגעריבענע אותיות „פרוטה דק״ק ביאליגורה״. ער האט כסדר גענעצט דעם פינגער אין מויל, כדי בעסער צו ציילן די קלעפיקע פאפירלעך, אונטערזיפצנדיק מיט גבאיש־נחתדיקע זיפצעלעך.

פונקט ווי דער פרעמדער האט נישט געציילט די פרוטות, האט ער אויך נישט געציילט די דריי גולדן, וואס דער גבאי האט אים אויסגע־

צאָלט אין סאַמע גלאַטיקע דרייערס. ער האָט געקושט די מזוזה און איז אַרויס.

ביי דער טיר אין דרויסן האָט אים דער שמש פאַרהאַלטן.

— וויפל געלט האָסטו געמאַכט? — האָט ער אים שטרייִנג געפרעגט.

— כ׳ווייס נישט. אין קעשענע ליגט אַלץ.

— גיב מיר איבערצוציילן.

דער פּרעמדער האָט אים אַוועקגעגעבן אַלע דרייערס. דער שמש האָט איבערגעציילט געלאַסן ביים שיין פון זיין לאַמטערן און זיי אַריינגעלייגט צו זיך אין דער קעשענע. דער פרעמדער האָט גאָרנישט נישט געזאָגט, אַרומגעגאַרטלט זיך און געלאָזט זיך גיין.

— יאָשע, וואו גייסטו?

— אין דער וועלט.

— ביינאַכט אין וועג? האָסט נישט מורא פאַר אַ סכנה?

— אומעטום איז פול מיט סכנות.

— איי, ביסטו אַ קאַלב, יאָשע! — האָט דער שמש געזאָגט — קום, קום מיט מיר אין בית־המדרש.

דער פרעמדער האָט געפאָלגט. אין בית־המדרש האָט אים דער שמש געגעבן אַ בעזים אין האַנט און געהייסן אויסקערן. דערנאָך האָט ער אים געהייסן אָנטראָגן האָלץ און איינהייצן אין אויוון, שפּעטער האָט ער אים געפירט צו זיך אַהיים, געגעבן עסן און אים געהייסן אַרויפקריכן אַפן פּיעקעליק.

ער איז פאַרבליבן אַ משרת אין בית־המדרש, אונטערשמש ביי ר׳ קנה שמש.

גאַנצע טעג האָט ער געאַרבעט. באַלד פאַרטאָג שוין האָט ער אָנגעטראָגן האָלץ און דעם ריזיקן אויוון איינגעהייצט. דערנאָך האָט ער געבראַכט וואַסער פון ברונים און אָנגעפילט דאָס גרויסע פאַס און אַלע קופּערנע האַנטפאַסן. אויך האָט ער אויסגעקערט און אַלע געפונענע שמות אויפגעהויבן און אַוועקגעטראָגן אַפן בוידעם. די לאָמפּן־גלעזלעך האָט ער אויסגעווישט מיט דער פאָלע.

— נישט ליידיק געגאַנגען, געאַרבייט! — האָט אים קנה שמש געמונטערט יעדעם מאָל, ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי דער טיר זאָגן תהילים — תהילים וועסטו זאָגן שבת.

אַליין האָט ער איצט גאָרנישט געטאָן, קנה שמש. ער האָט בלויז אָפּגעהיט יאָרצייטן, באַהאַלטן ליכט, אַוועקגעטראָגן די שטאָטישע חופּה אַף נגידישע חתונות און געקלונגען אַף לויות מיט דער פּושקע און גערופן „צדקה תציל ממות“. אַלץ האָט געטאָן יאָשע. אַפילו דאָס קלאַפּן

אין די לאָדן יעדן פֿאַרטאָג אין אידישע הייזער, האָט ער אים איבערגעגעבן. נאָך אין דער נאַכט איז שוין יאָשע געלאָפֿן פֿון לאָדן צו לאָדן און געקלאַפּט מיטן הילצערנעם האַמער.

— שטייט אויף אידן, צייט גאָט צו דינען! — האָט ער גערופֿן.

אַמאָל האָט ער געבאַפּט קלעפּ. ער האָט נאָך נישט געקאָנט די גאַנצע שטאָט און אָנגעקלאַפּט צו אַ גוי, וואָס האָט געוואוינט צווישן אידן. דער גוי האָט אים מיט קאַלט וואַסער אָפּגעגאָסן דערפֿאַר. יאָשע האָט זיך אָפּגעשאָקלט פֿון וואַסער און געגאַנגען ווייטער פֿון לאָדן צו לאָדן. טאָמער איז אימיצער געשטאָרבן אין דער נאַכט, האָט קנה געוועקט יאָשען אָפּן געלעגער.

— יאָשע, היינט זאָלסטו געבן מיט איין קלאַפּ ווייניקער, אַ מת איז דאָ אין שטאָט.

פּרייטיק האָט אים קנה געשיקט איבער דער שטאָט קלאַפּן מיטן הילצערנעם האַמער צו ליכט־צינדן. ר׳ קנה אַליין איז געגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב מיט דער פּושקע נאָך שמשות־געלט. ער האָט זיך אַזוי געגנרמען לאָזן וואוילגיין, ר׳ קנה, אַז אַפֿילו פּויקן אין מאַרק יעדעס מאָל, ווען מען הייצט אין באָד, האָט ער אַליין נישט געטאָן. ער האָט אָנגעהאָנגען יאָשען די פּויק, געלערנט אים ווי אַזוי צו קלאַפּן מיט די שטעקעלעך, און אַליין איז ער געלעגן און געשלאָפֿן.

— אַ טייערע עלטער — האָבן אים אידן מקנא געווען — לעבט זיך ווי אַ מאַנאַרך.

און טאָמער האָט ער שוין געהאַט אַ מינוט צייט, יאָשע, און זיך אָוועקגעזעצט ביי דער טיר זאָגן תהילים, האָבן אים די בחורים און יונגעלייט אין בית־המדרש נישט געלאָזט קיין מנוחה און אים געשיקט מיט שליחותן.

— יאָשע קאַלב, גיי ברייננ געבראָטענע עפּעלעך. יאָשע, וואַסער ברייננ, יאָשע, פּאַפּיראָסן קויף. יאָשע, לויף נאָך אַ פֿלעשל בראָנפֿן צו אַ יאָרצייט...

יאָשע הויבט זיך אויף פֿון אָרט, זאָגט נישט קיין איינציק וואָרט און טוט, וואָס מען הייסט אים.

נגידישע בחורימלעך, חתנים מיט גאָלדענע זייגערס, דערגייען אים די יאָרן, פֿון לײדיקגיין, פֿון אַ סך עסן און פֿון גאָרנישט טאָן, זיינען זיי איבערגעזעטיקט, איבערגעלאָדן מיט גלוסטיקייט. זייערע כלות קענען זיי נישט, שרייבן צו זיי נישט. בלויז צו די מחותנים שרייבן זיי פּשטלעך, וואָס מלמדים מאַכן פֿאַר זיי. די אייגענע כלות שטעלן זיי זיך פֿאָר אין די משונהדיגסטע געשטאַלטן. זיי וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דער חתונה, אויף זייער חופּה־נאַכט. דערווייל שטילן זיי זייערע באַגערן

אין די פעטע ערטער פון דער גמרא און אין די שאלות־ותשובות יוצגן ווייבערישע זאכן. אלע בלעטער אין די דאזיקע ספרים זיינען פארפעטסט, אויסגעריסן. אבער אז דאס ווערט זיי אויך צוגעגעסן, ריידן זיי ניבול־פה און זיי רינגלען ארום יאשען און לאזן אים קיין תהילים נישט זאגן.

— יאשע, — שטארקן זיי אים — א ווייב האסטו שוין אמאל געהאט? קאלב, די ערשטע מצוה האסטו שוין מקיים געווען?...

ער ענטפערט זיי קיין ווארט נישט. ער זאגט בלויז תהילים, זאגט ביי דער ארבעט, ביי גיין א גאנג, ביים הייצן אין אויוון, אפילו ביים אויסקערן דאס בית־מדרש. עפעס אנדערש פון תהילים זאגט ער נישט. בלויז ביינאכט, ווען ער איז ביים שמש אפן פיעקעליק, זאגט ער עפעס אנדערש. פונקט צוועלף ביינאכט כאפט ער זיך אויף. ער צינדט דאס לעמפל נישט אן. אין דער פינסטערניש גיסט ער זיך אפ די נעגל פון דעם שעפער וואסער, וואס ער גרייט זיך אן, ער טוט אן די צעריסענע קאפאטע, גארטלט זיך ארום און זאגט חצות. ער זאגט זוהר פון אויסנווייניק, סליחות. ער וויינט, שלאגט זיך א סך אין הארץ. א סך מאל נעמט ער אן א האנט אש פון פיעקעליק און שיט זיך אפן קאפ. אבער אויך דא האט ער קיין מנוחה נישט. צביה, דעם שמשס טאכטער, פייניקט אים.

פון ערשטן טאג אן, זינט ער איז דא אריינגעקומען, יאשע, טשעפעט זי זיך צו אים. ביי וועטשערע, ווען ער זיצט ביים טיש און עסט, קוקט זי אים אין די אויגן אריין און כיקעט. קעצישעס האט זי אין איר פנים, די צביה, סיי אין דער ברייטער נאז, סיי אין די גרינע אויגן, סיי אין מויל, וואס זי האלט אין איין צוציען און ארויסווייזן שפיציקע ציין. אויך אין איר צושפארן זיך צו א מענטש איז דא קעצישעס. ווי א קאץ, וואס הויבט אויף די הינטערשטע פיס אין דער הויך, פארהויבט דעב עק, לאזט אראפ דעם קאפ און שפארט זיך צו צו מענטשישע פיס, שפארט זיך צי עקשנותדיג, פארביסן, וויפל מען זאל זי נישט אפשטויסן, אזוי שפארט זיך די האלב־שטומע, האלב־משוגענע מויד צום פרעמדן. ביי יעדן עסן־דערלאנגען שפארט זי זיך צו אים. זי טרעט אים אן אף די פיס, קוועטשט אים צו מיט א היפט, פארקלעמט אים מיט די איבערגעיוירענע ברוסטן גלייך אין פנים, אטעמט אף אים שווער. אים באשלאגט א דאפלטע היץ, פון געקעכטס און פון ווייב, און ער נעמט שטיל זאגן עפעס א תפלה.

זי צערייבט אים די הייסע קארטאפל מיט א הילצערנעם קאבלעפל, אז אלין ווערט אין פארע געהילט, און זי כיקעט ווילד.

— וואס כיקעסטו, צביה? — פרעגט זי דער פאטער.

— הי, הי, הי — ענטפערט זי מיט נאך א שטארקערן געיעכטער און ארבעט נאך גיכער מיטן לעפל, אזוי, אז דער הענגלייכטער ציטערט

מיט אַלע פּאַפּירענע בלומען זיינע.

און ביינאַכט, ווען ער, יאָשע, שלאָפט, דערפילט ער מיטאַמאָל, ווי עמעץ שפאַרט זיך צו אים, בלאָזט אָף אים מיט וואַרעמקייט. און ווען ער כאַפּט זיך אויף, טרעפט ער זי, די מויד, ליגן נעבן זיך. ווי אַ פוילע קאַץ, וואָס וויל נישט אָפּטרעטן פון אַ וואַרעמען מענטשלעכן געלעגער, צו וועלכן זי האָט זיך צוגעשאַרט בגנבה אין דער פינסטערניש, אַזוי וויל די האַלב־שטומע מויד נישט אָפּטרעטן פון יאָשעס געלעגער.

— הי, הי, הי — לאַכט זי — דו חתן. טאַטע זאָגט, דו צביה'ס חתן. הי, הי, הי...

ער רוקט זיך פון איר אָפּ, אָבער זי קריכט אים נאָך. ער רוקט זיך צו צו אַ ווינקל. זי שפּאַרט אים צו. ער פאַרשטעלט זיך מיט די הענט, מיט די עלנבויגנס.

— גיי, גיי! — יאָגט ער זי — איך וועל אויפוועקן דעם טאַטן, גיי!

זי הערט נישט. זי נעמט אים קיצלען אין די פּיענטעס, אונטער די אָרעמס. ער שטופּט זי אָפּ מיט כח. אָבער זי איז שטאַרק, נישט פון אָרט צו רירן.

— דו יאָשע, קאַלב — שיפּעט זי און נעמט אים קושן, קושן ווילד, אין די הענט, אין די פיס, אין די קרייזלעך פון זיין בערדל.

וואָס מער ער טרייבט זי פון זיך, וואָס פעסטער ער שטויסט זי אָפּ, אַלץ מער קושט זי אים, אַלץ הייסער, ווילדער. די אויגן אירע לייכטן מיט גרינע פייערלעך אין דער פינסטערניש. ער נעמט שרייען.

— ר' קנה! — רופט ער — ר' קנה!

אָבער דעם שמש איז נישט צו דערוועקן. ער ליגט פאַרפּאַקט אונטער צוויי שווערע פּערענעס, אונטער זיין אייגענער און אונטער דער פּערענע, וואָס איז געבליבן נאָך זיין פאַרשטאָרבן ווייב. בלויז זיין שנאָרכען טראָגט זיך הויך, פאַרעקשנט, מיט אַ געבייזער, ווי ער וואָלט זיך שטאַרק געקריגט מיט עמעצן.

ער רייסט זיך אַרויס פון איר. מיט צאָרן שטופּט ער זי אָפּ פון זיך, קריכט אַראָפּ פון אויוון און זעצט זיך אַוועק אין אַ ווינקל, אין אַ פינסטער ווינקל. די מויד שאַרט מיט די באָרוועסע פיס איבער דער שטוב, וואַרפט זיך אין איר בעט אַריין. עס קרעכצט דאָס בעט. יאָשע הויבט ווידער אָן זאָגן אין דער נאַכט. אָבער די מויד שטערט אים. זי וויינט, יאָמערט שווער, אומגליקליך. זי הערט אויף אַ ווײַלע, כדי צו כאַפּן אָטעם, און הויבט ווידער אָן אויפסניי, נאָך שטאַרקער, נאָך אומגליקליכער. אין איר וויינען איז דאָ בהמהשעס, אַזוי וויינט אַ הילפלאָז באַשעפעניש אין זיין שטומען צער. ווען זי גייט איבער אין הײַלן, דערמאָנט זי אין הײַלן

פון אלטע הינט, וואס יונגערע פארטרייבן זיי פון א צווייג אין א רעגנדיקער נאכט פון סוף ווינטער.

איר וויינען צינדט אן זיין בלוט מער ווי איר קערפער פריער אפן אויוון. ער וויל זיך פארטרייבן. אבער א דראנג, א שטארקער דראנג שטויסט אים צוצוגיין צו איר, ארויפלייגן די האנט אף איר קאפ און טרייסטן זי, טרייסטן זי אין דער שטילער שווארצער נאכט. פון בלויזן געדאנק נעמט אים ארום א ציטערניש. ער שאקלט זיך, ווארפט מיטן קאפ, כדי צו פארטרייבן זיינע אייגענע געדאנקען. ער קנייפט זיך, רייסט פון זיך אויס שטיקער לייב, פייניקט זיך, כדי צו פארטרייבן פון זיך די שלעכטע געדאנקען. אבער אין קנייפן זיינעם פילט ער מער פארגעניגן ווי ווייטאק. דער ווייטאק איז זיס, האט א טעם ווי אייגן בלוט, וואס מען זויגט מיטן מויל פון א פארוואונדעטן פינגער.

לאנג זיצט ער אזוי אין ווינקל שטוב, ביז דאס געוויין הערט אויף. ער שארט זיך צוריק שטיל ארויף צו זיין געלעגער און דעקט זיך איבער מיט ר׳ קנה׳ס אלטן פעלץ איבערן קאפ. ער וויל שלאפן, אבער אים נעמט נישט קיין שלאף. זיין בלוט איז וואך. ער מאכט צו פעסט די אויגן, דריקט צו די לעדלעך, אבער וואס מער ער שליסט די אויגן, אלץ מער זעען זיי. ער זעט כלערליי ווייבערישע געשטאלטן, נאקעטע, צולאזענע, וואס שטרעקן אויס צו אים ארעמס, וואס רופן אים. ביי זיין קאפ שטעלט זיך אוועק דער שטן, אין געשטאלט פון שטאטישן רופא, מיט א שפיציק בערדל און מיט א דין שטעקעלע אין דער האנט. ער לאכט פון אים.

— שוטה — זאגט ער אים — דו טרייבסט אוועק פון זיך א בתולה, א יתומה, כדי צו זינדיקן אין געדאנק מיט שדיכעס און זונות...

ער טוט זיך גיך אן. ער וועט אנטלויפן. אין מיטן דער נאכט וועט ער אוועק פון דאנען אין דער וועלט, אבי מער די דאזיקע שטוב נישט אנצוקוקן. ער ציט גיך ארויף די שטיוול אף זיינע פיס, טוט אן די קאפאטע, גארטלט זיך פעסט ארום און זוכט אין דער פינסטער זיין זעקל, אבער א שטארקע קראפט, א זייטיקע, א פרעמדע, האלט אים, מאכט אים שוואך זיינע פיס, גיסט זיי אן מיט בליי, פון ארט נישט צו רירן.

איידער ער גייט נאך, נעמט אים שוין ארום א בייגקשאפט, א באגער נאך דער דאזיקער שטוב, נאך דער פינסטערער ווארימקייט אירער, נאכן שטילן קלאנג פון דער גריל, נאך דעם אטעמען, וואס טראגט זיך פון ווארימען ווייבערישן בעט. א שלעפערקייט באפאלט אים, א מידקייט, א שוואכע מידקייט, וואס מאכט זיס, ווי אין חלשות. ער דערפילט זיך אזוי פויל, מיד, אז ווען זי קומט איצט צו אים, וואלט ער אפילו נישט געהאט קיין כוח זי אפצושטויסן פון זיך.

אין די קליידער ליגט ער צוריק אף זיין געלעגער און ער זאגט

תהילים מיט געבעט. טרערן רינען איבער זיינע באקן, דערגרייכן אים ביז צו די געשפאלטענע ליפן.

— גאט — בעט ער, — פארוואס האסטו מיך פארלאזט? איך רוף צו דיר בייטאג און דו ענטפערסט מיר נישט, איך שריי ביינאכט — און דו שווייגסט!

פופצנט קאפיטל

אפן וועג ארום בית־עולם האט אנגעהויבן שרעקן אין די נעכט. באלעגאלעס וואס זיינען דורכגעפארן שפעט ביינאכט מיט זייערע וואגנס זאלץ און נאפט פארביי דעם בית־עולם, האבן געהערט שארכען, שארן זיך. אידן דארפס־גייער, וואס שלעפן זיך ארום איבער דערפער, איינקויפן חזיר־האר און האזענע פעלעכלעך, האבן געזען אפן בית־עולם פייערלעך זיך צינדן און פארלעשן.

א שרעק איז אנגעפאלן אף דער שטאט. אידן האבן כסדר אכטונג געגעבן אף די ציצית פון זייערע טלית־קטנס, צי עס פעלט נישט א ציצה. ווייבער האבן זיך נישט איינגעשטעלט ארויסצוגיין פארנאכט אן א פאר־טוך. בייטאג איז מען נאך ווי עס איז פארבייגעגאנגען פארן בית־עולם. געגאנגען איז מען גיך, אונטערגעלאפן. אז מען האט דערזען דעם זיטיי־נערנעם פארקאן הינטער זיך, האט מען לייכטער אפגעאטעמט פון שרעק און פון לויפן. ביינאכט האט קיינער זיך נישט איינגעשטעלט דארט דורכצוגיין. אפילו די באלעגאלעס, וואס האבן נישט מורא געהאט אליין צו פארן דורך גראף זאמאיסקיס געדיכטע וועלדער, וואו עס זיינען גע־ווען גזלנים און וועלף, האבן זיך נישט איינגעשטעלט דורכצופארן אליין שפעט ביינאכט פארביי דעם בית־עולם. מען האט געווארט אף גאנצע חברות באלעגאלעס, זיך צונויפגענומען, עס זאל זיין היימלעכער. מען האט געשמיסן די פערד, געקנאלט מיט די בייטשן, כדי די אייגענע שרעק צו פארטויבן, און שטילערהייט, אזוי, אז קיינער זאל נישט הערן, האט מען אראפגעשלונגען א שמע־ישראל.

— שילם, לייביש, אוריש, גדליה! — האט מען אריבערגעשריגן צו זיך פון וואגן צו וואגן, כדי צו מאכן זיך קוראזש — וויא!...

חדר־אינגלעך האבן מורא געהאט צו גיין אליין אין אוונט פון חדר. האלטנדיק זיך ביי די הענט, מיט אנגעצונדענע ליכטלעך אין די פא־פירענע לאמטערנדלעך, זיינען זיי געלאפן איבערן מארק און געלייענט קריאת־שמע. מער מוראדיקע האבן געהאלטן גרייט אין די הענט די

ציצית פון די לייבסערדאקלעך. ווייבער לשון־הרעניצעס, וואס לויפן איבער אלע הייזער, וואו נאר מען פרעגלט שמאלץ אף פסח אדער מען שלייסט פעדערן, כדי אויסצולאזן אלע רכילות און פליאטקעס, האבן זיך צונויפגענומען א סך, גאנצע כאפטעס, און, לויפנדיק פון די געסלעך, האבן זיי הויכע שפרוכן הינטער זיך געווארפן.

— רויך דיר אין די אויגן, עסיק אין האלדז. ני בארע, ני מארע, קיין בייז אויג, קיין עין־הרע...

כלות און טראגעדיקע ווייבלעך האט מען אינגאנצן נישט ארויסגעלאזט אין אונט, סיידן דורך צוויי מאנסבילן געפירט.

— זי ווארט נאר, מען זאל לאזן א כלה אדער א טראגעדיקע אליין — האבן די ווייבער געזאגט און געשפיגן — און זי וועט זיך גלייך ארייכאפן, אף אלע וויסטע פעלדער געזאגט!...

געמיינט האט מען דאס פייגעלע די משומדתטע, ליפע דעם פאדריאטשיקס געשטארבענע טאכטער. זי איז געווען א כלה שוין מיט א ישובה־בחור, די פייגעלע, אבער זי האט געהאט טרייף בלוט און פאר דער חתונה אנטלאפן מיט א קאזאק פון דער אינטענדענטור און זיך אין רוסישן נאר־ניזאן־קלויסטערל, טאקע אין די עלטערנס שטאט, געשמדט. זי האט געהאט א שלעכטן סוף, ווי די ווייבער האבן עס פארויסגעזאגט. ער האט זי געשלאגן, דער קאזאק, פון דער שטוב ארויסגעטריבן, און זי האט זיך געהאנגען, געהאנגען זיך אף דער טיר פון שטוב, צוזאמען מיט איר קינד, וואס זי האט שוין געהאלטן ביים געבוירן. מען האט זי באגראבן אפן רוסישן צמענטער, ביים פלויט, ווי עס קומט זעלבסטמערדער. דער מאן אירער, דער קאזאק, האט א פראסטן הילצערנעם צלם נאך איר נאכגעטראגן. קיינער איז נאך איר לויה נישט נאכגעגאנגען. גלייך דערנאך האט גענומען שרעקן אפן בית־עולם. יעדער נאכט האט געשארט, פייערלעך האבן זיך געצונדן, און אידן האבן געוואוסט, אז דאס איז פייגעלעס ארבעט.

— ביים לעבן אונז בזיונות אנגעטאן — האט מען געזאגט — און נאכן טויט לאזט זי קיין מנוחה נישט...

יונגע מיידלעך האבן רחמנות געהאט.

— זי וויל נעבעך צום אידישן גוטן־ארט. זי בלאנקעט זיך דארט ארום, נאר מען לאזט זי נישט אריין.

די סופרים האבן געהאט א סך ארבעט. אידן האבן געלאזט איבערקוקן די תפילין, דורכזען די מזוזות, צי עס איז, חלילה, קיין אות נישט אפגעשפרונגען. אידן נגידים האבן אפגעריסן די טיר ביי ר' משה סופר.

ער איז געווען א צדיק, דער ר' משה סופר. פאר יעדער שם, וואס ער האט אויפגעשריבן, האט ער זיך פריער געטונקען אין מקוה. אויך

פֿלעגט ער פֿאַסטן גאַנצע וואָכן. כאָטש ער איז שוין געווען פֿערציק יאָר אַ סופֿר, האָט ער בלויז צוויי ספֿר־תּורהס געהאַט אָנגעשריבן. אַ פּאָר תּפֿילין, אַ מזוזה, האָט ער אָפּגעהאַלטן חדשים־לאַנג. אידן נגידים האָבן דווקא געוואָלט איצט איבערקוקן די תּפֿילין און מזוזות בײַ ר׳ משהן. מיט זײַנס אַ מזוזה האָט מען זיך געפֿילט זיכערער.

— ר׳ משה — האָבן זיי אים געבעטן — וויפֿל געלט איר וועט נאָר וועלן, וועלן מיר באַצאָלן, אַבי נעמט נאָר אָן.

נאָר ר׳ משה האָט נישט געוואָלט.

— נו־אַ — האָט ער געברומט, קיין וואָרט נישט געוואָלט אויסרעדן און געוויזן מיט דער האַנט, אַז ער איז פֿאַרנומען.

אין קליינעם שטיבל זײַנעם איז געווען אַ קעלט, די שויבן זײַנען געווען מיט קישנס פֿאַרשטופּט, פֿון קיך האָט געריכערט, די ווענט זײַנען געווען שוואַרץ, נאַס־ווילדע שוואָמען האָבן אויף זיי געוואַקסן. דאָס צווייטע ווײַב זײַנס, אַ אידענע אַן אויסגעדאַרטע, אַ לאַנגע, איז געזעסן אויף אַ קליין בײַנקעלע, געשטופּט איר טאַרבעדיקע ברוסט אַ זויגלינג אין מײַלכל און געשריגן:

— זויג, צי, זויג פֿון מיר ס׳חיות אויס...

קינדער, איינס יונגער פֿון צווייטן, בלאַסע, קרומפּיסיקע פֿאַרשמירטע, האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, וואָס האָט אַפֿילו קיין פּאָדלאָגע נישט געהאַט און בלויז געווען מיט ליים באַדעקט. זיי האָבן גענומען אין די פּיסקלעך אַלץ, וואָס זיי האָבן געפֿונען אויף דער ערד, שאָלן, דאַרע שטיקלעך ברויט, קאַלך אַפֿילו. זיי האָבן געוויינט, געלאַכט, געפּאַלן, געשריגן, נאָר ר׳ משה סופֿר האָט זיך נישט אומגעקוקט. בײַ אַ טיש, אויף וועלכן עס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַ קעלבערנע פֿעל, איז ער געזעסן אין טלית און תּפֿילין, מיט אַ געניזענער פּען אין האַנט, און מיט פֿאַרהויבענע ברענענדיקע אויגן געקוקט צום פֿאַרריכערטן באַלקן. ער האָט געציטערט מיט דער האַנט, געשאָקלט זיך, געברומט עפּעס שטיל, פֿאַרמאַכט די אויגן. צען מאָל האָט ער צוגעלייגט די האַנט צום פּאַרמעט, געוואָלט אויפֿשרײַבן אַן אות, נאָר ער האָט נישט געשריבן.

— גזלן! — האָט זײַן ווײַב געשריגן און אים געהויבן צוויי דאַרע פֿויסטן גלײַך אין די אויגן אַרײַן — מענטשן בעטן זיך בײַ דיר, ווילן באַצאָלן. שוחט אַן אַ חלף!

נאָר ער האָט זיך נישט אָנגערופֿן. זײַנע גרויסע רונדע שוואַרצאַפּלען זײַנען געווען אָפֿן, אָבער זיי האָבן גאָרנישט געזען נעבן זיך. די נגידים זײַנען אַוועק ברוגזע.

— מילא — האָבן זיי זיך געטרייסט — אַנדערע סופֿרים זײַנען אויך אידן, ערלעכע אידן...

דער רבי ר׳ ברוך׳ל, א ווידיבערישער רבי, א טאַטע פון פיר טעכטער, וואָס אַלע זיינען זיי שטום, האָט כסדר איצט געשריבן קמיעות, נישט נאָר ווייבער, נאָר אַפילו מאַנסבילן, חסידים אַפילו, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געהאַלטן פון ר׳ ברוך׳לען, חוזק געמאַכט פון אים, האָבן איצט געקויפט זיינע קמיעות. וואָס ער האָט אין רויטע בייטעלעך געפּאַקט. ער האָט זיי אַליין געשריבן, די קמיעות, מיט א גענוזענער פעדער אויף גלייכע שטיקלעך פּאַרמעט, וואָס די שטומע טעכטער האָבן צוגעשניטן.

נאָט צעריים דעם שטן — האָט ר׳ ברוך׳ל געשריבן — אין נאָמען פון גרויסן און פּאַרכטיקן מלאך, דעם ברענענדיקן און פייערדיקן, דעם פלאַם, וואָס עסט פייער, דעם וואָס איז געזעצט צו געוועלטיקן איבער די ווינטן און זיין נאָמען איז יהשציזיהיקיתיאל, באַשווער איך דעם גרויסן און פּאַרכטיקן מזיק, דעם אומריינעם און דעם שוואַרצן, דעם כלב, וואָס געבוירט אומריינקייט, דעם אָפּשטאַמענדן פון שטן און לילית, ימח שמם, וואָס זיין נאָמען איז בתשיהורזומהליציליהשן, ער זאָל פאַרשווינדן אין די שפּאַלטן פון די פעלזנשטיינער און אין די נעגל פון די אומריינע פויגל, וואָס נח האָט אַריינגענומען בלויז צו איין פּאָר אין דער תיבה און וואָס זיי עסן פּגרים און אויך קעץ. זאָל זיין פאַרפלוכט דער טאָג פון זיין געבוירן. דער ריינער מלאך זאָל אָנשרייען אויף אים. ער זאָל נישט האָבן קיין צוטריט נישט צו קיין מאַן, נישט צו קיין פרויענצימער, נישט צו קיין יונגפרוי, וואָס האָט נאָך נישט געקאַנט קיין מאַן, נישט צו קיין קינד און נישט אַפילו צו א קינד, וואָס איז נאָך אין די געדערים פון דער מוטערס בויך. דריי שוואַרצע הינט פרעסן אומריינקייט, רחמנא־ליצלן.

די שטומע טעכטער האָבן געאַרבעט, געהאָלפן דעם טאַטן אין דער פּרנסה. זיי האָבן געניית בענדלעך צו די בייטעלעך, מען זאָל זיי קאָנען טראָגן אויפן האַלדז, זיי האָבן פעסט די בייטעלעך פאַרנייט, כדי קיינער זאָל נישט קאָנען צוקומען צום פּאַרמעט. די גרעסטע אַרימעלייט האָבן געקויפט די קמיאות פאַר אַלע קינדער זייערע, דעם לעצטן גילדן אַוועקגעגעבן, אַבי זיך פילן זיכער קעגן דער וואַגלענדער פייגעלע דער משומדת. מיט אַזאַ קמיע, האָט מען געוואוסט, איז מען זיכער.

ר׳ ברוך׳ל האָט געשאַרט די גילדנס אין טישקעסטל אַריין. ער האָט גוט באַטראַכט מיט די קורצזיכטיגע אויגן די מטבעות, וואָס מען האָט אים געגעבן, צי מען פּאַקט אים נישט אַריין קיין אָפּגעריבענע, און ער האָט געוואָרנט:

— מען דאַרף עס טראָגן אויפן בלויזן לייב, און היטן זיך נישט צו עפענען, חלילה.

דער איינציקער, וואָס האָט נישט מורא געהאַט, איז געווען ר קנה שמש. פונקט ווי תמיד, איז ער זיך געגאַנגען מיט זיין שמשישן לאַמטערן

צום בית־עולם, צו זיך אהיים. נאך אים איז נאכגעגאנגען יאשע קאלב.

ער האט נישט געהאט פארוואס מורא צו האבן, ר׳ קנה.

עס האט זיך, אמת, גערודערט אפן בית־עולם, געשארכט. אויך האבן זיך פייערלעך געצונדן און געלאשן. אבער ר׳ קנה האט געוואוסט, אז דאס איז נישט די ארבעט פון דער טויטער פייגעלע דערמשומדת, נאר פון ר׳ זיינוול מוילעכער מיט זיינע יונגען און שקצים. ער האט געפירט קאנטראבאנדע, ר׳ זיינוול. גאנצע וואגנס עסטרייכישע זיידנס און וואלנס האט ער איבער דער נאענטער גרענעץ ביינאכט געשווארצט און זיי אפן גוטן־ארט אויסבאהאלטן.

ר׳ קנה האט איצט א סך געלט פארדינט. ר׳ זיינוול האט אים א גאלד־שטיקל פאר א נאכט געצאלט, א חוץ עסטרייכישן גלי־וויין א מתנה צוגעגעבן. ער האט די גאלד־שטיקלעך אין אן ערדענעם טאפ אריינגע־לייגט און דעם טאפ באגראבן אין דער ערד, נעבן א קבר פון א צדיק, וואו מען באגראבט קיינעם נישט מער, און פון גלי־וויין האט ער אלעמאל פארזוכט. הארטער ווי שטענדיק, איז ער לעצטנס געלעגן אונטער די ביידע פערענעם און געשנארכט. ער האט אפילו אויפגעהערט צו גיין צו טויטע. ער האט עס איבערגעלאזט פארן שמש פון קצבים־שולכל. ער האט געשנארכט מיט גרויס זיכערקייט, באלעבאטיש, רואיק.

און אויך יאשע קאלב האט געהאט מנוחה אף זיין געלעגער אפן פיעקעליק.

זי איז נישט געקומען צו אים מער, צביה. זי האט נאכט־ביי־נאכט זיך ארויסגעגנבעט צו די יונגען, וואס באגראבן זיידנס צווישן קברים, באהאלטן וואלנס אין אלטע גוט־אידישע אוהלים.

ווי נאר דער וואנט־זייגער מיט די שווערע געוויכטער האט אנגע־הויבן הייזעריק אויסקרעכצן אלע קלאנגען, האט זיך די מויד אויפגע־הויבן פון בעט, אנגעטאן זיך גיך, געכאפט א צעריסענע שאל אפן צע־שויבערטן קאפ און פארשוואונדן אף שעה׳ן. זי האט זיך געשארט צווישן די קברים, געבויגן זיך אונטער אראפהייגענדיקע צווייגן פון ביימער און אויג און אויער אויפגעשטעלט, אויפצוכאפן א שטילן שארך, אויפ־צוכאפן אן אויפבליצנד פייערל פון א פארוויכערטן פאפיראס.

זיי האבן זי נישט געטריבן פון זיך, די יונגען, ווי יאשע קאלב. ניין. זיי האבן איר געגעבן געניזנס, געבראטענע געגזענע פולקעס, וואס זיי האבן געקריגן פון ר׳ זיינוולען זייער באלעבאס. אויך גלי־וויין האבן זיי איר געגעבן צו זשליאקען פון א צינערן זעלנעריש פלעשל. אפילו מתנות האבן זיי איר געשאנקען, זיידענע רייטע בענדער און סטענגעס צום צעשויבערטן קאפ האר. און דערפאר מיט איר געקראכן צו די אוהלים פון די צדיקישע קברים, וואס זיינען מיט פעק וואלנס אנגע־

לייגט.

— דו, חתן מיין... — האָט זי געזאָגט צו יעדן יונג אין דער פינס־טערניש, נישט זעענדיק אַפילו צו וועמען זי רעדט — דו חתן צביהם, הי, הי. הי...

און יאָשע איז געלעגן אַפן פּיעקעליק און געגליט אינגאַנצן. ער האָט אויפגעכאַפּט מיט וואַכע אויערן יעדער שאָרך, יעדן רויש פון דרויסן, און זיך דערפאַר געקנייפּט, שטיקער פלייש פון זיך אויסגעריסן.

ער האָט געזאָגט זוהר פון אויסנווייניק.

זעכצנט קאַפּיטל

סוף ווינטער, באַלד נאָך פּורים, איז אויסגעבראָכן אין שטאָט אַ מגפה אַף קינדער.

אָנגעהויבן האָט עס זיך הינטער דער שטאָט, אַף די זאַמדן, וואו די דאָנער קאָזאַקן האָבן זייערע קאַזאַרמעס און פערד־שטאַלן. פּראָסטע אידן האָבן געוואוינט אַף די זאַמדן, דאָרפסגייער, מיליטערישע שניידער, באַלעגאַלעס, ליים־פירער און אויך אַ פעטער פון אַ פריילעך הייזל פאַר די סאָלדאַטן.

בּיי איינער אַ אידענע אַן אלמנה, וואָס טראָגט ארום אַ קוישל מיט קערלעך ארום די קאַזאַרמעס, איז אין שושן־פּורים אַוועקגעפאַלן אַ קינד. גענומען זיך שטיקן. די אלמנה האָט אַראָפּגעצויגן אַ זאָק פון פוס, אָנגעפילט אים מיט הייס זאַלץ און אַרומגעוויקלט דעם קינד דאָס העלדזל. אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. די אידענע איז אַוועק מיט פאַרבראָכענע הענט אין שטאָט צו שמשון דעם רופא.

— ר׳ שמשון — האָט זי געמאַכט קולות — ראַטעוועט מיר מיין אויג אין קאָפּ. כ׳בין אַ וויסטע אלמנה!

ר׳ שמשון רופא האָט לאַנגזאַם גענומען זיין קעסטל באַנקעס אונטערן אָרעם, פאַמעלעך אָנגעטאָן זיין אַכט־עקיק היטל מיטן סאַמעטענעם קנאָפּ אין דערמיט, ער האָט גלייך געמאַכט דעם שרונטז אין זיין פירעקיק פאַרשווירן בערדל, וואָס יעדער האָר דערפון איז געווען האַרט, ווי אַ שפּיזל, און מיט געבייזער גלאָזט זיך גיין מיט דער אידענע.

— שוין נישט געהאַט ווען אַוועקצופאַלן, נאָר אין שושן־פּורים! — האָט ער זיך געבייזערט — גיי שלעפּ זיך איצט אַזש צו די זאַמדן.

די אידענע האָט נישט אויפגעהערט בענטשן:

— גוטער מלאך, קרוין! יערעצקי דער דאָקטאָר מעג דאָך פאַר אייך די כפּרה זיין. וואָס איר ווייסט אין נאָגל, ווייסט דאָך נישט יערעצקי אין זיין גאַנץ לייב און לעבן...

ר׳ שמשון רופא איז ווייכער געוואָרן. קיין זאַך האָט אים נישט

אזוי געגומען, ווי אז מען האָט אים געהויבן איבער זיין שונא יערעצקי דעם דאָקטאָר.

— נו, שוין, שוין — האָט ער געברומט מיט הנאה — איך וועל עס אייך ראַטעווען, ס'קינד. קומט.

אָבער ער האָט עס נישט געראַטעוועט. ביי אים אף די הענט האָט עס זיך פאַרקייכט און די אויגעלעך פאַרגלייזט.

— יענע מעשה — האָט שמשון דער רופא געזאָגט, אויסגעשפיגן און גיך אַוועק אַהיים מיטן קעסטל באַנקעס אונטערן אָרעם.

דער געדאַנק, אַז אין שטאָט הויבט זיך אָן, אַז עס וועט זיין, מיט גאָטס הילף, אף פסח, האָט אים געטרייסט פאַר דעם אומזיסטן גיין אף די זאַמדן. די אלמנה האָט אים אין איר טרויער נישט באַצאָלט דעם גולדן פאַר דער טרחה.

צומאָרגנס איז די אלמנה געלאָפן צו די חברה־קדישא, מען זאָל קומען נאָכן מת. אָבער די חברה־קדישא־לייט זיינען געווען מיד און שיכור פון דער שושן־פורים סעודה, וואָס זיי האָבן געמאַכט. אַ גאַנצע נאַכט פריער האָבן זיי געטרונקען, אַריינגעריסן זיך אין שטובן מיט כוח און פלאַדנס אַרויסגעכאַפּט, וויין פון קעלערס אַרויסגע'גנבעט. און זיי האָבן מיט דער אידענע נישט געוואָלטריידן.

— אַ גוטן פורים! — האָט דער גבאי פון דער חברה־קדישא, אַ טויט־שיכורער, געשריגן צו דער אלמנה — ארורה זרש...

די אידענע איז געגאַנגען צום ראש־הקהל. נאָר ער האָט זי נישט אויסגעהערט.

— אַ שיינע מעשה — האָט ער זיך געקרימט — אַזש אף די זאַמדן!

— פּאָלג מיך אַ גאַנג...

די אלמנה איז אַהיימגעגאַנגען. זי איז צוגעגאַנגען צום ווינקל שטוב, וואו איר אַלט חופּה־קלייד האָט נאָך געהאַנגען הינטער אַ ליילעך. זי האָט דאָס ליילעך אַראָפּגענומען, צעשניטן עס און דערפון דעם קינד אירן תכריכים אויפגענייט. דערנאָך האָט זי פון איר קוישל אויסגעשאָטן אַלע קערלעך און דאָס קינד דערין אַריינגעלייגט. מיט אַ געוויין האָט זי עס אַוועקגעטראָגן צום בית־עולם און געגעבן קנה שמש אַ גולדן, ער זאָל עס טאָן זיין רעכט. ביים צוריקגיין פון בית־עולם, האָט זי ביידע דאַרע הענט פון איר שוואַרצער צוריסענער שאַל אויפגעהויבן אין דער הויך צו דער שטאָט און זי פאַרשאָלטן.

— סדום! — האָט זי געזאָגט און געשאָקלט מיט ביידע הענט — עס זאָל דיך נישט מיידן. ר'זאָלט פילן, שלעכטע מענטשן, מיין ווייטיק, פאַר דער חרפּה פון אַן אָרימער אלמנה.

פון די אָרימע זאַמדן האָט עס זיך אַריבערגעטראָגן אין שטאָט.

צוערשט צו די געסלעך פון די באַלמעלאָכעס, צו די אָרימעלייט, באַלד איז עס אַריבער אין מאַרק, וואו עס וואוינען די סוחרים און די נגידים. די געוויינען פון די ווייבער אין די נעכט האָבן אַלע פון שלאָף אויפגעוועקט.

— אידן בני רחמנים, ראַטעוועט מיין קרוין פון קאָפּ!

תחלת איז מען געלאָפן צו דאָקטוירים. פון אָרעמע געסלעך זיינען געלאָפן ווייבער אין שלאָף־קאָפּקעס צו שמשון רופא און מיט! דער נאַכט און געקלאַפּט מיט געבייזלטע פויסטן אין די לאָדנס.

— גזלן, עפנט!

פון באַלעבאַטישע הייזער איז מען געלאָפן צום פּוילישן דאָקטאָר יערעצקי. אַ משוגענער איז ער געווען, דער יערעצקי, אַ צודרייטער. ער האָט געשריגן אַף די קראַנקע, אַמאָל אַפילו דערלאַנגט אַ פּעטשל אויך.

— פּיפּיק צייג, שייגעץ — האָט ער גערעדט מיט אידישע ווערטער

— אַכציק שוואַרץ יאָר, אוי וויי, מוישע...

— פּריץ! — האָבן אים אידן אין בלויזע אָפּגעדעקטע קעפּ געבעטן — פּריער גאָט, דערנאָך דו, פּראָפעסאָר. זיי אַ גוטער מלאך!

נגידים האָבן גענומען דעם קאָזאַקן־דאָקטאָר שאַלופּין־שאַלאַפּניקאָוו. אַ גענעראַל מיט אַ באָרד ביזן גאַרטל.

— ניטשעווא, גאָלובטשיק, ני—טשעוואַאַאַ — האָט ער געהאַט אַ טבע צו טרייסטן מיט אַ טיפן באַס.

אַפילו ביי אַ גוסס האָט ער נישט פאַרלוירן זיין גוטמוטיקע רואיקייט.

— ניטשעווא, גאָלובטשיק, ני—טשעוואַאַאַ...

זיי האָבן געאַרבעט, די דאָקטוירים, באַטראַכט, פאַרשריבן מעדיצינען, דערנאָך לאַנג די הענט אין שיסלען וואַרעם וואַסער מיט זייף געוואשן, נאָר געהאָלפן האָבן זיי נישט.

די מגפה האָט זיך געשפּרייט אַלץ מער און מער.

מען האָט אָנגעהויבן נוצן ר׳ ברוד׳ל דעם ווייבערישן רבי.

גאַנצע טעג איז ר׳ ברוד׳ל געזעסן און געאַרבעט. ער האָט געשריבן קמיעות, ספּעציעלע קמיעות קעגן אַן אונטערגאַנג. ער האָט אויך פאַרקויפט קרייטעכצער, געטריקנטע, אין ביטעלעך. דערצו האָט ער געהאַט אָפּגעשפּראָכענעם בורשטין, וואָס האָט נאָך געשטאַמט פון קאָזשעניצער מגיד, שטיקלעך שוואַרצן צוקער פון שפּאָלער זיידן, שנירלעך וועלפן־ציין, שוואַרצע טייבלס־פינגער, גאַרטעלעך פון קרייקעס, אָפּגעשפּראָכענעם בוימל פון צפת. אַלע שטומע טעכטער זיינע האָבן אים צוגעהאָלפן ביים פּאַקן די קרייטעכצער אין די זעקעלעך, ביים גיסן דעם צפת׳ער בוימל, ביים נייען גאַרטעלעך.

אין די בתי־מדרשים האָבן ווייבער איינגעריסן, אויפגעריסן וואַשיק די טירלעך פון די אָרון־קודשס און מיט הייזעריקע קולות פון וויינען אַריינגעשריגן צו די ריינקייטן.

— רחמים פאַר מיין קנד! דערבאַרמדיקייט פון מיין אויג אין קאָפּ.

מיט פאַרוואָרפענע טיכער איבער די קעפּ, כדי נישט צו ווייזן די מאַנסבילן די געזיכטער, האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט איבער די בתי־מדרשים, צוגעגאַנגען נאָנט צו די מאַנסבילן און געוויינט:

— בעט אידן, פאַר לאה בת חנה דבורה! זאָגט תהילים, אידן, פאַר שמחה מאיר בן פייגע האָדל...

אידן האָבן געזאָגט תהילים, טאַטעס האָבן זייערע קינדער גייע נעמען געגעבן. אינגלעך האָט מען צוגעלייגט דעם נאָמען חיים, כדי זיי זאָלן לאַנג לעבן, אַלטער — כדי זיי זאָלן זיין אַלט, זיידע — כדי זיי זאָלן דערלעבן צו ווערן זיידעס. מיידלעך האָט מען געגעבן נעמען: חיה, אַלטע, באָבע. טייל האָבן אַפילו דריי נעמען צוגעלייגט מיט אַמאָל. אויב עס איז אָנגעשריבן אין הימל שלעכטס פאַר איין נאָמען, זאָל עס נישט זיין קיין בייז קוויטל פאַרן אַנדערן נאָמען, פאַרן דריטן, מאַמעס, וואָס עס האַלטן זיך נישט ביי זיי קיין קינדער, האָבן זייערע קינדער, וואָס זיינען געבליבן די איינציקע קדישים, אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס אין ווייסע לייוונטענע קליידער. אָרימע אינגלעך האָבן נאָכגעיאָגט די נגיד־דישע בן־יחידלעך אין די ווייסע קאַפּאָטעס און היטלען.

— טויטער מלאך! גן־עדן עפּעלעך...

נאָר די מאַמעס האָבן די ווייסע קליידער פון זייערע קדישים נישט געוואָלט אַראָפּנעמען. אויב עס איז אָנגעשריבן אין הימל צו טראָגן ווייסע קליידער, תכריכים, זאָל מען זיי טראָגן ביים לעבן, נישט דאַרפן זיי, חלילה, אָף אַן אמת.

אויעמעליימ האָבן אויפגעלעבט. מען האָט מער נישט געגעבן קיין שטיקלעך צוקער, קיין פּרוטות, נאָר גראָשנס, דרייערס און אַפילו צענערלעך. ר׳ קנה שמש האָט יעדן אָוונט פאַרן שליסן דאָס בית־המדרש, אַרויסגעצויגן מיט אַ פאַרבויגענעם שטיק דראָט מטבעות פון די פאַרשלאָסענע ארץ־ישראל־פּושקעס, וואָס זיינען געשוואָלן געוואָרן פון נדבות. קיין ליכט האָט ער שוין נישט באַהאַלטן, עס איז מער קיין אָרט נישט געווען אונטער דעם בעלעמער. אַזוי פיל ליכט האָט מען מנדר געווען.

— אַז ס׳גייט — האָט ער געזאָגט — גייט עס דורך טיר און טויער.

אָבער די מגפה האָט זיך געשטאַרקט אַלץ מער און מער.

ווייבער האָבן זיך גענומען צום בית־עולם.

יעדער טויט קינד האָט מען נאָכגעשריגן אין אָרון אַריין, עס זאָל לויפן און מיען זיך.

— צו די הייליקע מוטערס לויף! — האט מען געבעטן ביי די קינדער — זאג, אז עס איז שוין גענוג.

ביי אלע צדיקים אף די קברים האט מען געצונדן ליכט, געשריבן קוויטלעך און געווארפן. אידן האבן אפן בית־עולם ארויסגעשטעלט טישן, טינט און פעדער מיט פאפיר אוועקגעשטעלט און צו אכצן גראשן גענומען פאר א קוויטל. בעלנים זיינען געווען א סך און אידן האבן געיאגט:

— דעם קינדס נאמען און דער מוטערס נאמען, און אכצן גראשן, גיך, מען וואַרט!

ווייבער עקרות האבן דאס גוטע־ארט אויסגעמאסטן ארום און ארום מיט לייוונט און די לייוונט פאר ארעמע כלות אף וועש מנדר געווען. אנדערע האבן געצויגן קנויטן צו ליכט און דערמיט געמאסטן דאס בית־עולם. דערמיט האט מען אפגעשלאסן דאס גוטע־ארט, עס זאל מער קיין מתים נישט נעמען. אבער עס האט זיך נישט געלאזט אפשליסן.

די מגפה האט זיך געשטארקט אלץ מער און מער.

ר׳ מאירל דער רב האט גערופן די באלעבאטים פון שטאט אף אן אסיפה.

— זינד זיינען דא אין שטאט — האט דער רב געשריגן — אידן טוט תשובה, אפשר וועט גאט זיך דערבארימען. צוליב די זינד פון איינעם קאן, חלילה, א שטאט מיט יונגע עופהלעך אומקומען.

א ציטערניש האט די אידן ארומגענומען. מען האט גענומען זוכן חטאים, נאכקוקן איינער דעם אנדערן. ווייבער האבן אכטונג געגעבן, אז ביי שמשון דעם רופא זאלן זיך נישט צונויפקומען שבת די קלעז־מערס מיט די דינסטמיידלעך. מען האט גערעדט אין שטאט, אז זיי טאנצן דארט צוזאמען, און ווייבער זיינען כסדר געשטאנען אף דער וואך. מען האט אויך געלאזט רופן דעם פעטער פון פרייליכן הייזל אף די זאמדן און אים באפוילן, גלייך ארויסצוטרייבן דאס איינציקע אידישע מיידל פון דער פרעמד, וואס איז געווען ביי אים צווישן עטלעכע שיקסעס. דער פעטער, א איד מיט א רוסיש העמדל איבער די ברייטע הויזן, א פאר־בליבענער זעלנער פון פאדאל, האט זיך גענומען דינגען.

— רבי — האט ער געזאגט — כ׳מוז האבן איינע א אידישע, די חזירים ווילן עס...

אז דער רב האט זיך איינגעשפארט, האט ער אים געפרואווט נע־מען מיט מצוות.

— רבי — האט ער זיך געבעטן — זי איז, נעבעך, א יתומה, דאס מיידל, וואו וועט זי גיין?

אבער דער רב האט זיך געבייזערט, געזאגט, אז מען וועט אים נישט לאזן קיין קדיש זאגן אין שול נאך זיינע עלטערן, אויב ער וועט די אי־

דישע הצופה נישט ארויסטרייבן, און דער פעטער האט נאכגעגעבן. פאר קדיש האט ער מורא געהאט.

אידן נגידים האבן גענומען דעם בעדער אף א פארהער, וועלכע ווייבער עס גייען ווייניק אין מקוה. מענער האבן אכטונג געגעבן אף זייערע ווייבער, זיי זאלן גוט פארדעקן די קעפ, קיין איין פארשייט לעקל האר זאל נישט ארויסקוקן דורכן שייטל, קיין איין קרייזל זאל נשט ארויסזען זיך אפן קארק און איבער די אויערן. טאטעס האבן אכטונג געגעבן אף די טעכטער, זיי זאלן צודעקן די העלדזער, נישט גיין מיט אפגעדעקטע הענט.

דער רב האט געלאזט אנשרייבן א גרויסן קול־קורא. בית־המדרש בחורים מיט א שיינער האנטשריפט האבן די אויפרופן מיט געציקלטע אותיות, ווי געדרוקט, אויסגעצייכנט און אויסגעקלעפט אף אלע ווענט פון שול־הויף ביזן באד און הקדש.

מיט דער הילף פון אויבירשטין געלויבט זאל זיין זיין נאמין — האט דער קול־קורא געשריבן — איז דערגאנגין ציא אינזערע אויערין דאס איין אויפברעכינק איז אויסגעבראכין אין ישראל. דאס ווייבער רחמנא ליצלן גייען אין אייגענע האר אינטער די שייטלין. אויך פארדעקין זייא נישט דיא האר בייא דעם שטערין אין ביי דיא אויערין וואס עס איז א גרויסע זינד דען דאס איז שאנד און מען טאר נישט קיין אידיש ווארט זאגין כידוע. אויך זויגערינס זיינען נישט גיווארינט אין זויגין זייערע קינדער פאר די טירין ווען עס גייען פארבייא מאנסבילין אויך בחורים אין זיי אנטפלעקין זייערע בריסטין וואס איז גינליכין ציא שאנד. אויך די בתולות זענין נישט גיווארינט דען זייא גייען אהן ארביל אין מיט אפגידעקטי העלזער. אויך זינגין זייא וואס דאס קול פין איין פרויענצימיר אפילו איין בתולה איז שאנד אין מען טאר קיין ברכה נישט מאכין. אויך איז דערגאנגין ציא אינזערע אוייערין דאס די בתולות קעמין דיא האר אין שבת וואס איז וויא מען וואלט אנגעצינדין פייער אין שבת. אין ציליב דעם איז א שטראף פון הימיל אויף אינזערע עופהלער וואס האבין גאר נישט געזינדיגט גיפאלין אין א צארנינק פין צארין. זאל דער טויט פארשווינדין ביז עוויג אמן. דעריבער ריפין מיר אוים אין דיא טויערין פון ישראל דאס דיא שענדליכקייט זאל אפגיטין ווערין. די ווייביר זאלן זיך באדעקין אויך די בתולות. אין מען זאל אפריקין די בעטין איין פון אנדערין אויף אז אייל אין דיא ווייבער זאלין דיא האר אפגאלין. דיא ארימי ווייביר וועט קהל מיט גאטס הילף גאלין אויף חשבון פון קהלה יעדין טאג אין באד אצל הטיקערין מיט א קוויטיל פון גבאי. אויך וועט מען פאר ארימי געבין מיט דעם אויבירשטינס הילף טבילה אימזיסט. אין

עס זאָל קימען אַן אויסלייזינק פאַר ישראל אין דער אויבירשטיר זאָל זאָגין דעם שלעכטין שטן געניג, אין זאָל פאַרשווינדין ווערין דער טויט. אזוי זעגין דיא רייד פון דיא ציבראָכיני וואָס שרייבן מיט ציטירינדיקע העגט אין אַ גיבראָכין גימיט. צים סדר גיא אָפּ פון דיר דיא שאַנד.

דערויף זיינען געווען אונטערגעשריבן דער רב ר׳ מאירל און דער ווייבערישער רבי ר׳ ברוך׳ל:

דער קליינער און יונגער מאיר יהודה, דער זון פון דעם גרויסן רב און גאון ר׳שמואל זאב, זכרונו לברכה, דער רב פון דער הייליקער קהלה.

דער קליינער און דער נבזה ברוך, דער זון פון דעם געטלעכן מלאך, דעם פייערדיקן זייל דער רבי ר׳ ניסן פון טאַרבין און דער אייניקל פון קדושים, מגיד אין דער הייליקער קהלה.

אַ פרומקייט האָט אַלע אידן אין שטאָט אַרומגענומען. ווייבער האָבן זיך אַראָפּגערוקט די קאָפּקעס און שייטלען ביז איבער די אויערן, מיט שאַלן זיך פאַרהאַנגען, בלויז מיט אויגן און מיט אַ שפּיץ נאָז געקוקט אַף גאָטס וועלט. יונגעלייטלעך נאָך דער חתונה האָבן זיך נישט פאַרגונען קיין ליצנות צו מאַכן מיט זייערע יונגע ווייבלעך. אפילו חדר־אינגלעך האָבן נישט איבערגעהיפּערט אין דאַווענען. באַלמעלאָכעס האָבן ביי דער אַרבעט קיין איין פאַרשייט לידל נישט געזונגען און דינסטמיידלעך האָבן זיך נישט געלאָזט טשעפּען פון באַלעגאָלעס ביים גיין צום טייך נאָך וואַסער. אָבער עס האָט נישט געהאָלפן.

די מגפה האָט זיך געשטאַרקט אַלץ מער און מער.

ר׳ מאירל דער רב, צוזאַמען מיט ר׳ ברוך׳לען דעם ווייבערישן רבין האָבן ווידער אַלע אידן פון שטאָט צוזאַמענגערופן אין שול און אויסגערופן אַ חרם אַף אַלע, וואָס האָבן אַף זיך זינד און ווילען זיך נישט מודה. נאָך אָפּזאָגן סליחות אין מיטן דער וואָך, האָט קנה דער שמש אָנגעצונדן גרויסע ליכט, ווי אין ערב יום־כיפור פאַר כל־נדרי. יאָשע קאַלב האָט געבראַכט צושלעפּן דאָס טהרה־ברעט און עס אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל. די גבאים האָבן אַרויסגענומען די ספר־תורהס פון ארון־קודש, די קהל־לייט האָבן די טליתים מיט קיטלען אָנגעטאָן. קנה שמש האָט געגעבן דריי קלעפּ מיטן הילצערנעם האַמער אין שולחן, און דער רב האָט גענומען לייענען מיט אַ הויך פייערלעך קול פון אַ פאַרמעט:

—מיטן ווילן פון קהל און מיטן דער הסכמה פון בית־דין רופן מיר אוים צו די, וואָס זיינען זינדיק, סיי מאַנסבילן, סיי ווייבער, סיי בחורים, סיי בתולות, סיי איינגעזעסענע, סיי פרעמדע, זיי זאָלן זיך מודה זיין אין זייערע זינד פאַר קהל, דען אַ גרויס אומגליק איז געפאַלן אַף אונדזער שטאָט, עופהלעך פאַלן ווי פליגן. איבער די זינד פון איינעם, קען, חלילה,

אַ גאַנצע שטאָט אומקומען, און געדאַרפט וואָלטן מיר, ווי אַמאָל, ווען מיר זיינען אין אייגענעם לאַנד געווען, אַרויסצוגיין פאַרן טויער פון שטאָט און זאָגן: אונזערע הענט האָבן נישט פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט! ווייל דאָס איז געגליכן צו איינעם, וואָס שטייט אויף אין פעלד און הרגעט אַ מענטש. דאָס פאַרשניטענע לעבן פון יונגע קינדער שרייט צו אונז. אָבער איידער דאָס בית־המקדש איז געבויט, איז דאָס בית־דין געגליכן צו אַ בית־המקדש, אונז איז געגעבן דער כוח צו גיין מיט תקיפות, און דער־ריבער רופן מיר אין די טויערן און זאָגן: פאַרשאָלטן זאָל זיין דער, וואָס באַהאַלט אויס זיינע זינד, סיי אַ מאַנסביל, סיי אַ פרויענצימער, סיי אַ יונג־געזעלן, סיי אַ בתולה, וואָס האָט נאָך קיין מאַן געקענט, סיי אַן איינגעזעסענער, סיי אַ פרעמדער, און פאַרוויסט זאָל ווערן זיין נאָ־מען, און אַ שטרויכלונג זאָל אַרומנעמען זיינע לענדן, און צו שפּאָט און צו שאַנד זאָל בלייבן זיין געדעכעניש אין ישראל, און זאָלן זיינע הענט געליימט ווערן און זיינע פיס זאָלן שלאַבעריק זיין, און זיין דיך זאָל אויסגעטריקנט ווערן, ער זאָל מער קיין קינדער נישט ברייננען. און איז עס אַ פרויענצימער, זאָל פאַרשניטן ווערן איר טראַכט, און אירע קינדער זאָלן פאַרשניטן ווערן און זיי זאָלן בלייבן אַף אַ משל אין ישראל, אמן!

— אמן! — האָבן אַלע אידן און ווייבער נאָכגעזאָגט מיט אַ געוויין.

— שופר! — האָט דער רב געזאָגט דעם בעל־תקיע.

דער גראָבער גבאי מיטן קורצן אָטעם האָט דריי מאָל געבלאָזן.

אַ טויטקייט האָט די שול אַרומגעכאַפּט. קיינער האָט אַפילו נישט פאַרגונען זיך פריי צו עטעמען. בלויז אַ פאַרבלאָנדזשעטער פויגל, וואָס האָט זיך דורך אַ צעבראָכענער שויב אַריינגעקריגן אין שול, האָט זיך געדרייט אַ פריילעכער אַרום דעם גאָלדענעם לייב ביים ארון־קודש, גע־שפּילט זיך מיט זיין רויט־אויסגעשטרעקטער צונג און געזונגען. אַלע אויגן זיינען געווען אָנגעשטריינגט. מען האָט געוואַרט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם.

מיטאַמאָל האָט זיך ר׳ משה סופר אויפגעהויבן פון זיין אָרט, מיט גיכע טריט איז ער אַרויף אַפן בעלעמער און אַ געשריי געטאָן:

— אידן, איך בין זיך מודה!

אַ ציטערניש איז אַלעמען באַפאַלן.

— אידן! — האָט ר׳ משה סופר גערופן און זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט — איך בין פול מיט זינד. איינגערעכט פון קאָפּ ביז די פיס...

ער איז אַראָפּגעלאָפן גיך פון בעלעמער, אויסגעגלייכט זיך אַף דער שוועל און געבעטן זיך:

— אידן, טרעט איבער מיר, שפּייט אַף מיר, זייט מיך מבזה!

אָבער קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. בלויז דער רב צו־זאַמען מיט ר' ברוך'לען דעם ווייבערישן רבין זיינען גיך צוגעלאָפן. אויפגעהויבן דעם איד פון דער שוועל און געבעטן זיך ביי אים:

— ר' משה, אייער זכות זאָל אונז ביישטיין, בעט פאַר אונז!

ווייבער האָבן אַראָפּגעשריגן פון ווייבער־שול:

— צדיק, ראַטעוועט אונזערע קינדער!

אָבער אויך דער חרם האָט נישט געהאָלפן. קנה שמש האָט גאָר־נישט אויפגעהערט קלאַפּן מיט דער פושקע אַף די לויות און רופן, אַז צדקה וועט ראַטעווען פון טויט.

די מגפה האָט זיך געשטאַרקט אַלץ מער און מער.

ביז אביש קצב האָט זיך גענומען צו דער זאַך און ער האָט גע־פּאַקט דעם זינדיקן.

— חרם, שמיירעם — האָט געזאָגט אביש קצב, אַ איד אַ גיבור, דער גבאי פון קצבים־שולכל, שבת נאָכן דאַוונען צו זיינע קצבים — מיט אַזעלכע מעשיות וועט זיך קיינער נישט מודה זיין. לאָמיר אונז, קצבים, זיך נעמען צו דער אַרבעט. לאָמיר זוכן אין שטאָדט, און אַז מען וועט פּאַקן עמיצן, וועט מען מאַכן פון אים קרעפּל־פלייש, ווי יעד בין אַ איד געבוירן!...

גאַנצע אַכט טאָג צייט האָט ער געזוכט, אביש קצב, געגנישטערט. אַלע ווייבער, וואָס קומען צו אים קויפן פלייש, האָט ער געפאָרשט, פון די אויגן נישט אַראָפּגעלאָזט, ביז ער האָט געפּאַקט.

געפּאַקט האָט ער צופעליק.

נאָך אַלע ווייבער, וואָס זיינען געקומען צו אים קויפן פלייש אַף שבת, איז צביה דעם שמש'ס געקומען מיט אַ קוישל אין האַנט אין יאַט־קע. איר טאַטן קנה איז זייער גוט געגאַנגען, און צביה האָט געקויפט אַ סך פלייש, לעבער און לונגען, גריישלעך און קעלבערנע פיסלעך מיט וואַמפּן.

ער האָט זיך מיט איר געטשעפּעט, אביש קצב, פונקט ווי מיט אַלע מוידן. יעדן טאָג ביים דאַוונען האָט ער זיך געגעבן דאָס וואָרט, אָפּ־געמאַכט ביי זיך, צו זיין פרום און גוט און די מוידן נישט צו טשעפּען, נאָך דערצו אין אַזאַ ביטערער צייט! אָבער ווי נאָר ער איז געקומען צום יאַטקע־קלאָץ, האָט ער אין אַלץ פאַרגעסן, האָט ער זיך נישט גע־קאַנט אָפּהאַלטן, נישט צו כאַפּן אַ קניפּ אין אַ מוידישן הינטער, נישט צו פאַרקריכן צו אַ צעוואַקסענעם בוזים. די הענט אַליין זיינען ביי אים געקראָכן. זיין ווייב ביילע דאָבע, אַ אידענע אַ פוילע און אַ שלעפּעריקע, האָט אים אפילו מער נישט נאָכגעקוקט. זי איז געזעסן אין אַ ווינקל און געדרימלט, אויפכאַפּנדיק זיך בלויז יעדעס מאָל, ווען אַ מויד האָט

געשריגן:

— אבישל, די הענט זאָלן אייך נאָר אָפּגעדאַרט ווערן!...

אויך מיט צביהן האָט ער זיך געטשעפּעט. זי האָט זיך נישט געענטפערט, צביה, זי האָט נאָר בלויז ווילד געלאַכט:

— הי, הי, הי, אביש פּויער, הי, הי הי.

און מיטאַמאָל האָט זיין געניטע קצבישע האַנט עפּעס דערפּילט. דערפּילט אַזעלכעס, וואָס האָט אין זיין מוח אַ האַק געטאָן ווי מיט אַ האַק. אין זיין קצבישן קאָפּ איז אים ליכטיק געוואָרן.

— ביילע דאָבע! — האָט ער גענומען וועקן זיין ווייב, וואָס איז געלעגן אָנגעלענט אַפן יאַטקע־קלאָץ און געדרימלט — ביילע דאָבע, יעך האָב עס געפּאַקט! גיב נאָר אַ קוק אַף קנהלעס טאָכטער, נאָ...

ער האָט פאַרמאַכט איין אויג און מיטן צווייטן פּלינק און מיט גענ־יטקייט אַ ווייז געטאָן אַף דער מוידס פאַרהויבענעם בויך.

— צדיק מיינער, ווייסט נישט, וואָס דו רעדסט — האָט ביילע דאָבע געזאָגט מיט פּאַרדרוס — ס'דאַכט זיך דיר!

— ס'דאַכט זיך מיר? — האָט אביש קצב געשריגן — יעך וועל דיר שוין ווייזן, אָקס, ווי ס'דאַכט זיך מיר!

ער איז צו צו צביהן און פּלינק איר אַ קוועטש געגעבן אין בויך מיט ביידע הענט.

— מאַמעלעך! — האָט זיך די מויד צושריגן, און אביש האָט אַזש אויסגעשפּיגן צו זיין ווייב ביילע דאָבע.

— ס'וואָרפט זיך שוין אַפילו דאָרט, דאָס ממזר. טאַפּ אָן, בריה מיינע, ועסטו זען...

גלייך דערויף איז ער אַרויס פאַר דער טיר און גענומען רופן:

— ווייבער אַהער, וועט עטיז זען עפּעס שיינס!...

זי האָט זיך געוואָרפן, צביה, מיט די פיס געשטויסן, מיט די נעגל געדראַפּעט, ביי קצבטעס די פאַרפעדערטע שייטלעך אַראָפּגעריסן פון די קעפּ, נאָר עס האָט איר נישט געהאָלפן. מיט כוח האָט מען זי אַרויפגעלייגט אַף דעם יאַטקע־קלאָץ, אָפּגעדעקט זי, און די ווייבער האָבן, מיט פאַרבלוטיקטע הענט פון פלייש־האַקן, דעם מוידישן בויך באַטאַפּט און אַרומגעזוכט.

— שוין אין פינפטן חודש אודאי — האָבן זיי געזאָגט — עס זאָל איר נאָר אין בויך אויסרינען, טאַטע געטרייער אין הימל!

איין אידענע, וואָס האָט ערשט מיט אַ וואָך צוריק באַגראָבן אַ קינד און נאָר־וואָס פון דער שבעה אויפגעשטאַנען, האָט גלייך גענומען קריכן מיט די הענט אין דער מוידס צעשויבערטן קאָפּ און געמאַכט געוואָלדן:

— פאַר מיין באַסקעלע, וואָס ליגט איבער דיר, אויסגעלאַסענע, יונג

אין דער ערד, נאַ...

די מויד האָט געמאַכט קולות, געשריגן, אויסגעריסן זיך און, און דעם קוישל מיט פלייש, געלאָזט זיך לויפן אהיים, צום בית־עולם. אַבער אַביש איז איר נאָכגעלאָפן און זי געכאַפּט.

— אידן, צום רב זי אוועקטראָגן! — האָט אַביש באַפוילן די קצבים — נעמט זי, קנהלעס בת־יחידקע... לעבעדיק!...

צוויי קצבים ביי די הענט און צוויי ביי די פיס האָבן די שרייענ־דיקע מויד פאַרוואָרפן אף די אַקסלען מיט גרויס געשיקטקייט, ווי מען פאַרוואַרפט אַ געקוילעטע בהמה, און זי מיט גרויס פאַראַד אוועקגעטראָגן איבערן גאַנצן מאַרק ביז צום רב.

זי האָט זיך געוואָרפן, צביה, געברומט, ווי אַ קו, אַ שוים איז איר אַרויס פאַרן מויל. איר קלייד האָט זיך פאַרשאַרט און אירע נאַקעטע פעסטע פיס געוויזן ביז אַרויף. פון אַלע געסלעך זיינען מענער, ווייבער און קינדער נאָכגעלאָפן. ווייבער האָבן איבערגעלאָזט די יויכן אין מיטן קאָכן און מיט פאַרקאַשערטע אַרבל און מיט אַן אַפּשוים־לעפל אין דער האַנט נאָכגעלאָפן איבער דער גאַס. באַלמעלאָכעס מיט שערן אין די הענט, מיט אַן אַרויפגעצויגענער כאַליעווע אף דער האַנט, אין די בלויזע הויזן און אין די טלית־קטן'ס, זיינען געלאָפן פון זייערע קליינע הייזלעך. וואַסער־טרעגער האָבן אַפילו די שווערע עמער וואַסער נישט אוועקגע־שטעלט. אַביש קצב איז געגאַנגען פאָראויס, ווי אַ מחותן, און גערופן מיט זיין פעסטן באַס:

— געכאַפּט קנהלעס שמש'ס טאָכטער... מ'פירט זי צום רב...

מענער האָבן געלאַכט. ווייבער צעיאָכמערטע, צעהיצטע, מיט רשעות'דיקע אויגן און מיט צעפלאַמטע פנימער, האָבן געבייֿלט ביינער־דיקע פויסטן.

— פאַרשטיינען זי, די זונה, פאַר אונזערע עופהלעך! פאַרשטיי־נען זי!...

זיבעצנט קאפיטל

ר׳ מאירל דער רב איז געזעסן אין זיין רויט־סאמעטענעם וואטענעם שלאפראק, כאטש ס׳איז געווען וואַרעם, אף זיין גרויסער הארטער בית־דין שטול איבער אן אפן אלט ספר, געריבעוועט די לאנגע ליולקע־ציבעק און געזיפצט.

— אוי, רבונו־של־עולם — האט ער געקרעכצט — וויפל איז דער שיער אזוי לאנג צו ווארטן? אוי, דארפן אידן אויסגעלייזט ווערן, געוואלד!

ער האט געהאט א סך עגמת־נפש, ר׳ מאירל דער רב. אחוץ פון דער מגפה, אחוץ פון די שטענדיקע געוויינען פון די ווייבער, וואס פאלן אריין צו אים, ער זאל בעטן פאר זייערע קינדער, האט ער געהאט א סך אנדערע צרות. ראשית, האט די פאליציי גענומען שערן ביי אידן די פיאות. א גזירה איז ארויס פון קייזער אליין, אז אידן טארן נישט טראגן קיין פיאות, גארטלען און יארמעלקעס, אויסער די רבנים און רבי׳ס. אידן נגידים האבן זיך אויסגעקויפט. אבער צו ארעמעלייט האט מען זיך געטשעפעט. דער נאטשאלניק פון שטאט האט געגעבן א באפעל די פאליציאנטן, שטריינג אכטונג צו געבן. די פאליציאנטן זיינען אומעטום ארומגעקראכן און ווי נאר זיי האבן געפאקט א אידן מיט א פאר פיאות, א יארמעלקע אדער א גארטל, האבן זיי אים געכאפט. אף דער גאס האט דער סטראזשניק אפגעשניטן איין אידישע פיאה מיט א שערל אדער מיט דער שווערד, פארכאפנדיק שוין אין איינוועגס אויך א שטיק הויט. די יארמעלקע מיטן גארטל גענומען פאר א זאכליכן באווייז און דעם שולדיקן אפגעפירט אין „קאזע" אריין. ווער עס האט געקאנט, האט באצאלט דריי רובל. ארעמעלייט זיינען אפגעזעסן דריי טעג.

אידן האבן זיך אן עצה געגעבן און זיך מיט א קעשענע־פאטשיילע ארומגעבונדן די באקן, ווי עס וואלטן זיי ווייטיק געטאן די ציין. אבער דער נאטשאלניק האט זיך געכאפט און געהייסן יעדן פארבונדענעם אראפרייסן די פאטשיילע פון די באקן.

— שאַבער־מאַכער — האָבן די סטראַזשניקעס געלאַכט — פּיי־סינקי דאַוואַי...

אינדערפרי, נאָך פאַרן דאַוונען אַפילו, האָט מען ר׳ מאירל דעם רב צוליב דעם טאָקע צום נאַטשאַלניק גערופן און מיט אים האַרבע רייד גערעדט.

מיט אַ טאָג פריער האָט מען ר׳ משה סופר געכאַפּט אויף דער גאַס און אים אַ פּיאה אָפּגעשניטן. ער האָט געדאַרפט שרייבן אַ שם אין אַ ספר־תורה, ר׳ משה סופר, און ער איז פריער אין מקוה געגאַנגען. צוריק פון מקוה איז ער געלאָפן גיך, געאײַלט זיך, כדי נישט צו באַגעגענען אויפן וועג קיין ערל אָדער אַפילו קיין גראָבן יונג. ער האָט געוואָלט גלייך פון דער מקוה, נאָך אַ נאַסער, אַ געטובלטער, זיך נעמען צום שרייבן. ער האָט קיין שום זאַך נישט געזען ארום זיך. ער איז געגאַנגען מיט אָפענע אויגן, וואָס זעען נאָר הימלישע זאַכן, און ער איז אַריינגעפאַלן צום סטראַזשניק גלייך אין די הענט אַריין.

— פּ־ר־ר־ר־ר, טאַטעלע — האָט דער גוי פאַרהאַלטן דעם פאַרטראַכטן איד און אויף אים געשפּאַרט מיט דער פולער ברוסט מעדאַלן — פּייסעלע, גאַרטעלע, אוי ווײ...

ער האָט זיך געווערט, ר׳ משה סופר. ער האָט ביידע הענט פאַרלייגט אויף די פּיאות. דער גוי האָט אַרויסגענומען די שווערד און פאַרמאָסטן זיך אויף דעם אידס הענט, נאָר ר׳ משה האָט זיי נישט אַוועקגענומען. ער האָט בעסער געוואָלט בלייבן אָן אַ האַנט, איידער אָן אַ פּיאה. דער סטראַזשניק האָט אים אַוועקגעשלעפּט אין „קאָזע“, דאָרט האָט מען אים ביידע הענט געבונדן מיט אַ שטריק, די רעכטע פּיאה ביז דער הויט אָפּגעשניטן און אים איינגעזעצט מיט עטלעכע שיכורים צוזאַמען.

אין שטאָט האָט זיך געקאָכט. אידן זיינען געלאָפן צום עלטסטן און געבעטן:

— פריִי, לאָז אים אַרויס, ער איז אַ הייליקער, אַ רב, אַ סופר.

האָט דער עלטסטער געשיקט רופן דעם רב און אים גענומען שטרייג אויפן פאַרהער.

— ווער איז דאָ דער „ראַווין“ אין שטאָט? — האָט ער געוואָלדעוועט — איר, צי דער איד, וואָס כ׳האָב איינגעזעצט אין „קאָזע“, האָ?

ר׳ מאירל דער רב האָט נישט פאַרשטאַנען קיין איינציק וואָרט פונעם גויס רייד. ער האָט בלויז געוואוסט, אַז ער דאַרף ציטערן פון שרעק. דער קאַזיאָנע־ראַבינער האָט אים איבערגעזעצט דעם עלטסטנס ווערטער.

— זאָגט אים — האָט ר׳ מאירל געזאָגט דעם איבערזעצער — גיט אים צו פאַרשטיין, אַז איך בין דער רב, דער מרא־דאתרא, און ר׳ משה

איז אַ סופר, אַ צדיק, וואָס איז נאָך גרעסער ווי אַ רב.

דער ראַבינער האָט עס איבערגעזוצט, נאָר דער עלטסטער האָט עס נישט פאַרשטאַנען.

— שאַבער מאַכער! — האָט ער געשריען — מיך וועט מען מיט זשידאָווסקע שווינדלען נישט אָפּנאַרן. איך קען די אידישע דריידלעך...

אידן האָבן נישט אָפּגעלאָזט. צוויי אידן האָבן זיך גענומען גיין מיט אַ דויטער פּאַטשיילע איבער די שטובן, צונויפגענומען ביז אַ גאָלד־שטיקל און אוועקגעשיקט שמשון רופא אַליין צום עלטסטן בעטן. ר׳ שמשון האָט געפּועלט. ער האָט דעם גוי זייער קונציק אַריינגערוקט די מטבע צוזאַמען מיט דער האַנט, ביים באַגריסן זיך, און מ׳האָט ר׳ משהן ארויסגעלאָזט. אָבער ר׳ מאירל דער רב איז געווען דערשלאָגן, צעבראָכן.

— אוי וויי! — האָט ער געזיפצט — אַזאַ אַזאַ טמא האַנט זאָל זיך גאָר צורירן צו אַזאַ צדיק.

טאָמער איז דאָס נאָך ווייניק געווען, האָט מען שטאַרק גערעדט, אַז מען וועט, חלילה, איינפירן שקאָלעס פאַר אידישע קינדער. מען וועט צונעמען אידישע קינדער פון דער הייליקער תורה און מען וועט זיי לערנען רוסיש, אפּיקורסות. אַזוי האָט אים דערציילט דער קאַזיאָנע ראַבינער, וואָס האָט עס אַליין געלייענט אין די גאַזעטן. ס׳זאָל זיין אַ גזירה פון קייסער אַליין.

ער האָט געוואוסט, ר׳ מאירל דער רב, אַז אידן שווייגן נישט, אַז צדיקים, גרויסע גבירים און רבנים לייגן וועלטן איין, אַז פון וואַרשע פאָרן גבירים, גרויסע לייט זאַמלען געלט, כדי אָפּצושרייען די גזירה. הונדערט טויזנט קערבלעך האָט מען שוין צונויפגענומען ביי אידן. דאָס געלט וועט מען אוועקפירן צום מיניסטער אַליין קיין פּיטערבאָרג, צום סאַמע שני־למלך, אַבי ער זאָל אידן נישט ברענגען צו דער שמד. אויך, האָט ער געוואוסט, וועלן אידן, מיט דעם אויבערשטנס הילף, פאַסטן, זאָגן, בעטן גאָט. נישט איינמאָל זיינען שוין אַף אידן ארויס גזירות. מען האָט שוין געוואָלט אָנטאָן אידן דייטש. מען האָט זיי געוואָלט, חלילה, פאַר פּויערים מאַכן, געבן זיי ערד צו אַרבעטן, ווי די גוים, פאַנאַנדערשפּרייטן זיי איבער די דערפער, כדי זיי זאָלן נישט קענען לערנען די הייליקע תורה און זיך אָפּלערנען שלעכטס פון די גוים. געווען נאָך אַ סך אַנדערע שלעכטע גזירות. נאָר אידן האָבן נישט געשוויגן, געפאַסט, תהילים געזאָגט, געלט געגעבן און דער אויבערשטער האָט זיך דערבאַרעמט אַף זיין פאָלק. אידן זיינען געהאָלפן געוואָרן. אידן זיינען געבליבן אידן.

אָבער פון דער אַנדערער זייט, זאָגט מען, זיינען אידן רשעים אַליין זיך משתדל צו ברענגען גזירות אַף אידן. אידן אַליין, אוי וויי, בעטן

בײ די גרויסע לײט אין פּיטערבּורג, מען זאָל מאַכן שקאָלעס. אידן האָבּן אויסגעבּעטן בּײ די גוים, מען זאָל נעמען אידישע קינדער צו זעלנער, וואו זײ מוזן עסן טריפות און אַרבּעטן אין שבּת. איצט, ווילן זײ, מען זאָל אידן נישט לאָזן גײן אין פּיאות, אין גאַרטלען, אין יאַרמעלקעס. זײ ווילן בּרײנגען אידן צו שמד, חלילה, ווי אַמאָל די צדוקים, ימח־שמם. נאָר מער ווי מען איז אין גלות בּײ די גוים, איז מען אין גלות בּײ אידן.

— משיחס צײטן — איז אים געקומען אַפן זינען — ערגער קאָן שוין נישט זײן, משיח מוז שוין קומען, און צײכנס דערויף זײנען אויך דאָ.

ערשט די טעג האָט ער געהאַט געפונען אין אַ ספר אַ פּאָר ווערטער, וואָס ווײזן, אַז הײ־יאָר וועט קומען משיח. ער האָט עס געוויזן עטלעכע אידן לומדים און זײ האָבּן עס געזען קלאָר, ווי אַף דער האַנט. אויך האָט ער געפונען אין אַ מדרש, אַ ווען יון וועט זיך שלאָגן מיט ישמעאל וועלן אידן אויסגעלײזט ווערן, און אין מקוה האָט ער געהערט, אַז רוסלאַנד מיט טערקײ האַלטן בּײ מלחמה.

— מ'זעט עס בּאַשײנפּערלעך — האָט ער געבּרומט צו זיך אַלײן.

אַ ווײלע איז אים אַפילו געקומען אַן אַפּיקורסישער געדאַנק אין קאָפּ אַרײן. וואָרום זינט ער איז געקומען צום שכל, ר' מאירל, האָט ער אַלץ אַזוי אין די ספרים געפונען צײכנס, אָנצוהערענישן, רמזים אַף יעדער יאָר. אויך בּײ יעדער נײער מלחמה אַף דער וועלט, זײנען געווען מדרשים וואָס האָבּן געוויזן קלאָר, ווי אַף דער האַנט, אַז משיח קומט. און פונדעסטוועגן איז מען, נעבּעך, נאָך אַלץ אַזוי אין גלות. אַזאַ צדיק, ווי ר' משה סופר, האָט מען אָפּגעשניטן אַ פּיאה.

אָבּער דער געדאַנק האָט בּלויז אײן ווײלע, אײן קורצע ווײלע, אין זײן קאָפּ אַ שניט געטאָן. ער האָט זיך גלײך דערפילט זינדיק, ר' מאירל דער רב. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דעם שטנס אַרבּעט, און ער האָט גענומען פאַרטרײבּן פון זיך דעם בּײזן געדאַנק. אַ איד דאַרף גלויבּן, האָט ער גענומען אײנקריצן זיך אין קאָפּ, גלויבּן — יעדן טאָג, יעדע שעה, יעדע מינוט, יעדע רגע אַפילו, צו דערהערן דעם שופר פון משיחן. מען דאַרף זיך לערנען פון זײדן, דעם יאַמפּעלער רבּ, האָט ר' מאירל געטראַכט. ער איז געווען אַזוי שטענדיק צוגעגרײט און געוואַרט אַף משיחן, דער זײדע זײנער, אַז ער איז תמיד געשלאָפן אין די קלײדער, בּלויז אָן דעם שלאָפראָק. וויפיל די בּאָבּע האָט אים נישט געבּעטן, ער זאָל כאָטש די זאָקן אויסטאָן, האָט ער נישט געוואָלט — טאָמער קומט משיח — האָט ער געזאָגט — לאָמיך נישט ערשט דאַרפן גײן זוכן די זאָקן. —

ער האָט זיך געשטאַרקט, ר' מאירל, אָנגעגורט זיך מיט גלויבּן, און דער פריערדיקער צער האָט אָנגעהויבּן אָפּצוטרעטן פון אים, די געפאַלנ-

קייט אין אוועק. ער האָט מער נישט געזען די שלעכטע גזירות, דעם גוי אין די שליפּעס, וועלכער האָט זיך אויף אים געבייזערט, פאַר וועלכן ער איז געשטאַנען אַן אונטערטעניקער. ער האָט נישט געזען די צרות, וואָס שיטן זיך פון אַלע זייטן אויף די צדיקים און פרומע לייט. אין זיינע אַלטע פאַרהאַריקטע אויערן האָט גענומען שאַלן עפּעס, הערן זיך אַ קול פון אַ שופר, וואָס טראָגט זיך פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן.

ער האָט נישט געהאַט קיין קלאָר בילד, ר' מאירל, ווען משיחס קורמען. פון די פיל ספרים, וואָס ער האָט געדיינקט, האָט ער פאַרשידענערליי צייכנס געוואוסט. טייל האָבן געהאַלטן, אַז קומען וועט משיח מיט שטורם, מיט רעש. דריי טעג פריער וועט דונערן און בליצן, אַ שרעק וועט אָנפאַלן אויף אַלע באַשעפעניש, און דערנאָך וועט ערשט קומען אַ בת־קול פון הימל, וואָס וועט אָנזאָגן די בשורה. אַנדערע, ווידער, האָבן געשריבן, אַז קומען וועט משיח גאָר שטיל, ווען אידן וועלן האַנדלען און וואַנדלען. אויף אַ ווייס אייזעלע, ווי אַן אָרימאַן, וועט ער קומען, אָן שטורם, אָן באַזונדערע צייכנס. אָבער געוואוסט האָט ר' מאירל, אַז ווי אַזוי ער זאָל נישט קומען, וועט זיין גוט, אַן אַ שיער גוט פאַר אידן. איבערהויפּט פאַר אידן לומדים און צדיקים.

אודאי, האָט ער געוואוסט, שטעלן זיך די עם־הארצים, די פּראָסטע מענטשן, פאַר אַלץ זייערפּשוט, זייער באַלעבאַטיש. מען וועט עסן אַ סך פליייש פון שור־הבור, פיש פון לויתן, און ווייַן וועט מען טרינקען, און די גוים וועלן זיין קנעכט און דינסטן. ר' מאירל האָט געשמייכלט דעריבער אין זיין שיטער גרוי בערדל אַריין, געשמייכלט איבער די פּראָסטע מענטשן, איבער דער קליינקייט פון זייערע השגות. קען זיין, איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז פאַר זיי, די פּראָסטע לייט, די באַלמעלאָכעס, וועלן טאַקע זיין די אַלע פאַרגעניגנס, די פּשוטע. ווייל וואָס פאַרשטייען זיי נעבעך? אָבער פאַר אידן לומדים, האָט ר' מאירל געוואוסט, איז נישט דאָס דער תכלית. נישט צוליב עסן און טרינקען און לאָזן זיך וואוילגיין וואַרט מען אַזוי לאַנג אויף משיחן. זיין וועט גאָר עפּעס אַנדערש.

ער האָט געזען קלאָר. עס איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן. ער האָט געזען אַ וועלט, וואָס לייכט מיט אַזאַ ליכט, וואָס מענטשן קענען עס זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, אַ ליכט, וואָס גאָט אַליין האָט באַהאַלטן פאַר יענער צייט. אַרום טישן זיצן צדיקים, גאונים און גרויסע לייט. יעדער זיצט לויט זיין גרויסער צדקות און לומדות. די הייליקע אבות אַליין זיצן. אויך משה און אהרן און אַלע מלכים, נביאים און תנאים. אויבנאַן זיצט כביכול, דער אויבערשטער אַליין, און שמועסט מיט די צדיקים אין לערנען.

די תורה איז גרויס, ווייסט ר׳ מאירל. זי איז פול מיט סודות. אין יעדן וואָרט, אין יעדן אות, אין יעדער פינטעלע אפילו ליגן באַהאַלטן גרויסע זאַכן און סודות. אודאי ווייסט ר׳ מאירל, אַז דערויף זיינען געווען אויף דער וועלט אַ סך צדיקים און גאונים, וואָס האָבן מיט זייערע קלאָרע קעפּ און ליכטיקן שכל אַ סך באַהאַלטענע זאַכן פון דער תורה דערגאַנגען. שוין טויזנטער יאָרן, ווי אידן זיצן און לערנען און ווילן דערגיין גאָטס תורה. ווי, ווי, וויפל ספרים עס זיינען דאָ אויף דער וועלט. אַפילו ער אַליין, ר׳ מאירל, טראַכט ער ווען זיך, וואָס איז קעגן די גרויסע לייט ווי אַ וואָרים, אַ גראָבער יונג, האָט ער פונדעסטוועגן אויך געטאָן זיינס און עטלעכע ספרים אָנגעשריבן, כדי מיט זיין אָרעמען שכל צו געבן צו פאַרשטיין די ווערטער פון דער הייליקער תורה. דערפאַר, טראַכט ער, וועט ער אפשר אויך האָבן די זכיה צו זיצן ביים טיש, זיצן, אמת, דער לעצטער, ביים עק, אָבער פאָרט זיצן. ווארום דער אויבער־שטער האָט ליב אַלע, וואָס פאָרשן די הייליקע תורה זיינע. אַ פרייד איז פאַר יעדן, וואָס קאָן אויפטאָן עפּעס אין דער הייליקער תורה. אָבער ער ווייסט אויך, אַז וויפל די גאונים און הייליקע לייט האָבן נישט גע־אַרבעט אין דער הייליקער תורה, קלאָר געמאַכט, איז נאָך אַלץ שטאַרק פאַרהוילן, מען ווייסט נאָך גאָרנישט. און ווי גרויס וועט זיין די שמחה, ווען דער אויבערשטער אַליין, וואָס פאַר אים זיינען קיין סודות נישטאָ, קיינע פאַרהוילנקייטן, וועט אַנטפּלעקן פאַר זיינע צדיקים אַלע טיפקייטן, אַלע סודות, וואָס זיינען געווען נישט צו דערגרונטעווען.

אַ פרייד האָט אַרומגענומען ר׳ מאירלען, אַ גרויסע פרייד. אים איז וואָרעם געוואָרן אין זיינע אַלטע ביינער.

— אני מאמין, איך גלויב — האָט ער גענומען זאָגן הויך, מיט ברען — איך גלויב אינם קומען פון משיח. און כאָטש ער פאַרזאַמט זיך, וואַרט איך יעדן טאָג אויף זיין קומען, יעדע שעה, יעדע מינוט, יעדע רגע אַפילו.

ער האָט פאַרגלייזט די אויגן. זיינע אויגן האָבן דורכן נידעריקן פאַררויכערטן באַלקן דערזען אַ ליכטיקייט. אין זיינע אַלטע ווייכע אויערן האָט אַ שאַלונג גענומען ציטערן. אַ קול האָט זיך דערנענטערט, געקומען אַלץ נענטער און נענטער. ער האָט געהערט שרייען, פייפן, קולות פון אַ סך מענטשן, פון אַ המון, און אים איז פאַרקילט געוואָרן עפּעס אין האַרץ. ער האָט געוואַרט... דאָס קול איז געוואָרן שאַרפער, טריט האָבן זיך אָנ־געהויבן אויסטיילן, אַ סך טריט. פלוצלונג האָט זיך די טיר האַסטיק געעפנט און אַן עדה אידן איז אַריין.

— רבי! — האָבן פרייליכע קולות גערופן — רבי!

ר׳ מאירל האָט אַ שפּרונג געגעבן פון אָרט.

— ר׳איז געקומען! — האט אים א לייכט געטאן אין קאפ, אין גאנצן קליינעם גופל זיינעם, וואס האט פון קינדווייז אן, זינט ער איז צום שכל געקומען, כסדר געווארט, מיט יעדער טאג, שעה און רגע אף דער אויסלייזונג.

נאר אט האט א זעץ געטאן אין שטוב. פיר פארבלוטיקטע קצבים האבן א מענטשן אראפגעווארפן פון די אקסלען, א וויינענדיקן מענטשן. אביש קצב האט געדונערט מיט זיין פעסטן באס.

— רבי, כ׳האב זי געפאקט!... קנה שמישם טאכטער האב יעך גע־פאקט, אט איז זי, די זונה...

און ר׳ מאירל דער רב איז אזא צעטשמעליעטער געבליבן שטיין, אז ער האט זיך אנגעכאפט מיט ביידע הענט פאר די ביידע אנלענס פון זיין בית־דין שטול, כדי נישט צו פאלן פון די פיס.

— ווער ביסטו? — האט ער אויסגערופן מיט א דערשראקן קול צום קצב.

ער האט נישט דערקענט אביש׳ן, אביש קצב, וואס כמעט יעדן טאג ברענגט ער אים א בהמהשע לונג־און־לעבער א שאלה צו פרעגן.

אַכצנט קאַפּיטל

צביה דעם שמשס טאָכטער איז געלעגן אַף דער ערד בײַ דער טיר פֿון בית־דין שטוב און נישט געוואָלט אויפֿהויבן זיך פֿון אָרט. אַזוי ווי די יונגעץ האָבן זי אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון די אַקסלען, אַזוי איז זי געלעגן.

— חצופה, שטיי אויף! — האָבן אידן צו איר געשריען — מען טאָר נישט ליגן אַף דער ערד אין אַ בית־דין שטוב.

זי האָט נישט געהערט און ווייטער געלעגן, וואָיענדיק אפֿן קול...

אַביש קצב האָט זי געפּרואווט מיט כּוח אוועקשטעלן, נאָר ר׳ מאירל דער רבֿ האָט אים נישט געלאָזט.

— נישט מיט תּקיפֿות — האָט ער געזאָגט.

ער האָט פּרובירט מיט גוטן, דער רבֿ.

— נו־אָ — האָט ער גערעדט צו דער מויד, אַוועקקוקנדיק אין אַ זײַט, ער זאָל זי נישט זען — הויב זיך אויף. אַ מענטש טאָר נישט ליגן אַף דער ערד, ס׳איז מעשה־בהמה...

זי האָט אים נישט געענטפֿערט און ווייטער געבליבן ליגן.

די רביצן איז צוגעגאַנגען.

— מויד — האָט זי איר געזאָגט — האָסט גאָר קיין בושה נישט אין דיר? מאַנסבילן זײַנען דאָך דאָ אין שטוב. הויב זיך אויף!

צביה האָט נישט געענטפֿערט.

די רביצן האָט אַראָפּגענומען פֿון זיך דאָס ברייטע פֿאַרטוך און דער־מיט פֿאַרדעקט דער מויד די האַלב־אָפּגעדעקטע פּיס.

— אַ בהמה, נעבעך — האָט דער רבֿ געזאָגט און נישט געלאָזט איר טאָן קיין שלעכטס.

— עט! — האָט ער געזאָגט צו די מענטשן, וואָס האָבן אַף דער מויד געשפּיגן און געשאָלטן — אַ איד טאָר נישט שעלטן. חלילה!

ער האָט געהייסן גיין נאָך דעם פֿאָטער אירן. און דערווײַל, ביז קנה וועט קומען, האָט ער גענומען אויספֿאָרשן די ליגנדע מויד.

— זאָג נאָר, קנהס טאָכטער — האָט ער גערעדט צו איר — ביסטו

זיך מודה צו דעם, וואָס מען זאָגט אַף דיר, אַז דו האָסט, לאַ־עלינו, גע־זינדיקט, זנות געטריבן?

די מויד האָט אים אָנגעקוקט און קיין איין וואָרט נישט געענט־פערט.

— שווייגסט! — האָט דער רב געזאָגט — לייקנסט נישט. עס הייסט, דו ביסט זיך מודה. אויב אַזוי, זאָג־זשע פאַרן בית־דין, מיט וועמען האָסטו געזינדיקט?

די מויד איז געלעגן אומבאַוועגלעך.

— האָב נישט מורא — האָט דער רב געזאָגט — ביסט ביי מיר אין שטוב, איך וועל דיר נישט לאָזן קיין שלעכטס טאָן. זאָג, האָסטו עס געטאָן בייזוויליק, פון אייגענעם גוטן ווילן, אָדער האָט מען דיך אפשר מאַנס געווען, שלעכטס געטאָן דיר, קעגן דיין ווילן?

די מויד האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן און געבליבן שטום.

— אויב מען האָט דיר שלעכטס געטאָן, באַפאַלן דיך — האָט דער רב גענומען לערנען מיט איר מיט אַ ניגון פון דער תורה — דו האָסט געשריגן און קיינער האָט דיין קול נישט געהערט, ביסטו נישט שולדיק, ווייל דו ביסט קעגן דיין ווילן געפייניקט געוואָרן. אַזוי זאָגט די הייליקע תורה. אויב אַ מאַן וועט טרעפן אַ יונג־פרוי אין פעלד און וועט ליגן מיט איר, זאָלסטע דער יונג־פרוי קיין זאַך נישט טאָן. ווארום ווי אַ מענטש שטייט אויף קעגן זיין חבר און הרגעט אים אַף טויט, אַזוי איז די דאָזיקע זאַך. ווארום אין פעלד האָט ער זי געטראָפן, זי האָטגעשריגן און עס איז נישט געווען ווער ער זאָל איר העלפן.

די מויד האָט אַלץ אויסגעהערט, ווי מען זאָל איר דערציילן עפּעס זייער אַ שיינע מעשה פון אַ ביכל און גאָרנישט געזאָגט.

— אויב אַפילו — האָט דער רב געזאָגט — מען איז דיך נישט באַפאַלן, נאָר מען האָט דיך אָנגערעדט און דו האָסט זיך געלאָזט אײַ־בעררײדן, דאַרפסטו זיך מודה זיין פאַרן בית־דין, דעם נאָמען פון דעם, וואָס האָט דיך אָנגערעדט, אָנרופן, און מען וועט אים רופן צום בית־דין און משפּטן לויט דער הייליקער תורה. איז ער אַ בחור, וועט ער מוזן חתונה האָבן מיט דיר, כדי דו זאָלסט נישט ברייננגען, חלילה, קיין ממזרים אין קהל. אויב ער איז אַ באַווייבטער, וועט ער מוזן באַצאָלן קנס דיר און דיין פאָטער פאַר דער בושה און צער און נעמען אַף זיך אַ תשובה פאַר די גרויסע זינד.

די מויד האָט קיין איין פּינטל מיט קיין אויג נישט געטאָן. דאָס ערשטע מאָל איז עס געווען, וואָס עמיצער האָט מיט איר גערעדט אַזעלכע פרעמדע און מאָדנע רייד. איר איז דאָס געפעלן געוואָרן.

ר׳ מאירל האָט פאַרצויגן זיין הויכן שטערן.

— אויב אפילו — האט ער ווייטער געצויגן — מען האט דיך נישט איבערגערעדט, נאר דו האסט אליין, מיט דיין גוטן ווילן, נישט פאר קיין שום אידיש קינד געדאכט, די זינד געטאן, דאס הייסט, דו האסט באגערט דאס שלעכטס, דארפסטו אויך אנרופן דעם נאמען פון דעם זינדיקן, סיי דאס איז א בחור, סיי א באווייבטער, סיי א יונגערמאן, סיי אן אלטער, סיי א היגער, סיי פון א פרעמדער שטאט, דען אויך אין דעם פאל, וועט אים בית־דין רופן צום דין און משפטן, נויטן מיט דיר חתונה צו האבן, אדער אים קנסענען מיט געלט. זאג, נאר דעם ריינעם אמת, ווארום דו שטייסט פארן בית־דין, וואס איז גלייך, ווי דו וואלסט געשטאנען פארן אויבערשטן.

די מויד האט נישט געענטפערט.

— אפשר שעמסטו זיך מודה זיין פאר אלעמען? — האט ר׳ מאירל געזאגט — קאנסטו אריינגיין אין א באזונדערער שטוב. אדער איך וועל הייסן אלעמען ארויסגיין, בלויז איך און נאך א איד וועט בלייבן, ווי דער דין איז, און דיינע רייד אויסהערן.

די מויד האט זיך פון ארט נישט גערירט.

ר׳ מאירלען האט א שוויס באדעקט. ער האט זיך עטלעכע מאל אויסגעווישט מיט דער גרויסער קעשענע־פאטשיילע דעם פייכטן שטערן און ער איז איבערגעגאנגען פון דינים צו מענטשלעכקייט.

— דו — האט ער געזאגט, נישט ווייסנדיק ווי אזוי זי אנצורופן — א שטאט מיט קליינע קינדער זיינען פרי אוועק פון דער וועלט צוליב דיר און דעם, מיט וועמען דו האסט זנות געטריבן. בית־דין דארף וויסן, כד ארויסצורוימען דאס שלעכטס פון אידן, כדי אפצושטעלן דעם צארן. ס׳גייט אין מענשלעכע לעבנס.

די מויד האט אויסגעהערט אזוי שטום ווי די פריערדיקע רייד זיינע.

— אפשר האסטו מורא — האט דער רב געפרעגט — דערפאר, ווייל דער, וואס האט געזינדיקט מיט דיר, איז א גביר, אדער א תקיף, אדער ער האט דיר געלט געגעבן, אדער ער איז א חשוב׳ער מענטש. זאלסטו נישט מורא האבן. דען פארן בית־דין איז גלייך דער ארעמאן ווי דער רייכער, דער חשוב׳ער מענטש, ווי דער, וואס שינדט אפ נבלות. זיי זיך מודה, באקאן זיך צו דער זינד און רוף אן דעם זינדיקן, און זאל ווערן אפגעטאן דער צארן פון אומשולדיקע נפשות, קליינע קינדער, וואס האבן נאך גארנישט געזינדיקט.

די מויד האט זיך בלויז אויסגעשנייצט די נאז.

די פארזאמלטע אידן האבן פארלוירן דאס געדולד.

— חצופה! — האבן זיי געשריען און געהויבן די הענט — דער רב רעדט דאך צו דיר.

אַבֿיש קצבֿ האָט נישט געקאָנט איינשטיין.

— רבי — האָט ער געבעטן — רבישי, לאָזט מיך, וועל יעד איר שוין מאַכן רעדעוודיק. רבי, בײַ מיר וועט זי ריידן.

נאָר ר׳ מאירל האָט נישט געלאָזט אַבֿישן קיין האַנט אויפֿהייבן. ער איז בעסער אַליין איבערגעגאַנגען צו תקיפֿות, צו שאַרפֿע רייד.

— מיין נישט — האָט ער געוואָרנט — אַז קהל וועט שווייגן! מען וועט דיך רודפֿן, ווי אַ סוטה וועט מען דיך יאָגן. דאָס קינד, וואָס דו וועסט געבוירן, וועט זיין אַ ממזר. די הייליקע תורה זאָגט, אַז אַ ממזר טאָר נישט קומען אין קהל, מען טאָר זיך מיט קיין ממזר נישט משדך זיין. אויך וועט דיך קיינער נישט נעמען. וועסט זיין צו שפּאָט און צו שאַנד און וועסט ברענגען אַ קללה אויף דיין טאַטנס הויז. דער טאַטע דיינער קאָן אויך דאָס שמשות אָנווערן, ווארום די זינד פֿון קינדער פֿאַלט אויף עלטערן. אָבער, אַז דו וועסט זיך מודה זיין, וועסט אָנרופֿן דעם זינדיקן, וועט מען אים נויטן מיט דיר חתונה צו האָבן און דו וועסט אָפּטאָן די שאַנד פֿון דיר און פֿון זיינע דורות. בית־דין וויל דיין טובה. ענטפֿער!

די מויד האָט געקוקט מיט פֿאַרשטאַרטע אויגן.

אַבֿיש קצבֿ האָט שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן. אָן דעם רבינס וויסן, האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן צו דער מויד, אויפֿגעהויבן זי מיט כּוח און צוויי פּעטש אַראָפּגעלאָזט איר.

— ענטפֿער, הור, אַז דער רבֿ, זאָל לעבן רעדט צו דיר!...

זי איז פֿון אַבֿישעס פּעטש אַנידערגעפֿאַלן אויף דער ערד און זיך צע־וויינט. זי האָט געוואָרפֿן מיט די פֿיס, פֿאַר אַלעמען אין די אויגן זיך אָפּגעדעקט. דער רבֿ האָט זיך צעבייזערט אויף אַבֿישן, נאָר מען האָט זיין שוואַך קול נישט געהערט. עס איז פֿאַרלוירן געגאַנגען צווישן די געוואַלדן פֿון עולם. אַבֿישעס פּעטש האָבן מער אויסגענומען ביים עולם ווי דעם רבֿס רייד.

— דערהרגענען דאַרף מען דאָס — האָבן קולות געשריען — די הויט לעבעדיקערהייט פֿון איר שינדן...

מען וואָלט זי צעטראָטן די מויד. אָפּגעראַטעוועט האָט זי דער פֿאָ־טער אירער, ר׳ קנה. מיטן לאַמטערן אין איין האַנט און מיטן גראָבן שטעקן אין דער צווייטער, איז ער אַריינגעקומען, קנה, געקומען נישט קיין אונטערטעניקער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, נאָר אַ גלייכער, אַ תקיפֿער ביי זיך. אַנשטאָט אויסהערן מוסר, האָט ער גאָר גענומען שרייען אויפֿן עולם.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אַנלויפֿעניש? — האָט ער גענומען מאַכן אָרדנונג, גאָרנישט ווי ער וואָלט געווען דער פֿאָטער פֿון אַ זינדיקער

מויד, וואָס מען האָט געכאַפּט, נאָר ווי שטענדיק אַ שמש, וואָס דאַרף האַלטן אָרדנונג בּיים רב — ארויס פון בּית־דין־שטוב! ארויס!

דאָס האָט אַזוי איבּערראַשט, אַז מען האָט פאַרגעסן דאָס לשון אין מויל. מען האָט די אייגענע אויערן נישט געגלויבּט. די צונגען זיינען פאַרגליווערט געוואָרן אין מויל.

דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דער טאָכטער זיינער. ער האָט זי אויפגעהויבּן פון דער ערד, צוגעדעקט איר מיט דער שאַל דעם צעשויבּערטן קאָפּ, און מיט פעסטע טריט, ווי ער וואָלט געפירט זיין טאָכטער צו דער חופּה, אַוועקשאַרנדיק אַלע פון וועג, איז ער צוגעגאַנגען צום רב און גענומען ריידן געלאַסן.

— וואָס וויל מען פון דער יתומה? — האָט ער געזאָגט צום רב — זי איז דאָך, נעבּעך, אַ קאַליקע, אָן שכל, אַ בּהמה. צו אים נעמט זיך, צום קאַלבּ, דעם פּושע־ישראל. ער האָט זי אומגליקלעך געמאַכט.

פון דעם רבס גרויסן שטערן איז איין נעץ פון פאַלדן געוואָרן.

— וואָסער קאַלבּ? — האָט ער נישט פאַרשטאַנען — וואָס רעדסטו, קנה?

— דער קאַלבּ, ימח־שמו! — האָט קנה געפייערט — יאָשע קאַלבּ, דער אונטער־שמש מיינער. דאָס האָט ער מיר אָפּגעצאָלט פאַר מיין גוטהאַרץ, פאַר אַריינגעמען אים צו מיר אין שטוב אַריין, פאַר געבּן אים אַ דאַך איבּערן קאָפּ, דעם שלעפּער!

— יאָשע? — האָט מען זיך געוואונדערט — דער תהילים־זאָגער? דער... דער... קאַלבּ?...

— ער איז שוין גאָרנישט קיין קאַלבּ — האָט אַבּיש קצב געשריען

— ער איז אַ גאַנצער בּיק, ווי יעך בּין אַ איד געבּוירן... האָ, האָ!

ר׳ מאירל איז געוואָרן בּלאַס און שוואַרץ צוזאַמען, פּונקט ווי די ווענט פון זיין בּית־דין שטוב, וואָס קהל האָט שוין לאַנג נישט געקאַלכט. ווײ, ווײ, וואָס דער שטן האָט אָפּגעטאָן אין זיין בּיאַלאָגורע! אונטער דער נאָז האָט ער אים געטאַנצט, און ער, דער פאַסטוך פון דער עדה, האָט אָפּילו נישט געזען. געכאַפּט אַ שמשס אַ טאָכטער, וואָס האָט געזינדיקט מיט אַן אונטער־שמש. און וואו? אָפן סאַמע בּית־עולם. געוואַלד, ווי אידן זיינען שוין פאַרזונקען! געוואַלד!

ער האָט זיך אויפגעהויבּן פון זיין האַרטער פאָטער־שטול און האָט שטריינג בּאַפוילן:

— קנה, גיי שוין און בּריינג אים. די מינוט זאָל ער קומען צום בּית־דין!

אָבּער דאָס איז געווען איבּעריק. נאָך פאַרן רבס בּאַפעל, האָט שוין אַבּיש קצב אַליין מיט זיינע קצבים גענומען זיך צו דער זאַך. ווי אַ פייל

אויסן בוינן האָט ער געיאָגט צום בית־המדרש. נאָך אים זיינען נאָכגעלאָפן זיינע יונגען.

— אַ קאַלב איז דאָס — האָט ער געשריען איבער דער גאַס — אַ ביק, ווי יעדר בין אַ איד געבוירן...

ער איז געזעסן אין בית־המדרש, יאָשע קאַלב.

אין דער גאַנצער שטאָט איז בלויז ער איינער געווען, וואָס האָט נאָך נישט געוואוסט פון קנהס מויד, וואָס אַביש האָט געכאַפּט. ער האָט עפּעס געזען ווי מענטשן לויפן, רעדן, לאַכן, בייזערן זיך, אָבער ער האָט נישט געפרעגט, נישט געמישט זיך. ווי שטענדיק, איז ער זיך געגאַנגען אַ זייטיקער, אַן אָפּגעזונדערטער, קיין זאַך נישט געוואוסט, אַ חוץ זיין אַרבעט אין בית־המדרש, די שמות, וואָס ער טראָגט אַפן בוידעם, דאָס תהילים־זאָגן, דאָס רופן אין שול יעדן פאַרטאָג און דאָס גוטע־אָרט, וואוהין ער גייט יעדע נאַכט שלאָפן און זאָגן חצות. ווייטער האָט ער נישט געוואוסט, נישט געפרעגט זיך, נישט גערעדט. ער האָט איבערהויפּט מיט קיין מענטשן נישט גערעדט. ער האָט בלויז געענטפערט, ווען מען האָט אים עפּעס געפרעגט, געענטפערט קורץ, מערסטנס איין וואָרט בלויז — יאָ אָדער ניין.

אויך איצט, ווען די גאַנצע שטאָט האָט גערודערט, איז ער זיך געזעסן אין בית־המדרש. נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעטראָגן אַ סך וואַסער, גלייך געלייגט אַלע ספרים און ווי ער האָט נאָר געפונען אַן אַרויסגעריסן בלעטל פון אַ ספר, עס גלייך אַרויפגעטראָגן אַפן בוידעם, האָט ער זיך גלייך געזעצט ביי דער שוועל און געזאָגט תהילים. אין בית־המדרש איז געווען שטיל, אַלע זיינען אַרויס צוליבן טומל, און ער האָט געקאָנט זיצן רואיק. קיינער האָט אים נישט געשיקט קיין גאַנג, קיינער האָט אים נישט געטשעפּעט, קיינער האָט נישט חוזק געמאַכט פון אים. צום טויזנטסטן מאָל האָט ער געזאָגט תהילים פון אויסנווייניק, אַ קאַפּיטל נאָך אַ קאַפּיטל. ער האָט געזאָגט וואָרט ביי וואָרט, מיט גרויס כונה. פּלוצלונג האָבן זיך די שווערע אייזן־באַשלאָגענע טירן האַסטיק געעפנט, און איידער ער האָט זיך באַוויזן אומצוקוקן, יאָשע, האָבן אים שוין געהאַלטן הענט, פעסטע שטאַרקע הענט, ווי צוואַנגען.

— אָט איז ער דאָ, דאָס קאַלב! — האָבן קולות גערופן און געלאַכט — נעמט אים!

— ער האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע פאַרוואונדערטע אויגן. ער האָט נישט אויסגערעדט. אין מיטן תהילים פלעגט ער נישט אויסרעדן. ער האָט בלויז געגלאָצט מיט די אויגן זיינע, וואָס זיינען געווען איצט דאָפּלט גרעסער. ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז ליצנות, אַז דאָס מאַכט מען פון אים חוזק, ווי עס טוען עס שטענדיק די בחורים

אין בית־המדרש. נישט איין מאָל האָבן זיי אים געכאַפּט, די בחורים. אוועקגעלייגט אפן טיש און אים געמאַכט אַ משכנתא, אָפּגעשמיסן. זיי פלעגן אים פייניקן, אָבער אַזוי פעסט גענומען האָבן זיי אים קיינמאָל נישט. ער האָט דערפילט עפּעס פרעמדע הענט, דערזען פרעמדע פּנימער, אומבאַקאַנטע, צעהיצטע, און ער האָט גענומען בעטן מיט שטום־לשון.

— נו־אָ — האָט ער געזאָגט — נו...

זיי האָבן אים נישט אָפּגעלאָזן. פאַרקערט, אַ יונג האָט אַראָפּגענומען אַ זעלנערישן רימען פון די הויזן און געבונדן אים די אַרונטערגעדרייטע הענט. ער האָט דערפילט אַ שרעק און אָנגעהויבן זיך צו שיצן.

— נו, — האָט ער געשריען — מפסיק...

געמיינט האָט ער, אַז דאָס וועט פועל׳ן. אָבער דאָס האָט בלויז אַ ווילדן געלעכטער ארויסגערופן.

— הערט נאָר די תּם׳וואַטע ריידעלעך ! — האָבן די יונגען געלאַכט — ער טאָר דאָך נישט אויסריידן, דער צדיק... מיט צביהן האָסטו אויך נישט געטאָרט אויסריידן ?...

— דאָס איז נישט קיין קאַלב — האָט זיך אַביש געהאַלטן ביי זיינס — אַ ביק, ווי יעך בין אַ איד...

יאָשע האָט די אַלע רייד נישט פאַרשטאַנען, נישט געוואוסט, וואָס אַזוינס זיי געהערן זיך אָן מיט אים. אָבער דערפילט האָט ער, אַז דאָ ווערט עפּעס געפערלעך, אַז דאָס איז מער קיין ליצנות נישט. צופיל האָט און שלעכטס האָט פון די יונגנס אויגן ארויסגעקוקט. ער האָט פאַרגעסן דעם תהילים און גענומען שרייען :

— אידן ראַטעוועט !

אָבער דאָ האָט אים אַביש קצב דערלאַנגט אַזאַ פויסט אין פּנים אַריין, אַז בלוט האָט אים גענומען רינען פון דער נאָז און פון דעם מויל צוזאַמען. די קרייזלעך פון זיין שוואַרץ בערדל זיינען באַלד אין פאַרקלעפּטע רויטע צעפּלעך אַראָפּגעהאָנגען. אים איז גלייך פינסטער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט פאַרלוירן דאָס לשון. פּונקט אַזוי פלעגט אַביש באַרואיקן די בהמות אין שעכט־הויז, וואָס האָבן זיך צופיל געבריקעוועט פאַר דער שחיטה און איין פויסט זיינע אונטער די ציין האָט זיי באַרואיקט.

— ביי די הענט און פיס — האָט אַביש באַפוילן — נעמט אים דעם ביק !

פּונקט ווי פריער די מויד, אַזוי האָבן זיי איצט גענומען יאָשען און אים פאַרוואָרפן אף די אַקסלען. מיט זיינע אַראָפּהייגענדיקע פיס און הענט מיטן טריפנדיקן בלוט פון מויל און נאָז, האָט ער אינגאַנצן דערמאָנט אין אַ געשאָכטן קאַלב, וואָס קצבים טראָגן ארויס פון דער שעכט־

הויז צו דער יאַטקע. דאָס היטל האָט זיך אים אַראָפּגעגליטשט. זיינע געקרייזלטע פּעך־שוואַרצע האָר האָבן געלויכטן אונטער דער פּאַרגייענדיקער זון.

— געפּאַקט — האָט אַביש קצב געדופן מיט זיין פעסטן באַס איבער דעם גאַנצן וועג — געפּאַקט צביה דעם שמשס ביק... מען טראָגט אים צום רב...

אידן, ווייבער און קינדער זיינען נאָכגעלאָפן. מאַנסבילן האָבן געשפּיגן, אינגלעך האָבן געוואָרפן שטיינדלעך און ווייבער האָבן געביילט פויסטן.

— פאַרשטיינען אים, דעם פּושע־ישראל, פאַר אונדזערע קינדער. אויסרייסן אים!

פון הינטן איז נאָכגעלאָפן אַן אָרעם תלמוד־תורה־אינגל איז א פּאַר גרויסע טאַטעשע שטיוול און נאָכגעטראָגן יאַשעס אויסגעבלאַטיקט סאַמעטן היטל.

ניינצנט קאַפּיטל

שעהן־לאַנגע האָט דער ביאַלאָגורער בית־דין געמשפּט יאָשע קאַלב און גאָרנישט נישט געקאָנט פון אים ארויסקריגן.

דאָס בית־דין איז געווען פון דריי. אויבנאָן איז געזעסן דער רב. פון זיין רעכטער זייט איז געזעסן ר׳ שבנא דער דיין, אַ איד אַ כעסן, וואָס תמיד איז ביי אים די רויטע נאָז זיינע פאַרקאַטערט און ער הערט נישט אויף שנייצן זי אין אַ גרויסער רויטער קעשענע־פאַטשיילע. פון רבס לינקער זייט איז געזעסן ר׳ טעוול בורר, אַ איד אַ וואַלד־הענדלער, וואָס קאָן פּסקענען שאלות, נאָר ער וויל נישט. אף בידע לאַנגע ביינק זיינען געזעסן אויסגעזעצט די קהל־לייט און די נגידים. ביי די ווענט, ביים אויוון, האָבן זיך געשטופּט די באַלמעלאָכעס און די אָרעמעלייט. פאַר דער טיר און פענסטער האָבן געקלעפּט ווייבער, וואַסער־טרעגער און קינדער.

אָנגעהויבן האָט דער רב, ווי אַלעמאָל, מיט גוטן.

ווי נאָר מען האָט אים אַריינגעבראַכט, יאָשע קאַלב, צום רב אין שטוב, איז דער רב געוואָרן בלאַס.

— פע, בלוט גאָר? — האָט ער געשריען — נישט מעשה איד. כ׳קאָן נישט קוקן, פע.

ער האָט אָנגענומען דעם צובלוטיקטן יאָשע פאַרן אַרבל, אַרויסגע־פירט אים צום פּעדערהויז, וואו ס׳שטייט דאָס פאַס וואַסער, און אַליין אים אויפגעגאָסן וואַסער פון קופּערנעם שעפּער אף די הענט.

— וויי איז מיר נישט — האָט ער געקרעכצט און אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ זייט.

דער ריח פון מענטשן־בלוט האָט אים צו חלשות געשלאָגן. ער האָט עס נישט געקאָנט זען.

אַז יאָשע האָט זיך אויסגעוואַשט מיט דער פּאָלע פון דער קאַפּאָטע דאָס פּנים, האָט אים ר׳ מאירל אַפילו געהייסן זיך זעצן אף דער באַנק. יאָשע איז געבליבן שטיין.

— יאשע — האט ער געזאגט — אין שטאט איז אויפגעדעקט געוואָרן א זינד. קנה שמשס טאכטער, א בתולה, האט, לא־עלינו, מזנה געווען. זי איז מעוברת מיט א ממזר. איר פאטער, ר׳ קנה, זאגט פארן בית־דין, אז דו, יאשע, ביסט דער שולדיקער, אז דו האסט זי אנגערעדט צו שלעכטס, אז דו האסט געזינדיקט. פרעג איך דיך, צי זיינען אמת זיינע רייד?

יאשע האט געשוויגן.

— יאשע — האט ר׳ מאירל געזאגט — שטייסט פארן בית־דין. דארפסט ענטפערן, ווען מען פרעגט דיך. איך פרעג דיך, צי זיינען אמת די רייד פון ר׳ קנהן, אדער ביסטו ריין פון דער זינד?

— איך ווייס נישט — האט יאשע געענטפערט.

— וואס הייסט, דו ווייסט נישט? — האט דער רב איבערגעפרעגט א פארוואונדעטער — דו דארפסט דאך וויסן דעם אמת!

— איך ווייס נישט דעם אמת — האט יאשע שטיל געזאגט.

ר׳ מאירל דער רב האט פאררוקט זיין אויסגעקראכן ספאדיקל ביז א האלבן קאפ.

— יאשע — האט ער געזאגט — א שווערן חטא ווארפט אף דיר ר׳ קנה שמש. אויב דו פילסט זיך ריין פון זינד, דארפסטו אויסווייזן, אפטאן פון זיך דעם שלעכטן שם. אז דו וועסט שווייגן, וועסטו דיר קאליע מאכן. די הייליקע תורה זאגט, אז שווייגן הייסט זיך מודה זיין. ווייסטו דערפון?

— יא.

— אויב אזוי, וואס זאגסטו אף די רייד פון ר׳ קנה שמש?

— גארנישט.

ר׳ מאירל דעם רב איז גלייך געוואָרן הייס. ער האט דעם יאשען ווייניק געקענט, בלויז געזען אים אמאל אין בית־המדרש, ווי ער זיצט אף דער שוועל און זאגט תהילים. ער האט אים דעריבער איצט לאנג באטראכט. יאשע האט אף אים צוריקגעקוקט, נישט אראפגעלאזט פון אים די קויל־שווארצע אויגן זיינע, און דער רב האט זיך דערפילט עפעס נישט היימלעך פון דעם יאשע קאלבס פנים. עפעס איז ער אים נישט גלאטיק געווען דער דאזיקער שטאט־נאר. ער האט זיך אפילו דערשראקן פאר אים און פאר זיינע ענטפערס.

— ווער ביסטו? — האט ער אים פלוצלונג א פרעג געטאן.

— איך ווייס נישט — האט יאשע געענטפערט.

אלע פארזאמלטע האבן ארויסגעלאכט. ר׳ מאירלען איז נאך הייסער געוואָרן.

— נישט צו פארשטיין — האט ער געזאגט צו זיך אליין און פאר־

שווייגן געוואָרן.

זעענדיק, אַז בײַ דעם רבֿ גייט עס נישט, האָט ר׳ טעוול וואַלד־הענדלער גענומען פירן די זאַך, פירן באַלעבאַטיש, מעשה־סוחר.

— דרך־ארץ, אידן, שאַ! — האָט ער געקלאַפּט אין טיש און גענומען יאָשען אַפּן פאַרהער.

— זאָג נאָר, יאָשע, פון וואַנען קומסטו?

— פון דער וועלט — האָט יאָשע געענטפערט.

— צו וואָס ביסטו געקומען צו אונדז אין שטאָט?

— איך ווייס נישט.

— וואָס ווילסטו דאָ בײַ אונדז?

— גאָרנישט.

— ווער ביסטו? ביסטו אַ יתום, אָדער האָסטו עלטערן? ביסטו אַ בחור אָדער אַן אַלמן, לאָ־עלינו? אַ גרוש, אָדער אפשר האָסטו גאָר ערגעץ אַ ווײַב?

— כ׳בין אַ שטיין — האָט יאָשע געזאָגט.

דער עולם האָט זיך נאָך שטאַרקער פאַנאַנדערגעלאַכט. ר׳ טעוול האָט אַפילו נישט געפּרואווט אָפּהאַלטן.

— אַ קאַלב — האָט ער געזאָגט אַפּן קול — נישטאָ מיט וועמען צו טענהען.

ר׳ שכנא דער דיין האָט אויסגעשנייצט די נאָז זײַנע הויך, אַפּן קול, אויסגערייניקט זי מיט אַ פּייף, מיט אַ געבייזער, וואָס זאָגט קיין גוטס נישט אָן, און גלײַך דערויף גענומען זיך צום פאַרהער שטרענג, מיט רוגזה.

— זאָג נאָר, דו יאָשע! — האָט ער אַ געשריי געטאָן — צי קאָנסטו לייקענען פאַרן בית־דין, אַז דו האָסט געגעכטיקט בײַ קנה דעם שמש אין שטוב?

— ניין — האָט יאָשע שטיל געזאָגט.

— קאָנסטו לייקענען פאַרן בית־דין, אַז דו האָסט געקענט זײַן טאָכטער, וואָס מען רופט צביה?

— ניין.

בײַ ר׳ שכנא דיין איז די נאָז זײַנע נאָך רויטער געוואָרן פון צופרידנקייט, וואָס ער פירט די זאַך אַרויף אויף אַ וועג. ער האָט זי אויסגעריניקט, די נאָז, און נאָך בייזער, נאָך שטרענגער גענומען פירן דעם משפט.

— יאָשע — האָט ער געזאָגט — לערנען קאָנסטו נישט, אָבער עברי־טייטש לייענען קאָנסטו דאָך. ווייסטו פון די ספרים, אַז אַ איד טאָר נישט אַליין בלײַבן מיט אַ נקבה, אַפילו מיט אַ בתולה?

— יאָ.

— אויב דו ווייסט, פאַרוואָס ביסטו געבליבן? פאַרוואָס האָסטו זיך נישט געהיט?

— כ'ווייס נישט.

— אויב אַזוי, קאָן דיך קנה שמש חושד זיין אין זינד!

— יאָ.

ר' שכנא דיין האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַר זיין דאַרער באָרד.

— ביסט דיך, הייסט עס, מודה, אַז די צביה איז פאַרגאַנגען אין טראָגן פון דיר?

— ניין.

— האָסט דאָך נאָרוואָס געזאָגט, אַז מען קאָן דיך חושד זיין?

— יאָ.

— אויב דו זאָגסט אַליין, אַז מען קאָן דיך חושד זיין, דאַרף מען טייטשן, אַז דו ביסט זיך מודה.

— כ'ווייס נישט.

ר' שכנא דיין איז אַריין אין אַזאַ צאָרן, אַז ער האָט שיער נישט די רויטע נאָז זיינע מיט דער פאַטשיילע אָפּגעריסן.

— עוכר־ישראל! — האָט ער געשריען — זאָלסט ענטפערן גלייך, ווארום כ'וועל דיך אויסרייסן!

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און ביידע האָריקע הענט פון די ברייטע אַרבל אַרויסגערוקט. ער האָט געוואָלט פאַטשן. דער רב האָט אים באַצייטנס אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט.

— נישט מיט כעס, דיין. חלילה!

און ר' שכנא האָט זיך צוריקגעזעצט אַף זיין אָרט און גענומען אויספרעגן אַף אַן אַנדער שטייגער.

— זאָג נאָר, דו יאָשע — האָט ער באַמיט זיך ריידן רואיק — ווי אַלט ביסטו?

— איך ווייס נישט.

— געדענקסט נישט, מיינסטו, נו מילא, אָבער קיין אינגעלע ביסטו נישט. ביסט שוין אַ איד מיט אַ באָרד. פאַרוואָס האָסטו נישט קיין ווייב?

— איך ווייס נישט.

— אפשר ביסטו אַ בעל־מום, נישט פאַר קיין איד געדאַכט, אַ קאַליקע?

— ניין.

— ביסטו, הייסט עס, אַ מענטש מיט אַלע טבעם? מיט מענטש־

לעבּע געבּרויכן?

— יאָ.

— פאַרוואָס האָסטו דיר קיין ווייבּ נישט גענומען, ווי אַלע אידן? פאַרוואָס האָסטו נישט געזאָגט קהל, אַז מען זאָל פאַר דיר אויפזוכן אַן אָרעמע יתומה?

— כ'ווייס נישט.

— וואָס איז, בּיסט שטאַרקער פון יצר־הרע?

— ניין.

— בּיסט זיך, הייסט עס, מודה, אַז די צביה איז מעוברת פון דיר?

— ניין.

ר' שכנא האָט זיך אָנגעכאַפּט בּיי בּיידע צעפלאָסענע פיאות.

— יעך וועל דעם יונג אויסרייסן — האָט ער געמאַכט קולות — שייגאָץ!

ר' מאירל האָט אים אָפּגעהאַלטן, נאָר ר' שכנא האָט נישט געהערט.

— יאָשע! — האָט ער געשריען — ס'בּית־דין ווייסט, אַז קנהם טאָכטער האָט נישט געהאַט מיט קיינעם קיין עסקים, קיין מחזקות. זיי זיך מודה, אַז נישט וועט מען דיך רודפן.

יאָשע האָט געשוויגן.

— יאָשע! — האָט אים דער דיין געוואָרנט — אַז וועסט זיך מודה זיין, וועט דיר דאָס בּית־דין בּלויז אָרויסגעבּן אַ תשובה און מען וועט דיך, בּלי־נדר, חתונה מאַכן מיט קנהם טאָכטער. קהל וועט דיר אַפילו צונויפנעמען אַבּיסל געלט, כדי זאָלסט קענען האַנדלען און געבּן אַ ווייבּ בּרויט. וועסט תשובה טאָן, וועט מען דיר מוחל זיין, און וועסט נאָך, איבּער הונדערט און צוואָנציק יאָר, איבּערנעמען דאָס שמשות אין שטאָט, אפשר וועסטו ווערן קבּרן. אויבּ דו וועסט בּלייבּן איינגעשפאַרט, וועט מען דיך בּינדן און אין שול־הויף פאַר אַלעמען אין די אויגן, שלאָגן דיך מלקות.

יאָשע האָט געשוויגן.

ר' שכנא האָט געסטראַשעט מיט זיין האָריקן פינגער, מיטן לאַנגן דינעם פינגער זיינעם, מיט וועלכן ער פּרואווט אויס בּיי די שטאָטישע שוחטים די חלפים און דערפאַר האָט ער אַ ריזיקן נאָגל.

— מיין נישט, ארצי־מחוצף, אַז מען וועט זיך שפּילן מיט דיר! מען וועט דיך איבּערגעבּן צו די גוים, זיי וועלן דיך בּינדן אין קייטן און דיך אָוועקשיקן קיין סיבּיר. אַ פושע־ישראל איז אַ מצוה איבּערצוגעבּן צו די גוים.

יאָשע האָט געשוויגן.

ר' שכנא דיין האָט געפּרוּאווט דאָס לעצטע:

— יאָשע, מען וועט דיך אוועקשיקן פאַר אַ זעלנער!

אָבער אַף דערויף האָט יאָשע נישט געענטפערט.

האָט זיך ר' שכנא דיין אוועקגעזעצט אַ פאַרמאַטערטער אַף זיין שטול.

— אידן — האָט ער געזאָגט — ר'האָט מיך פאַרמאַטערט — לאָזט מיך קומען אַביסעלע צו זיך.

אַביש קצב האָט אַזש שווער גענומען סאָפּען. ווי אַ הונט, וואָס מען האַלט אים איין אין זיין רציחה, אַזוי האָט ער געבאַרבלט מיטן האַלדז.

— רבישי! — האָט ער געבעטן — גיט אים מיר אין די הענט אריין און יעד וועל שוין פון אים ארויסקלאַפּן ווערטער.

דער עולם האָט מיטגעהאַלטן מיט אַבישן. מען האָט געוואָלט בלוט. בלוט פון שולדיקן, וואָס האָט אַף דער שטאָט געבראַכט אַן אומגליק.

— אויסרייסן אים! — האָבן קוויטשיקע ווייבער צוגעהאָלפן פון יענער זייט טיר.

אָבער דער רב האָט נישט געלאָזט.

— קנה — האָט ער געזאָגט צום שמש — פיר צו די טאָכטער דיינע צום טיש, אפשר וועט זי זאָגן דעם בעל־דבר אין די אויגן אריין.

ער האָט אַליין נישט שטאַרק געגלויבט, ר' מאירל, אַז ער וועט פון דער האַלב־שטומער מויד עפּעס ארויסקריגן. געגוג האָט ער זיך אָנגע־מאַטערט מיט איר פריער, ווען מען האָט זי געבראַכט צו אים. אויך דער עולם אין שטוב האָט נישט ערוואַרט עפּעס צו הערן.

— ס'איז דאָ מיט וועמען צו ריידן — האָט מען שטיל צו זיך געערדט.

אָבער געשען איז גאָר עפּעס אַנדערש. דער עולם האָט קנהס טאָכ־טער נישט דערקענט. פונקט ווי זי האָט פריער אַף קיין שום זאַך נישט געוואָלט ענטפערן און געקוקט בלויז מיט שטאַרע אויגן, אַזוי האָט זי איצט אַליין געטאָן, וואָס נאָר איר פאָטער קנה האָט איר געזאָגט. איין קוק זיינער בלויז איז פאַר איר געווען גענוג.

— קום צביה — האָט ער געזאָגט צו איר רואיק, נאָר פעסט — דער רב רופט דיך.

צביה האָט אָנגענומען דעם פאָטער אירן ביי אַן עק אַרבל און צו־געאַנגען צום טיש.

— דעק דיר צו דעם קאָפּ — האָט איר דער פאָטער געלערנט — מען טאָר נישט אַזוי שטיין פאַר אַ רב.

זי האָט ארויפגערוקט די שאַל איבערן קאָפּ.

— דער רב וויל ,דיך פרעגן, צביה — האט זי דער שמש געלערנט — פאר א רב דארף מען נישט מורא האבן. דער רב, זאל לעבן, וויל דיר נישט קיין שלעכטס טאן. זאלסט אים ענטפערן, הערסט, צביה?

— גוט... ענטפערן... — האט זי נאכגעזאגט און געשאקלט מיטן קאפ.

צוערשט האט דער רב גענומען אויספרעגן זי, ווי מ׳פרעגט אוים א קינד.

— זאג נאר — האט ער גערעדט צו איר, ווייזנדיק מיט א פינגער אף יאשען — דעם איד קענסטו?

— הי, הי — האט זי געלאכט — יא...

— ווי הייסט ער?

— יאשע קאלב — האט די מויד א פריילעכע געזאגט, גלייך ווי עס וואלט מיט איר גארנישט פארגעקומען פריער.

— מען טאר נישט אזוי רופן א איד — האט דער רב איר פארריכט — יאשע הייסט ער.

— הי, הי, יאשע — האט זי נאכגעזאגט.

דעם רבס פנים האט אויפגעלויכטן.

— זי רעדט דאך גאר עפעס ווי א מענטש — האט ער א זאג געטאן צו ביידע דיינים.

ער איז אריבער צו שווערערע זאכן.

— זאג נאר — האט ער זיך געקווינקלט, נישט ווינסדיק ווי אזוי זי צו רופן. ביים נאמען האט ער קיין נקבה נישט אנגערופן — פלעגט ער מיט דיר בלייבן אמאל אליין, דער בחור יאשע?

די מויד האט גענומען כיקען, נאר דער פאטער האט אף איר א בייזן בליק געטאן.

— צביה, לאך נישט! — האט ער איר באפוילן — צביה, דער רב פרעגט דיך, צי יאשע איז אמאל געבליבן מיט דיר אליין. ער איז דאך געבליבן, ווען איך פלעג אוועקגיין אין מיטן דער נאכט צו א מת?

— יא, געבליבן — האט די מויד נאכגעזאגט.

— האט ער מיט דיר ליצנות געטריבן? — האט ר׳ מאירל געוואלט וויסן.

די מויד האט נישט פארשטאנען. זי האט זיך מיט אן עק שאל פארשטופט דאס מויל, זי זאל נישט לאכן. דער רב האט געזוכט אן אנדער ווארט, ווי אזוי ארויסצוברייינגען זיין געדאנק.

— איך מיין — האט ער געזאגט — צי האט ער קלות־ראש געטאן? האט ער דיך גענומען ביי דער האנט? האט ער מיט דיר גוטע רייד גערעדט? צוגעזאגט דיר חתונה האבן?

די מויד האט גענומען הירזשען. פונקט ווי דעמאלט, אין אנהויב ווינטער, אפן אויוון, האט זי גענומען שפארן צו אים, מיט די צעיוירענע ברוסטן, וואס זיינען איצט דאפלט גרעסער געווארן, האט זי אים צוגעשפארט און געביקעט.

— הי, הי, הי, — דו... יאשע... חתן... צביהס... הי, הי הי הי.

איבער דער שטוב איז דורך א ברומעניש, ווי אין א בינענשטאק, ווען מען גייט ארויסנעמען האניק.

— ווי, ווי — האט מען געקרעכצט — הערסט, הערסט...

ביי אלעמען איז געווען קלאר, אפילו ביי דעם רב ר' מאירל.

ער האט נאך געוואלט הערן דעם עיקר, אלץ, כאטש עס איז שוין געווען ביי אים זיכער.

— קנהס טאכטער — האט ער זי גענומען פלוצלונג רופן אפן פאטערס נאמען, ווי א בכבודע אידענע — איז צווישן אייך פארגעקומען דער שטייגער פון מאן און ווייב? זאג פארן בית־דין.

די מויד האט נישט פארשטאנען.

ר' מאירל האט גענומען א פארשטענדלעכער ווארט.

— האט ער זיך מיט דיר באהאפטן? — האט ער געפרעגט.

די מויד האט נישט פארשטאנען.

ר' מאירל האט זיך אין גרויס פארלעגנהייט עטלעכע מאל אויסגעטאן און צוריק אנגעטאן דאס אויסגעקראכענע ספאדיקל זיינס. ער האט געזוכט א ווארט, וואס די מויד זאל פארשטיין. ער איז רויט געווארן. ער האט א פייערל אין די אלטע ביינער דערפילט, און פון גרויס צומישונג איז ער מיט די סאמע פשוטסטע ווערטער, ווי אין דער תורה, ארויס.

— איז ער געלעגן מיט דיר? — האט ער א פרעג געטאן.

פון דער מוידס מויל איז די פארשטופטע שאל צוזאמען מיט א ווילד געלעכטער ארויס.

— הי, הי, הי — האט זי געהירזשעט אפן גאנצן קול.

נאר קנה שמש האט א קלאפ געטאן אין טיש.

— צביה! — האט ער גערופן מיט א קול, וואס זאגט קיין גוטס נישט אן.

און די מויד איז געבליבן שטיל, ווי מען וואלט איר געלעכטער מיט א האק איבערגעהאקט.

— הי, געשלאפן — האט זי גערעדט — יאשע קאלב יעד געשלאפן... הי, הי, אפן פיעקעליק...

א געדיכט ברומעריי האט פארטויבט די שטוב. וויפל ר' שכנא דיין האט נישט געקלאפט אין טיש, האט עס נישט געהאלפן. אביש קצב האט

זיך ווידער געלאָזט הערן מיט זיין רוף:

— אַ קאַלב איז דאָס? אַ ביק, ווי יעד בין אַ איד געבוירן...

ווידער האָט דער עולם געוואָלט שלאָגן און ווידער האָט ר׳ מאירל דער רב נישט געלאָזט.

— אידן — האָט ער גערופן — גייט אייך געזונטערהייט אַהיים! ס׳בית־דין וועט, מיטן אויבערשטנס הילף, שוין אַלץ טאָן און געבן דער שטאָט צו וויסן.

אידן האָט זיך נישט געגלוסט אַוועקצוגיין. איבערהויפּט האָט זיך איינגעשפּאַרט אַביש.

— רבי! — האָט ער געצאַפּלט — יעד וועל זיך פאַררוקן אין אַ ווינקעלע, הינטערן אויוון זיצן, מען וועט מיך אַפילו נישט זען...

נאָר דער רב האָט אים נישט געלאָזט בלייבן. אַפילו קנה שמש האָט ער געהייסן אַהיימגיין, צוזאַמען מיט דער טאָכטער זיינער. און אַלע זיינען ארויס אומצופרידענע פון רבס שטוב.

ווי נאָר דער עולם איז אַוועק, איז ר׳ מאירל ארויף אפן לייטער צו די ספרים מיט אַזאַ גיכקייט, נישט ווי ער וואָלט געווען אַ זקן, נאָר אַ יונג אינגל. איינס און צוויי האָט ער ארויסגעצויגן אַ פּאַק ריזיקע פאַר־שטויבטע ספרים, לעדער־געבונדענע און צעריסענע, און צוזאַמען מיט ביידע דיינים אַ גאַנצע נאַכט געפּשטלט זיך און געהאָרעוועט.

נישט לייכט איז אָנגעקומען ר׳ מאירלען מיט זיינע העלפער ביי די גרויסע ספרים.

אַז יאָשע קאַלב איז דער שולדיקער, איז אַפילו געווען קלאָר פאַר ר׳ מאירלען, און פאַר ביידע דיינים אודאי. אָבער קיין עדות, וואָס זאָלן האָבן געזען, איז פאָרט נישט געווען, און לויטן דין, דאַרף מען האָבן עדות, וואָס זאָלן זיין דערביי. פון דער אַנדערער זייט אָבער האָט די יתומה געזאָגט אַלץ קלאָר פאַרן בית־דין. אמת, מען קאָן זיך אַף דער מויד נישט אינגאַנצן פאַרלאָזן, ווארום זי איז דאָך אַ נוגע און אַ נוגע טאָר מען נישט גלויבן. אָבער די מויד איז אַ תם. מען דאַרף אָננעמען, אַז זי זאָגט דעם ריינעם אמת. וואָלט ער כאָטש אָפּגעלייקנט! אָבער ער אַליין לייקנט גאָרנישט. ער רעדט האַלבע ווערטער, ענטפערט נישט מעשה־מענטש.

וואָלט מען געהאט צו טאָן מיט אַ שאלה וועגן אַ ווייב פון אַ מאַן, אַן אשת־איש, וואָלט געווען דער מינדסטער קלער וועגן אַזעלכער, וואָס זי קאָן האָבן ערגעץ אַ מאַן, וואָלט געווען אַ שווערע שאלה. אָבער דאָ האָט מען צו טאָן מיט אַ מויד. אמת, אַז וועגן יאָשען איז מען נישט אינגאַנצן זיכער. מען ווייסט נישט ווער ער איז און וואָס ער איז. אָבער מען האַלט אים אין שטאָט פאַר אַ בחור. דאַרף מען אָננעמען, אַז ער איז

א בחור. און אפילו ווען מען זאל זאגן, אז יאשע איז נישט קיין בחור, איז אויך נישט קיין גרויס אומגליק, ווארום לויט דער תורה מעג א איד נעמען עטלעכע ווייבער. נישט נעמען צוויי ווייבער איז בלויז א מנהג, א חרם פון רבינו גרשום. אין ארץ־ישראל נעמען אפילו אידן צדיקים צו צוויי ווייבער. דערצו גייט עס נאך אין א אידישער טאכטער, א יתומה, וואס מען דארף זי ראטעווען פון שאנד.

דאס אלין האט ער זייער קלאר און לאנג אויסגעטייטשט ביידע דיינים. דערצו האט ער זיך דערמאנט, ר' מאירל, אז אין א צייט פון אן אונטערגאנג איז א סגולה חתונה צו מאכן אפן גוטן־ארט אן ארעמע חתן־כלה, טאקע די סאמע ארעמסטע, פארשטויסנסטע. מען זוכט אויס דערצו וואו, נעבעך, א נאר, א צודרייטען, א קאליקע, וואו נאר א פארזעסענע מויד, א זינדיקע אפילו, וואס האט שוין נישט קיין אויסזיכט צו גיין צו דער חופה. אין דעם זכות, ווייסט ר' מאירל, ווערט דער צארן אין הימל אפגעטאן. אין וויפל שטעט איז שוין אזוי געווען! ר' מאירל, דער בעל־בטחון, האט גלייך דערזען אין דעם א צייכן פון אויבן, א הימל־זאך, אן השגחה־פרטיות, און ער האט פארמאכט, אן אויסגעלייטערטער, די גרויסע שווערע ספרים און געזאגט צו די דיינים:

— מילא, וואס קאן דא זיין, מען וועט זיי חתונה מאכן ביידע, און טאקע באלד, און טאקע אפן בית־עולם. אין דעם זכות וועט זיך איינשטילן דער צארן. מען זעט דאך, אז ס'איז א הימל־זאך.

ר' שבנא דיין האט געשנייצט די פארקאטערטע נאז אין דער רויטער פאטשיילע און איינגעזאנגען.

— זיי האבן דאס פייער צעבלאזן — האט ער געזאגט — זאלן זיי עס פארלעשן.

ר' טעוול וואלדהענדלער האט געצויגן די מידע הענט נאך א נאכט נישט שלאפן און געשמייכלט זיך אין זיין סוחריש בערדל אריין.

— ס'איז טאקע א גלייך פאר אויך — האט ער געזאגט — זי א בהמה, ער א קאלב. וואס קען נאך זיין גלייכער?...

דורך די נידעריקע פענסטער פון דער בית־דין־שטוב האט א גרינלעכער מארגן־שיין גענומען אריינקוקן און די מידע פנימער מיט א טויטער בלאסקייט ארומגענומען. דער רב האט געקוקט דורך די פארלאפענע שייבלעך און געקנייטשט דעם געפאלדעוועטן שטערן זיינעם. ער האט געוואלט אונטערשיידן אין דעם מארגנשיין פון בלוי ביז גרין, ווי דער דין איז, כדי צו וויסן, צי מען קען שוין לייענען קריאת־שמע פון דער פרי. אבער ער איז אף קאלירן קיין גרויסער מבין נישט געווען.

— ווי מינט איר, אידן — האט ער זיך מיישב געווען מיט ביידע דיינים — מען מעג שוין לייענען קריאת־שמע, הע?

און אין פעדערהויז אין געלעגן יאַשע קאַלב אַף דער ערד נעבן פּאַס וואַסער און געשלאָפן. פון מידקייט איז ער דאָ געבליבן ליגן און אַזוי האַרט אַנטשלאָפן געוואָרן, אַז ער האָט זיך אַפילו נישט אויפגעכאַפּט צו דער שעה, ווען ער איז געוואוינט יעדן טאָג צו קלאַפּן אין די לאָדן אין שול אַריין.

די ערשטע מאָרגן־שטראַלן האָבן באַלויכטן זיין בלאַס אומשולדיק פּנים מיט אַ פאַנטאַסטיש בלויער שיין.

צוואַנציקסט קאַפּיטל

מיט גרויס בּרען, מיט אַ סך בּטחון און מיט פאַרשווענדערישער רייכקייט, האָט בּיאַלאַגורע געפּראַוועט אַפן שטאָטישן גוטן־אָרט די חתונה פון צביה, קנה דעם שמשס טאָכטער מיט יאָשע קאַלבּ, דעם אונטער־שמש פון גרויסן בּית־המדרש.

ווי נאָר דער רב האָט צוזאַמענגענומען אויסגערופן אין שול פון בּעלע־מער אַראָפּ דעם פּסק פון בּית־דין און געהייסן גרייטן אַ חתונה אַפן בּית־עולם, כּדי אָפּצוטאָן די מגפה פון שטאָט, האָט די אידן און ווייבּער אַ גרויסער בּטחון אַרומגענומען. מען האָט גלייך אין צביה'ן דער מויד און אין יאָשען דעם קאַלבּ דערזען די הילף פון דער געפּלאָגטער שטאָט.

וואָס עס האָבּן נישט אויפגעטאָן די דאָקטוירים און דאָס איינרייסן, ר' בּרודעל דער ווייבּערישער רבּי און דאָס מעסטן דעם בּית־עולם, דאָס, האָט בּיאַלאַגורע געגלויבּט, וועט אויפטאָן די חתונה פון צביהן מיט יאָשע קאַלבּ אַפן גוטן אָרט.

— אַ חכם דער רבּ! — האָט מען געלויבּט ר' מאירלען אומעטום, אַפן מאַרק און אין שול, אין בּאָד און אַף די פּריזבּעס — אַ צדיק אַ איד. נאָר פון הימל האָט מען אים אַזאַ געדאַנק אַריינגעגעבּן.

פּונקט ווי מען האָט פריער געפילט אַ שנאה צו די צוויי זינדיקע, צו דער האַלבּ־שטומער מויד און צום טאַמעוואַטן יאָשע קאַלבּ, אַזוי האָט מען איצט פּלוצלונג דערפילט צו זיי אַ רחמנות, אַ וואַרעמקייט, אַ ליבּ־שאַפט אַפילו.

— יתומים, נעבּעך, עלנדע! — האָבּן ווייבּער געזיפצט.

מען האָט געזען אין זיי די הילף, די אויסלייזער, די איינציקע רעטער. מען האָט זיך דעריבּער געפּאָרעט, געשמאַיעט, געלאָפן, געטאָן, אַבּי צו מאַכן זייער חתונה אַפן בּית־עולם וואָס שענער, בּרייטער, פרייַ־לעכער. מען האָט זיך שוין נישט געקענט דערוואַרטן אַפן טאָג פון דער חופּה. מען האָט גענומען ציטערן וועגן חתן־כּלה, עס זאָל, גאָט בּאַהיט, קיין שלעכטס זיי נישט געשען. מען האָט זיך נישט פאַרגונען קוקן אַף

זיי, ווי אף אן אוצר, אן אבן־טוב.

איבערהויפט האט מען געציטערט פאר אים, פאר יאשע קאלב, ער זאל נישט מיטאמאל אנטלויפן און מאכן קהל צו נאר. ער האט צופיל געשוויגן, יאשע, קיין איין פיצל שמחה נישט ארויסגעוויזן. אין בית־המדרש האט מען אים איצט שטארק מכבד געווען. מען האט אים מער נישט געטשעפעט. אפילו אויסקערן האט מען אים נישט געלאזט. טאמער האט זיך א בחורל פארגלוסט פרעגן יאשע׳ן:

— יאשע, סאיז גוט געווען אפן פיעקעלעק?...

האט ער געכאפט א חלק פון אלע אידן.

— שייגאץ, לאז אים האבן מנוחה! ער האלט פאר א חתונה.

אויך האבן אידן באלעבאטים גענומען אים בעטן צו זיך אהיים אף אנבייסנס, וועטשערעס. נאר ער האט קיין שום פרייד נישט ארויסגעוויזן, ווי די אידן האבן עס געוואלט. ער האט נישט געוואלט צו קיינעם גיין, מיט קיינעם קיין ווארט נישט אויסגערעדט, און נאר גאנצע טעג געזעסן אף דער שוועל און געזאגט תהילים. גענעכטיקט האט ער אין בית־המדרש אף א באנק.

— יאשע — האבן צו אים אידן געזאגט — גענוג תשובה געטאן. זיי פרייליך, האלטסט פאר א חתונה.

נאר יאשע האט נישט געוואלט זיין פריילעך. פארקערט, ער איז געווארן נאך אומעטיקער, מער מרה־שחורהניק, ווי תמיד. ער האט נישט געוואלט פארזוכן פון געקעכטס, וואס ווייבער האבן אים געבראכט אין בית־המדרש אריין. בלויז נאר א שטיקל דאר ברויט האט ער געגעסן, פארטרונקען מיט וואסער און לאנג דערנאך געבענטשט. ער האט אף קיינעם נישט געקוקט, בלויז פון מאל צו מאל איז ער צוגעגאנגען צום פענסטער און א שארפן בליק געטאן אין דרויסן, א בליק צו די אפענע פעלדער, וואס ציען זיך אוועק פון דער שטאט. און אידן האבן אים גענומען היטן, קיין רגע פון אויג נישט אפגעלאזט. אפילו צו א מענטשליך געברויך האט מען אים באגלייט.

— א סכנה פאר א חתן אליין צו גיין — האט מען אים געזאגט.

די ווייבער אין שטאט האבן נישט גערוט, איבערהויפט די נגידיתטעם און די גבאיטעם.

פון דער לייוונט, וואס זיי האבן פריער אויסגעמאסטן דעם בית־עולם, האבן זיי איצט פאר חתן־כלה א סך העמדער, ליילעכער, ציכן און ציכלעך געמאכט. אלע באלעבאטישע מיידלעך און ווייבלעך זיינען זיך צונויפגעקומען, גענייט, געשניטן, גע׳בריה׳ט זיך, כלה־מיידלעך האבן אפילו אין צביהם העמדער רויטע שפיצעלעך אויסגענייט ביים האלז.

— א מזל פון א מויד — האבן ארעמע ווייבער, מאמעס פון פאר־

זעסענע טעכטער, מקנא געווען.

אביש קצב, וואס האט די גאנצע צייט נאר געוואלט יאשען די פעל אפשינדן, האט זיך איצט שטארק גע׳קהל׳ט. ער איז ארומגעגאנגען מיט א גרויסן זאק איבערן מארק און צונויפגענומען אלין, וואס עס האט זיך נאר געלאזט. ביי נגידים האט ער גענומען מלבושים פארן חתן, א קאפאטע, א טלית־קטן, א היטל, א יארמלקע, פאנטאפל. אפילו א גארטל האט ער נישט פארגעסן צו נעמען.

— עפעס גוטס גיטס — האט ער געמאנט — נישט קיין צעריסנס, עס פאסט נישט פאר א חתן.

די חברה־קדישא איז ארוים מיט א קויש איבערן מארק און צונויפגענומען שפייז אין די קראמען, מעל און אייער, ראזשענקעס און שמאלץ. ווייבער האבן נישט געקארגט און געגעבן מיטן גאנצן הארץ.

— הלואי, דער אויבערשטער זאל שוין רחמנות האבן! — האבן זיי געגלאצט מיט די אויגן און צוגעלייגט נאך א צוגאב צו דעם, וואס זיי האבן שוין פריער געגעבן — סזאל נאר זיין צו מצוה.

מוטערס פון געשטארבענע קינדער האבן שוין באצייטנס אוועקגעגעבן זייערע קינדערס העמדעלעך און קליידעלעך פאר דער מעוברתער כלה צו דער קימפעט.

— ס׳וועט אינגיכן צונויץ קומען, משטיינס געזאגט! — האבן די ווייבער געשנורעוועט פיסקלעך און געזיפצט — מען זאל שוין טאקע נאר דערמיט אפקומען...

דאס איז געווען א סגולה אפצוהיטן די איבעריקע קינדער, און מען האט אזוי פיל העמדעלעך, קליידעלעך און אפילו ווינדעלעך און וויקעלעך אנגעגעבן, אז די גבאיטעס האבן שוין נישט געוואלט נעמען מער.

צו שפרינצע דער לעקעך־בעקערן זיינען זיך אנגעקומען די סאמע בכבודסטע באלעבאסטעס פון שטאט און אליין געבאקן לעקעך און קוילעטשן צו דער חתונה. זיי האבן זיך שטארק געפארעט, די נגידיתטעס, אלץ אליין געטאן, אפילו וואסער געשלעפט, כדי וואס מער מצוה צו טאן, כדי וואס זיכערער זיך צו פילן אין די דאזיקע געפערלעכע טעג.

— נאך אן איי ארייננטאן אין קוילעטש — האבן זיי איינע דער אנדערער אונטערגעגעבן חשק — אין דעם זכות זאל מען שוין טאקע געהאלפן ווערן.

אין טאג פון דער חתונה, אין דינסטיק, א מזלדיקן טאג, האבן קרעמערס פארשלאסן זייערע געוועלבער. עס איז געווען א סך ארבעט צו טאן. די גאנצע שטאט האט געדארפט זיין אף דער חתונה. קיינער האט נישט געדארפט פעלן, אלט און יונג, ארעם און רייך, אפילו קינדער. מען האט געדארפט פאר אלע אנגרייטן, און מען האט געבאקן, געקאכט,

געבראטן, געפרעגלט. אביש קצב האט ביי די קצבים צונויפגענומען גאנצע זייטלעך פלייש, הינער, גענז, קהל האט ארויסגעשיקט די פישערס, צו כאפן פיש אין טייך. שמשון רופא, וואס איז אויך געווען א קלעזמער און געשפילט אף נגידישע חתונות, איז געזעסן ביי זיך מיט דער קאפעליע און געגרייט חופה־מארשן און כלה־באזינגענישן. מלמדים האבן פרייגע־לאזן די אינגלעך פון די חדרים.

— מזל טוב! — האט מען זיך געוואונטשן אף טריט און שריט — א דערבארמונג זאל שוין קומען אף דער שטאט, אין זכות פון דער ארע־מער חתן־כלה.

כלה־מיידלעך האבן געבראכט פון טייך קרוגן וואסער, וואס מאכט ווייך די האר, און זיך שטארק געצוואגן די קעפ אף דער חתונה. נגידישע טעכטער האבן אויסגעבארגט זייערע שבתדיקע וואלענע קליידער צו ארעמע שניידערקעס און דינסט־מיידלעך, כדי זיי זאלן זיך נישט דארפן שעמען מיט זייערע אפגעטראגענע קליידער. אליין האבן די באלעבאטישע טעכטער אויסגעצירט זיך אין זיידנס. נגידותטעס האבן געקוקט מיט אומרואיקע אויגן אף די אויסגעבארגטע קליידלעך, וואס די פראסטע מיידן ציען ארויף אף זיך, געפוצט זיי מיט ציטערדיקע הענט און געמאכט פרומע פנימער.

— מיידל, זאלסט עס שוינען, דאס קליידל — האבן זיי אנגע־זאגט די פארוויטלטע דינסטן צום וויפלטן מאל, פוצנדיק יעדער פאל־באנע מיט גרוים צערטלעכקייט — אין דעם זכות, גאט אין הימל, זאל מען שוין מער פון קיין צער נישט וויסן!

אין מיטן טאג האט קינד און קייט, מאן און ווייב, יונג און אלט, גענומען גיין צום גוטן־ארט, צו דער כלהס שטוב.

חסידישע אידן האבן געטראגן אטלעסענע קאפאטעס, סאמעטענע היטלען. באלמעלאכעס זיינען געגאנגען אין שבתדיקע טוכענע קאפאטעס מיט א שפאלט פון הינטן און אין טוכענע היטלען. נגידיתטעס האבן זיך אויסגעפוצט אין זייד און אין אטלעס, אין אלטע שפיצן נאך פון דעם אייגענעם חופה־קלייד. יונגע ווייבלעך האבן זיך אין היטן אנגעטאן, אלטמאדישע היטן מיט פויגלען און מיט צעשפרייטע פארביקע פליגל, וואס זיינען געזעסן אפן סאמע שפיץ פון די הויך־פארקעמטע און אנקארבירטע שייטלעך, נאר אוועקצופליען. וויפל נאר גאלדענע קייטן, בראשקעס, אוירינגלעך, ציטער־שפילקעס און פינגערלעך אימיצער האט פארמאגט, האט מען אנגעהאנגען אף זיך. יענטעלע די פראצענטניצע האט אפילו עטלעכע געפאלענע באלעבאסטעס ארויסגעגעבן אף דער חתונה זייער פארזעצט צירונג. זי האט מורא געהאט פאר אזא פארכטיקן טאג.

באלעבאטישע טעכטער האבן אנגעטאן ווייסע זאקן, לאקירענע לעטש־

לעך און קאליִרטע שירמלעך אין די הענט מיט גרויס פארזיכט געטראגן, ווי זיי וואלטן זיין געמאכט פון גלאז. ארעמע מיידלעך זיינען געגאנגען שטייף אין די געבארגטע קליידער, פרעמד, געטרויטלט זיך איינע פאר דער אנדערער, מען זאל נישט דערקענען, אז זייערע קליידער זיינען געבארגט. די האר זיינען ביי אלע געווען פארפלאכטן אין נאסע אויסגעצוואגענע שטייף־פארפלאכטענע צעפ, מיט פארביקע קאקארדעס פארבונדן אין עק.

ארום טהרה־שטיבל, וואו קנה שמש האט געוואוינט, האט מען די ערד מיט געלן זאמד אויסגעשאטן. חדר ־ אינגלעך האבן אויסגעשניטן פון פארביק פאפיר לאמטערנדלעך און זיי מיט ברענענדיקע ליכטלעך באזעצט. פון צווייג צו צווייג האבן זיי פאפירענע שלאנגען און פיפערנאטערס אויסגעהאנגען.

מיידלעך האבן קנה׳ס שטיבל מיט פאפירענע רויטע בלומען אויסגעצירט, א בענקל מיט א פליושן טישטעך איבערגעדעקט, ווי א טראן, און צביה, די כלה, אויבן־אן אוועקגעזעצט. זי האט געקוואלן, צביה, געפרייט זיך מיטן נייעם ווייסן קלייד וואס מען האט איר אנגעטאן. מיידלעך האבן איר דעם קאפ געדיכטע בלאנדע האר צעקעמט, צעפ געפלאכטן, און זי האט געהירזשעט פון נחת.

— הי, הי — שיין קלייד צביה — האט זי געזאגט און געגלעט די שיינע זאכן, וואס מען האט איר אנגעטאן.

שמשון רופא האט געארבעט מעשים. אין א דייטשישן סורדוט מיט בענדלעך ארום די ארבל און די לאצן, מיט א פיר־עקיק זיידענער יארמלקע אפן שפיץ קאפ, מיט א פריש צוגעשוירן בערדל, אין וועלכן דער שרונד אין דער מיט האט געגלאנצט מיט זיין ווייסקייט, האט ער געארבעט מעשים, ווי אף די רייכסטע חתונות. ער האט געשפילט אף א פלייט, דיריגירט מיט דער קאפעליע און געשיט מיט בדחנישע גראמען.

נעמט, קלעזמארים, אין די הענטעלעך
אייערע פיינע אינסטרומענטעלעך,
שפילט־אויף אף דער דינסטער סטרונע,
אזוי ווי ספאסט פאר דער טאכטער פון ר׳ קנה...

ווייבער האבן זיך געשטויסן, געשטופט. דאס שטיבל איז געווען קליין און יעדער האט געוואלט אריין אינעווייניק און אנווינטשן דער כלה.

— מזל־טוב — האט צביה געוואונטשן, געקושט זיך — מזל־טוב...

מיידלעך האבן זיך זייער גרויסארטיק, מיט א פארהויבן קליין פינגערל אין דער הויך, אנגענומען פאר די טאליעס און געגאנגען טאנצן.

— ר׳ שמשון, א שער שפילט אויף, יעך גיב א צענערל שפיל־געלט!

— ר׳ שמשון, א פאלקע־מאזורקע — האבן נגידישע כלה־מיידלעך

מאַנקורירט — יעך גיב אַ צוואַנציקער שפּיל־געלט.

שמשון רופא האָט געבלאָזן, מיידלעך, ברוגזליבע, ווי עס פּאַסט צו זיין אַף אַ חתונה, שטייפע, קוק מיך אָן און ריר מיך נישט אָן, מיט פאַרצויגענע פּיסקלעך, מעשה־פּריצהטעס, האָבן זיך געדרייט אין ראָד. צביה די כלה האָט געטאַנצט מיט אַלע. ווייבער האָבן זי געוואָלט אָפּהאַלטן.

— כלה, רו זיך אָפּ אַביסעלע, אַ כלה איז שוואַך.

נאָר צביה האָט נישט געהערט.

— ר׳ שמשון, נאָך נאָך! — האָט זי געדופן און געהירזשעט — ס׳איז גוטטט...

די מאַנסבילן זיינען געזעסן אין דרויסן. קיין שטוב איז נישט געווען, האָט מען אויסגעשטעלט פּעסער אַפן בית־עולם, די פּעסער האָט מען באַדעקט מיט ברעטער, טישטעכער אַף זיי אויסגעשפּרייט און לעקעך מיט בראַנפן אָנגעשטעלט.

— מזל־טוב, חתן! — האָבן אידן גערופן און געשטעקט הענט — מען זאָל שוין טאַקע געהאָלפן ווערן, נישט וויסן מער פון צער!

פּונקט ווי זי, צביה די כלה, איז געווען פריילעך, אַזוי איז ער, יאָשע געזעסן אויבן־אָן אַ טרויעריקער, אַ שטיק מרה־שחורה. ער האָט קיין איין איינציק וואָרט נישט אַרויסגערעדט, קיינעם אַפילו אַף לחיים נישט געענטפערט. זיינע אויגן זיינען געווען שטאַר, זיין מויל שטום. ער האָט געלאָזט טאָן מיט זיך, וואָס נאָר די מענטשן האָבן געוואָלט. ער האָט געשוויגן, ווען מען האָט אים געפירט אין מקוה און אים פון קאָפּ ביז די פיס אין נייעם אָנגעטאָן. ער האָט געשוויגן, ווען מען האָט אים גענומען אונטער דער האַנט און אים אַוועקגעפירט צום גוטן אָרט. און ער האָט אויך געשוויגן, ווען מען האָט אים אַוועקגעזעצט אויבן־אָן ביים געדעקטן טיש, אַרומגערינגלט מיט אַ סך מענטשן.

אידן האָבן אים געמונטערט, פריילעך געמאַכט. זיי האָבן אין זיין שוויגן אַ שלעכטן סימן געזען. זיי האָבן געוואָלט, ער זאָל זיין פריילעך, און אים צוגעפּאַטשט מיט די הענט, געפּליעסקעט:

— נו, אַ חתן איז געגליכן צו אַ מלך, לאָז נישט אַראָפּ די נאָז.

שמשון רופא איז פון די כלים אַרויס. ער האָט געקאָנט פריילעך מאַכן דעם גרעסטן מרה־שחורהניק מיט זיינע גראַמען און ווערטלעך. ער האָט גערעדט, געשפּילט אַ פריילעכס, ער האָט אַפילו גענומען מאַכן קונצן, איבערגעקערט די קאַפּאָטע אַף דער לינקער זייט, נאָר יאָשע האָט אַפילו קיין איין ריר מיט זיין פּנים נישט געגעבן. אידן הוליאַקעס, וואָס זיינען גרויסע בריות אַף פריילעך מאַכן אַף חתונות, האָבן גענומען טאַנצן אַ קאַזאַקל, פאַרבויגן די פּאַלעס, גענומען די שפּיץ בערדלעך אין די מיילער

און געמאכט אזעלכע קונצן, אז אידן האבן געקייכט פון געלעכטער. אפילו ר׳ מאירל דער רב האט געלאכט. אף יאשעס בלאס פנים האט זיך קיין איין שטראל פון פרייד נישט געוויזן. ער איז געווען פונקט אזוי פאר־שטיינערט, ווי דעמאלט, ווען מען האט אים געבראכט צום רב.

מען האט שטארק געיאגט אף דער חתונה, מען איז געגאנגען צו דער חופה נאך א שטיק פאר נאכט, כדי נישט צו בלייבן אין אוונט אפן בית־עולם.

ביים אוהל פון ר׳ ברוך׳ל דעם ווייבערישן רבים זיידן, ביים זעלבן אוהל, וואו צביה האט מיט פרעמדע יונגען אין די נעכט זיך ארומגע־שלעפט, האט מען איצט א חופה אוועקגעשטעלט. מיט פריילעכע מארשן, וואס שמשון רופא האט פון די קאזאקישע מוזיקאנטן געכאפט, מיט אנגעצונדענע ליכטלעך און מיט פלאקערנדע הבדלות, האט מען חתן־כלה אונטער די הענט צו דער חופה געפירט.

אפן וועג איז אפילו עפעס געשען.

א יונג ווייבל, א מוטער פון א געשטארבן קינד, האט אפן וועג צו דער חופה דאס קברל פון איר קינד דערזען און אוועקגעפאלן אפן בערגל ערד.

— חיימל! — האט זי געשריען — וואו האב איך דיך איבערגעלאזט.

אנדערע ווייבער האבן גענומען מיטהאלטן, אבער ר׳ מאירל דער רב האט גלייך דעם טרויער צעשטערט.

— נשים, נישט וויינען! — האט ער באפוילן — אף א חתונה דארף מען זיך פרייען.

שמשון רופא האט אזוי גענומען טראסקען מארשן, אז מען האט מער קיין געוויין נישט געהערט.

— לעבעדיק, אידן, לוסטיק! — האט מען זיך אונטערגעגעבן חשק.

עטלעכע ווייבער האבן גענומען א קוילעטש אין די הענט, א גרויסן חופה־קוילעטש, וואס איז מיט לייש־גאלד און מיט פייגל און לייטערס פארפוצט, און אוועק א טענצל מיט גרויס ברען, א טענצט פון הינטער־וויילעכטס, א צולאזנס, זיי האבן געהויבן די חלה אין דער הויך, נישט געלאזט די מאנסבילן ארויסכאפן זי פון זייערע הענט און געוואלדעוועט.

— האפ, הא, האפ, חתן־כלה, היפ, היפ!

קליינע מיידלעך האבן זיך אנגענומען אין א רעדל און געטאנצט, צוזינגענדיק מיט קוויטשיקע שטימעלעך א חתונה־לידל:

שפיץ בוידעם אף דר׳ערד,
אלע שטיבעלעך צוגעקערט,
אלע בעטעלעך אויפגעבעט,
אלע מיידעלעך צוגעגלעט...

צביה די כלה האָט זיך אַזש געהויבן פון אָרט. קוים מען האָט זי אָפּגעהאַלטן פון שפּרינגען. יאַשע דער חתן איז געשטאַנען אונטער דער חופּה שטום און פאַרגליווערט. ער האָט אַפילו דער כלה דאָס רינגל נישט אָנגעטאָן אַף דעם אויסגעשטרעקטן פינגער.

— נו, חתן, זיי מקדש די כלה — האָט אים דער רב געמונטערט.

ער האָט זיך נישט גערירט. האָבן אידן גענומען זיין האַנט און צו דער כלהס פינגער צוגעטראָגן.

קיינער האָט אַפילו נישט געהערט, ער זאָל זאָגן דעם הרי־את.

בלויז קנה שמש האָט געזאָגט, אַז ר'האָט געהערט.

ר' מאירל דער רב האָט געקנייטשט דעם שטערן און ענדליך איינגעגאַנגען.

— מילא — האָט ער געזאָגט — מזל־טוב!

פּונקט אַזוי שטאַר און אומבאַוועגליך איז ער געזעסן נאָך דער חופּה ביי דער סעודה מיט דער כלה, צביה האָט געזשליאָקעט מיט גרויס געפּילדער די גילדענע יויך, געריבן אַף ביידע באַקן און געטאָרעט יאַשען מיטן עלנבויגן.

— הי, הי, גוטטט עסן... הי, הי, פאַרוואָס דו נישט עסט, יאַשע? הי, הי, הי...

ער האָט אויך קיין איין וואָרט נישט געענטפערט אַף די לחיימס פון די אידן, וואָס האָבן אים אַריינגעפירט צו זייער טיש. אַפילו ר' מאירל דעם רב האָט ער נישט אויסגעשטעקט די האַנט.

— אַ קאַלב בלייבט אַ קאַלב... — האָבן אידן געזאָגט מיט פאַרדראָס.

דרשה־געשאַנק איז געפאַלן אַ סך. נגידים האָבן געשאָנקען דרייער־קערבלעך, באַלעבאַטישע אידן — קערבלעך, געדריקטע אידן — האַלבע רובלס, און אידן באַלמעלאָכעס האָבן געגעבן צו גילדן. שמשון גופא האָט פון יעדער מטביע געמאַכט דריי מאָל אַזויפיל.

— דער גביר ר' משה מעכעלעס שיינקט אַ דרייער קערבל מיט אַ געלן הינטערשלאַק...

אַ געלן הינטערשלאַק האָט געהאַט אַ פּאַפּירענער רובל.

מען האָט געאיילט, געיאָגט, קיינער האָט נישט געוואָלט בלייבן ביינאַכט אַפן בית־עולם.

אַהיימגעגאַנגען איז מען גיך. מען האָט זיך געפילט זיכערער, ווען מען איז שוין געווען ווייט פונם שטיינערנעם פּאַרקאַן. ערשט אין מאַרק האָבן אָנגעהויבן קומען זינדיקע געדאַנקען אין קאָפּ וועגן חתן־כלה. דאָס ערשטע מאָל איז דאָס געווען, ווען מען האָט געפירט אַ טראַגעדיקע כלה צו דער חופּה. דאָס האָט געבראַכט צו שלעכטע געדאַנקען, צו געדאַנקען

וואס איז גלייכער, אז מען האט זיי נישט דארט, אפן גוטן ארט.

ווען דער עולם איז אוועק, האט קנה שמש צונויפגענומען דאס עסנ־ווארג פון טיש און געלאסן אוועקגעטראגן צו זיך אין שטוב. פונקט אזוי געלאסן האט ער אויסגעציילט דאס דרשה־געשאנק, וואס איז געפאלן, און ער האט אריינגעלייגט דאס געלט צו זיך אין דער בוזים־קעשענע.

ער איז ארויפגעקראכן אפן פיעקעליק, וואו די גאנצע צייט איז דארט געשלאפן יאשע, און ער האט פארלאשן די לאמפ.

— קינדער — האט ער געזאגט — עטץ וועט שלאפן אין די בעטן.

צביה איז כמעט אין די קליידער אריינגעפאלן אין בעט. זי איז געווען מיד פון טאנצן, פון טומל, פון פרייד. עס איז געווען פאר איר צו שווער דער גאנצער טאג, צו שווער פאר אירע העכערע חדשים, אין וועלכע זי איז געווען. זי האט גלייך גענומען שנארכען, ווי איר טאטע אפן פיעקעליק.

יאשע האט זיך צום בעט נישט צוגערירט.

א צייט איז ער געשטאנען שטום אין דער שטוב. ער האט געהערט דאס רוישן פון די ביימער אין דרויסן, דאס גראבע און דינע שנארכען פון שטוב, דאס גרילן פון דער גריל אונטער דעם באק־אויוון, און ער האט אפילו קיין אטעם הויך נישט געגעבן, קיין ריר מיט קיין אבר נישט. אז דער זייגער האט זיך גענומען ווארגן אין דער נאכט און מיט זיינע שווערע געוויכטער א סך קלונגען אויסגעקרעכצט, האט ער שטיל אויסגעזוכט אין ווינקל־אויוון זיין פארלאטעטן זאק, אין וועלכן עס איז געלעגן א שטיין צו האלטן געוויכט און א פאר תפילין. ער האט דערטאפט דעם שטעקן. דערנאך האט ער שטיל געעפנט די טיר און אוועק אין דער פינסטערער נאכט

מיטן טאג צוגלייך, אז צביה האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און דערזען די שטוב ליידיק, האט זי גענומען הויך שרייען. זי האט גלייך דערפילט, אז ער איז אוועק, און זי האט גענומען הויך וויינען, ברומען, ווי א בהמה אין איר צער.

קנה שמש איז אראפ פון פיעקעליק, גענומען דעם לאמטערן אין האנט כאטש עס האט שוין געבלויט, דעם שטעקן אין דער צווייטער האנט און דאס גאנצע גוטע־ארט דורכגעזוכט. אבער ער האט יאשען נישט געפונען. ער איז ארויס צו דער שטאט, צום בית־המדרש, אלע געסלעך דורכגעגאנגען. ער איז נישט געווען. ער האט אויפגעוועקט אביש קצב. אביש האט די קצבים פון די בעטן ארויסגעשלעפט. מען האט זיך געלאזט אף וועגן, שטעגן, מען האט אים נישט געפונען.

— נישטא יאשע — האט קנה געזאגט צו זיין טאכטער — אז

ענונה דיך געלאָזט.

צביה האָט אָנגעטאָן א שייטל אף איר אפּגעשוירענעם הארטן קאָפּ, אַ ברייט פאַרטוך ארום איר בויך, ווי אַלע ווייבלעך. אין שטאָט האָט מען זי פון איצט אָן נישט גערופן מער נאָכן פאָטער, נאָר נאָכן מאַן.

— צביה יאָשע קאַלבס — האָט מען זי גערופן.

דריטע טייל

איינאונצוואַנציקסט קאַפּיטל

אין ניעשאַווער גרויסן הילצערנעם בית־המדרש, וואָס איז געבויט געוואָרן באַלד נאָך דער שׂרפה אויף דערוויי; און איז שוין אַזוי פאַרבליבן גאַנצע פופצן יאָר, איז לעבעדיק.

עס איז צוועלף טאָג אין חודש תמוז, ווען עס פאַלט אויס דער יאָר־צייט פון אַלטן ניעשאַווער, דעם רבין ר׳ מלדס פאָטער. אַ סך חסידים זיינען זיך אָנגעקומען. אויפן גוטן אָרט, ביים אוהל פון צדיק, ברענען הונדערטער ליכט, אידן וואַרפן קוויטלעך אויף דער מצבה, טויזנטער קוויטלעך. משמשים זיצן ביי טישן, שרייבן קוויטלעך און דינגען זיך:

— עך וועל קיין קרייצערס נישט נעמען, ווינציקער פון אַ קרוין איז גאָר נישטאָ וואָס צו ריידן.

ווייבער מיט פאַטשיילעס איבערגעדעקט איבערן קאָפּ שטייען אין אַ זייט, האָבן נישט די העזה זיך צו דערנענטערן צום צדיקס אוהל, וואו עס זיינען פאַרזאַמלט אַזוי פיל מאַנסבילן. זיי בעטן פון ווייטנס שטייען ווי אַן אָרימאַן ביי דער טיר. אָרעמע אינגלעך שטייען מיט קוישלעך סחורה, מיט ליכטלעך, פּאַפּיר, און אַפילו מיט פלעצלעך און בראָנפן, אידן טרינקען לחיים אויפן גוטן־אָרט.

דער רבי ר׳ מלך, אַ זקן אין די אַכציקער שוין, באַוואַקסן, גריזוי פון גרויקייט, מיט אַ באָרד און ברעמען ווי פון מאָך, ווערט געפירט צום גוטן־אָרט אונטער די הענט.

— אַ וואַרע מאַכטס, אַ וואַרע! — רופט ישׂראל אביגדור דער גבאי.

די באָרד זיינע, ישׂראל אביגדורס, איז שוין איצט מער גרוי ווי רויט, אָבער ער איז נאָך ביי די כוחות. ער שמעקט יעדן טאָג אַלץ שטאַרקער טאַבעק, ער גיסט אַריין בראָנפן אין טאַבעק אַריין שיט אַריין צוריבענעם פעפער, עס זאָל אים נעמען. מעד טרינקט ער קוואָרטן־ווייז.

— דרך־אָרץ! — רופט ער צו די אידן, וואָס שטופּן זיך אַרום אַלטן רבין — נישט אַלע מיטאַמאָל!

ער היט איצט שטאַרק אויף דעם רבין, אַ סך מער ווי פריער. דער

רבי איז שוואך, ער דערקענט שוין אפט מער נישט קיין חסידים, אפילו שיינע אידן און גבירים. די זין זיינע, עלטערע אידן שוין, וואס קאנען זיך נישט דערוואַרטן אף דער רביטסטווע, האבן אויפגעהערט מורא האבן פארן פאטער, ווי אין די פריערדיקע יארן, ביים לעבן זיינעם פירן זיי שוין פראנק־און־פריי טישן, נעמען קוויטלעך, פדיונות, און כאפן אויס איינער ביים אנדערן די חסידים. איבערהויפט יאגן זיי זיך נאך גבירים און רבנים.

ישראל־אביגדורן ווייטיקט דאס הארץ. ער ווייסט, אז א רבישער הויף איז, להבדיל, ווי א קייזערלעכער הויף. דער כוח ליגט אין דער דירנאסטיע. בלויז איינער דארף בלייבן, דאס האלט אויף די חסידים. ביי צעטיילן, פאלט זיך עס איינגאנצן פאנאנדער. ער ווייסט אויך, ישראל אביגדור, אז זיי האבן אים פיינט, דעם רבינס קינדער, פונקט ווי ער האט זיי פיינט. אויך האבן זיי מורא פאר אים. ער קען זיי צופיל. און ער היט אפ גוואלדיק דעם אלטן רבין, דעם רבי ר׳ מלך, ווי אן אויג אין קאפ היט ער אים.

צום רבינס הויף האלטן אין איין אנקומען נייע מענטשן. מען גיט זיך שלום־עליכם, מען דאוונט, מען טרינקט לחיים.

מיטאמאל קומט אריין אין בית־המדרש א פרעמדער מיט א זעקל אף די פלייצעס און מיט א שטעקן אין דער האנט. גלייך ווי ער טרעט איבער די שוועל, הויבן אלע אידן אויף זייערע אויגן און קוקן אן נייגעריק דעם אורח. ישיבה בחורים רייסן אפ די אויגן פון די גמרות און באטראכטן אים.

דאס איז א איד א הויכגעוויקסיקער, א ביינערדיקער, מיט א קוילשווארצער בארד און פיאות, מיט גרויסע שווארצע אויגן, מיט קליידער, וואס זיינען בלויז שטויב, ווי פון ווייטע וועגן. זיינע לענדן זיינען ארומגעבונדן מיט א שטריקל. די שיך זיינע זיינען שטארק צעריסן, אויך דער זאק זיינער, וואס ער טראגט אף די פלייצעס, איז אלט, שטארק פארשטויבט און געלאטעט. זיין שטעקן איז צו הויך, גראב און מיט סענקעס. ער טוישט דעם שטעקן פון דער רעכטער האנט אין דער לינקער און מיט דער באפרייטער האנט קושט ער די מזוזה. דערנאך לאזט ער אראפ דעם זאק פון די פלייצעס און וואשט זיינע פארשטויבטע שווארצע הענט אונטערן קופערנעם האנט־פאס.

אידן גייען צו צו אים און שטעקן אים הענט.

— שלום עליכם, א איד.

— עליכם־שלום.

— פון וואנען קומט א איד?

— פון דער וועלט — ענטפערט דער פרעמדער.

אידן ווערט עפּעס אומהיימלעך. זיי פרעגן נאָך עפּעס ביים פרעמדן. נאָר דער פרעמדער שווייגט, מיידט אויס צו ריידן. ער נעמט אַרויס פון זאַק טלית און תפילין און טוט אָן. דערביי דעקט ער צו דעם קאָפּ מיטן טלית אַנדערש פון אַלע אידן. דאָס רופט אַרויס וואונדער ביי אַלעמען. נאָך מער וואונדערט מען זיך, ווען ער טוט אָן צוויי פּאָר תפילין מיט אַמאָל. ער דאַוונט ביי דער טיר.

נאָכן דאַוונען ווילן אים חסידים מכבד זיין מיט בראָנפן און האָניק־לעקעך. ער שאָקלט מיטן קאָפּ, אַ צייכן, אַז ער וויל נישט טרינקען.

— סאיז היינט דעם אַלטן, זכרונו לברכהם, יאָרצייט — זאָגן די אידן.

— איך וויים — זאָגט ער.

ער נעמט אַרויס פון זיין זאַק עטלעכע שטיקלעך פאַרדאַרט ברויט און אַ שמאַטקעלע מיט זאַלץ. דערנאָך וואַשט ער זיך די הענט צום עסן, זאָגט זאָגג און טונקט דאָס דאַרע ברויט אין זאַלץ. וואַסער טרינקט ער צו פון דעם גרויסן בלעכערנעם בית המדרש שעפּער. נאָכן בענטשן פאַרפּאַקט ער צוריק זיין זאַק און פרעגט ביים עולם:

— ישראל אביגדור, איז נאָך אַלץ גבאי?

— אודאי! — ענטפערן אידן — וואָס פאַר אַ שאלה?

— איך וויל אים זען — זאָגט דער פרעמדער.

— ער וועט מסתמא באַלד אַריינקומען — זאָגט מען אים — ער איז ביים רבין.

— זאָל מען אים רופן! — באַפעלט דער פרעמדער — זאָגט אים, אַז אַן אורח דאַרף אים עפּעס זאָגן.

דעם פרעמדנס באַפעלערישער טאָן, די זיכערקייט זיינע, פילט אַן מיט באַהאַלטענעם פחד. עטלעכע אידן לאָזן זיך גלייך גיין נאָך ישראל אביגדורן. ביז דער גבאי קומט, באַטראַכט דער פרעמדער אַלץ אַרום זיך מיט זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן, ווי עס וואָלט זיין פאַר אים ניי.

— דאָס איז אַלץ נאָך דער שריפה אויפגעבויט געוואָרן? — פרעגט ער.

בחורים, וואָס געדיינקען נישט די שרפה אין הויף, שמייכלען. על־טערע אידן ענטפערן.

— יאָ, נאָך דער שרפה, נישט היינט געדאַכט.

ווען ישראל אביגדור קומט אַריין, גייט צו אים צו דער פרעמדער און גיט אים אַ האַנט.

— שלום־עליכם, ישראל אביגדור.

ישראל אביגדור נעמט דורך דעם פרעמדן אַפּגעריסענעם איד מיט דורכדרינגלעכע בליקן. ער איז אין כעס, וואָס אַזאַ שלעפּער האָט אים

געשיקט רופן.

— ווער ביסטו? — פרעגט ער צארניג.

ער זאגט אים גלייך „דו“, כדי אים אונטערצוהאקן די פליגל.

— אן אורח — ענטפערט דער פרעמדער.

— וואס ווילסטו?

— איך וויל אריינגיין צום רבין.

ישראל אביגדור ווערט רויט, ס'בלוט גיסט זיך אים אן הינטער די האריקע אויערן, ווי ביי אלע עלטערע מענטשן, וואס טרינקען א סך.

— ער וויל אריינגיין צום רבין! — זאגט ער גיפטיק און באטראכט זיין הלוך מיט איין אויג — ט'שוין געהערט! א יישר־כח דיר א גרויסן... דער רבי זיצט דאך נאר און ווארט אף אים.

ישראל אביגדור קוקט אן אלעמען, ער וויל זען, וואסער פנים דער עולם האט. אבער דער פרעמדער פארשעמט זיך נישט.

— ישראל אביגדור — זאגט ער באפעלעריש — גיי שוין אריין און זאג דעם רבין, אז איך ווארט, כ'גיי פון ווייט.

ישראל אביגדורן פאלט אפ דאס רויטקייט פון הינטער די אויערן. ער ווערט בלאס. דעם פרעמדנס באפעלערישע רייד, זיין אויסטערליש אויסזען, זיין זאגן — כגיי פון ווייט, איך ווארט — דאס אלץ פילט אים אן מיט מורא. ער איז טאקע שוין לאנג גבאי אין הויף, ער קען דעם רבין דורך און דורך. נישט אזוי לייכט קאן מען אים עפעס איינריידן. אבער היינט איז דעם אלטנס יארצייט. דעם אלטן האט ער נישט גע־קענט, ישראל אביגדור. מען דערציילט וועגן אים וואונדער. און ער גלויבט אין אים. אין זיין קאפ, וואס איז אין דעם טאג פון יארצייט נישט גאנץ ניכטער פון די פיל לחיימס, וואס ער האט מיט די חסידים שוין גע־מאכט, פאלן איין מאדנע געדאנקען. עפעס קומען אין געדאנק מעשיות פון אלטע גוטע אידן, מעשיות פון לאמעד־וואווניקעס, פון אליהו הנביא, וואס דרייט זיך ארום איבער דער וועלט, פון מתים. ער ווערט גלייך אונטערטעניק און זאגט:

— שוין גיי עך. ווער, זאל עך זאגן דעם רבין, וויל ריידן מיט אים?

— א איד — זאגט דער פרעמדער — אן אורח.

— קומט מיט מיר — בעט ישראל אביגדור.

ער זאגט אים שוין נישט מער „דו“. ער פירט אים מיט דרך ארץ צו דער טיר, וואס פירט צום רבינס שטוב. פאר דער טיר לאזט ער דעם פרעמדן ווארטן און ער גייט אליין אריין צום רבין. מיט מורא אין קול דערציילט ער דעם רבין וועגן פרעמדן.

ער גיט איבער יענעמס רייד:

— זאג דעם רבין, אז איך ווארט, כגיי פון ווייט.

נאך מער פון ישראל אביגדורן, דערשרעקט זיך דער רבי ר׳ מלך.

— ר׳איז אן אפגעריסענער, מיט א זאק אף די פלייצעס? — פרעגט ער איבער דעם גבאי — אן אורח?

— יא, רבי.

— נו, מילא, פיר אים אריין — באפעלט דער רבי און טוט אן דעם ספאדיק אפן קאפ, דערפילנדיק א קעלט אין הייסן טאג.

ישראל אביגדור גייט ארויס צום פרעמדן און פירט אים אריין.

— אפשר — פרעגט ער — וועט איר דא איבערלאזן דעם זאק? קיינער וועט אים נישט רירן.

— ניין! — זאגט דער פרעמדער און לאזט דעם זאק נישט ארונטער פון די פלייצעס.

דאס צעטשמעליעט שוין אינגאנצן ישראל אביגדורן.

אז דער פרעמדער קומט אריין אין רבינס שטוב, קוקט ער זיך ארום צומערשט אף דער שטוב, דערנאך אף די אלמערס מיט ספרים, דערנאך אפן רבין, דער רבי איז אלט, די הויט פון פנים איז ברוין, ווי קארע, און געקנייטשט, ווי קארע. די ברעמען, בארד און פיאות זיינען גרוי פון גרינקייט. דער פרעמדער נעמט אים דורך, ווי ער וואלט זיך וועלן עפעס דערמאנען.

— שלום־עליכם — זאגט אים דער רבי — קום צו נענטער, אורח, איך זע נישט גוט.

דער פרעמדער גייט צו און דערלאנגט א האנט.

— ווער ביסטו? — פרעגט דער רבי.

— נחום — ענטפערט דער פרעמדער.

— ווער? — פרעגט דער רבי, אונטערשטעלנדיק א האנט צום אויער.

— נחום — חזרט דער פרעמדער איבער — אייער איידעם.

דער רבי ר׳ מלך גיט זיך א טרייסל אף זיין לעדערנעם שטול, ישראל אביגדור לויפט צו צו אים און האלט אים צו. דער רבי קומט צו זיך.

— כדערקען דיך נישט — זאגט ער מיט שרעק.

— איך בין אוועק איז געווען ז׳ אדר תרל״א און איצט איז י״ב תמוז תרמ״ו, פופצן יאר שוין.

— וואו ביסטו געווען? — פרעגט דער רבי מיט כעס.

— אין דער וועלט.

— פארוואס ביסטו אנטלאפן?

— כ׳האב אזוי געדארפט.

— פארוואס האסטו געלאזט מיין טאכטער אן עגונה?

— כ׳האב אזוי געמוזט.

דעם רבין ווערט קאלט.

— ישראל אביגדור — זאָגט ער — גיב מיר דעם וואַטענעם שלאָפּ־ראָק.

ישראל אביגדור טוט דעם רבין אויס דעם זיידענעם זומער־שלאַפראָק און טוט אים אָן דעם וואַטענעם פון סאַמעט. דער רבי הויבט זיך אויף שווער פון דער שטול, גייט צו מיט מורא צום פרעמדן און קוקט זיך אין אים איין מיט זיינע אַלטע אויגן, וואָס ליגן באַהאַלטן אונטער גרויסע מאַכיקע ברעמען.

— ביסט געקומען ליצנות טרייבן? — פרעגט ער צאַרנדיק.

— ניין! איך בין געקומען צו מיין ווייב סערל.

— וואָסערע סימנים קאָנסטו געבן, אַז דו ביסט נחום?

— איידער איך בין אַוועק, מיט אַ קנאַפּ יאָר פריער, האָב איך מיט אייך צוזאַמען געלערנט ספר רזיאל־המלאך. אַף זייטל אַכצן האָט מען פאַרקנייטשט אַ בלעטל. אפשר איז נאָך דאָ דער צייכן.

— ישראל אביגדור, זוך אויס דעם רזיאל־המלאך — זאָגט דער רבי ציטערנדיק.

ער קוקט דעם פרעמדן אָן פון קאָפּ ביז די פיס. ער טאַפּט אים אַפילו אַרום מיט די הענט, ווי עפּעס אַ טויטע זאַך. ישראל אַביגדור ברענגט אַ קליין ספרל. דער רבי עפנט מיט טרייסלענדיקע הענט די בלעטלעך. פון אויפרעגונג קאָן ער קיין בלעטל נישט איבערמישן. ביים זייטל אַכצן איז פאַרקנייטשט. דער רבי דערפילט זיך שוואַך. די שטוב דרייט זיך מיט אים. ישראל אביגדור פירט אים צו צו דער שטול און העלפט אים זיך אַוועקזעצן.

— קאָנסטו זאָגן סימנים מיין טאָכטער סערל? — פרעגט ער — סימנים צווישן מאַן און ווייב?

— יאָ — זאָגט דער פרעמדער.

— ישראל אביגדור — זאָגט דער רבי פּלוצלונג מיט אַ שטאַרקער שטים — גיי רוף סערלען. זאָג איר גאָרנישט.

סערל קומט אַריין אַ דערשראָקענע, מיטביידע הענט פאַרלייגט אַף די ברוסטן. זי טראָגט אַ גרוי טיכל אַפן קאָפּ. זי איז דיק. דער פרעמדער לאָזט אַראָפּ דעם זאַק פון די אַקסלען און שטעלט אַף איר אָן זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן. זי לאָזט אַראָפּ די אויגן צו דער ערד.

— סערל — זאָגט דער רבי — גיי צו נענטער און קוק אָן דעם איד.

סערל פאָלגט דעם רבינס באַפעל.

— קאָנסט אים?

סערל דערפילט עפּעס אַ שרעק. די פיס ווערן איר גלייך שוואַך. זי האַלט זיך פונדעסטוועגן.

— ניין — זאָגט זי — געבנדיק בלויז איין קוק אַף דעם פרעמדן

אפגעריסענעם מאַן.

— און דו, אורח, דערקענסט זי? — פרעגט דער רבי.

— יאָ — זאָגט דער פרעמדער זייער רואיק און זייער פעסט — דאָס איז סערל, מיין ווייב.

סערלע דערפילט אַ שברות אין ביידע קניען, ווי עפּעס וואָלט דאָרט לויז געוואָרן, אויפגעבונדן זיך. זי וויל צוגיין צו דער באַנק זיך זעצן, אָבער זי באַוויייזט שוין נישט. זי פאַלט. ישראל אביגדור וויל לויפן רופן ווייבער. דער פרעמדער פאַרהאַלט אים מיט דער האַנט. ער גייט צו צום זאַק, נעמט אַרויס אַ פלאַש וואַסער און מונטערט זי. זי עפנט די אויגן. דערנאָך הויבט ער זי אויף ביי אַ האַנט פון דער ערד און פירט זי צו צו דער באַנק. זי דערפילט אַ וואָרעמקייט אין דער פרעמדער מאַנסבילשער האַנט, אַ קראַפט, און זי זעצט זיך אַ געהאָרכזאַמע אוועק.

— ביסט שוין געזונט? — פרעגט זי דער רבי.

— יאָ — זאָגט זי שוואַך.

— סערל — זאָגט דער רבי — דער אורח זאָגט, אַז ער איז דיין מאַן, נחומטשע. קוק אים גוט אָן און זאָג, צי דו דערקענסט אים?

סערל קוקט אַף דעם פרעמדן, פאַרשטויבטן, באַוואַקסענעם מאַן, קוקט אַף זיין קויל־שוואַרצע באָרד, אַף זיין ברוין שאַרף בלאַס פּנים, אַף זיינע קנאָכיקע האַרטע גלידער, וואָס שלייכן זיך אַרויס דורך די צעריסענע קליידער, אַף די גרויסע שוואַרצע אויגן, און איר האַרץ צאַפּלט. וויל אַרויסשפּרינגען. אַ רויטקייט באַגיסט איר פּנים.

— איך ווייס נישט — זאָגט זי.

— שווער אים צו דערקענען — זאָגט דער רבי — ווען ער איז אוועק איז ער אָן אַ באָרד געווען. איצט איז ער מיט אַ גרויסער באָרד, דאָפּלט אַלט.

— יאָ — זאָגט סערל מיט אַ זיפץ — פופצן יאָר שוין.

— אורח — זאָגט דער רבי צום פרעמדן — וואָסערע סימנים קאָנסטו זאָגן מיין טאָכטער, אַז דו ביסט איר מאַן?

— איך האָב געפּאַסט צוויי טאָג פריער, איידער איך בין אוועק.

— יאָ — זאָגט סערל און ווערט בלאַס.

— אין טאָג, ווען איך בין אוועק, האָב איך אַפילו אין אָוונט אויך נישט געוואָלט איבערבייסן.

— יאָ — זאָגט סערל

דער פרעמדער דרייט זיך אויס צו סערלען און רעדט צו איר. ער זאָגט איר „דו”.

— דו האָסט — זאָגט ער — געמיינט, אַז איך בין קראַנק, האָסט געוואָלט רופן דעם דאָקטאָר צו מיר.

— יאָ — זאָגט זי — איך האָב געהייסן אייך זיך לייגן אין בעט. זי זאָגט אים „איר“.

— איך האָב נישט געוואָלט — זאָגט ער — איך האָב געוואָלט גיין לערנען. איך בין אַוועק אַפן גאָרן, צו מיין לערן־שטיבל.

— און שוין מער נישט צוריקגעקומען — זאָגט זי מיט אַ זיפץ.

דער רבי הייבט זיך ווידער אויף פון זיין שטול. ער גייט צו צו סערלען.

— געדיינקסט דאָס אַלץ? — פרעגט ער.

— יאָ, איך געדיינק — זאָגט זי — איך געדיינק אַלץ, אַפילו וואָס מען האָט געקאָכט דעמאָלט אַף וועטשערע. קאַשע מיט מילך. עס איז, נישט היינט געדאַכט, געווען דאָס אומגליק דעמאָלט, מלכהלע, עליה־השלום׳ס, צו קינד־גיין. האָט מען קיין פלייש נישט געקאָכט.

— הום — ברומט דער רבי.

— פאַר נחומטשען — זאָגט סערעלע — האָב איך אַרויפגעטראָגן אין שטיבל אַ גלאָז מילך מיט אַן אייער־קיכל. ער האָט נאָך נישט געהאַט איבערגעביסן. ער איז שוין מער נישט געווען. בלויז אַ ספר איז געלעגן אָפן.

— אַ תהילים — זאָגט דער פרעמדער.

— יאָ — זאָגט סערל — אַ תהילים.

זי פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און זאָגט אַ טרויעריקע:

— די מילך איז געבליבן שטיין.

זי זאָגט עס מיט אַזאַ טרויער, ווי עס וואָלט איר נאָך איצט אַ שאָד געווען דאָס גלאָז מילך, וואָס איז געבליבן שטיין.

— קוק אים אָן נאָכאַמאָל — זאָגט דער רבי — סערל, זאָל עס נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן. זאָג, דערקענסטו אים?

סערל גייט צו נאָענט צו דעם פרעמדן מאַן, ווי דער פאָטער אירער הייסט. זי קוקט גוט אָן זיין הויכע ביינערדיקע געשטאַלט, זיינע קויל־שוואַרצע אויגן און באָרד. וועג פילט זיך פון אים, שטויב, כוח און וואַרעמקייט. אַ שוידער, אַ וואַרעמער ציטער, לויפט דורך אַלע אירע גלידער.

— יאָ — זאָגט זי פעסט, גלויבנדיק אַליין, אַז זי דערקענט אים

— יאָ, יאָ.

דער רבי הייבט אויף די מאָכיקע ברעמען זיינע.

— סערל — זאָגט ער — אפשר האָסטו נאָך סימנים? שעם זיך נישט. אפשר האָסטו סימנים אַף זיין לייב?

סערל לאָזט אַראָפּ די אויגן, שווייגט.

— טאָכטער — זאָגט דער רבי — ביסט אַן עגונה. זאָג!

— יאָ — זאָגט זי — ער האָט אַ היפּט אַף אַ זייט, צוגעניט נאָך

אַן אָפּעראַציע, וואָס מען האָט אים געמאַכט קינדווייז.

זי פאַרהאַקט זיך אַ ווײַלע, פאַרדרייטלט זיך און זאָגט:

— ער האָט אויך צוויי פּעפּערלעך אַף דער פּלייצע, איינס נעבן אַנדערן.

— ישׂראל אביגדור! — באַפעלט דער רבי — גיי מיטן אורח אין מקווה און זיי אים בודק. און דו, סערל, זעץ דיך צו אַף דער באַנק.

ישׂראל אביגדור גייט מיט דעם פרעמדן אַרויס דורך אַ זײַטיקער טיר צו דער מקווה.

סערל גייט צו צום פרעמדנס זאַק און נעמט אים אין דער האַנט. זי נעמט דעם שטויביקן געלאַטעטן זאַק זייער צאַרט. יעדער האָריקייט און גראָבקייט זײַנע מאַכט אויפקאָכן איר בלוט. זי צערטלט אים. דער רבי גלאָצט מיט די פאַרבּרעמטע אויגן אַרום זיך און שווייגט. ישׂראל אביגדור קומט אײַנגיכן אָן מיט דעם פרעמדן.

— רבי — זאָגט ישׂראל אביגדור פייערליך — אַלץ איז ווי סערלע זאָגט. איך האָב אים געזען פון קאָפּ ביז די פיס, ר׳ נחומען.

דער רבי הויבט זיך אויף. זײַן אַלט פאַרכמורעט פּנים שײַנט. זײַן גאַנצע גרינלעך־מאַכיקע האָריקייט שאָקלט זיך.

— מזל־טוב! — זאָגט ער.

און דערנאָך גייט ער צו צו דער טאָכטער זײַנער און זאָגט שטיל:

— זײַ אַ כשרע אידישע טאָכטער. איך וועל שוין זאָגן ישׂראל־אביגדורן, ווען מען זאָל הייצן די מקווה...

אַ פייערדיקע רויטקייט באַגיסט סערלעס פליישיק פּנים. זי שעמט זיך די אויגן אויפצוהויבן.

דער רבי הייסט נאָך ישׂראל אביגדורן, ער זאָל פאָרן גאָסט באַשטעלן נײַע בכבודע מלבושים. סערלע וויל זיך אַרײַנמישן, זאָגן, אַז אַלע נחומטשעס מלבושים הייננען נאָך אין שאַפע, הייננען פּונקט אַזוי, ווי ער האָט זיי איבערגעלאָזט, אַז זי האָט זיי די גאַנצע צײַט אָפּגעהיטן, מיט נאַפטאַלין באַשאָטן, מילבן זאָלן זיי נישט צעפרעסן, און אויב זיי זאָלן גאָר נישט זײַן קליין און אייננג, קאָן מען זיי אָנטאָן. אָבער זי שעמט זיך אַ וואָרט אויסצורײדן. זי קאָן אַפילו נישט אויסריידן די צוויי ווערטער. די איינציגע צוויי ווערטער, וואָס שטייען איר שוין גאַנצע פופצן יאָר אין האַלז:

פאַרוואָס, נחומטשע?

מיט אויגן אַראָפּגעלאָזענע צו דער ערד זעט זי בלויז דעם פרעמדנס צעריסענע פאַרשטויבטע שיך. קוים וואָס מען הערט, מורמלט זי צום שוואַרצן מאַן:

— אפשר וועסטו גיין עסן?

דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי זאָגט אים איצט „דו“.

צווייאונצוואנציקסט קאפיטל

די בשורה, אז דעם רבינס איידעם נחומטשע איז צוריקגעקומען קיין ניעשאווע, איז זיך צוגאנגען איבער אלע שטעט און שטעטלעך פון ביידע זייטן גרענעץ. חסידים האבן געטרונקען לעקעך און בראנפן און זיך אפגעגעבן מזל־טוב.

אף שבת האבן אלע בכבודע ווייבער אין ניעשאווע אנגעקויפט די בעסטע ראזשינקעס און צימרינג, פעטע קוגלען געמאכט און געשיקט אין הויף צו סערעלע דעם רבינס.

— ליב אייך אייער גאסט — האבן געזאגט די שליחים, אפרעקנדיק פארזיכטיק די אויבערטעלערלעך פון די קוגלען.

נגידים האבן אויך צוגעשיקט ווייַן.

סערעלע האט די אינגעלעך און די מיידעלעך, די שליחים, געטיילט ניס און מאנדלען. די יושבים אין הויף האבן געהאט א גוטן שבת פון די אלע קוגלען, וואס סערעלע דעם רבינס האט זיי אוועקגעגעבן. דאס שמאלץ פון די קוגלען איז זיי איבער די בערד גערונען.

אויך דעם רבינס קינדער, אלע טעכטער און זין, האבן זייער שוועסטער מתנות געשיקט, קוגל, פלעשלעך ווייַן און פרוכטן אין זילבערנע קוישעלעך. אבער צופרידן זיינען זיי נישט געווען פון דעם נייעם מענטש אין הויף, ניין.

א סודותדיקער איז ער געקומען, דער פרעמדער, אן אונפארשטענדלעכער, פול מיט שווייגן אי וועגן זיין אוועקגיין, אי וועגן זיין צוריקקומען. קיין איין איינציק ווארט האט ער נישט געוואלט ריידן, נישט וועגן זיין לעבן, נישט וועגן דעם ארט, וואו ער איז געווען, נישט וועגן דעם נייעם צוריקקערן צום הויף. ער האט בלויז אויסגעשטרעקט די האנט, ווען מען האט אים שלום געגעבן און געשוויגן. אפילו סערעלען האט ער קיין ווארט נישט געזאגט. בלויז ביים אנקומען האט ער דעם רבין עטלעכע ווערטער געזאגט:

— איך האב אזוי געדארפט.

מער איז פון אים קיין ווארט נישט געווען ארויסצוקריגן. דאס האט דעם עולם מיט סודותדיקייט אנגעפילט. מיט מורא אפילו. חסידים האבן דערזען אין דעם גרויסקייט, באהאלטנקייט, הימלישע זאכן. דערצו האט ער זיך נישט געוויזן, דער צוריקגעקומענער. ער האט געדאוונט אליין ביי זיך אין שטוב, נישט געקומען אין בית־המדרש, אפילו צום רבינס טיש זיך נישט געוויזן. פון די הויף־מענטשן האט מען נאר געוואוסט, אז ער זיצט כסדר ביי זיך אין שטיבל און לערנט, אדער ער גייט אום הין און צוריק איבער דער שטוב. פארטאג זעט מען אים אמאל דורכשארן זיך איבער דעם הויף צו דער מקוה, דורכשוועבן גיך, איילנדיק, מיט גרויסע אפענע אויגן, וואס קוקן נישט אף קיין שום זאך. אמאל לאזט ער זיך אויך ארויס איינער אליין צו די פעלדער אדער גאר צום גוטן־ארט. פונקט ווי ער שארט זיך ארויס אומגעריכט, פלוצלונג, אזוי קומט ער אויך צוריק אומגעריכט און פלוצלונג, דאס אלץ האט עפעס געשראקן, אבער אויך אנגעפילט מיט באוואונדערונג. פחד. און דעם רבינס זין האבן גענומען מורא האבן פאר דעם פרעמדן, ציטערן פאר אים.

דער רבי איז אלט. מיט יעדן טאג קריכט אף אים די עלטער מער ארויף. ער זעט אלץ ערגער, הערט אלץ ווייניקער. אין הויף צווישן די קינדער זיינע איז נישטא קיין שלום. מען כאפט זיך אויס חסידים איינער ביים אנדערן. מען בארעדט זיך, מען מאכט זיך וואכעדיק אין די אויגן פון די חסידים. דעם רבינס טעג זעען אויס צו זיין געציילטע. זיי זיינען אומרואיק. דעם רבינס קינדער, זיי האבן מורא, די חסידים זאלן נישט לאזן זיצן אלע מיט אנאנדער און אריבער דערנאך צו אים, דעם פרעמדן, דעם סודותדיקן.

אויך ישראל אביגדור דער גבאי האט דערויף געארבעט.

ער האט געוואלט דערהאלטן דאס חסידות, ישראל אביגדור, דערהאלטן עס איינגאנצן, נישט צעברעקלט. ער האט געוואוסט, אז יעדער וועט כאפן פאר זיך און פאר ניעשאווע דעם הויף נישט טראכטן. און דער צוריקגעקומענער איז אים אונטערגעקומען צו דער ריכטיקער צייט. ער איז איצט כסדר ארומגעגאנגען, דער ישראל אביגדור, צווישן די חסידים איבערהויפט צווישן די נגידים און שיינע־אידן, ער האט מכבד געווען יעדן מיט שארפן שמעק־טאבעק, האט געוויזן מיט א האריקן פינגער צום ווינקל הויף, וואו דער צוריקגעקומענער זיצט פארשלאסן, און געזאגט מיט א זייער שטיל סודותדיק קול:

— אידן, עך זאג אייך, סאיז נישט גלאטיק.

— ניין, ישראל אביגדור — האבן אלטע אידן צוגעשאקלט מיט מורא — גארנישט פשוט, ניין...

אויך דער רבי ר׳ מלך אליין איז געווען פול מיט פארוואונדערונג,

אונרואיקייט.

ער האט מיטן צוריקגעקומענעם ווייניק גערעדט. ער האט בכלל ווייניק גערעדט איצט, דער ניעשאווער. ער איז געווען שוואך און דאס ריידן איז אים אנגעקומען שווער. דערצו האט דער פרעמדער נישט געענטפערט. אפילו ווען דער רבי האט אים דערציילט, ווי אזוי דער פאטער זיינער, דער ראכמאגיוועקער און די מוטער זיינען פון עגמת־נפש פון דער וועלט אוועק, האט ער געשוויגן. בלויז איין ווארט האט ער געזאגט

— כ׳וויים.

מער גארנישט. און דער עלטער האט מורא געהאט, אליין נישט געוואוסט וואס צו טראכטן. ער האט געלאזט רופן סערעלען, כדי ביי איר עפעס צו דערגיין. אבער אויך זי האט גארנישט געוואוסט.

— איז ער דיר א מאן? — האט דער רבי געפרעגט.

— ווי אמאל — האט זי געזאגט און אראפגעלאזט דעם קאפ.

— רעדט ער מיט דיר? — האט דער רבי געוואלט וויסן.

— ניין — האט זי געזאגט — ער זיצט בלויז ביי די ספרים, פארשליסט זיך. איך האב מורא מיט אים צו ריידן, און ער שווייגט.

דער רבי האט מער נישט געפרעגט.

— נו, גיי — האט ער זי ארויסגעשיקט פון שטוב, ווי שטענדיק

— נו, גיי, גיי.

זיין פחד פארן צוריקגעקומענעם איז נאך שטארקער געווארן.

— נישט משיג צו זיין אים — האט ער געזאגט ישראל אביגדורן.

ישראל אביגדור האט דעם רבינס ווערטער גלייך פאנאנדערגעטראגן. אידן האבן הייליקייט אין זיך דערפילט. ווייבער האבן אפילו באצייטנס גענומען באלאגערן דעם צוריקגעקומענעם שטוב. זיי האבן גלייך דערשמעקט אין אים א צדיק, א גרויסן בעל־מופת.

פון ניעשאווער האבן זיי ווייניק נחת געהאט, די ווייבער. וואס עלטער ער איז געווארן, אלץ מער האט ער געטריבן די ווייבער פון זיך. ער האט אפגעזאגט ישראל אביגדורן, ער זאל זיי אף דער שוועל נישט לאזן. ישראל אביגדור האט טאקע זיי געטריבן, געיאגט, אבער נישט שטענדיק האט ער געקענט ביישטיין דעם נסיון פון געלט. פאר א רייניש האט ער פארגעסן שטיין ביים רבינס טיר, און די ווייבער האבן זיך אריינגעקראגן. אבער דער רבי האט די ווייענדיקע ווייבער אפילו נישט געוואלט ענטפערן.

— נו, גיי, גיי! — האט ער געטריבן פון זיך — כ׳האב נישט קיין כוח.

טאמער האט זיך א אידענע גאר שטארק צוגעטשעפעט, דורכאויס געוואלט באלד געהאלפן ווערן, האט דער רבי ר׳ מלך געשאלטן.

— צו אלדע שוואַרצע יאָר גייטס — האָט ער געברומט — וואָס האָט איר זיך אָנגעטשעפּעט אין מיר? פּאַרטס ערגעץ אַנדערש, ספּעלן נישט קיין רבים.

דעם רבינס זין האָבן אפילו די ווייבער מקרב געווען, גענומען ביי זיי קוויטלעך, געלט, אָבער ווי נאָר דער פרעמדער איז געקומען, האָבן זיי גלייך גענומען שאַרן זיך צו זיין אָפּגעשלאָסענער שטוב.

— הייליקער צדיק! — האָבן זיי געוויינט הינטער סערעלעס פענסטער — לאָזט אַריין אַן אומגליקליכער מאַמע.

קיינער האָט זיך פון דאָרט נישט אָפּגערופן.

פון שטעט און שטעטלעך זיינען אידן געקומען, אַבי צו זען דעם רבינס איידעם. יומדים האָבן געוואָלט שמועסן מיט אים אין לערנען. יונגעלייטלעך, וואָס האָבן געהאַלטן ביי אַוועקוואַרפן ווייב און קינדער און אָפּגעבן זיך בלויז מיט אידישקייט, האָבן שטאַרק חשק געהאַט זיך פרעגן ביים רבינס איידעם וועגן אַ וועג. מקובלים האָבן דערשמעקט באַהאַלטענע זאַכן און געקומען צופאַרן, כדי צו דערגיין הימלישע זאַכן. נאָר דער צוריקגעקומענער האָט נישט צוגעלאָזט צו זיך. ער האָט זיך געהאַלטן פאַרמאַכט, פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. דאָס האָט נאָך מער געצויגן צו אים, דערנענטערט.

דעם רבינס זין זיינען אַרומגעגאַנגען בלייכע, דערשראָקענע. זיי האָבן געוואוסט, אַז שוין נישט איינמאָל איז עס שוין אַזוי געשען אין רבישע הויפן. נישט איינמאָל האָבן חסידים מיט אַמאָל פאַרלאָזן אַלע יורשים פון אַ רבין און אַוועק צו אַ פרעמדן, אפילו צו אַ חסיד, נישט קיין רבינס קינד. איבערהויפּט טרעפט עס אין הויפן, וואו קינדער זיינען דאָ אַ סך און דער פאָטער זיצט לאַנג, צו לאַנג, אויף דער שטול. זיי האָבן געוואוסט, אַז אַ רבין טאָר מען נישט צופיל זען, צופיל זיך צוגעוויינען צו אים. ער ווערט וואָכעדיק, ביליק. און זיי, דעם רבינס קינדער, זעט מען שוין צופיל צו לאַנג זיינען זיי אַלץ קינדער, קינדער מיט גרויע בערד. זיי האָבן אפילו אויפגעהערט אַרומרייסן זיך צווישן זיך, גענומען לעבן בשלום, כדי צוזאַמען זיך צו האַלטן קעגן דעם פרעמדן, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן.

זיי האָבן, אמת, מיט אים נישט גערעדט, נישט געוואוסט, וואָס דער דאָזיקער משונהדיקער מענטש מיינט, וואָס אַזוינס ער וויל. ער האָט מיט זיי נישט געוואָלט ריידן. ער האָט נישט געוואָלט גיין צו זיי, ווען זיי האָבן אים פאַרבעטן צו זיך, נישט געוואָלט זיי זען, ווען זיי זיינען געקומען צו אים. אַחוץ שלום־עליכם, וואָס ער האָט זיי צוריקגעענטפערט, האָט ער מיט זיי קיין איין איינציק וואָרט נישט אויסגערעדט, געשוויגן ווי אַ שטומער. אָבער פאַרשטאַנען האָבן זיי, אַז ער וויל די רבישע שטול,

אז ער וויל גיין אף זייער לעבן, אז נישט נאר ער וויל אביסל עולם איבערנעמען, נאר דעם גאנצן, נישט איבערלאזן זיי, די אמתע יורשים, אפילו קיין איין חסיד נישט. ווארום אויב נישט, טא צו וואס איז ער פלוצלונג צוריקגעקומען? און פארוואס איז ער אזוי שווייגנדיק? און פארוואס פארשליסט ער זיך אזוי?

זיי האבן אויך פרובירט ווערן אנדערש, מאכן אויסטערלישע האוואיעס, ריידן אומפארשטענדלעכע רייד, גיין מיט משונהדיקע גיינג, אבער קיינער האט זיך דערמיט נישט אינטערעסירט, קיינער האט וועגן דעם נישט גערעדט. מען האט נאר גערעדט וועגן דעם צוריקגעקומענעם.

— ער וועט נאך נעמען פירן ביים טאטנס לעבן — האבן זיי געזאגט איינער צום אנדערן — דער עולם קלעפט שוין צו אים מער ווי צום טאטן.

וואס איז דער וואונדער, אז דער טאטע דערקענט שוין קוים עמיצן, ער איז נישט מקרב...

איבערהויפט האבן זיי מורא געהאט פאר די ימים־נוראים, וואס האבן זיך דערנענטערט, פאר די פארכטיקע טעג, ווען אידן ווארטן אויף הייליקייט, אף נסים.

באלד פון אנהויב אלול זיינען שוין הונדערטער יונגעלייט אנגעקומען קיין ניעשאווע, כדי צו זיין איבער דעם גאנצן חודש פון תשובה ביים רבין. צו די ערשטע סליחות זיינען אידן לומדים, שיינע־אידן אנגעקומען, און צו ראש־השנה אליין זיינען אנגעפארן חסידים פון אלע עקן, עס זיינען געקומען פון גאליצישע שטעטלעך אידן מיט זשופיצעס און פיאות, און עס זיינען געקומען דייטשן אין צילינדערס פון ווין און פראג. עס זיינען געקומען דיקע אידן פון אונגארן, וואס קושן דעם רבין אין דער האנט און לערנען גמרא אף אונגאריש, און עס זיינען געקומען אידן פון רוסיש־פוילן, אידן מיט קליינע היטעלעך און גרויע בערד, וואס די גאליציאנער האלטן זיי פאר ליטוואקעס, אפיקורסים.

גאנצע מחנות האבן זיי זיך צונויפגעקומען, די אידן פון יענער זייט גרענעץ, געשווארצט זיך ביינאכט איבער דער עסטרייכישער גרענעץ, געשארט זיך איבער פעלדער און וועלדער, איבער טייכלעך געקראכן אין די קליידער, סלעבן זיך איינגעשטעלט, אבי צו זיין ראש־השנה און יום־כפור אין ניעשאווע. פון רוסלאנד זיינען קורץ־געקליידעטע גבירים געקומען מיט אויסלענדישע פעסער און מיט דער צווייטער קלאס. קיינמאל זיינען נאך אזוי פיל חסידים נישט געקומען אף די ימים נוראים קיין ניעשאווע. אלע האבן געוואלט זען דעם רבינס איידעם, דעם צוריקגעקומענעם.

איבער דער גאנצער וואך פון סליחות האט זיך דער פרעמדער נישט געוויזן. חסידים האבן געווארט, ביי יעדער סקריפ פון דער טיר האט מע

אויסגעדרייט די קעפּ, טאָמער קומט ער. אָבער ער האָט זיך נישט געוויזן.

— סליחות אַפילו זאָגט ער פאַר זיך, אָן מנין? — האָבן אידן נישט פאַרשטאַנען.

— מסתּמא ווייסט ער, וואָס ער טוט — האָט ישׂראל אביגדור סודותדיק געזאָגט.

ראש־השנה פאַרנאַכט צום דאַווענען האָט ער זיך באַוויזן. אַ שוואַרץ־בערדיקער, אַ ביינערדיקער, מיט גרויסע שוואַרצע אָפענע אויגן, וואָס זעען קיין זאַך נישט, האָט ער פּלוצלונג דורכגעשוועבט דאָס בית־המדרש און גלייך פאַרשטעקט זיך אין אַ ווינקל, קיינער זאָל אים נישט זען. אַלע אויגן האָבן זיך גלייך צוגעקלעפּט צום דאָזיקן ווינקל. איבער דער גאַנצער צייט פון דאַווענען האָט מען בלויז געזען זיין פּלייצע, די גלאַנציק אָט־לעסענע פּלייצע, וואָס באַוועגט זיך נישט, נאָר שטייט פאַרגליווערט אויף אַן אָרט. מען האָט נישט מער געזען דעם רבינס. שווערע פּלייצע, וועלכע איז פון אַזוי פיל יאָרן געווען דער פּונקט פון אַלעם, פון אַלע אויגן, נאָר די גלייכע ביינערדיקע פּלייצע פון פרעמדן, די קרעפטיקע און פאַרגליווערטע. דעם רבינס זין האָבן עס, אינמיטן גרעסטן שאָקלען זיך, גוט געזען.

נאָכן דאַווענען האָט ער זיך געוואָלט פּונקט אַזוי דורכשאַרן אַזוי ווי ער איז אַריינגעקומען, אָבער אַ וואַנט חסידים האָט זיך אים געשטעלט אין וועג. נאָך מער ווי אַרום רבין, האָט זיך דער עולם געשאַרט אַרום דעם הויכן ביינערדיקן שוואַרצן מענטש אין ווינקל בית־המדרש, געשטופּט זיך, געשטעקט הענט און געוואונטשן:

— לשנה טובה תּכּתבו.

ער האָט געוואָלט דורכגיין, אָבער מען האָט אים נישט געלאָזט. טויזנטער הענט האָבן זיך געשטרעקט. דעם רבינס זין זיינען געשטאַנען בלאַסע. דאָס, פאַרוואָס זיי האָבן אַזוי מורא געהאַט, איז געקומען. אין דעם שטופּעניש פון די חסידים, אין זייער הענט־אויסשטרעקן, אין זייערע אויגן, איז שוין געלעגן דער גרויסער דרך־ארץ, ווי צו אַ רבין.

אָבער מיטאַמאָל איז געשען אַ שרעקלעכע זאַך.

אין מיטן אַלע הענט שטעקן און ווינטשעניש, האָט זיך פּלוצלונג אַ פרעמדר קול, נישט קיין ראש ־ השנהדיקס, אַ וואָכעדיקס, אַ צאַרנדיקס, דורכגעריסן און דאָס גאַנצע בית־המדרש דורכגעשניטן.

— אידן, געוואַלד! — האָט אַ קול אויסגערופן — אידן, געוואַלד געשריען!

געמיינט האָט מען, אַז דאָס האָט מען עמיצן צוגעדריקט, ווי עס טרעפט ביי נעמען שלום, אַז עמיצן איז נישט גוט געוואָרן.

— וואסער! — האט מען גערופן — וואסער!
אבער דאס קול האט נישט אויפגעהערט שרייען:
— אידן, א חילול־השם! אידן, וואס טוט איר?
דער עולם איז פארשטיינערט געווארן.

אין מיטן פון עולם איז געשטאנען א איד, א הויכער, א דארער, מיט א ברייטער, גרויער, בייזער בארד און מיט א רויט־פייערדיקער נאז, מיט ביידע דארע הענט האט ער געווארפן אינדערלופטן און געשריען.

מען האט אים געקענט דעם דאזיקן אידן. דאס איז געווען ר׳ שבנא דיין פון ביאלאגורע, וואס איז אפט געקומען קיין ניעשאווע זיך קריגן. נאך ר׳ מאירל דעם רב׳ס טויט אין ביאלאגורע, האט ער, ר׳ שבנא, גע־וואלט איבערנעמען דאס רבנות אין שטאט, כדי דאס דיינות זיינס אוועקצוגעבן אין נדן א חתן־בחור, א למדן, וואס זאל דערפאר נעמען זיין פארזעסענע טאכטער. אבער די ניעשאווער חסידים פון ביאלאגורע האבן אים נישט געוואלט צולאזן צום רבנות, ווייל ער איז געווען א מתנגד, האט גערעדט אף גוטע־אידן און אף חסידים. ר׳ שבנא האט זיך נישט געלאזט. א איד אן עקשן, א זוכער פון גערעכטיקייט, האט ער געפירט מלחמה און אפט אריבערגעפארן קיין ניעשאווע, כדי צו דערגרייכן ביים רבין זיינס. דער רבי האט אים נישט געענטפערט, ישראל אביגדור האט אים נישט צוגעלאזט צום רבין, אבער ר׳ שבנא איז נישט אפגעטראטן. אויך אף ראש־השנה איז ער געקומען. ער האט געוואלט אין ניעשאווע טרעפן דעם רב, וואס די ניעשאווער חסידים ווילן אריינזעצן אין זיין ביאלאגורע, און אים רופן צו א דין ־ תורה מאקע אין עשרת־ימי־תשובה. איצט איז ער געשטאנען אין מיטן בית־המדרש א הויכער, א קנאכיקער, א צארניקער, מיט א רויטער נאז, וואס שפריצט פייער ארום זיך. ער האט געשריען ביז הייזעריק ווערן:

— אידן, שעמט אייך! אידן, איך וועל נישט שווייגן!...

חסידים האבן אים ארומגערינגלט, פאר די הענט אים גענומען. ער האט זיך ארויסגעריסן. מיט גרויס ברעז, אוועקשארנדיק אלע פון זיך, האט ער זיך גיך געמאכט א וועג צווישן עולם. ער איז האסטיק צו־געלאפן צו דעם רבינס איידעם און אויפגעהויבן אף אים ביידע הענט.

— יאשע! — האט ער געשריען — ווי איז מיר... יאשע קאלב!...

די אידן אין בית־המדרש זיינען פארגליווערט געווארן.

— נעמטס אים צו — האבן זיך געהערט קולות — ער איז משוגע געווארן!ווארפטס אים ארויס, דעם מתנגד!

הענט פון אלע זייטן האבן זיך געגעבן א צי צום דיין. אבער ער האט זיך נישט געלאזט רירן פון ארט. אן אויסערגעוויינלעכן כוח האט דער דארער אלטער איד איצט געהאט.

— אידן! — האָט ער גערופן — זייט וויסן, אַז מען האָט אייך גענאַרט! אידן, דאָס איז נישט דעם רבינס איידעם, דאָס איז יאָשע פון ביאַלאַגורע, יאָשע קאַלב, אַ פושע־ישראל.

אידן האָבן זיך געכאַפּט פאַר די אויערן.

— פאַרשטאָפּט אים דאָס מויל! — האָט מען געשריען — מיט די גאַרטלען אים בינדן!

אָבער דאָ זיינען דעם רבינס אַלע זין מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן און זיך געשטעלט, ווי אַ וואַנט, פאַר דעם דיין דעם מתנגד.

— אידן! — האָבן זיי גערופן — טשעפּעט נישט קיין תלמיד־חכם, אַ רב! לאָמיר הערן, וואָס ער רעדט. ס'איז ראש השנה.

אין איין אויגנבליק איז ר' שכנא געשטאַנען אויפן בעלעמער און געקלאַפּט אין טיש.

— אידן! — האָט ער אויסגערופן — איך בין ביים קלאָרן זינען. אידן, איך שווער ביים הייליקן טאָג ראש־השנה, אַז דער איד, וואָס שטייט דאָ פאַר אייך, איז יאָשע, וואָס מען רופט אים מיטן צונאָמען קאַלב, פון דער שטאָט ביאַלאַגורע. ער האָט, לא עלינו, דאָרט פאַרפירט אַ אידישע טאָכטער, די טאָכטער פון שטאָטישן שמש קנה. דאָס האָט נישט פאַר קיין אידישע שטאָט געדאַכט, געבראַכט צו אַ מגפה. דערנאָך האָט דאָס בית־דין אים חתונה געמאַכט מיט דער בתולה, אָבער אין דער נאַכט פון דער חופה איז ער אוועק און איבערגעלאָזט אַ אידישע טאָכטער אַן עגונה. אידן, איך קאָן שווערן דערויף ביי אַן ארון־קודש. אידן, אַ גאַנצע שטאָט מיט עדות קאָן איך ברענגען.

אַזוי גיך ווי ער איז אַרויפגעלאָפן אויפן בעלעמער, איז ער צוריק אַראָפּגעלאָפן, געלאָזט זיך צום צוריקגעקומענעם און געהויבן אים ביידע פויסטן אין פנים.

— לייקן! — האָט ער געשריען — לייקן, אַז דו ביסט נישט יאָשע קאַלב!

דער צוריקגעקומענער האָט קיין וואָרט נישט גערעדט. מיט אויגן גרויסע, אָפענע, וואָס זעען נישט קיין שום זאַך אַרום זיך, האָט ער אויף דעם שרייענדיקן אידן אַ בליק געטאָן און אוועקגעגאַנגען, אוועקגעגאַנגען האַסטיק, מיט גיכע גלייכע און פעסטע טריט, פונקט ווי ער איז אַריינגעקומען.

און אַלע זיינען געבליבן פאַרשטיינערט, דערשלאָגן. אַ טרויער האָט זיך פּלוצלונג אויסגעלייגט איבער דעם גרויסן באַלויכטענעם יום־טוב'דיקן בית־המדרש, איבער אַלע קעפּ.

— אידן, לאָמיר גיין צום רבין! — האָבן קולות גערופן — צום רבין!

דער גאַנצער עולם האָט געשפּאַרט צום רבינס טיר.

דרייאונצוואנציקסט קאפיטל

ווי אן אנגעגליטער שטיין אין א פאס וואסער, זיינען אריינגעפאלן די הייסע רייד פון ר' שכנא דיין אין ניעשאווער הויף אריין.

דער רבי ר' מלך האט נישט געלאזט פאלן קיין שטויבעלע אף זיין אײדעם.

— עך וועל אים אויסרייסן, דעם ביאלאגורער דיין, פאר מאכן א בילבול אף מיין קינד! — האט ער זיך געקאכט — כ'וועל הייסן מיינע חסידים, זיי זאלן אים מיט שטעקנס ארויסיאגן פון שטאט!

א חשק צו מלחמה, צו לעבן האט מיטאמאל אויפגעוואכט אין דעם אלטן דרימלענדיקן רבין, ווי אין די אמאליקע יארן.

ישראל אביגדור האט דעם רבינס רייד גלייך פאנאנדערגעטראגן.

קעגן דעם רבין האבן זיך אוועקגעשטעלט זיינע זין. זיי האבן פארגעסן איצט אלע מחלוקתן, ארומרייסענישן, אלע האבן זיי זיך געהאלטן איינס, אפגעהאלטן שטילע אסיפות, אין יום־טוב נאך, און גלייך מוצאי ראש־השנה אן אייגענעם מענטש, צוזאמען מיט ר' שכנא דיין, קיין ביאלאגורע אוועקגעשיקט.

זיי האבן גיך צווישן זיך געלט צונויפגענומען, געדונגען זיך קעגנזייטיק, און דאך א סך ריינישן אנגעזאמלט. דאס געלט האבן זיי איבערגעגעבן דעם שליח און אים צענדליקער מאל אנגעזאגט:

— פאר־זשע פייביש מאיר, און זע, דעם קנה שמש מיט זיין טאכטער ביי די אויערן צו ברענגען קיין ניעשאווע. טאמער וועלן זיי וועלן געלט, זאלסטו זיי געבן, פאר און זיי מצליח.

פייביש מאיר, א הויפישער קאכלעפל, א רכילותניק און א דם־שונא פון ישראל אביגדור דעם גבאי, וואס לאזט אים נישט צו צו דער שיסל, האט די ריינישן איינגענייט אין אויסגעקראכענעם פוטערל זיינעם, וואס ער האט מיטגענומען אין וועג, כאטש עס איז נאך געווען ווארעם, און שוין אף דער בריטשקע, וואס פירט צו דער באן, האט ער גענומען זאגן תפילת־הדרך, א לאנגע תפילה, גאט זאל אים אפהיטן פון שלעכטע מענטשן

גלגלים און בייזע חיות. ר׳ שכנא דיין האט אפן גאנצן וועג פון ניעשאווע ביז ביאלאגורע נישט אויפגעהערט שנייצן די רויטע נאז אין דער פא־טשיילע און ברומען.

— כזאל אפילו וויסן צו גיין איבער די הייזער — האט ער געשריען — וועל איך בלייבן ביי מיינס, שרייען אומעטום, אז דאס איז יאשע קאלב. א וועלט איז נישט הפקר.

גלייך מיטן אנקומען קיין ביאלאגורע, ווי נאר ער האט זיין שפיץ רויטע נאז באוויזן, האט ער א פייער אין שטאט אנגעצונדן.

בא״ד פון דער באלעגאלישער בויד אראפ, נישט אהיימגייענדיק אפילו, איז ער גיך געלאפן אין שטאטישן בית־המדרש און פון בעלעמער אראפ גענומען מאכן קולות:

— אידן, א פייער ברענט אין ניעשאווער הויף! אידן, יאשע קאלב וואוינט מיטן רבינס טאכטער!

ניעשאווער חסידים מיט זייערע אייביקע שונאים, די גארביצער חסידים, האבן גלייך זיך גענומען טיילן פעטש.

פייביש מאיר דער ניעשאווער שליה האט נישט געדארפט שלעפן ביי די אויערן קנה שמש און זיין טאכטער קיין ניעשאווע, ווי דעם רבינס זין האבן אים אנגעזאגט. זיי זיינען אליין געקומען בעטן, מען זאל זיי מיטנעמען. אויך האט ער נישט באדארפט אויפטרענען דאס אויסגע־קראכענע פוטערל זיינס, כדי צו געבן זיי געלט, וואס ער האט געהאט איינגענייט. ער האט געוואלט פארן פאר אייגן געלט, קנה, אויך זיין טאכ־טער צביה אף אייגענעם חשבון מיטנעמען. ער האט געזאגט, יעדע אי־בעריקע מינוט איז אים געווען צופיל.

פונקט אזוי האט געזאגט ר׳ שכנא דיין. ער האט פארגעסן אין רבנות וואס ער האט געוואלט איבערנעמען, פארגעסן אין דער פארזעסענער טאכ־טער זיינער, וואס מ׳דארף זי חתונה מאכן. ער האט זיך נישט געוואלט אפרוען, נישט געוואלט קיין שאלה פסקענען, נאר געריסן זיך קיין ניע־שאווע. וויפיל די ביאלאגורער באלעבאטים האבן אים נישט איינגערעדט, ער זאל פארבלייבן אין שטאט, ווייל עס איז נישטא קיין רב דערווייל און מען קאן שטאט נישט איבערלאזן אף הפקר, האט ר׳ שכנא נישט גע־וואלט הערן.

— סאיז נאך דא א תורה ביי אידן — האט ער געשריען — אפילו פאר רבים... איך וועל נישט לאזן. אף דער גאנצער וועלט וועל איך שרייען, אז אין ניעשאווע וואוינט דעם רבינס טאכטער מיט א פרעמדן מאן.

אידן חסידים האבן איבערגעלאזט די קראמען, דעם מארק און גע־ריסן זיך קיין ניעשאווע. עס זיינען געפארן ניעשאווער חסידים. זיי האבן

באַלד געוואוסט, אַז דאָס איז אַ בּלבול, אַ רשעות פון דעם דיין דעם מתנגד, וואָס מען לאָזט אים נישט זיין קיין רב אין שטאָט. זיי האָבן שוין געזען די מפּלה פון דעם דיין און פון אַלע ניעשאַווער שונאים. אַז מען וועט אים, דעם שייגאָץ, דעם שכנא דיין, אַרויסטרייבן איז זיי נישט געווען געגוג. זיי האָבן נישט געקענט וואַרטן אַזוי לאַנג. זיי האָבן געוואָלט באַצייטנס אים אויסרייסן, טאַקע נאָך אין ניעשאַווע אַליין. זען די מפּלה זיינע אַפן אָרט, טאַקע אין הויפּישן בית־המדרש, וואו מען וועט דאָס אים אַוועקלייגן אַפן טיש און מען וועט אים שמייסן, וויפל נאָר עס וועט אין אים אַריין, דעם משומד. און זיי האָבן איבּערגעלאָזט אַלע געשעפטן און געפאָרן קיין קיר"ה.

עס זיינען געפאָרן חסידים פון אַנדערע רבּים, איבּערהויפּט די גאַר־ביצער, כדי צו דערלעבן אַ נקמה אין זייערע שונאים, די ניעשאַווער.

עס איז אויך געפאָרן אַבּיש קצב, ווי נאָר ער האָט דערהערט די מעשה מיט יאָשע קאַלב, האָט אים גלייך גענומען קיצלען אין די הענט. ער האָט איבּערגעלאָזט די יאַטקע זיינע, מיט די העק, קלעצער און ווייבּער, און געריבּן זיך די הענט פון נחת.

— אַ קאַלב איז דאָס? — האָט ער געשריען — אַ ביק, ווי יעד בּין אַ איד געבּוירן!...

אין זעלבּן טאָג נאָך, טאַקע אין צום־גדליה אַליין, האָט ר' זיינוול מוילעכער, דער זעלבּער ר' זיינוול, וואָס האָט באַהאַלטן קאַנטראַבּאַנדע בּיי קנה שמש אַפן גוטן־אָרט, אַוועקגעפירט דעם גאַנצן עולם צו דער גרענעץ. מען האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן בּיז מען וועט קריגן פון דער פּאָלי־ציי גרענעץ־צעטלען. די מינוט האָט געבּרענט. ר' זיינוול האָט זיך געזען מיטן וואַכמייסטער פון דער גרענעץ־וואַך, אָפּגעצאָלט אים אַ רובּל פון אַ קאָפּ און אָפּגעמאַכט מיט אים, אַז ער אַליין, דער וואַכמייסטער, זאָל שטיין אַף דער וואַך. דער וואַכמייסטער האָט זיך געדונגען. ער האָט נאָך געוואָלט פון ר' זיינוולען אַ פּעסעלע עסטרייכישן גלי־וויין פאַר די סאָל־דאַטן זיינע און פאַר זיך אַ זילבּערנעם רובּל אַף אַ מיידל.

— אָן אַ מיידל, זאַנוול — האָט ער געטענהט — וועל איך הערן ווי מען גייט, בּיי גאָט!...

ר' זיינוול האָט אָפּגעדונגען אַ האַלבּן רובּל פון מיידלס לוין און דער וואַכמייסטער האָט איינגעפּאַטשט.

עטלעכע שעה צייט איז דער עולם געלעגן אין די פּויערישע שייערן אין דער פינסטער און זיך שטילערהייט געקריגט.

— ניעשאַווער בּהמות! — האָבּן די גאַרבּיצער חסידים געלאַכט — דער רבּי אייערער האָט זיך געלאָזט פירן אין באָד אַריין פון יאָשע קאַלב...

— גאַרבּיצער שקאָצים — האָבּן די ניעשאַווער געשריען פון היי

ארויס — לאמיר נאר קומען קיין ניעשאווע, וועט מען שוין לערנען מיט אייך בלק.

אביש האט זיך אין דער פינסטער געטשעפעט מיט צביה דעם שמש'ס. זי האט געהירזשעט ווי א פערד.

— הי, הי, הי, אבישעל, הי, הי...

זיינוולס גוים, די גרענעץ־פירער, האבן געשאלטן, געשפיגן.

— שווייגט, פארשאלטענע, מען וועט נאך דערהערן — האבן זיי געבורטשעט.

אין מיטן נאכט האט זיינוול אלעמען דורך א טייכל דורכגעפירט. דער וואך־מייסטער האט קיין איין פליוסק אין וואסער נישט געהערט, ווי עס איז געווען אפגערעדט.

— שוין קיר"ה — האט זיינוול מוילעכער געזאגט, ווי נאר מען איז אריבער אף יענער זייט ברעג — ציט אראפ די שטיוול און טריקנט אויס די נאסע פיס.

אבער די אידן האבן אים אפילו נישט געהערט. זיי האבן זיך גלייך געלאזט צום קליינעם דארפישן עסטרייכישן וואקזאלכל, וואס בליצט מיט א נאפט־לאמטערן אין דער פינסטערניש. זיי זיינען אלע אריין אין איין וואגאן פון דער שמאלער עסטרייכישער באן און גענומען זיך קריגן אפן קול אזוי א גאנצע נאכט, ביז סאמע ניעשאווע.

א גאנצן טאג, פון באלד אין דער פרי אן, האבן די ביאלאגורער אידן ארומגעבלאנקעט איבערן ניעשאווער הויף און נישט געקאנט זיך דער־שלאגן צום רבין.

ישראל אביגדור האט קיין שום גוטס פון די דאזיקע ביאלאגורער געסט נישט ערווארט, און ער האט זיך נישט געאיילט זיי אריינצולאזן.

— מ'קען נאך נישט — האט ער געענטפערט בייז — שפעטער, מארגן.

די ניעשאווער, וואס האבן אזוי גע'חלש'ט דעם גאנצן וועג צו קומען שוין אין רבינס הויף, האבן גלייך דא אראפגעלאזט די נעזער. עפעס האט געשמעקט מיט מרה־שחורה אין רבינס הויף, מיט אבלות. פונקט אזוי זיינען די גארביצער געווארן ביי זיך האפערדיק. זיי האבן גלייך אויס־געזוכט אין ניעשאווע עטלעכע אייגענע מענטשן, גארביצער חסידים, און געפראוועט א סעודה'לע.

— לחיים! — האבן זיי זיך געוואונטשן מיט קוראזש — מען זאל הערן גוטע בשורות.

קנה שמש און זיין טאכטער צביה האבן געלעבט א טאג. פייביש מייער האט פון דער הניפישער קיך געשיקט זיי פון אלעם גוטן, געגזענע

פּולקעס און הילערנע פּופּיקלעך. זיי זיינען געזעסן אַפן הויף בײַם פּלומפּ, דער טאַטע מיט דער טאָכטער, געקייט פּאַמעלעך די גוטע מאכלים און געוואָרפן ברעקלעך פאַר די פאַרבלאָנדזשעטע הינער, וואָס קומען אין הויף זיך אונטערהאַלטן די הערצער.

— טאַטע, גוט עסן — האָט צביה געזאָגט מיט אַ פול מויל אָנגע־פּאַקט מיט פליייש.

— עס, עס — האָט קנה איר צוגעגעבן אַפּעטיט — רייב.

אַבּיש קצב האָט גלייך אַ צי געגעבן צו דער קיך, צו די דינסטן. ער האָט די דיקע מיידן אַרויסגעוויזן גרויס קענטעניש, קצב׳ישע לומדות אין אָפּשאָבן פיס, אין רייניקן מאָגנס, און ער האָט בײַ זיי שטאַרק אויס־גענומען. זיי האָבן אים אונטערגערוקט פון בעסטן און שענסטן.

בלויז ר׳ שכנא האָט זיך ארומגעדרייט אַ בייזער, אַ צאָרניקער. ער האָט נישט געגעסן, נישט געטרונקען, נאָר כסדר געריייניקט די נאָז און זיך אויפגעגעסן אַ לעבעדיקער, וואָס מען לאָזט אים נישט אַריין צום רבין.

— אַ וועלט איז נישט הפקר! — האָט ער געבּרומט אין דער מאָגערער באָרד אַריין — ניין!

פאַרנאַכט־צו האָבן דעם רבינס זין זיך גענומען אַריינמישן אין דער זאַך.

— ישראל אביגדור — האָבן זיי געפייערט — דאָס איז נישט קיין יושר צו לאָזן פרעמדע אידן זיך וואַלגערן. ישראל אביגדור, מירן זען, ווער איז דאָ באַלעבאָס אין ניעשאַווע!

ישראל אביגדור האָט אַ בליק געטאָן אף די „קינדער“ מיט אַ פאַר־פאַרזשמורעטע אויגעלעך. אַ ווײַלע האָט אים דאָס בלוט צוגעשלאָגן צו די אויערן. אַלע זיינע רויטליך־גרויע האָר אַף די הענט און אַף דער נאָז און אויערן האָבן זיך אויפגעשטעלט, גרייט צום קאַמף. ער האָט געוואָלט אַ זאָג טאָן, אַז ווי לאַנג דער רבי, ביז הונדערט און צוואָנציק יאָר, זיצט אַף דער שטול, איז ער, ישראל אביגדור, דער באַלעבאָס בײַ זיין טיר, צי עס געפעלט וועמען יאָ, צי נישט. די ווערטער זיינען אים שוין געלעגן אַף דער צונג. אָבער אין די ווערטער פון רבינס זין האָט ער דערפילט אַ נייעם טאָן, אַ תקיפות. זיי האָבן געקריגן לשון — האָט ער אַ טראַכט געגעבן. ער האָט גלייך דערשנאַפּט, אַז עפּעס איז נישט פריילעך אין הויף, אַז דער ביאַלאָגורער דיין, דער שמויגער, האָט עפּעס דאָ פאַרקאָכט אַ קאַשע, אַ מיאוסע קאַשע, אַז אַלענפאַלס איז איצט נישט די צייט צו מלחמה מיט דעם רבינס זין, דערמיט קען מען קיין סך איצט נישט אויפ־טאָן. און ער האָט פאַרביסן די ליפּן און געבּרומט:

— ער לאָז דען נישט די פרעמדע אַריין? ער טו בלויז דעם רבינס ווילן, ער.

און טאַקע באַלד דערויף, האָט ער שוין גענומען צונויפֿרופֿן די ביאַ־לאַגורער אידן און געהייסן זיי וואַרטן פֿאַר דעם רבינס טיר.

אַריינגעלאָזט האָט ער דעם עולם איינציקווייז.

אויבן־אָן איז געזעסן דער רבי ר׳ מ״ד. זיין פּנים איז געווען פֿאַרכמו־רעט, אָבער לעבעדיק, גרייט צו מלחמה, גאָרנישט ווי אין די לעצטע יאָרן. פֿון ביידע זייטן זיינען געזעסן דריי רבנים. קודם־כל, דער שטאָטישער שאלות־פּסקענער, די מינקת, און צוויי פֿרעמדע רבנים, וואָס זיינען גע־קומען קיין ניעשאַווע אויף ראש־השנה צום רבין. אַן אַ זייט, פֿאַרטיפֿט אין אַ ספֿר, איז געזעסן דער צוריקגעקומענער.

צום ערשט האָט ישׂראל אביגדור אַריינגעפֿירט דעם דיין ר׳ שכנא.

דער רבי האָט אים נישט געבעטן זיצן. ער האָט אים באַטראַכט, אויסגעקווילערט אויף אים די אויגן זיינע, ווי נאָר זיי אַרויסצוואַרפֿן פֿון די לעבער, און פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן מיט כעס:

— זאָג נאָר, דו דיין, דו האָסט געמאַכט אַ בלבול אויף מיין איידעם ר׳ נחום, וואָס זיצט דאָ פֿאַר אונז, אַז ער איז, חלילה, נישט נחום, דער מאַן פֿון מיין טאָכטער, דער זון פֿון קדושים, נאָר גאָר איינער עפּעס אַ יאָשע, וואָס מען רופֿט אים קאַלב. פֿון דער שטאָט ביאַלאַגורע אין רוסיש־פּוילן, דער מאַן פֿון אַן עגונה. דו שטייסט פֿאַרן בית־דין פֿון דריי רבנים. קאָנסטו זאָגן בהן־צדק דאָס, וואָס דו האָסט געהאַט די העזה צו זאָגן אין בית־המדרש אין ראש־השנה פֿאַר טויזנטער אידן?

— יאָ — האָט געזאָגט ר׳ שכנא דיין פֿעסט.

דער רבי האָט זיך אַרויסגעבויגן פֿון זיין שטול אַרויס.

— זאָג נישט אין דער וועלט אַריין. קוק גוט אָן ר׳ נחומען, וואָס זיצט דאָ פֿאַר אונז, און זאָג אים דאָס אין די אויגן אַריין.

ר׳ שכנא איז צוגעגאַנגען מיט גרויסע שפּרייזן צום שוואַרצן איד, וואָס איז געזעסן ביי אַ ספֿר, ער האָט אויף אים אַ בייזן בליק געוואָרפֿן און גערעדט צו אים מיט אַזאַ כעס, פּונקט ווי דעמאָלט, ווען ער האָט גערעדט צו יאָשע קאַלב ביי ר׳ מאירל דעם רב אין ביאַלאַגורע.

— איך זאָג בהן־צדק פֿאַרן בית־דין פֿון דריי — האָט ער געזאָגט, ווייזנדיק מיט אַ שפּיציקן פֿינגער דעם צוריקגעקומענעם אין די אויגן אַריין — אַז דער, וואָס זיצט דאָ, איז יאָשע, וואָס מען רופֿט אים קאַלב, פֿון דער שטאָט ביאַלאַגורע, דער אונטער־שמש פֿון בית־המדרש, וואָס קהל האָט אים חתונה געמאַכט מיט דער טאָכטער פֿון קנה שמש און אין דער נאַכט פֿון דער חתונה איז ער פֿון איר אַנטלאָפֿן און זי איבערגע־לאָזט אַן עגונה.

אַ בלאַסקייט איז אַרויף אויף די פּנימער פֿון אַלע דריי רבנים.

— וויי איז מיר! — האָט זיך אַ שטיל קול געהערט.

בלויז דער צוריקגעקומענער איז געבליבן זיצן פונקט אזוי רואיק און גלייך ווי פריער. קיין אבר האט זיך נישט באוועגט אין זיין ביי־נערדיקן קערפער, קיין איין פינטל האבן זיינע גרויסע, שווארצע אויגן נישט געטאן.

נאך דעם דיין האט ישראל אביגדור איינציקווייז אלע אנדערע ביא־לאגורער אידן ארייגעפירט. צום ערשט האט מען ארייגערופן די גאר־ביצער חסידים. איינער נאכן אנדערן איז צוגעגאנגען צום רבינס טיש, איינגעקוקט זיך אין צוריקגעקומענעם און אויסגערופן:

— יאשע! יאשע קאלב!

די רבנים האבן זיך איבערגעקוקט. אין זייערע אויגן איז געווען שרעק. בלויז דער צוריקגעקומענער איז געבליבן רואיק. נאך די גארביצער זיינען געקומען די אייגענע עדות, די ניעשאווער חסידים. פון זייער ביאלאגורער האפערדיקייט איז קיין שפור נישט געבליבן. קליין זיינען זיי געווען, איינגעשרומפן און שווייגנדיק, אף אלע פראגן פון רבין האבן זיי בלויז געשוויגן, נישט געקאנט א ווארט אויסריידן.

— ווי איז אונז! — האבן זיי געציטערט, קוקנדיק אף דעם איד מיט דער שווארצער בארד.

אנדערע האבן זיך די אויגן פארשטעלט מיט די הענט.

אביש קצב האט אזא ווילדע פרייד ארומגענומען, דערזעענדיק דעם איד, וואס מען האט געהייסן זיך איינקוקן אין אים, אז ער האט זיך פאר־געסן, וואו ער איז, און גענומען שרייען אפן קול, ווי אין ביאלאגורע אפן מארק.

— א קאלב איז דאס? א ביק, ווי יעך בין א איד געבוירן!

דערביי האט ער אפילו געגעבן דעם צוריקגעקומענעם א פאטש מיט דער האנט איבער דער קני.

— יאשע קאלב, א רוח אין דיין טאטנס טאטן אריין!...

אלע האבן גלייך א קרעכץ געגעבן. ישראל אביגדור האט דעם הויכן, געזונטן קצב אנגענומען ביים קאלנער און מיט אומגעריכטן כוח אים ארויסגעווארפן. בלויז דער צוריקגעקומענער איז געבליבן זיצן רואיק.

ישראל אביגדור האט אריינגעלאזט זי, דעם שמשם טאכטער אליין. איר פאטער האט געוואלט מיט איר מיטגיין, נאר ישראל אביגדור האט אים נישט אריינגעלאזט. דער רבי האט זיך פון שטול אויפגעהויבן, כדי צו זען זי, די האלב־שטומע אידענע. קיינמאל האט ער נאך נישט געקוקט אזוי צארניק אף א אידענע, ווי אף אט דער פליישיקער צביה מיטן גארישן, לאכנדיקן פנים.

— זאג נאר דו — האט ער גלייך גענומען פייערן — דו שטייסט

פאַר רבנים, זאָל עס נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן. זאָג דעם ריינעם אמת, ווייל אַז נישט וועט מען שמייסן מיט ריטער אַף יענער וועלט. גיי צו, קוק גוט אָן דעם איד, וואָס זיצט דאָ, און זאָג ווער ער איז?

צביה איז צוגעגאַנגען צום זיצנדיקן איד און גענומען הירזשען.

— הי, הי, יאָשע! — האָט זי געלאַכט און געשריען צוזאַמען — דו קאַלב, דו אַנטלאָפן צביה... הי, הי, הי...

דער רבי איז צוגעגאַנגען האַרט צו דער הירזשנדיקער אידענע.

— דו — האָט ער גערופן — וואָסערע סימנים קאָנסטו געבן, אַז דער איד איז דיין מאַן?

צביה האָט נישט געענטפערט.

— דו... מאַן... — האָט זי געהירזשעט — דו, יאָשע, קום... דו פאַרן ביאַלאַגורע, הי, הי, הי...

זי האָט זיך צוגעשפאַרט צו אים, געכאַפּט אים פאַר אַ האַנט. ווידער זיינען אַלע דריי רבנים פאַרציטערט געוואָרן. בלויז דער צוריקגעקומענער איז געזעסן רואיק, ווי נישט אים מיינט מען. ישראל אביגדור האָט די אידענע ביי דער האַנט אוועקגעשלעפּט.

— דרך ארץ! — האָט ער גערופן — רוק זיך אָפּ, בהמה!

דער רבי האָט זיך אוועקגעזעצט אַף דער שטול און אַנשטאָט דעם ביז איצטיקן צאָרן, האָט גאָר אַ שמייכל, אַ שפּאַטיש געלעכטער, געצויגן זיין אַלט־האַריק פּנים.

— ביאַלאַגורער דיין! — האָט ער גערופן — איז דער יאָשע קאַלב פון ביאַלאַגורע געווען אַ איד אַ למדן אָדער אַן עם־הארץ

— אַ איד, וואָס קאָן בלויז זאָגן תהילים — האָט דער דיין געענטפערט.

ביים רבי'ן האָבן אַלע בינטלעך מאַכיקע האָר פון זיין באַוואַקסענקייט געלאַכט.

— איך זאָג עדות פאַרן בית־דין — האָט ער געזאָגט — אַז ר' נחום, מיין איידעם, איז אַ למדן אַ גרויסער און אַ בעל־מקובל.

די רבנים זיינען געזעסן אומבאַוועגלעך.

— ישראל אביגדור — האָט ער גערופן — דערציייל פאַרן בית־דין אַלץ, וואָס דו האָסט געזען און געהערט פון ר' נחומטשען, ווען ער איז צוריקגעקומען אין הויף.

ישראל אביגדור האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַרן בית־דין און געזאָגט פייערליך:

— אין עשרת ימי תשובה, פאַרן בית־דין פון דריי רבנים, פאַר מיין רבין און פאַר אַלע אידן זאָג איך עדות אַלץ, וואָס איך ווייס, אָן פאַרהוילעניש, אָן ערמה, אָן קיין שום זייטיקן מיין.

ער האָט דערציילט, הויך, יעדעס וואָרט באַזונדער, דערציילט פאַר די רבנים אַלץ, די מעשה מיטן ספרל, וואָס מען האָט אויפגעמישט אַפן פאַרקנייטשטן בלעטל, דערנאָך, ווי ער איז מיט אים געגאַנגען אין מקוה און נאָכגעזען די צייכנס אַף זיין לייב. קיין איינאיינציקע זאַך האָט ער נישט דורכגעלאָזט, די מינדסטע קלייניקייט נישט פאַרגעסן. דער רבי האָט געשווינט. ביי יעדן נייעם סימן האָט זיך זיין האַריקייט אַלץ מער אין אַ שמייכל צעצויגן. די רבנים זיינען געזעסן מיט אָפענע מיילער פון דערשראָקנקייט און חידוש. בלויז דער צוריקגעקומענער איז געזעסן אַ רואיקער, אַן אומבאַוועגלעכער, ווי די גאַנצע צייט.

צום סאַמע סוף האָט דער רבי געהייסן אַריינפירן זיין טאָכטער אַליין.

— ישראל אביגדור — האָט ער גערופן הויך — רוף אַריין ר׳ נחומס ווייב.

ער האָט זי נישט גערופן סערל, ווי שטענדיק, נאָר ר׳ נחומס ווייב, כדי צוצוגעבן איר חשיבות. אַלעמענס אויגן האָבן זיך געטראָפן ביים אויסרופן די דאָזיקע ווערטער. אין שטוב איז געווען שטיל, אַזוי טויבשטיל, אַז קיינער האָט אַפילו נישט געאָטעמט. בלויז דאָס זשומען פון אַ פליגישן זיווג האָט געהוזשעט איבער דער טרוקענער שויב.

זי איז געקומען אַ בלאַסע, סערל, נאָר אַ זיכערע, גרייט צו אַ מלחמה קעגן אַלע, וואָס ווילן ביי איר צונעמען דעם שווייגנדיקן מאַן, אַף וועלכן זי האָט פופצן לאַנגע יאָר געוואַרט. מיט גלייכע טריט איז זי צו צום טיש, אָפגערוקט זיך אַ טריט צוריק, כדי נישט צו שטיין צו נאָענט פאַרן בית־דין.

דער רבי האָט זי געהייסן זיך צוריק דערנענטערן צום טיש.

— טאָכטער — האָט ער געזאָגט ווייך, ווי ער האָט נאָך קיינמאָל מיט איר נישט גערעדט — די אידענע, וואָס שטייט אין ווינקל, די טאָכטער פון אַ שמש און אַ קברן פון ביאַלאַגורע אין רוסיש־פוילן, זאָגט, אַז ר׳ נחום, דיין מאַן, איז נישט נחום, נאָר איינער יאָשע קאַלב, וואָס האָט מיט איר חתונה געהאַט אַפן בית־עולם בשעת אַ מגפה און דערנאָך זי איבערגעלאָזט אַן עגונה. זאָג פאַרן בית־דין אַלץ, וואָס דו ווייסט וועגן דיין מאַן ר׳ נחום. קיין זאַך פאַרהויל נישט.

סערל דעם רבינס האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צום ווינקלשטוב, וואו דעם שמש׳ס טאָכטער איז געשטאַנען. איידער זי האָט גענומען דערציילן די רבנים אַלץ וועגן איר מאַן, יעדער סימן, יעדער באַוויז, האָט זי צום ערשט געוואָלט זען ד י, וואָס וויל איר שלעכטס טאָן, וואָס וואַרפט אַ בלבול אַף איר, וואָס וויל ביי איר אָוועקרייבן, צונעמען דעם, וואָס זיצט דאָ אַ שווייגנדיקער, אַ פרעמדער און אַזאַ אייגענער גלייכצייטיק. זי האָט אַפילו אַרויפגערוקט דאָס שוואַרץ־זיידענע טיכל,

וואָס זי האָט אָנגעטאָן דאָס ערשטע מאָל נאָך איר ענגונהשאַפט, אַרויפגערוקט עם אַביסל אין דער הויך, כדי צו זען די, וואָס דער רבי האָט אַף איר אָנגעוויזן.

אירע ליפּן האָבן זיך אויסגעקרימט, אויסגעקרימט זיך אין אַ גרימאַסע פון שפּאָט און באַליידיקונג מיטאַמאָל. פון איין זייט האָט איר ווייבעריש געפיל זיך געהויבן. זייער גראָב, טעמפּ און אומגעלומפּערט האָט אויסגעזען די פרעמדע קעגן איר, דער ווייך־פליישיקער גוט־אידישער טאָכטער. איר פריערדיקע אומרואיקייט איז פאַרשוואונדן, פון דער אַנדערער זייט, האָט זי אין זיך אַ בושה דערפילט, אַן ערנידערונג, קעגן וועמען זי, סעריל דעם רבינס, דאַרף פירן מלחמה וועגן אַ מאַן.

אַ ווײַלע האָט עס געדויערט, איין ווײַלע בלויז. זי האָט דערפילט אַף זיך אַ פּאָר בייזע ווייבערישע בליקן, טעמפּע, גרינגע, ווי ביי אַ קאַץ, וואָס מען וויל ביי איר צונעמען די קעצעלעך. די בליקן האָבן זי דורכגענומען, און זי האָט גיך די אויגן אַראָפּגעלאָזט, כדי זיך אויסצודרייען צום טיש פון די רבנים.

אָבער אין דעם אויגנבליק האָט זיך צביה אַ ריס געטאָן פון אָרט.

מיט אַ ווילדער גיכקייט, מיט אַ צוקאָכטקייט פון אַ קו, וואָס רייסט זיך פּלוצלונג אָפּ פון איר שווערער טעמפּקייט און לאָזט זיך לויפן, שטויסנדיק אַלץ, וואָס שטייט אין וועג, מיט אַן אומגעלומפּערטער האַסטיקייט, וואָס לאָזט זיך פון קיינעם נישט אָפּהאַלטן, וואָס דרייט אַלץ איבער, שפּרייטנדיק אַרום זיך הייסן אָטעם, באַגער און לוסט צום קאַמף, — האָט זי אַ פלי געטאָן איבער דער גרויסער שטוב, אַ שפּרונג געטאָן אַף דער ווייכער אומבאַהאָלפענער און דערשראָקענער רבישער טאָכטער און מיט שאַרפע נעגל איינגעשניטן זיך אין איר זיידנס, אין איר ווייכן, פוכקן לייב.

— מיין מאַן, יאָשע! — האָט זי געברומט, שפּריצנדיק פייער פון די מטורף'דיקע, גרינע אויגן און פון די פאַנאַנדערגעבלאָזענע נאָזלעכער — נישט דיין יאָשע! מיין!

דער ערשטער, וואָס האָט זיך געוואָרפן סערעלען צו הילף, איז געווען ישראל אביגדור. מיט געוואַלדיקער געשיקטקייט, ווי אַ יונגער קרעפּטיקער בחור, האָט ער די צעיושעטע צביה גענומען אין די הענט און אָפּגעריסן פון איר קרבן. פון די אַמאָליקע צייטן, ווען דער טאַטע זיינער איז נאָך געווען אַ דאָרפס־שיינקער, און ער, ישראל אביגדור, פלעגט אים צוהעלפן אַרויסוואַרפן שיכורע גוים און גויעס פון שענק, האָט ער געדיינקט אַז דאָס בעסטע מיטל קעגן אַ צעיושעטער נקבה איז, צו כאַפּן זי ביי אַ ברוסט און צוקלעמען. דאָס האָט אַזא פעולה, האָט ער געוואוסט, ווי צו כאַפּן אַ ביק ביי דעם רינג אין דער נאָז. מיט פעסטע הענט, ווי מיט

צוואַנגען, האָט ער צביהס צעוואַקסענע ברוסט אַזוי איינגעקלעמט, אַז זי איז זיך אַזש פֿאַרגאַנגען אין ווייטאָק.

— דו חצופה? — האָט ער געשריען, פֿילנדיק אַ גוואַלדיקן תענוג פֿון קנעטן איר לייב — דו כלבטע!

בײַ דער טיר האָט ער איר נאָך געגעבן אַזאַ שטויס מיטן פֿוס פֿון הינטן, אַז זי איז אַרײַנגעפֿאַלן מיטן פּנים גלייך אין דער הויפֿישער בלאָטע.

און דער רבי ר׳ מלך האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט אַ צאָרניקער, אַ בייזער, און אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש אַף אַלע פֿאַרזאַמלטע:

— ארויס פֿון מיין שטוב!

אַלע זיינען דערשראָקענע ארויס. דער רבי האָט נאָכגעשריען:

— אויסרייסן מיטן וואָרצל וועל עך יעדן, וואָס וועט נאָר איין שלעכט וואָרט זאָגן קעגן מיין איידעם ר׳ נחום!

קיין ברעקל אַלטקייט האָט זיך נישט געהערט אין דעם שטאַרקן, צאָרנדיקן קול.

פֿאַר דער טיר איז געלעגן צביה מיט דעם פּנים אַראָפּ צו דער ערד און געוויינט, וויפֿל דער פֿאָטער אירער האָט זי נישט געפּרואווט איינ־נעמען, האָט זי זיך נישט געלאָזט.

איר קול האָט דערמאָנט אָן דעם וואָיען פֿון אַ הפֿקרדיקן הונט אין דער נאַכט.

פיראונצוואַציקסטע קאַפּיטל

ר׳ שכנא דיין פון ביאַלאַגורע איז אַרויס קעגן דעם ניעשאַווער הויף אין מלחמה. נאָכדעם, ווי דער רבי האָט אים מיט אַלע זיינע עדות אַרויס־געטריבן פון שטוב, איז ער טאַקע פון ניעשאַווע אַוועק, אַוועק צוזאַמען מיט די נאַרביצער חסידים, מיט קנהן און זיין טאָכטער און מיט אַביש קצב. אָבער ער איז נישט געפאָרן קיין ביאַלאַגורע. ער האָט גענומען פאָרן פון שטאָט צו שטאָט, פון רב צו רב, און געפאָדערט גערעכטיקייט.

— אידן! — האָט ער געשריען אין יעדער שטאָט, וואו נאָר ער איז געקומען - אַ פייער ברענט אין ניעשאַווער הויף!

פון דער היים האָט זיין ווייב, די דיין׳עכע, געשריבן בריוו צו אים, געבעטן זיך ביי אים רחמים, ער זאָל אַהיימקומען. ר׳ שכנא האָט נישט געהערט. זיין טאָכטער, די פאַרזעסענע מויד, האָט אים באַוואַרפן מיט בריוולעך, וואָס זיינען געווען דורכגעווייקט מיט די טרערן פון אירע שטענדיק־נאַסע אויגן. גראָד איצט האָבן שדכנים גענומען אָפּשלאָגן די שוועל אין הויז, אָנגעשלאָגן אַלמן׳ס, גרוש׳ס און אַפילו בחורים, וואָס זיינען אַ בעלן אַף אַ דיינות. אַז דעם פאָטער האָט מען נישט געוואָלט ריידן, און זי האָט אים באַשוואוירן מיט אַלע שבועות, ער זאָל רחמנות האָבן אַף אירע אויסגעוויינטע יאָרן און אַהיימקומען. ר׳ שכנא האָט נישט געוואָלט וויסן. קהל אַליין האָט אים גענומען צוריקרופן קיין ביאַלאַ־גורע. אַלע חסידים, שונאים פון ניעשאַווע, האָבן אָנגעהויבן איצט פון אים האַלטן אַ וועלט און געוואָלט אים מאַכן פאַר רב אין שטאָט. זיי האָבן אים גערופן, געקלאָגט זיך, אַז ס׳איז נישטאָ ביי וועמען אַ שאלה צו פרעגן, און אויב ער וועט נישט קומען צו דער צייט, וועט מען מוזן אויפנעמען אַן אַנדערן, כדי נישט צו לאָזן אַ אידישע שטאָט, חלילה, הפקר, ווי אַ סטאַדע אָן אַ פאַסטוך. ר׳ שכנא האָט דערויף נישט געענט־פערט.

— איך זאָל אַפילו וויסן איבער די הייזער צו גיין — האָט ער גע־שריען — וועל איך באַווייזן אַז דעם ניעשאַווערס טאָכטער, אַן עגונה,

וואוינט מיט יאַשע קאַלב, אַ פרעמדן מאַן. אַ וועלט איז נישט הפקר...

ער האָט אַ לאַנגן בויגן פּאַפּיר אָנגעשריבן, אַ כתב, פול מיט קליינטשיקע שפּיציקע אותיות, שאַרפע און בייזע, ווי ער אַליין, אַ כתב פול מיט דינים, אָנגעפּיקעוועט מיט ציטאַטן און לומדות, מיט מיינונגען פון אַ וועלט מיט גאונים און רבנים, וואָס קלאָגט אָן פאַר די אידן פון אַלע לענדער, וואו נאָר זיי געפינען זיך, דעם ניעשאַווער רבין און זיין טאָכטער סערל. מיט דעם דאָזיקן כתב, וואָס ער האָט געלאָזט ביי אַן איינבינדער אונטערקלעפּן מיט לייוונט פון דער לינקער זייט, עס זאָל זיך נישט צערייסן, איז ער געפאָרן פון רב צו רב, פון גאון צו גאון, און געקליבן חתימות, וואָס פאָדערן, אַז דער ניעשאַווער רבי זאָל אויסרייסן די זינד פון זיין הויז און שטעלן זיך, צוזאַמען מיט זיין טאָכטער, דער עגונה, און איר פאַלשן מאַן, לדין, צו אַ דין־תורה פון אַ סך רבנים און גרויסע לייט.

ניעשאַווער חסידים האָבן אים גערודפט, וואו נאָר ער איז געקומען זיי האָבן אים געוואָרפן מליתים אין קאָפּ אין די בתי־מדרשים, נאָכגעשריען אים אין גאַס, גע'מסר'ט פאַר דער פּאָליציי. זיין ווייב האָט איבּ נישט געוואָלט שיקן פון דער היים דאָס אַלטע טולופּל, און ער האָט געציטערט פון קעלט אין זיין צעשיטן אַטלעסענעם כאַלאַט. אויך איז ער געווען אָן וועש, אָן אַ גראָשן אין קעשענע, אָבער דאָס אַלץ האָט אים נישט אָפּגעהאַלטן פון זיינס. ער האָט זיך געשלעפּט פון שטאָט צו שטאָט, איינגעבעטן זיך ביי באַלעגאַלעס, זיי זאָלן אים לאָזן זיצן אויף אַ פּאָס נאָפט, אויף אַ האַרטן זאַק זאַלץ, ער איז געגאַנגען צופוס, גענעכטיקט אין בתי־מדרשים, געהונגערט, און געפירט מלחמה קעגן ניעשאַווע, קעגן גרויסן שטאַרקן, מעכטיקן, ניעשאַווער הויף.

אַ צעווייטאָקטער, אַ צאָרניקער, אַ געפרוירענער, מיט אַ נאָז רויט, ווי טשוויק, האָט ער אָנגעצונדן אידישע שטעט און שטעטלעך, צעבלאָזן אַ פייער פון צאָרן, מחלוקת און אומרו.

צוזאַמען מיט אים זיינען מיטגעפאָרן קנה שמש מיט זיין טאָכטער צביה, די עגונה.

פּונקט ווי ר' שכנא דיין האָט איבערגעלאָזט זיין רבנות, האָט קנה איבערגעלאָזט זיין שמשות אין דער ביאַלאַגורער שול, זיין גוט־אָרט מיט דער לויה־פּושקע, זיינע באַהאַלטענע ליכט אונטער דעם בעלעמער און זיינע אל־מלא־רחמים'ס צו אַכצן גראָשן פאַר אַ שטיק.

— רבי — האָט ער געזאָגט ביי יעדן רב, צו וועלכן ער איז געקומען

— דאָס בין איך קנה שמש פון ביאַלאַגורע און דאָס איז מיין טאָכטער, די עגונה, דאָס ווייב פון יאַשע קאַלב, וואָס דער ניעשאַווער רבינס טאָכטער האָט איר צוגענומען דעם מאַן.

צביה האט זיך געלאזט באטראכטן א שיינענדיקע און געהירושעטע צום הונדערטסטן מאל:

— מיין יאשע קאלב, נישט רבינס טאכטער, הי, הי...

געפארן איז קנה שמש אין וועג גארנישט ווי ר׳ שכנא דער דיין.

פון די פילע יארצייטן, אל־מלא־רחמים׳ס, פון די ליכט, וואס ער האט באהאלטן און פארקויפט, פון די ארץ־ישראל־פושקעס, פון וואנען ער האט מיט א דראט געלט געשלעפט, פון די גאלד־שטיקלעך, וואס ער האט גענומען פאר אויסבאהאלטן קאנטראבאנד אף דעם גוטן־ארט, און פון אלע איבעריקע קהלישע פארדינסטלעך, האט ער א סך געלט געהאט, קנה שמש.

אין זיין וואטעווען לייבל, וואס ער האט געטראגן סיי ווינטער, סיי זומער, האט ער א מטמון מיט געלט געהאט איינגענייט. און ער האט זיך מיט זיין טאכטער גוט אין וועג אויסגעריכטעט. ער האט זיך געקויפט א שעפסן פעלץ, א ווארימן און א פעטן, וואס האט זיך געהערט מיט א שארפן גערוך ווי ווייט. די שטיוול זיינע האט ער געלאזט אויסבעטן מיט פעלץ און מיט פארקאוועס באשלאגן, זיי זאלן זיך נישט אויסרייבן. אויך האט ער פון שטרוי, וואס ער נוצט אין זיין בתים־שטיבל, אויסגע־פלאכטן באלאטשן, שטרויענע קאלאשן אזעלכע פאר זיך און פאר צביהן. אפן קאפ האט ער א גרין פליוש־היטל געטראגן איבער די ווייכע אויערן. אפן וועג האט ער זי איבערגעקערט, די קוטשמע, געטראגן זי מיט דעם אונטערשלאק ארויף, זי זאל נישט פון די רעגנס און שנייען קאליע ווערן. אויך צביהן האט ער גוט באקליידט און באשוכט. און א קוישל איר גע־קויפט, אין וועלכן עס זאל א סך עסנווארג אריינגיין, ברויט, און קנאבל, און קעז, און א ציבעלע מיט אביסל זאלץ...

מיט דער גאנצער שמשישער פראקטישקייט האט ער זיך געגרייט אין וועג, געגרייט זיך צו א וועג א לאנגן, אבער א זיכערן.

אף קיין איין מינוט אפילו איז ער נישט געווען מסופק, אז ער וועט אים, דעם יאשע קאלב, צוריקברענגען צו זיין טאכטער צביה. ער האט געוואוסט, אז ווען ער פארלייגט זיך אף עפעס, פירט ער עס אויס, פונקט ווי דעמאלט אין ביאלאגורער בית־המדרש, ווי נאר ער האט אים דער־זען דעם יאשען און אהיימגענומען צו זיך, האט ער דערפירט צו א שידוך צווישן דעם פרעמדן און זיין טאכטער, דורכגעפירט זיינס פאמעלעך, ביס־לעכווייז, אזוי, איז ער זיכער געווען, וועט ער אויך איצט זיינס דורכ־זעצן, צונעמען אים פון ניעשאווער הויף און צוריקברענגען אים צו זיך אפן בית־עולם, צו זיין צביהן. מען דארף נאר טאן א זאך פאמעלעך, נישט געאיילט, נישט ברענען אזוי, ווי דער שכנא דיין. געגוג צייט, איז דאנקען גאט, דא אף דער וועלט.

ער האָט זיך געקענט אַן עצה געבן, ר׳ קנה שמש. ער איז קיינמאָל נישט צוגעגאַנגען אָפּן מאַרק דינגען אַן אָרט אין אַ באַלעגאָלישער פֿויר. ער קען זיי, די באַלעגאָלעס, ער ווייסט, וואָסערע אויסרייסערס זיי זיינען. ער האָט גענומען אַ שטעקן אין איין האַנט, צביהן נעבן זיך און געלאָזט זיך גיין מיטן שליאַך. ערשט אין וועג, ווען די באַלעגאָלעס זיינען דורכגעפֿאָרן מיט זייערע גרויסע אָנגעשטאָפּטע פֿורן און געטראָפֿן די פֿוס־גייער, האָבן זיי זיי אויפֿגענומען פֿאַר גראָשנס.

— מילא — האָט קנה געזאָגט קאַלט — אַז סיי־ווי־סיי פֿאָרט איר. וועל איך זיך מיטכאַפּן צוזאַמען מיט מיין טאַכטער אַביסעלע. אַי איר וועט טאָן אַ מצוה, אידן, העלפֿן אַ איד אין וועג, אַי איר וועט נאָך כאַפּן ביי מיר עטלעכע גראָשן.

אוועקגעזעצט האָט ער זיך תחילת אַף אַ שפּיץ, אַף אַן עק ברעט, ער זאָל זיך גאָרנישט אָנזען. ביסלעכווייז האָט ער זיך אַריינגערוקט אַלץ מער און מער צווישן די אָנגעפּאַקטע פֿאַרשוינען, געמאַכט זיך באַקוועם. פֿאַנאַנדערגעשפּרייט זיך אַזוי, אַז באַלד איז איינער אַ איד אינגאַנצן אַרויס געפֿלויגן פֿון זיין אָרט און ר׳ קנה איז געלעגן ברייט און געשנאָרכעט.

— ר׳ איד! — האָט דער אַרויסגעוואָרפֿענער געוועקט, געריסן אים — וואָס האָט איר זיך צולייגט ווי אַף אַ היסב־בעט צום סדר? ר׳ איד, לאָזט מיך זעצן זיך.

נאָר קנה איז געווען טויב, ער האָט געשנאָרכט מיט גרויס הנאה.

פֿונקט אַזוי האָט ער אין יעדן שטעטל אויסגעפֿונען זיך אַ גאַסטהויז, אַ ווינקל צו שלאָפֿן.

— וואָס דאַרפֿן מיר דען? — האָט ער געזאָגט מיט אַ רחמנות־פּנים — אַ באַנק, אַ שטיקל ווינקל, אַבי דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן.

נאָך איידער די באַלעבאָסטע האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער שוין זיך אויסגעזוכט שטרוי און אויסגעבעט זיך. דערנאָך האָט ער געבעטן אַ שטיקל קישן, דערנאָך עפּעס אַן אַלטן פּעלץ זיך צוצודעקן, ווייל מיט דעם אייגענעם פּעלץ איז אים אַ שאָד געווען, און צום סוף איז ער גאָר געלעגן אין אַ בעט, איבערגעדעקט מיט אַ פֿערענע איבערן קאָפּ.

מיט עסן פֿלעגט ער זיך אַליין באַזאָרגן. ער איז אַרומגעקראָכן איבער די מערק, געקויפֿט אַביסל קאַרטאָפֿל, ביי די יאַטקעס איינגעהאַנדלט אַ גריישל אַ מציאה, אַ לעבער, און געבעטן די פֿרעמדע באַלעבאָסטע, זי זאָל צולאָזן צביהן צו דער קיך אָפּקאָכן „אַ לויט פֿלייש“. דערפֿאַר האָט ער געהאָלפֿן צעהאַקן אַ שטיקל האָלץ, זיפֿצנדיק דערביי פֿרום־אידישלעך. און נישט געלאָזט דער באַלעבאָסטע אַריינשיטן פֿון איר זאַלץ אין זיין עסן אַריין.

— זאַלץ, באַלעבאָסטעשי, האָב איך אייגנס — האָט ער געזאָגט זיס,

אויפבינדנדיק א ברודיק־לייווענטן זעקעלע — א איד דארף שטענדיק פירן זאלץ מיט זיך.

מערסטנס האט ער, קומענדיק אין א שטעטל, אראפגעכאפט זיך גלייך צום גוטן־ארט און געהאלטן אכסניא ביים באגרעבער. מיט זיין היימישקייט, מיטן אנרופן גרעבעריש אין לשון־קדוש די אלע קברות־זאכן, האט ער זיך גלייך איינגעקויפט ביי די קברות־אידן, צו וועלכע קיינער קומט נישט צו גאסט. איבערהויפט האט ער אויסגענומען ביי די באגרעבערנס. מען האט פאר אים און זיין צביהן געלייגט זיך אין דער לייגג און אין דער ברייט.

אין א סך ערטער האבן אים גאר אידן גענומען צו זיך אף שבת. פראסטע אידן, וואס ביי זייער גאנצן פארן צו גוטע־אידן, האבן זיי אינערלעך א שנאה צו די אלע מיוחסים אין זייד און אין סאמעט, האבן דערפייט די עולה, וואס ווערט אין א גוט־אידישן הויף אפגעטאן צו א פראסטן מענטש, אן ארעמאן. און דערפאר האבן זיי גענומען צו זיך אף שבת קנהן און זיין טאכטער און זיי געגעבן פון שענסטן און פון בעסטן. קנה האט דערפאר צום הונדערטסטן מאל דערציילט די גאנצע מעשה מיט יאשע קאלב און מיטן ניעשאווער הויף. דאס האט די באלעבאטים א סך פארגעניגן פארשאפט. מען האט אפילו פארבעטן צום טיש קרובים און פריינד, זיי זאלן אויך הערן און הנאה האבן. דערציילנדיק אזוי, האט קנה דערווייל געלאסן און גרונטלעך אפגערוימט די גאנצע חלה פון טיש, אנגעגאסן זיך איין גלעזל בראנפן נאכן צווייטן און אויך געמונטערט צביהן, וואס האט, פונקט ווי ער אליין, געריבן אף ביידע באקן.

— עס, עס, טאכטער מיינע — האט ער איר אונטערגעגעבן חשק — שעם זיך נישט, ס'איז היימיש...

און ביי רבנים איז געזעסן ר' שכנא'דיין און געטאן זיינס.

אף די שבתדיקע טישן איז געווען אנגעגרייט פון שענסטן און בעסטן. אבער ר' שכנא האט זיך קוים צוגערירט צו עפעס. ער האט פון אלץ איבערגעלאזן, 'נישט געוואוסט וואס ער עסט, וואס מען דערלאנגט אים צום טיש. ער האט צען מאל איינגעטונקען דאס זעלבע שטיקל חלה אין זאלץ, אפגעשאקלט עס, און ווידעראמאל איינגעטונקען. ער האט אויפגעגעסן די פעטרישקע פון דער יויך, פארגעסנדיק גאר אליין, אז ער האט עס נישט ליב. דאס עסן איז ביי אים געווען אן אפקומעניש, אן עול. פונקט אזוי איז ביי אים געווען דאס זמירות־זינגען. זיין קאפ איז געווען פארנומען מיט איין זאך — מיט יאשע קאלב און מיט דעם ניעשאווער הויף.

ווידער און ווידער האט ער אנגעהויבן אויפסניי דאס אייגענע. ער האט זיך געקאכט, געווארפן מיט די הענט, געכאפט זיך ביי דער בארד.

געשנייצט מיט אַ פֿייף די נאָז, געשאָטן מיט ספֿרים. אַ וועלט מיט ספֿרים איז געלעגן אין זיין אַלטן פֿאַרדאַרטן קאָפּ. די אויגן האָבן געפֿייערט, נע־שפּריצט פֿונקען.

— ר׳ שכנא — האָבן אים רבנים געבעטן — לאָזט עס אָפּ ביז שבת־צו־נאַכטס, שבת דאַרף אַ איד זיך נישט אָנטאָן קיין עגמת־נפֿש. נעמט, ר׳ שכנא, אַ שטיקל פֿיש.

נאָר ר׳ שכנא האָט אַפֿילו נישט געהערט.

— אַ וועלט איז נישט הפֿקר! — האָט ער געשטורעמט — ס׳איז נאָך דאָ, ברוך השם, אַ תּורה בײַ אידן.

אידן גבירים האָבן אים אַפֿילו גענומען טשעפּען:

— דיין — האָבן זיי געזאָגט — אַפֿילו דער סמבטיון רוט אין שבת, און איר — נישט.

ר׳ שכנא האָט זיך נישט באַליידיקט. ער האָט גאָרנישט געהערט, וואָס מען רעדט צו אים. אַלץ, וואָס האָט זיך נישט אָנגעהערט מיט ניע־שאַווע און מיט יאָשע קאַלב, איז גאָר צו זיינע אויערן נישט דערגאַנגען. ער האָט נישט גערוט, נישט געשלאָפֿן, נישט געגעסן, נאָר געלאָפֿן פֿון בית־מדרש צום בית־מדרש און געהאַלטן דרשות קעגן ניעשאַווע. ער האָט אויפֿגעהעצט פּראָסטע מענטשן, נישט געלאָזן רוען רבנים און לומדים, ער האָט געטראָגן מחלוקת, פֿייער, ער האָט געקלאַפּט אין טישן, געסטראַ־שעט מיט גיהנום, מיט מגפֿות, מיט אַ שלעכטן סוף.

ער איז געוואָרן נאָך דאַרער, ווי שטענדיק, אויסגעטריקנט ווי אַ שפּאָן. זיינע אויגן זיינען געוואָרן טיפֿער, די באָרד — גרויער, מאָגער, שטייף. זיין האַלז איז געוואָרן הייזעריק, די אויגן — רויט, די דאַרע הענט — קנאָכיק. אָבער ער האָט קיין זאַך נישט געפֿילט, נישט געזען. געזען האָט ער בלויז דעם ניעשאַווער הויף, די גרויסע זינד, די גערעכטיקייט, וואָס ער, דער ביאַלאָגורער דיין, דאַרף געפֿינען בײַ אידן קעגן ניעשאַווע.

— אידן, אַ פֿייער ברענט אין ניעשאַווע! — האָט ער געוואָרנט — אידן, די תּורה איז גלייך פֿאַר אַלע, פֿאַרן שוסטער, ווי פֿאַרן גוטן־איד! אידן, אַ פֿייער ברענט, וואָס קאָן דאָס פֿאָלק ישׂראל, חלילה, אָנצינדן! אידן ראַטעוועט באַצייטנס!

פינפאונצוואנציקסט קאפיטל

א פייער פון צארן און מחלוקת האט אנגעצונדן אידישע שטעט און שטעטלעך פון ביידע זייטן גרענעץ.

ווי א שטורם־ווינט, וואס טרייבט פייער־צונגען פון דאך צו דאך, אזוי האט זיך ר׳ שבנא דיין געטראגן א צארנדיקער, א פלאטערנדיקער, געטראגן זיך איבער וועגן און שטעגן, און געברענט, געצונדן.

קודם־כל האט ער אויפגערודערט די רבנים.

זיי האבן שוין לאנג קיין נחת נישט געהאט פון די גוטע־אידן, די רבנים אין גאליציע, ווי אין רוסיש־פוילן. צופיל האבן זיך די רבים גע־נומען מישן אין רבנות. זיי האבן אנגערייצט די חסידים קעגן די רבנים, זיי האבן אומעטום ארייגעפאקט אייגענע אײדעמס, קרובים, אייגענע מענטשן. אין די גאליצישע שטעט האבן זיך די רבים נישט באנוגנט בלויז מיט דער רביסטווע, נאר אויך געוואלט האבן דעם כבוד פון זיין רב. זעלטן, אז עמעצער פון זיי האט געקענט פסקענען א שאלה, אבער דאס איז קיין אפהאלט נישט געווען. דאס האט געקאן א איד, וואס קען לערנען, א מינקת, און דעם טיטול, געלט און כבוד האט געהאט דער רבי, וואס האט דער „אם“ זיינער געגעבן בלויז עטלעכע רייניש. דער ניעשאווער האט די רבנים די גרעסטע צרות אנגעטאן. אומעטום ארייגעפאקט משפחה. דאס האט די רבנים שטארק פארדראסן. זיי האבן פון אלעמאל געהאט א בייז הארץ אף ניעשאווע, און די מעשה יאשע קאלב האט זיך זיי גוט אונטערגע־רוקט. עס האט זיי נישט געלאזט איינזיצן אף די ווייכע שטולן.

בריוו פון ביידע זייטן גרעניצן האבן אנגעהויבן גיין פון רב צו רב, לאנגע בריוו מיט שאלות־ותשובות. גרויסע טיטולן האט מען זיך געשריבן איינס ס׳אנדערע, טיטולן, וואס פארנעמען ביז צען שורות קליינעם רבני־שען כתב. צום ערשטן זיינען ארויס די גרויסע רבנים, די גרויס־שטאטישע, די מחברים פון א סך ספרים.

דער פרעמיסלער גאון, דער „שאגת הדוב“, האט דער ערשטער אוועק־געשיקט אן אנגעפיקעוועטן בריוו, א שאלה־ותשובה צום לובלינער גאון, צום מחבר פון „חמד ברוך“.

גרויס ליכט — האט דער „געשריי פון בער“ געשריבן צום „גלוס־טיקן ברוך“ — שטארקער האמער, וואס נעמט אן מילשטיינער און צע־רייבט זיי איינס אין אנדערן, בארג סיני, איינציקער פון דור, וואס וואייל איז אונז, וואס מיר האבן אזא שיינקייט, שיין פון דער וועלט, גרעס־טער פון די גרעסטע, פוטער אלמער מיט ספרים, רבי פון אלע קינדער אין גלות, אויסרייסער פון בערג און פעלזן, זיין ליכט זאל לייכטן ביז אייביק, דער רב פון דער שטאט לובלין, דער מוטער פון ישראל, דער הייליקער קהלה, ציון זאל אויפגעריכט ווערן, אמן.

נאָך עטלעכע זייטן אָנגעשטאָפּט מיט לומדות, ציטאַטן, אָנצוהערע־ נישן, ראשי־תיבות אַז אַ שיעור און אַז אַ סוף, געשריבן אַלץ מיט קליינע פּיצינקע אותיותלעך, וואָס נאָר מתנגדים, שאַרפע קעפּ שרייבן אַזעלכע, האָט זיך דער „געשריי פון בער" אונטערגעשריבן מיט עטלעכע שורות זיידלערייען אַף זיך אַליין.

פון מיר — האָט ער זיך געחתמ׳עט — דער צעטרעטענער וואָריפ, נישט־מענטש, דער אָרימאַן אין תורה, דער נידעריקסטער פון די נידע־ ריקסטע, דער קליינער און יונגער, דאָס רויכיקע ליכטל, וואָס ווערט פאַר־ לאָשן אין שיין פון גרויסן פאַקל, דער מחבר פון „געשריי פון בער", רב פון דער הייליקער קהלה אין פּרעמיסלע.

פּונקט אַזאַ גרויסן אָנגעפּיקעוועטן בריוו, מיט נאָך אַ גרעסערן טיטול פאַרן „געשריי פון בער" און מיט נאָך גרעסערע ערנידערונגען אַף זיך אַליין, האָט אָפּגעענטפערט דער „גלוסטיקער ברוך", דער רב פון לובלין.

נאָך זיי האָבן אָנגעהויבן לויפן בריוו פון קלענערע. עס זיינען גע־ גאַנגען בריוו פון מאָהילעוו ביים דניעפּר קיין קראָקע ביי דער ווייכסל, פון לעמבערג קיין דינאַבורג, פון פּרעשבורג קיין בריסק־דליטא. נאָך די גרויסע רבנים האָבן גענומען שיקן זיך בריוו איינער דעם אַנדערן כל־ ערליי קלענערע, קליינע און פּיטשינקע רבנימלעך. מען האָט זיך באַוואָרפן מיט טיטולן, געהאָגלט מיט שבחים, געשיט מיט פּשטלעך און געצאַצ־ קעט די האַנטשריפט, יעדער וואָרט אַ בריליאַנט.

די פאָסט צווישן ליטא און פּוילן, גאַליציע און רייסן, בעהמען און ירושלים האָט געהאַט אַרבעט. אַפילו רבנים פון גוישע שטעט, פאַרוואָר־ פענע לומדים פון פּאַריז, לאָנדאָן, פּראָג און פּעטערבורג זיינען אַריינ־ געשלעפּט געוואָרן. אויך רבנים ספרדים פון סאַלאָניקי, סטאַמבול, איזמיר, וואָס שרייבן זיך אונטער חכם האָבן זיך אין זייער באַזונדערן לשון־קודש געלאָזט הערן.

פון די רבנים איז ער אריבערגעגאַנגען צו די לומדים, צו די חסידים, מתנגדים, פּראָסטע לייט און באַלמעלאָכעס. אידן האָבן אויפגעהערט לער־ נען, האַנדלען, אַרבעטן, דאַווענען אַפילו. מען איז געווען פאַרנומען מיט ניעשאַווע. גאָרביצער חסידים מיט ניעשאַוווער חסידים האָבן זיך געפּאַטשט, געשאָלטן, נוקם געווען זיך איינער אין אַנדערן. איינער האָט דעם צווייטן אויסגעדונגען אַ זעקל קאָרן אין מאַרק, אַביסל פלאַקס ביי אַ פּויער, אַ פור האָלץ אין גאַס. מען האָט זיך געלייגט אין חרם, אָפּגעלאָזן צווישן זיך שידוכים. טאַטעס האָבן געצוואונגען אויסגעגעבענע טעכטער צו גטן זיך מיט זייערע מענער, וואָס זיינען געווען שונאים פון שווערס רבין. ניעשאַוווער האָבן נישט געוואָלט עסן פון דער שחיטה, וואָס עס שעכט אַ גאָרביצער, און גאָרביצער האָבן נישט געוואָלט פרעגן אַ שאלה ביי אַ

רב א ניעשאווער. וויין צו קידוש האט מען נישט געטארט קויפן ביי א שונא, ווייל ער איז געווען אזוי טריף, ווי גוישער. אפן בית־עולם אפילו האט מען נישט געלייגט קיין ניעשאווער נעבן א גארביצער.

פון די מענער איז די מחלוקת אריבער צו די ווייבער.

ביים איינקויפן אין מארק און ביים דאווענען אין ווייבער ־ שול, ביים קאכן און באקן, ביים פליקן פעדערן און ביי שטריקן זאקן, האבן זיי נישט אויפגעהערט מאלן מיט די מיילער, גלאצן מיט די אויגן, אויסטראכטן ליגנס, זאגן גוזמאות און קריגן זיך. עגונות פון אלערליי עלטער און שטאנד האבן גענומען ציטערן, פלאטערן. אלטע האפנונגען פון פארלאזענע ווייבער, וואס האבן שוין לאנג אין זייערע פארשוואונדענע מענער פארגעסן, האבן מיטאמאל אויפגעוואכט, עגונהשע הערצער האבן גענומען קלאפן. דער נאמען יאשע קאלב האט געעגבערט, געבויערט.

אפשר איז ער גאר „מיינער"? — האט זיך ווייבער געבאמבלט אין קאפ — אפשר?...

אפילו די, וואס האבן קיין שום מעגליכקייטן נישט געהאט צו טראכטן וועגן דעם, האבן פונדעסטוועגן געפילט זיך אומרואיק, געוואלט זיך פילן אומרואיק.

פאר לעצטע געלטער האבן ווייבלעך גענומען פארן קיין ניעשאווע. ארומגעוואלגערט זיך וואכן אין הויף, ביז מען וועט אים זען, דערזען דעם, וואס ווייזט זיך נישט, וואס זיצט פארשלאסן אף זיבן שלעסער, נאר וואס א וועלט רעדט פון אים. ישראל אביגדור האט געטריבן די עגונות פון הויף. ער האט אפילו א גוי געדונגען, וואס זאל זיי מיט א בעזעם פאריאגן. זיי זיינען צוריקגעפארן מיט ליידיקע קעשענעס און מיט נאך ליידיקערע הערצער. אבער א סך האבן גענומען שרייען, מאכן קולות, אז דאס איז ער טאקע זייערער, אז מען זאל זיי צולאזן צו אים, זייערע קוויטשיקע קולות האבן די אויערן געלעכערט.

ווייבער פון מענער זיינען געווען אומרואיק, געקוקט מיט דערשראקענע אויגן אף „אירן", צי ער גרייט זיך נישט צו אנטלויפן. טאמער איז א יונגערמאן א סוחרל נישט צו דער צייט צוריקגעקומען פון א יאריד, איז שוין א ווייבל ארומגעלאפן א פאר'סמ'טע און געמאכט פיסקלעך. ווייבער געבאיטעס האבן געהאלטן אפן אויג יעדן פרעמדן מאנסביל, וואס קומט פון א שטאט, יעדע אורח, צי ער איז נישט אמאל אן אנטלאפענער פון אן עגונה.

ווי נאר עס פלעגט אין שטעטל אראפקומען א פרעמדער, א וואיאזשאר מיט מוסטערן, אן אגענט פון ניי־מאשינען, אדער א רייזנדער פון א פארזיכערונגס ־ געזעלשאפט, האבן געבאיטעס אים גלייך געכאפט, און א ווייבל אן עגונה האט שוין אין אים דערקענט „אירן". די יונגעלייט

פלעגן שרייען, בעטן זיך, שווערן זיך, אַז זיי ווייסן נישט פון קיין פּתרון און קיין חלום, אָבער די גבאימטעס האָבן נישט געהערט. קצבים, די שטענדיקע שונאים פון מענער שאַרלאַטאַנעס און זינדיקע, האָבן דעם פאַרשוין געכאַפּט, געפירט צום רב, אויסגעטאָן ביזן לייב און געזוכט סימנים, צייכנס. אפילו צו אָרעמעלייט און מגידים האָט מען זיך געטשעפּעט. צווישן די אויפגעקלערטע און אַפּיקורסים איז געווען ששון ושמחה. קליינשטעטלדיקע משכילים, יונגעלייטלעך אָף קעסט, נגידישע בחורים, האָבן געשיקט צו די העברעאישע זשורנאַלן קיין רוסלאַנד לשון־קודש־בריוו, פול מיט מליצות און פּסוקים, וועגן דער מעשה־קאַלב און וועגן די קריגערייען אין די שטעטלעך. געענדיקט האָבן זיי אַלע מיטן פּסוק פון דער מגילה „וכדי בזיון וקצף“, און אונטערגעשריבן האָבן זיי זיך אַלע מיט משונהדיקע נעמען פון נביאים און גרויסע העלדן פון תנ״ך. גאַליציישע אידישע לערער האָבן באַשריבן די זאַך אין ווינער צייטונגען אין זייער אַ געהויבענעם פּאַעטישן דייטש, מיט ציטאַטן פון לעסינג און שילער. אַ קליינשטעטלדיקער משומד, אַן אַדוואָקאַט, האָט וועגן דעם אָפּגעדרוקט אין אַ פּויליש אַנטיסעמיטיש בלאַט, און איינער אַ וויבערשער לערער פון בראָד האָט גאָר פאַרפאַסט וועגן דעם אַ ליד אין גראַמען און פאַרקויפט עס צו אַ קרייצער אַ שטיק צו אַלע דינסטמיידלעך, משרתים און באַלמעלאָכעס. געשריבן איז דאָס ליד געווען אין הויך דייטש, צו זינגען מיט דער מעלאָדיע פון „דער בראָדער שרפה אין יום־כפור צו כל־נדרי“. אַ „מאַראַליש“ ליד, וואָס טאַקע דער זעלבער לערער האָט פאַרפאַסט און אַלע האָבן עס גוט געקענט. די ניי־מאַשינען האָבן גאָר בעסער געקלאַפּט ביי אַלע שניידערס און נייטאָרנס ביים שיינעם ליד פון דעם בראָדער פאַרפאַסער.

אויך גוטע־אידן, שונאים פון ניעשאַווע, האָבן נישט גערוט.

נישט נאָר אין גאָרביצע, נאָר אין אַלע אַנדערע הויפן האָט מען דערלעבט אַ נקמה אין ניעשאַווע. צופיל חסידים האָט ער געהאַט, דער ניעשאַווער, צו גרויס איז ער געווען. זיי האָבן געקוואַלן פון נחת, איצט אַ שיינע מעשה, דער ניעשאַווער בעל־מופת האָט זיך געלאָזט אָפּנאַרן פון אַ קאַלב...

זיי האָבן געוואוסט, אַז דער רבי ר׳ מלך איז שוין אַלט, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע. אָבער זיי איז נישט אַזוי געגאַנגען אין דעם רבין אַליין, ווי אין דער דינאַסטיע, אין הויף. מען האָט געוואָלט, אַז ניעשאַווע זאָל זיך צעפאַלן, דער הויף זאָל ווערן צו שפּאָט און צו שאַנד, אַז עס זאָל גאָר זיין אַ בושה צו פאָרן אַהין. חסידים וועלן בלייבן אָן אַ הויף, אָן אַ רבין, וועלן זיי זיך מוזן זוכן אַנדערע רבים. דערפון קאָן יעדן אַריינפאַלן אַן עולם. עס איז דאָ פון וואָס צו ירשענען: חסידים, גבירים, רבנים, שיינע־אידן, גליך, ווי פריער די רבנים, האָבן די רבים גענומען

שטורמען ניעשאווע, שרייען גוואלד וועגן פייער, וואס ברענט דארט.

בריוו זיינען געגאנגען פון רבין צו רבין. בריוו אין וועלכע עס איז נישט געווען אזוי פיל לומדות ווי אין די רבנישע בריוו. אויך איז דאס לשון־קודש נישט געווען אזוי גלאטיק. מיט א סך גרייזן און טאקע קרום געשריבן. אבער די טיטולן פון איינעם צום אנדערן זיינען געווען נאך גרעסערע און שטארקערע ווי די רבנישע. מען האט זיך גערופן מלאך, געטלעכער מאן, שטיק פייער, פלאם, דונער און בליץ, הימלישע ליכט און א סך אנדערע אזעלכע נעמען.

צום לעצט האט זיך אויך דאס מלכות גענומען אריינמישן.

ערשטנס, האבן אידן געשריבן מסירות. קליינע אידן האבן געשריבן קליינע מסירות צו קליינע באאמטע, אז אין ניעשאווער הויף זיצט א מענטש, וואס האט צוויי ווייבער. אז די קליינע הארן האבן זיך נישט־וויסנדיק געמאכט, האבן גרעסערע אידן געלאזט אנשרייבן א גרויסע אנקלאגע צום קייזערלעך־און־קעניגליכן שטאטהאלטער. אבער אויך פון דארטן האט מען זיך נישט געאיילט ארויפצושיקן א קאמיסיע צום ניעשאווער הויף. האבן אידן צווישן זיך צונויפגענומען געלט און אוועקגעשיקט א דעלעגאציע פון עטלעכע רבנים, גרויסע דייטש־קענערס, מיט אן אונטער־טעניקסטער ביטע צו דער רעזידענץ אליין, קיין ווין צום קולטוס־מיניס־טער, ער זאל זיך אננעמען פאר דעם כבוד פון דער רעליגיע און די אידישע קולטוס־געמיינדעס, וואס ווערט דורך ניעשאווע געטרעטן מיט די פיס.

ער האט געמוזט די שליחים אויפנעמען אליין. דער קייסערלעכער און קעניגלעכער מיניסטער. דער רויט־האריקער רעפערענט איבער אי־דישע אנגעלעגנהייטן, דער משומד האפראט פעשעלעס, האט זיי גע־וואלט אליין אלין באזארגן, אבי נישט מטריח צו זיין זיין עקסעלענץ דעם מיניסטער, וואס איז שטארק פארנומען מיט שטאאטס־אנגעלעגנהייטן. אבער די רבנים האבן נישט געוואלט אפטרעטן, ביז דער מיניסטער אליין וועט זיי נישט אויפנעמען.

אין נייע זיידענע זשופיצעס, וואס זיי האבן זיך ספעציעל געלאזט אויפנייען צו דער נסיעה, אין קליינע סאמעטענע יארמעלקעלעך אף די גענאלטע קעפ און מיט אויסגעקרייזלטע פיאות וואס האבן אויסגעזען ווי פלעשעלעך, האבן זיי זיך געבויגן ביז די גארטלען פארן רויט־האריקן האפראט, דעם משומד פעשעלעס.

— וויר זיינען זייער דאנקבאר דעם גראסן הערן פיר זיין גענאדע — האבן זיי געזאגט — אבער וויר ווילן האבן דאס גראסע גליק דורך עק־סעלענץ זעלבסט עמפפאנגען צו ווערן. אין דיזן זכות וועלן זי האבן לאנגע יאהרן.

דער קולטוס־מיניסטער, גראף קערוויש נאווראטני, אן עלטערער

גערמאניזירטער האלב־אונגאר, האלב־טשעך, א בלאסער בלאזירטער מיוחס און שוטה, וואס טאקע צוליב דעם האט מען אים געמאכט פאר קולטוס־מיניסטער, האט געשאלטן אין דריי שפראכן מיטאמאל, אין דייטש, אונגאריש און אפילו טשעכיש, ווען דער האפראטה פעשעלעס האט אים געמאלדן וועגן דער ראבינער־דעלעגאציאן. ביי אים אין קאבינעט איז גראד געזעסן די באלעט־טענצערן פיפי יאראוויצי. שוין דריי מאל האט ער פון איר שיין הענטל געכאפט א שנעל אין דער נאז. אבער דערפאר האט ער שוין גאנצע דריי מאל אויפגעהויבן איר דאס קלייד און מיט דעם ליארניאן באטראכט אירע „געטלעכע" פיס. ער איז אזש בלוי געווארן פון כעס, ווען דער האפראט האט אים געבראכט די מעלדונג. ער האט געשאלטן אלע אידן ביז תרח'ן, אבער נישט־אויפנעמען קיין גייסטלעכע האט ער נישט געקענט. זיין קייזערלעך־קעניגליכע און אפאסטאלישע מאיעסטעט האט שטארק געהאלטן פון אלע גייסטלעכע פארשטייער. דערצו טאקע האט ער קיין אנדערע ארבעט נישט געהאט, ווי אויפנעמען דעלעגאציעס. ער האט דעריבער ארויפגעצויגן א וויכטיקע לייטזעליקע און פייערלעכע מינע אף זיין בלאס אפגעלעבט פנים, ער האט צוגעלעט די עדלעכע שיטערע האר אף זיין אויספארפומירטן פליך, וואס זיינען ביי זיין קאמף מיט פיפי יאראוויצי'ס געטלעכע פיס צעשויבערט געווארן, און געהייסן אריינפירן די דעלעגאציע.

ווי נאר מען האט זיי אריינגעפירט, די רבנים, האבן זיי זיך זייער נישט־געשיקט פארבויגן גאר טיף און געמאכט הויך א ברכה מיט א לויב צו גאט, וואס ער האט אפגעטיילט פון זיין כבוד צו א מענטש פון בלוט און פלייש.

אין גרויס צעמישונג און דערשראקנקייט האבן זיי פארגעסן, אז די דאזיקע ברכה מאכט מען נאר פארן קייזער אליין. דער מיניסטער האט גלייך באקומען רויטע פלעקן אין זיין בלאס געזיכט פון דעם אומפארשטענדלעכן העברעאישן שפרוך.

— זייער גערירט, זייער — האט ער געזאגט און אויסגעשטרעקט זיין אויסגעצערטלטע אויסגעבריליאנטעוועטע האנט צו די האריקע מאכטלאזע רבנישע הענט.

אין עכט־גאליצישן הויך־דייטש, מיט א גמרא־ניגון, האבן די רבנים אויסדערציילט די גאנצע געשיכטע מיט יאשע קאלב, מיטן ניעשאווערס טאכטער, מיט דער זארג, וואס דאס אלץ פארשאפט די אידן, די טרייע אונטערטאנען פון זיין קייזערלעך־קעניגלעכן מאיעסטעט. דער מיניסטער האט נישט פארשטאנען, וואס די אידן ווילן פון אים, וואסער קאלב זיי מיינען, און עס האט זיך אים שטארק געגלוסט דרימלען.

— זיי זאלן וויניקסטנס זיין געוואשן — האט ער די גאנצע צייט

געקלערט מיט אומרואיקייט, וואָס ער האָט זיי די האַנט געגעבן.

פאַרן אוועקגיין האָבן זיי אים דערלאַנגט אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר און מיט אויפגעהויבענע הענט אים געבענטשט:

— ווייר ווערדען אימער פיר אירע גראָסע גענאַדע דען ליבען הערר גאָט בעטן, פיר דען געזונט, לעבן אונד וואָל פאָן זיין קייזערלעכער אונד קעניגלעכער מאַיעסטעט אונד פיר זיין מיניסטער, זיין עקסעלענץ, דען גראָסן אונד ערעלן הערן דען פּרעמיער...

— איך בין עס ניכט — האָט דער קולטוס־מיניסטער געזאָגט מיט אַ לייכטן זיפץ.

— עקסצעלענץ ווערדן עס שאָן זיין, מיט הילפע גאָטעס — האָבן די רבנים אַלע דריי מיטאַמאָל אַרויסגעזאָגט, נויגנדיק זיך טיף — יערער, ווער פיר דען פאָלק איזראַעל גוטעס טוט, ווירד צו צווייטער האַנט דעם הערשערס. זאָ זאָגן אונזערע הייליקע, געלערנטע לייט, די טאַלמודיסטן.

גלייך נאָכדעם איז נאָך אונטערגעקומען אַ נייע זאַך. עס איז געקומען צו בלוט־פאַרגיסונג צווישן אידן.

איבער שטעט און שטעטלעך איז אַרומגעפאָרן אַ טרופּע פון לעמבערגער בעלפערס, וואָס האָט פאַרגעשטעלט „דאָס פריילעכע לוסטשפּיל פון ניעשאַווער צדיק אָדער יאָשע קאַלב און זיינע צוויי ווייבער". פריער האָט מען זיי געכאַפּט, די לעמבערגער בעלפערס, ביי אַ זינד, אין דער תלמוד־תורה האָבן זיי דעם גבאים גויאישע דינסט פאַרפירט. מען האָט זיי דערפאַר פון דער תלמוד תורה פאַרטריבן און אַפילו פאַרן זמן שכירות נישט געוואָלט באַצאָלן. זיינען זיי פאַר כעס געוואָרן אַקטיאָרן, זיי האָבן פון דער ניעשאַווער געשיכטע אַ לוסטשפּיל אין דייטשמעריש פאַרפאַסט לידלעך דערצו געמאַכט און אין שיינקען און קנייפּעס, וואו עס קומען אַריין באַלעגאָלעס, משרתים, דינסט־מיידלעך און באַלמעלאָכעס, האָבן זיי דאָס געשפּילט. דערביי האָבן זיי זיך פאַרשטעלט איינער פאַרן רבין, אַ צווייטער פאַר יאָשע קאַלב, אַ דריטער פאַרן רבינס טאָכטער און אַ פערטער פאַר צביה דעם שמש'ס.

די בעקער־יונגען און די באַלעגאָלעס איז שטאַרק געפעלן געוואָרן דאָס לוסט־שפּיל מיט די לידלעך און זיי האָבן די בעלפערס אַ סך קרייצערס געוואָרפן אין טעלער. דאָס האָט די בחורים צוגעגעבן מוט און זיי האָבן גענומען פאָרן פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטל צו שטעטל. זיי האָבן אַפילו אַ נקבה אין דער טרופּע אַריינגענומען, אַ דינסט־מיידל, אַ יתומה, וואָס האָט צביה די יתומה געשפּילט און זייער טרויעריקע לידלעך וועגן דעם ביטערן מזל פון יתומות געזונגען. איר געוויין אויף די קניען פאַרן רבינס טאָכטער, זי זאָל ביי איר נישט צונעמען דעם קאַלב, האָט אַ שטיין גערירט, און אומעטום איז דערגאַנגען צו געשלעגן צווישן די ניעשאַ־

װער חסידים, װאָס האָבן נישט געלאָזט שפּילן די בעלפערס, און די פֿראָסטע יונגען, װאָס האָבן געװאָלט זען דאָס טעאַטער־שפּיל. מען האָט זיך געשלאָגן מיט שטעקנס, מיט װאַלגער־העלצער.

אין סאַנדז איז אַ מלמד אַרױס אין מלחמה קעגן די קאָמעדיאַנטן.

ער האָט צונױפֿגענומען אין שטאָט אַ סך אידן מיט שטעקנס, װײַבער מיט קאָטשערעס און לאָפּעטעס, אױך פֿרומע באַלמעלאָכעס האָט ער צונױפֿגערופֿן, און מיט געשרײען און געװאַלדן געלאָזט זיך צו דעם קאַסינאָ פֿון קאַפּראַלן, װאָס איז אָפּגעדונגען געװאָרן דורך די בעלפֿערס אַף טעאַטער.

— אידן, אַף קידוש־השם לאָמיר גײן! — האָט דער מלמד געשריען און געגאַנגען פֿאָרױס קעגן אַלע יונגען, װאָס האָבן דעם קאַסינאָ באַװאַכט — מירן נישט לאָזן חוזק מאַכן פֿון אונזער הײליקן צדיק!

די יונגען האָבן אים געװאָרנט, דעם מלמד, אַז ער װעט שלעכט אָפּשנײדן, נאָר ער האָט זיך נישט אָפּגערוקט. מיט גרױסע אױגן, מיט אױפֿגעהױבענע הענט. איז ער געגאַנגען פֿאָרױס און גערופֿן די מחנה:

— אידן, לאָמיר זיך מוסר־נפש זײַן! אומקומען!

מען האָט אים אָפּגעװאָרפֿן, אָפּגעשלײדערט אַזױ האַסטיק אַז ער איז געפֿאַלן מיטן קאָפּ צו די שטײנער און זיך שױן מער נישט אױפֿגעהױבן. די אידן האָבן אים איבערגעדעקט מיט דער זשופּעצע ביז איבערן קאָפּ און אים געלאָזט אַזױ ליגן ביז פּאָליצײ װעט קומען.

און אין גאַנצן לאַנד האָט זיך אױפֿגעהױבן אַ געשרײ, אַ ליאַרם.

— עק װעלט! — האָבן אידן געזיפֿצט — צוליבן ניעשאַװער הױף איז אידיש בלוט פֿאַרגאָסן געװאָרן.

אױך די גױים האָבן גערודערט. אין אַלע װינער צײַטונגען איז זײער פֿאַרביק באַשריבן געװאָרן די מלחמה צװישן די „לאָקען־יודען”, די פֿאַנאַטיקער פֿון גאַליציע. ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענטן זײַנען געקומען. אַ דעפּוטאַט אַ גױ האָט אױך אַרײַנגעטראָגן אַן אינטערפּעלאַציע אין פֿאַרלאַמענט.

— צי װײסט דער הער אינערן מיניסטער — האָט ער געפֿרעגט — װעגן די בלוטיקע קאַמפֿן צװישן די אױסדערװײלטע פֿון יעהאָװאַ אין גאַליציען, אין צוזאַמענהאַנג מיט ביגאַמיע, װאָס װערט אין אַ צדיקישן הױף געטריבן, און אױב ער װײסט, װאָסערע מיטלען רעכנט ער אָנצונעמען?

נאָך אין זעקסן טאָג איז איבער די טעלעגראַף ־ דראָטן פֿון װין קײן לעמבערג געגאַנגען אַן אָנפֿראַגע פֿון אינערן מיניסטער פֿון װין צום קײזערלעך ־ קעניגליכן שטאַטס־האַלטער גראַף קוטשעביצקי אין לעמבערג.

און די ניעשאַװער פֿעסטונג האָט זיך גענומען ברעכן.

זעקסאונצוואַנציקסט קאַפּיטל

ר׳ שכנא דיין האָט זיינס דערגרייכט.

צו פּסח־צו איז אַף אַלע ווענט פון אידישע שטעט און שטעטלעך פון גאַליציע און רוסיש־פּוילן פאַנאַנדערגעקלעפּט געוואָרן א קול־קורא, אַן אויפרוף פון זיבעציק רבנים און גאונים, אַזויפיל וויפל עס זיינען געווען אין סנהדרין, אין וועלכן דער רבי ר׳ מלך פון ניעשאַווע איז גערופן געוואָרן צו שטעלן זיך צו א דין־תורה.

אַף די אַלטע מויערן און שטיינערנע צוימען פון אידישע שולן, בתי־מדרשים, שעכט־הייזער און מרחץ׳ס, צווישן אַלערליי מודעות וועגן ליכט־צינדן, כשר׳ען כלים, הייצן אין מקוה, פאַרלוירענע און געפונענע זאַכן; צווישן אַלערליי מעלדונגען פון סופרים, וואָס קוקן איבער תפילין, פון ספּעציאַליסטן, וואָס היילן, ברוך־השם, אויס געברייכטע און „שבר׳ס״ אָן אָפּעראַציע, נאָר בלויז מיט א גאַרטעלע; צוזאַמען מיט וואָרענישן פון בעקערס, אז נאָך ליכט־צינדן וועלן זיי ביי קיין פאַל נישט אָננעמען קיין טשאָלנט אין אויוון, מיט נייעסן פון פאַקן־טרעגער וועגן זייערע נייעסטע מעשה־ביכלעך, יאַרמלקעס און גאַרטלען, וואָס זיי פאַרקויפן ביליק; צווישן אַלערליי אויפרופן וועגן אידישקייט און א דייטשמערישער נאַכריכט פון א פּריזידקע צו דעם געעהרטן פראָם־געזאָננענען דאַמען וועגען די מאָדערנסטע שייטלען און פאַרוקן פון געוויינלעכע האָר און ציגן־האָר, וואָס זיינען נאָר־וואָס אָנגעקומען פון ווין, גראָסאַרטיק און עכט־כשר, — איז א גרויס, רייזיק פּאַפּיר אָפּן בכבודסטן אָרט געהאָנגען, א געדרוקטער אויפרוף אין לשון־קודש און עברי־טייטש, אַרום וועלכן אידן האָבן זיך נישט אויפגעהערט זאַמלען.

מיט דער הילף פון אויבערשטן גילובט זאָל זיין זיין נאָמין — האָט דער אויפרוף געשריבן — ריפין מיר דיא אינטערגעשריבינע ציא אַלע אינזערע ברידער פון גאָר דיא וועלט ציא פאַרנעמין אינזער קול וואָס איז וויא דאָס קול פון הימיל זאָגין אינזערע חכמים. אויך זאָגין זייא דאָס איין בית־דין איז גיגליכין צים אַלמעכטיגין דען ווען אינזער מיטער רבקה איז

גיגאנגין ציא שם אין עבר זאגט דיא הייליגע תורה דאס זיא איז גיגאנגין צים אויבערשטין.

נישט חלילה ציליב מחלוקת אין שנאה קעגין עמיצין אדער באהיט גאט ציליב אייגיניציען גייען מיר ארויס מיט דיא דאזיקע רייד דען מיר ווייסין דאס מחלוקת איז ווי געציינדינעריייא באשירימט זאל מען ווערין. נייערט פארקעהרט וויל אינזערע אויגין האבין מעהר נישט גיקענט ציזעהין דאס וואס מיר האבין גיזעהין אין אינזערע אויערין האבין מעהר נישט גיקענט ציהערין דאס וואס מיר האבין גיהערט. א גרויסער חילול השם רחמנא ליצלן פארשפרייט זיך אין די גיצעלטין פון יעקב וואס ברענגט ציא קריגערייא אין מסירות. אין די בתי־מדרשים ווערט נישט גילערינט נישט גידאווינט נור גיפיהרט מחלוקת אפילו אין מיטין דאווינין בפרט ביים לייענין אין די תורה וואס וועגין דעם זאגט דער הייליגער זוהר דאס מען איז דערפאר חלילה פין גאט אפגישיידט. אויך איז דערגאנגין ציא אינזערע אויערין ווייא איז אינז ציא וואס מיר זענין גיפאלין דאס איין יהודי דעם אנדערין מסרט אין ענטפערט איבער ציא גוים. אנדערע האבין אויך שפאט ביכיר גימאכט אין גיבראכט ציא זינד דעם המון־עם די גימייני לייט דען די משרתים אין די דינסטין אין די ווייבער פין המון לייענין באהיט זאל מען ווערין, ליצנות און זינגין אויך אומווירדיקע לידער מיט שפאט אויף צדיקים אין גאטספארחטיקע לייט אינזערע צעדער־ביימיר. ווייא איז אינז דען מיר זענין אויך גיווארין צי שפאט אין שאנד ציא דיא פעלקער. דען זייא לייענין אין די גאזעטין ווענין אינזער שאנד וואס איז אזוינס צווישין אידען נישט גיהערט גיווארין. אין ווייא ווערין מיר קענין דיא אויגין אויפהויבין פאר די שררות אין גרויסע לייט וואס אינטער זייער שאטין לעבין מיר. דען בעט פאר דעם מלכות זאגין די הייליגע חכמים דען איין מענש וואלט דעם אנדערין לעבעדיגירהיט איינגעשלינגין. בפרט אינטער דעם שיץ פון אינזער גראסען הערשיר דער קיסר המלך האדיר ירים הודו. דען זיי ווערין זאגין אויב אין די טענענביימיר האט געטין טיען אויסברעכין א פלאם פייער וואס זאל דען טיען דאס מאך פון די וואנט. אויב ביי די צדיקים איז אזוינס וואס זאל שוין זאגין דער גימיינער המון. א ציטערניש נעמט אן אינזערע לייבער אין א שטרויכלינג אינזערע הענט דאס עס איז פארגאסין גיווארין אימשילדיג בליט גאט זאל זיך שוין אויף אינז דערבארימין.

מיט גיבראכענע הערצער אין מיט גיוויין אין די אויגין ריפין מיר צי זיין הויכין כבוד דעם רבין פון ניעשאווע שליטא ער זאל זיך באדענקין אין גיין צום דין דען עס פאדערין איהם אויף זיבעציק רבנים וואס איז ווייא דער סנהדרין.

מיר זאגין נישט פריהער אויס קיין זאך אין מיר טראגין נישט ארויס

קיין פסק חלילה. אבער א שלעכטע בשורה איז דערגאנגין צי אינזערע אויערין דאס איין מאן וואס א שטאט מיט עדות אויך באגלויבטע לייט תלמידי חכמים דערקענין אין איהם אז אינטער שמש פין דער שטאט ביאלאגורה מיט דעם נאמין יאשע (קאלב) דער האט אין ביאלאגורה איבערגילאזט איין ווייב איין עגונה די טאכטער פון ר׳ קנה שמש האט זיך אויסגיגעבין פאר אן איידים פון ניעשאווע אין ער וואוינט ווייא איז איגז מיט דעם רבינס טאכטער איין אשת איש. מיר זענין ניט חלילה מסכים מיט די רייד בעפויר די זאך איז קלאר געווארין דורך א דין תורה. נייערט מיר פארלאנגין דאס דער רבי פון ניעשאווע שליט״א זאל נישט פארלאזין זיך אויף זיין דעה אין ניט זיין הארט אין זיין גידאנק. אין אפילו ווען בלויז איין מענש ריפט איהם צי א דין תורה דארף ער גיין בפרט ווען זיבעציג רבנים אין גרויסע לייט פאדערין. טיא אפ פין דיר דאס קרימינג פין מויל אין דערוויטער פין דיר דאס שפליצערין פון לעפצין. דיא חכמים זאגין אפילו ווען די ביזט גירעכט. פאר דער תורה איז גלייך דער רייכער ווי דער גימיינער מאן. אפילו דוד המלך זיין זכות זאל אינז ביישטיין אמן ווען אויף איהם איז גיפאלין א פלעק אין דיא חכמים זאגין דאס ווער עס זאגט אז דוד המלך האט גיזינדיגט איז ניט אנדערש ווי ער האט א טעות דאך איז גיקימען ציא איהם דער נביא אין איהם גישטראפט אין דאס קינד ביי איהם ציגענימען.

מיט דעם כוח פין דער היילינער תורה אין מיט דער הסכמה פין גאונים אין צדיקים פאדערין מיר אויף זיין הויכין כבוד ער זאל זיך שטעלין פאר א בית־דין פון זיבעציג רבנים שפעטסטינס ביז אנהויב פון חודש אייר מיר זאלין דערלעבין. צוליב זיין כבוד אין אויך צוליב זיין עלטער קיין עין־הרע אין בפרט ווען דער מאהנער מיז קימען צים גימאהנטין וועט דאס בית־דין קימען מיט גאטס הילף קיין ניעשאווע הגם די טרחה אין די הוצאות זענין גרויס. אבער ביז דיא צייט טאר דער פרעמדער מאן וואס אויף איהם איז דא א חשד לא־עלינו קיין איין אויגינבליק ניט זיין מ׳צהר־מיט דער טאכטער פין רבין שליט״א דיא אשת־איש וואס איז חלילה א ספק פין בליט־שאנד. נייערט זייא זאלין גלייך ווערין אפגישיידט אין נישט זיין אפילו אינטער איין דאך. אזוי זענין די רייד פין דיא וואס רעדין מיט גיבראכינע הערצער אין דערשלאגין געמיט. אין צי דיא וואס ווילין הערין וועט זיין זיס אין עס וועט קימען אויף זיי א בענשינג. אין חודש ניסן צים סדר דער כהן זאל פארגיבין צי איהם פאר גאט.

אונטערגעשריבן זיינען דערויף געווען זיבעציק רבנים, אלע מיט די נעמען פון די פאטערס און די שטעט פון זייערע קהלות. דער רבי ר׳ כ׳לך פון ניעשאווע האט זיך מער נישט געקענט קעגנשטעלן. דערצו האט מען אים אויך פון שטאט־האלטער געגעבן צו פארשטיין, אז ער זאל זען

דורכצופירן די זאך דורך א דין־תורה, א נישט וועט זיך די מאכט מוזן אריינמישן. און דער רבי האט די דין־תורה אנגענומען. אף דעם ערשטן טאג פון חודש אייר אין ניעשאווע, און ער האט אויך צוגעשטעלט זיינע רבנים, ניעשאווער חסידים, וואס זאלן זיצן אין בית־דין פון זיבעציק.

גלייך נאך פסח האבן אנגעהויבן ציען מחנות פון ביידע זייטן גרענעץ צו דער גרויסער ניעשאווער דין־תורה.

עס זיינען אנגעפארן גרויסשטעטישע רבנים פון גאליציע און רוסיש־פוילן, אידן מיט ברייטע אטלעסענע כאלאטן, מיט גרויסע לעדערנע רייזע־טאשן און מיט שמשים, און עס האבן זיך געבראכט צושלעפן קליינע, אויסגעדארטע, פארשווארצטע רבנימלעך, שלימאזלען, וואס מען וויל זיי ארויסטרייבן פון זייערע שטעטלעך און זיי זיינען געקומען זוכן גערעכטיקייט ביי די גרויסע רבנים, וואס פארזאמלען זיך אין ניעשאווע. עס זיינען אנגעפארן מיט טאראראם גבירים, קהל־לייט, אידן תקיפים מיט גלאנציקע סאמעטענע באפעלאטשן און מיט אויסגעקעמטע בערד, וואס מוזן זיין אומעטום, וואו עס קאכט זיך, און עס האבן זיך געצויגן פון אלע וועגן פארבלאטיקטע ארעמעלייט, כדי צו כאפן א פעטע נדבה. אידן מחברים זיינען געקומען מיט זייערע געדיכט־אנגעשריבענע חיבורים, כדי ארייצוכאפן ביי עטלעכע גרויסע רבנים אן הסכמה און קענען דערנאך פארן איבער דער וועלט און זאמלען פרענומעראנטן. אידן נשרפים, טאטעס פון פארזעסענע טעכטער, מיוחסים, האבן זיך באצייטנס אראפגעלאזט קיין ניעשאווע, כדי צו זאמלען געלט אפן ארט און טאקע אינאיינוועגס נעמען עטלעכע בארימטע חתימות פון אנגעזעענע לייט, וואס מיט אזעלכע קאן מען דערנאך א לעבן לאנג ארומפארן איבער שטעט און שטעטלעך און זאמלען בכבוד געלט. עס זיינען געקומען פארזארגטע טאטעס פון כלה־מיידלעך, וואס זיינען געשטרויכלט געווארן און זיי דארפן א כתב פון רבנים וועגן זייער ערלעכקייט. מענער פון ווייבלעך מרה־שחורהניצעס זיינען געקומען זאמלען מיט איין מאל חתימות פון הונדערט רבנים, אז זייערע ווייבער זיינען משוגע און דעריבער מעגן זיי חתונה האבן מיט אנדערע אן א גט. יונגעלייטלעך, וואס לערנען זיך אף רב, האבן געזוכט צו פאקן ביי א גרויסן רב סמיכה. יונגע שוחט'לעך האבן געפירט מיט זיך זייערע שארפע חלפים, כדי צו באווייזן, ווי גוט זיי קענען אנשטעלן א חלף. עילוים, ווילדע בחורים, זיינען געקומען שמועסן אין לערנען, ארויסווייזן לומדות, כאפן א לויב פון א גרויסן רב און דערפאר נעמען דעם אמתן נדן אדער קריגן א רבנות. עס זיינען זיך אויך אנגעפארן גרויסע שדכנים, חוצפהדיקע אידן ליידיקגייער, וואס זיינען איינגייערס ביי גבירים, כדי דורכצופירן אין ניעשאווע א שידוך צווישן א גבירישער טאכטער און א מיוחסדיקן רבנישן זון. רביצנס

אלמנות מיט גרויסע אטלעסענע טשיפּיקעס, וואס די קהלות בא׳עולה׳ן זיי נאכן מאנס טויט, פארדארטע רבנישע טעכטער יתומות, וואס ווילן, אז קהלן זאל זיי געבן דאס רבנות פאר א גדן און דערפאר קריגן א חתן — זיינען געקומען זוכן גערעכטיקייט. אידן מוכר־ספרים׳ניקעס מיט אלטע ספרים אנטיקן, יקר־המציאותן, טליתים־הענדלער, עטרה־מאכער, ציצית פלעכטער, קירזשנער מיט שטריימלעך, קאפּעלאטש־מאכער, דרוקער, וואס נעמען זיך אונטער דרוקן חיבורים — אלע האבן זיך אויסגעלייגט מיט זייערע סחורות. עס זיינען אנגעפארן דייטשלעך מיט דינע שטעקעלעך, אגענטן, וואס זוכן א הכשר אף כלערליי ווייגען, סארדינען, בוימל, קילקעס, פאבריק־קיכלעך, טייען און אנדערע ארטיקלען. אפילו א גוי אן אפטייקער פון מונקאטש, וואס האט ערפונדן א פּראשעק צו ראזירן זיך, האט זיך ארומגעדרייט א פארבלאנדזשעטער און געזוכט א גראנד־ראבי, וואס זאל אים געבן א הכשר פאר אלע פראם־געזאנגענע דייטשן. זיי זאלן זיך מעגן גאלן די בערד לויט דער מאזאאישער רעליגיאן.

און עס זיינען זיך אויך אנגעפארן מיט אייגענע פערד און וועגעלעך פארהארעוועטע דארפישן אידן און ווייבער מיט זייערע חולאים, אלערליי עקרה׳ס, מרה־שחורהניקעס, געליימטע, דיבוקים, כדי ענדלעך אויסצופועלן א הילף ביי די פיל פארזאמלטע הייליקע לייט.

צום סאמע לעצט זיינען אנגעקומען די חשובסטע פון די רבנים.

עס איז געקומען דער אייזערנער קאפּ פון דינאבורג, א אידל א דיקס, א קיילעכדיקס, וואס סאי מיט זיין אויסזען, סאי מיט זיין אנטאן זעט ער אויס ווי א קרעמערל, אבער אויגן האט ער גרויסע, ווילדע, וואס שטייען אף קיין רגע נישט איין אף קיין ארט, לויפן הין און צוריק, ווי וועלף אין א שטייג. עס איז געקומען דער לובלינער גאון, אן אלטער מאן מיט א ווייסער בארד ביזן גארטל, ענליך צו אברהם אבינו, וואס גוים מאלן אף די בילדער. עס איז געקומען דער ליזשאנער צדיק, א איד, וואס קיין למדן איז ער נישט אזא גרויסער, אבער ער מאכט א סך ספרים׳לעך, אהן א שיעור ספרימלעך, אין וועלכע ער האלט אין איין פארביטן, אין איין שרייבן, אז מען טאר נישט. שוין לאנג ווילן אידן צו אים פארן, פאר א רבין אים מאכן, נאר ער וויל נישט. און עס איז געקומען דער עלטסטער און דער גרעסטער פון אלע, דער קראקעווער רב, א איד א זקן, וואס קיינער ווייסט גאר אליין נישט ווי אלט ער איז, אן איינגעשרומפּן אידעלע, אויסגעטריקנט, ווי א שפּאן, וואס צוויי מענטשן מוזן אים פירן אונטער די הענט, און זיין גרויסער קאפּ הערט נישט אויף שאקלען זיך אף רעכטס און לינקס איבער זיין דאר־איינגעשרומפּן הינעריש העלזל, גלייך ווי ער וואלט אף אלץ אין דער וועלט נישט מסכים זיין, זאגן: ניין, ניין!

פון ביאַלאַגורע איז אַ האַלבע שטאָט אָנגעקומען צוזאַמען מיט חנה שמש און זיין טאָכטער. אויסגעפּאַשעט זיינען זיי געווען ביידע, חנה מיט זיין צביה. זיי האָבן געשיינט אינגאַנצן פון די גוטע צייטן אין וועג. אויך אויסגעפּוצט זיינען זיי געווען. צביה האָט אַפילו געטראָגן אַ נייַ טיכל אַפן קאָפּ. און ר' שבנא דיין האָט אַרומגעשפּאַנט מיט צעפלאַכטענע זינגערישע גרויסע טריט. זיין נאָז איז געווען רויט ווי נאָך קיינמאָל נישט.

ער איז תחילת נישט געווען זיכער, צי מען האָט מאַקע דעם יאַשע קאַלב אָפּגעשיידט פון רבינס טאָכטער, ווי די רבנים האָבן געפאָדערט, און ער איז געווען אומרואיק. ער האָט נישט אויפגעהערט אַרומשנאַפּן און אַריינשטעקן אומעטום די רויטע נאָז זיינע, כדי צו דערגיין ווי די זאַך האַלט. ענדלעך איז ער דערגאַנגען, אַז ער איז באַזונדער, דער יאַשע, אין אַ זייט, אַפילו נישט אונטער איין דאַך, ווי ער האָט עס געוואָלט און ווי רבנים האָבן עס געפאָדערט, ער האָט זיך געפילט אַ זיגער, אַ זיגער אַף דעם גאַנצן פראָנט, און ער האָט געשנייצט די נאָז מיט צופרידנקייט, געקייט די מאָגערע באָרד און געשטעקט הענט צו רבנים פון אַלע זייטן.

— שלום עליכם, רב, געלויבט דער אויבערשטער, וואָס מען האַלט שוין אַזוי ווייט, אַ וועלט איז, ברוך־השם, נישט הפקר...

דריי טעג צייט איז אין ניעשאַווער בית־המדרש אָנגעגאַנגען דער גרויסער משפּט. דריי טעג צייט האָבן זיך געוואַקלט די וואָגשאַלן פון ניעשאַווע און ביאַלאַגורע. דאָ האָט איין וואָגשאַל איבערגעוואויגן, באַלד די צווייטע.

אויבן־אָן, אַף אַ גרויסער ברייטער פּאָטער־שטול, אַף עטלעכע קי־שעלעך אונטערגעלייגט, כדי צו קענען דערלאַנגען צום טיש, איז געזעסן דער קראָקעווער רב, דער זקן און גאון. זיין גרויסער קאָפּ האָט זיך נישט אויפגעהערט שאָקלען הין און צוריק, ווי ער וואָלט נישט איינגיין אַף קיין שום זאַך. מיט ביידע אויסגעטריקנטע הענט האָט ער אונטערגעהאַלטן די פאַרוואָקסענע אַראָפּהיינגנדע אַלטע אויערן, כדי צו דערכאַפּן, וואָס מען רעדט.

פון ביידע זייטן טישן, וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט ווי אַ „ח“, זיינען געזעסן די איבעריקע ניין־און־זעכציק רבנים. יעדער לויט זיין אָנ־געזעהנקייט. ביי אַ טיש דערנעבן איז געזעסן דער רבי ר' מלך מיט זיין איידעם. מען האָט אים געוואָלט אַוועקזעצן אויבנאָן, דעם רבין, אָבער ער האָט זיך נישט געוואָלט זעצן נעבן די רבנים.

— עך וויל זיצן נעבן מיין איידעם ר' נחום — האָט ער געזאָגט.

דערמיט האָט ער גלייך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער האָט נישט דעם מינדסטן צווייפל וועגן דעם צוריקגעקומענעם. דאָס האָט אַ שטיל מורמלען איבערן גאַנצן בית־המדרש אַרויסגעברענגט. אַלע האָבן אַף דעם

געמשפטן די אויגן אנגעשטעלט, אבער ער אליין האט קיינעם נישט געזען, אן אנזעעוודיקער, א געוואוקסיקער, א ביינערדיקער, איז ער געזעסן רואיק אף זיין ארט און כסדר געווען פארטיפט אין א ספר, וואס איז געלעגן פאר אים. ישראל אביגדור איז געשטאנען גלייך, ווי א זעלנער, ביים רבינס שטול.

אף א באנק פון א צווייטער זייט איז געזעסן קנה שמש צוזאמען מיט ר׳ שכנא דיין. פונקט ווי ר׳ שכנא האט זיך געקאכט זיצנדיקערהייט, געשנייצט די נאז, געשמעקט טאבעק, געווארפן מיט די הענט, אזוי איז קנה שמש געזעסן א רואיקער, א קאלטבלוטיקער, א גלייכגעזעצטער. אף לאנגע ביינק זיינען געזעסן אויסגעזעצט די עדות די מאנסבילן. פאר די ווייבער פון ביידע צדדים איז געווען אפגעטיילט א ווינקל, פארהאנגען מיט א טישטוך פון שולחן. דאס איבריקע בית־המדרש איז געווען געפאקט מיט אנגעפארענע שיינע־אידן, גבירים, מיוחסים, לומדים און רבני־שע מקורבים און שמשים, וואס האבן נישט אויפגעהערט קריגן זיך איבער אן ארט און איבער כבוד.

— שייגאץ! — האט מען זיך געזידלט — דרך־ארץ דארפסטו האבן! וואו שטופסטו דו זיך אויבנאן, דו ווייגער־יונג!...

אפן בעלעמער זיינען געשטאנען גרויסע ליכט, וואקסענע און שווארצע, א שופר איז געלעגן און א טלית מיט א קיטל צוגעגרייט אף א שבועה. אין ווינקל בית־המדרש איז געשטאנען דאס טהרה־ברעט, אף וועלכן אידן האבן אויסגעמיטן צו קוקן. פון דרויסן האבן פראסטע אידן, באל־מעלאכעס, ווייבער און חדר־אינגלעך אנגעהאנגען זיך אף די פענסטער.

צום ערשטן זיינען ארויסגערופן געווארן די פשוטע עדות, ביאלאגורער אידן, אויך אביש קצב.

— אידן — האט דער קראקעווער רב געזאגט — אן עדות גיט מען נישט קיין שבועה ביי אידן. אבער זאגן פארן בית־דין איז אזוי גוט, ווי מען וואלט געשוואוירן ביי א ספר־תורה. איר שטייט פאר זיבעציק רבנים. דאס איז אזוי, ווי איר וואלט געשטאנען פאר א סנהדרין. באטראכט גוט, איידער איר גייט עפעס זאגן, ווייל ברייט איז די טיר, וואס פירט צום גיהנם, און שמאל איז זי אף ארויס. דאס לעבן און דער טויט איז ביי דער צונג אין דער האנט. האט איר גוט פארשטאנען, וואס איך האב דא אייך געזאגט?

— גוט, רבי — האבן אידן געזאגט מיט מורא.

— גייט צו, קוקט נאכאמאל אן דעם בעל־דין און זאגט ווער ער איז.

— יאשע... יאשע קאלב פון ביאלאגורע.

— וואסערע סימנים האט איר דערויף, אז דאס איז יאשע פון ביאלאגורע? — האט דער רב געפרעגט.

— מען דערקענט אים, פון אַנבליק.

— ווייסט איר, אַז עס קענען זיין צוויי מענטשן, וואָס האָבן דעם אייגענעם אַנבליק?

— יאָ, רבי.

— אפשר דאַכט זיך אייך בלויז, אַז דאָס איז יאָשע?

— ניין, רבי.

— זענט איר זיכער אין אייערע רייד?

— יאָ.

— אפשר האָט איר דעם קלענסטן ספק? שעמט זיך נישט.

— ניין, רבי, מירן די נשמה נישט פאַרקויפן.

די ביאַלאָגורער וואָגשאָל האָט אַראָפּגעוואויגן אָף איר זייט.

— ר' שכנא דיין — האָט דער קראָקעווער רב געריפן — איר זענט אַ רב און איך דאַרף אייך נישט זאָגן, וואָס עס איז אַזוינס זאָגן עדות פאַרן בית־דין!

— איך ווייס — האָט ר' שכנא געזאָגט.

ער האָט עטלעכע מאָל אויסגעריייניקט די נאָז מיט אַ פּייף, אַ סימן אַז ער גיט זיך אָפּ אַ רעכנונג דערפון, וואָס דאָ געשעט, און ער האָט געזאָגט מיט אַ הויך, נאָר הייזעריקלעך קול:

— איך זאָג עדות פאַרן בית־דין פון די גרעסטע גאונים און צדיקים אַז דער איד, וואָס זיצט דאָ פאַרן משפּט, איז דער אונטערשמש פון ביאַלאָגורער בית־המדרש, יאָשע קאַלב, וואָס אַ בית־דין פון דריי האָט גע'פּסק'ענט, אַז ער זאָל חתונה האָבן מיט צביה, דער טאָכטער פון קנה שמש פון דער אייגענער שטאָט. זי האָט עדות געזאָגט פאַרן ביאַלאָגורער בית־דין, אַז זי איז געוואָרן מעוברת פון דעם יאָשע, און דערפאַר האָט מען זי חתונה געמאַכט אין ביאַלאָגורע אָפן גוטן־אָרט. ער האָט די צביה מקדש געווען פאַר אַ שטאָט מיט אידן. אין דער חופּה־נאַכט איז ער אַנטלאָפן און די צביה איז געבליבן אַן עגונה. איך זאָג עדות פאַרן בית־דין, אַז דאָס איז דער אייגענער יאָשע.

אַ ברומעריי איז דורך איבערן בית־המדרש. זיפצן האָבן געשניטן ווי מיט מעסערס.

— שאַ, שטיל זאָל זיין! — האָט דער קראָקעווער רב געריפן.

— שאַ, שטיל זאָל זיין! — האָבן אַלע רבנים נאָכגעריפן.

די ביאַלאָגורער וואָגשאָל האָט נאָך שטאַרקער אַראָפּגעוואויגן.

באַלד איז געקומען ישראל אביגדור און אַזאַ צי געטאָן ביי דער וואָג, אַז די ביאַלאָגורער שאָל איז אַרויפגעפלויגן אין דער הויך.

ער האָט עס געמאַכט זייער פייערלעך, ישראל אביגדור, ער האָט זיך פריער געוואַשן די הענט, ווי ער וואָלט געגאַנגען דאַווענען. ער האָט

גלייך געמאכט די יארמלקע מיטן קאפעלאטש אפן קאפ, ארומגעבונדן דעם גארטל און מיט אזעלכע פרומע טריט צוגעגאנגען צום טיש, ווי מען וואלט אים אויפגערופן צו דער תורה צו גאר א פעטער עליה. דערנאך האט ער זיך אוועקגעשטעלט גלייך, ער האט פארמאכט די אויגן, און ווארט ביי ווארט, מיט א קול, וואס לאזט זיך הערן ווייט, האט ער געזאגט:

— פארן בית־דין, פאר מיין רבין, פאר אן עדה אידן, אין בית־המדרש, זאג עך, עך ישראל אביגדור בן פייגע לאה, אז דער בעל־דין, וואס זיצט דא פאר אונז, איז ר' נחום, דער איידעם פון מיין רבין. ער האט געגעבן סימנים ביים צוריקקומען זיינעם פון גלות־אפריכטן. איך האב אים בודק געווען און געזען אז די סימנים אף זיין לייב, וואס עס האט געגעבן דעם רבינס טאכטער, סערעלע, זיינען די אייגענע. איך בעט רשות ביים בית־דין, אלץ איבערצוגעבן.

— זאגט — האט דער קראקעווער רב באפוילן.

ישראל אביגדור האט דערציילט, דערציילט אלץ, די מעשה מיטן ספר רזיאל־המלאך, מיטן גלאז מילך, מיט אלע איבריקע סימנים. קיין איינציקן פרט, קיין איין קלייניקייט האט ער נישט דורכגעלאזט. די ניעשאווער וואג האט זיך געצויגן אראפ, אראפ, אבער מיטאמאל האט זי אזא צי געטאן אראפ, אז אלע זיינען געבליבן זיצן מיט אפענע מיילער.

ער האט געעפנט די אויגן, ישראל אביגדור, א קוק געטאן ארום זיך און גענומען די בארד אין דער האנט אריין.

— רבותי — האט ער געזאגט — עך בין נישט מער קיין יונגערמאן, כשטיי שוין נאענט פארן גרויסן דין, פארן דין־וחשבון אף יענער וועלט, און ביי מיין גרויער בארד זאג איך, אז אלץ, וואס איך האב דא געזאגט פארן בית־דין, איז אמת, ווי עס איז אמת די תורה פון הימל.

ער האט נישט געהאט קיין טעות, ישראל אביגדור, ניין. די גרויע בארד זיינע האט מיט אזא שווערקייט א צי געגעבן ביים צינגל פון דער וואג, אז מיט ר' שכנא דיין האט עס אזש גענומען טרייסלען.

נאך די עדות האט מעןביידע ווייבער אריינגערופן. צום ערשט האט מען קנה שמשס טאכטער אויסגעהערט.

זי איז גארנישט געווען צו דערקענען, די צביה. פון ארומפארן מיט איר פאטער איבער שטעט און שטעטלעך, פון באגעגענישן מיט פרעמדע מענטשן, איז זי א גאנצער לייט געווארן. זי האט פארשטאנען, וואס מען רעדט צו איר, געענטפערט מיט גאנצע ווערטער, און אפילו ווייניקער געשטאמלט און זעלטן געהירזשעט.

— אשה — האט דער קראקעווער רב זי געווארנט — שטייסט פאר רבנים, פארשטייסט וואס דאס הייסט? מוזט זאגן דעם ריינעם אמת.

פאר זאגן ליגן פרעגלט מען אין גיהנום. ווייסטו דערפון?

— יאָ — האָט צביה געזאָגט.

— גיי צו נאָענט צו דעם איד, וואָס זיצט דאָ בײַם טיש, און זאָג ווער ער איז.

— יאָשע קאַלב — האָט צביה געזאָגט.

— ווער איז ער?

— וואָסערע סימנים קאָנסטו געבן דערויף, אַז ער איז דײַן מאַן?

— איך יאָשען דערקען — האָט זי געענטפערט.

— קיין אַנדערע סימנים האָסטו נישט?

— כווייס נישט.

— קאָנסטו שווערן בײַ אַ ספר־תורה, אַז דאָס איז דײַן מאַן, יאָשע?

— איך שווער — האָט צביה געזאָגט.

נאָך איר האָט מען אַרײַנגערופן סערל דעם רבינס טאָכטער. ישראל אביגדור האָט זי געפירט מיט אַזאַ דרך־ארץ, ווי זי וואָלט געווען דער רבי אַליין.

— אַ וויי מאַכטס! — האָט ער גערופן.

אַ בלאַסע, מיט רויטע אויגן, סימנים פון וויינען, איז זי מיט שטילע טריט דורכגעגאַנגען דאָס בית־המדרש. זי האָט אַ בליק געטאָן צום טיש, וואו עס זײַנען געזעסן אירע, דער פאָטער און דער מאַן, איר נחום, וואָס שוין זייט עטלעכע וואָכן ווי מען האָט אים פון איר אָפּגעשיידט. דער פאָטער האָט אויף איר אַ בליק געטאָן, אָבער דער מאַן נישט. ער איז געזעסן פאַרטיפט איבער זײַן ספר. זי האָט גלײַך דערפילט אַ שוואַכקייט אין די קניען. ישראל אביגדור האָט איר צוגעטראָגן אַ שטול.

— ניעשאַווער רבינס טאָכטער — האָט דער קראָקעווער רב געזאָגט — איר ווייסט, וואָס דאָס איז אַזוינס אַ בית־דין פון זיבעציק?

— כ'ווייס — האָט סערל געזאָגט שטיל — דאָס איז ווי אַ סנהדרין.

— אמת — האָט דער קראָקעווער רב געזאָגט — איר קאָנט חומש, מעג זײַן אין עברי־טײַטש?

— יאָ.

— איר ווייסט, וואָס עס קומט אַן אשת־איש פאַר וואוינען מיט אַ פרעמדן מאַן?

— פאַרשטיינגט צו ווערן.

— אמת. איר ווייסט, אַז זינט דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, האָט בית־דין נישט קיין רשות צו פאַרשטיינען. אָבער עס איז דאָ אַ שטראָף פון הימל אַנשטאָט דעם.

— כ'ווייס — האָט סערל געזאָגט — פאַרשניטענע יאָרן.

— אמת — האָט דער קראָקעווער רב געזאָגט — גייט צו, קוקט אָן

דעם איד, וואס זיצט דא, און זאגט פארן בית־דין, ווער ער איז.

— מיין מאן ר' נחום — האט סערל געזאגט פעסט.

— ווי אזוי זיינט איר זיכער? אייער מאן איז דאך פון אייך אוועק אף גאנצע פופצן יאר. האט איר אים דערקענט?

— ער האט מיר געגעבן סימנים.

— וואסערע סימנים?

סערל האט אראפגעלאזט דעם קאפ.

— שעמט זיך נישט. איר שטייט פארן בית־דין. זיינען דאס געווען סימנים צווישן מאן און ווייב?

— יא.

— האט קיינער נישט געקענט וויסן פון די סימנים? האט איר עס נישט אמאל דערציילט אימיצן פון אייערע נאענטע חברטעס?

— ניין.

— אפשר האט עס אייער מאן אימיצן דערציילט און יענער האט זיך מיט די סימנים באנוצט?

— איך האב אויך געהאט סימנים אף זיין לייב — האט סערל שטיל געזאגט און א רויטקייט האט באגאסן איר פנים — דער טאטע, זאל לעבן, האט געהייסן נאכזען.

א מורמל איז דורך איבערן בית־מדרש.

— שא! — האט דער קראקעווער רב געדופן.

— שא! — האבן אלע רבנים נאכגעזאגט.

סערעלע דעם רבינס איז צוריקגעגאנגען אף איר ארט. מען האט ארויסגערופן קנה שמש.

— ר' קנה — האט דער קראקאווער רב געזאגט — איר זענט א בעל־דין, דער פאטער פון דער ביאלאגורער עגונה, וואס טענהט, אז דער איד, וואס זיצט דא, איז איר מאן יאשע. לויטן דין דארף א בעל־דין שווערן. אזוי ווי אן אשה גיט מען נישט קיין שבועה, וועט איר, איר פאטער, דארפן שווערן. קאנט איר שווערן, אז דער איד איז דער מאן פון אייער טאכטער.

— יא, רבי — האט קנה שמש געזאגט פעסט.

דער קראקעווער רב האט צעשאקלט דעם קאפ אף אלע זייטן.

— א שבועה איז נישט קיין קלייניקייט — האט ער געזאגט מיט א פארכטיק קול — פאר פאלש שווערן, פאר האבן אפילו א טעות ביי שווערן, איז דער גיהנום צו קליין. אויב איר האט דעם קלענסטן קלער, זאלט איר זאגן.

— איך וויל שווערן — האט קנה געזאגט — פארן אמת מעג מען שווערן.

— שמש, לעש אויס די וואקסענע ליכט — האט דער רב באפוילן זיין שמש — און צינד אן די שווארצע ליכט.

דער שמש האט אזוי געטאן.

— טראג צו דאס טהרה־ברעט צום בעלעמער.

אלע אידן זיינען געווארן בלייך. קנה האט זיך דערויף נישט אומגעקוקט. ער האט די זאכן געקענט.

— ר' קנה, גייט וואשט אייך די הענט, גייט ארויף אפן בעלעמער, טוט אן קיטל און טלית.

קנה איז צוגעגאנגען צום האנטפאס, געוואשן די הענט, דערנאך איז ער רואיק ארויף אפן בעלעמער און אנגעטאן דעם קיטל און טלית.

דער קראקעווער רב האט מיט וואקלענדע טריט, אונטערגעהאלטן פון צוויי רבנים, דערנענטערט זיך צום בעלעמער און א קלאפ געטאן אין טיש.

— די גאנצע וועלט האט געציטערט — האט ער געזאגט מיט א שוואך ציטערנדיק קול — ווען דער אויבערשטער האט געזאגט: זאלסט נישט שווערן פאלש. אלע עבירות אין דער וועלט ווערן פארגעבן, די זינד פון פאלש שווערן ווערט נישט פארגעבן. פאר אלע זינד ווערט מען בלויז אליין געשטראפט, פאר פאלש שווערן ווערט געשטראפט די גאנצע משפחה, ביז קינדס־קינדער, מען ווארט אפילו נישט אין הימל, נאר מען נעמט באלד געצאלט.

א ציטערניש איז דורך דעם גאנצן בית־המדרש. אידן זיינען געשטאנען בלאסע, ווי נאך א טאג פאסטן אין יום כיפור פאר נעילה.

— וויי! וויי! — האבן זיך געהערט זיפצן.

— שופר! — האט דער רב גערופן.

א איד אין א טלית האט געבלאזן שופר.

— זאגט נאך יעדעס ווארט — האט דער רב באפוילן — איך, קנה בן העניע פעשע.

אבער אין דער רגע איז דער ניעשאווער רבי, וואס איז געזעסן די גאנצע צייט אין טלית און תפילין, א שפרונג אזוי געגעבן פון זיין ארט און א געשריי געגעבן מיט א פארכטיק קול.

— אויפהערן! — האט ער גערופן — אויפהערן!

א טויט שטילשווייגן האט ארומגענומען אלע. ביים קראקעווער רב זיינען די ווערטער פארגליווערט געווארן אין מויל.

דער ניעשאווער איז געשטאנען א ווייסער, א שווערער, ווי א פארגליווערטע מאסע.

— כ'וועל נישט דערלאזן צו קיין פאלשער שבועה אין מיין שטאט! — האט ער גערופן.

צווישן די רבנים איז געוואָרן אַ גערודער, אַ טומל. דער רבי האָט אויפגעהויבן די הענט, אַ צייכן, אַז ער וויל ריידן. עס איז שטיל געוואָרן, ווי אין אַ קבר.

— איך, מיכל, דער זון פון קדושים — האָט ער געזאָגט — זאָג עדות אין טלית און תפילין, אַז דער בעל־דין, וואָס זיצט דאָ פאַר אונז, איז מיין איידעם ר׳ נחום. ווען ער איז צוריקגעקומען נאָך פופצן יאָר, האָב איך אים נישט דערקענט. ער איז אַוועק אַ יונגערמאַן, אָן אַ באָרד נאָך, און צוריקגעקומען מיט באָרד און פיאות. אָבער ער האָט מיר געגעבן סימנים. ער האָט מיר דערמאָנט וועגן וואָס מיר האָבן געשמועסט אין לערנען. ער האָט מיר אויך דערמאָנט, אַז מען האָט פאַרקנייטשט אַ בלעטל אין ספר רזיאל־המלאך. איך האָב דאָס ספר נאָכגעזען און עס איז געווען, ווי ער האָט געזאָגט. ער האָט אויך געגעבן סימנים פון פּראָסטע זאַכן, וואָס אַ שטייגער מען האָט געקאָכט אין טאָג פאַרן אַוועקגיין זיינעם.

ער האָט פלוצלונג אַראָפּגעכאַפּט דעם של־ראש פון קאָפּ און, פּלאָמערנדיק אים מיטביידע אַלטע הענט, האָט ער געגרופן הויך:

— איך שווער ביים של־ראש דערויף!

ער איז שוואַך געוואָרן און זיך אַוועקגעזעצט.

אין בית־המדרש איז שטיל געווען. אין דער שטילקייט האָט זיך אַ געוויין דורכגעריסן. קיינער האָט נישט געוואוסט, פון וואַנען עס קומט.

קנה שמש האָט אַ פאַרלוירענער אויסגעטאָן דעם טלית און קיטל. די ניעשאַווער וואָגשאָל איז געווען אינגאַנצן איבערפולט. אָבער ווי נאָר דאָס בית־דין האָט זיך צוריקגעזעצט און גענומען אויספרעגן אים, דעם בעל־דין אַליין, אַז די וואָגשאָלן האָבן ווידער גענומען שפרינגען הין און צוריק, אַזוי אַז די רבנים אַליין האָבן זיי מיטן אויג נישט געקענט כאַפּן.

— בעל־דין — האָט דער קראָקעווער רב געזאָגט, נישט ווייסנדיק ווי אַזוי אים צו רופן, נחום אָדער יאָשע — זאָגט פאַרן בית־דין, ווער זענט איר

— איך ווייס נישט — האָט געענטפערט דער געמשפטער, נישט אויפהויבנדיק אַפילו די אויגן פון ספר.

— איר ווייסט נישט? — האָט דער קראָקעווער רב געזאָגט פול מיט שטוינען — ווער דען קען וויסן, אויב נישט יעדער מענטש וועגן זיך אַליין?

— מען ווייסט גאָרנישט וועגן זיך אַליין — האָט דער בעל־דין געענטפערט.

— איך פאַרשטיי נישט — האָט דער רב געזאָגט.

— איך פאַרשטיי נישט — האָבן רבנים נאָכגעזאָגט.

דער ניעשאַווער רבי האָט אָנגעשטעלט די אויגן אויפן בעל־דין.

— ר׳ נחום — האָט ער געזאָגט — איך פאַרשטיי דיינע רייד. אָבער פאַרן בית־דין דאַרפסטו ריידן קלאָר. דו דאַרפסט זאָגן, אַז דו ביסט נחום.

— איך בין נחום — האָט דער בעל־דין נאָכגעזאָגט ווי אַ ווידער־קול.

— זאָג, ווען דו האָסט חתונה געהאַט מיט מיין טאָכטער — האָט דער רבי געזאָגט.

— אין ל״ג בעומר תרכ״ט — האָט דער בעל־דין געזאָגט מיט דעם זעלבן פרעמדן קול.

דער רבי האָט אויסגעקוילערט די אויגן זיינע אפן עולם.

— ווער פון עולם — האָט ער געפרעגט — איז געווען אַף דער חתונה פון מיין טאָכטער מיט מיין איידעם ר׳ נחום?

— איך! עך! יעך! — האָבן זיך געהערט שטימען.

דער רבי האָט אָנגעשטעלט די אויגן אַף דעם בעל־דין.

— איידעם מיינער, געדענקסט די דרשה, וואָס דו האָסט געזאָגט אַף דיין חתונה?

— יאָ.

— זאָג זי איבער פאַרן בית־דין.

מיט אַ קול, וואָס איז פרעמד, ווי עס וואָלט געקומען נישט פון אַ לעבעדיקן מענטשן, האָט דער בעל־דין די גאַנצע דרשה איבערגעזאָגט.

— אמת! — האָט אַ רב געשריגן.

— כ׳געדיינק! כ׳געדיינק! — האָט אַ צווייטער איבערגעריסן.

דער רבי ר׳ מלך האָט געקוקט מיט צאָרן אַפן גאַנצן עולם.

— ביאַלאַגורער דיין! — האָט ער גערופן — איז דער יאָשע פון ביאַלאַגורע געווען אַ למדן, צי אַן עם־הארץ?

— ער פלעגט בלויז זאָגן תהילים — האָט דער דיין געענטפערט.

— אידן — האָט דער רבי געזאָגט — ר׳ נחום איז אַ למדן און בעל־מקובל.

— נישט משיג צו זיין — האָט דער קראָקעווער רב געזאָגט.

— נישט משיג צו זיין — האָבן אַלע רבנים נאָכגעזאָגט.

דער רבי ר׳ מלך האָט זיך טיפער אַריינגערוקט אין שטול, ווי אַ זיגער. אָבער באַלד האָט ר׳ שכנא דיין אויסגעשנייצט עטלעכע מאָל די נאָז זיינע מיט אַ פייף און גענומען דעם בעל־דין אַפן פאַרהער, און די וואָג־שאָל האָט ווידער גענומען שפרינגען.

— יאָשע! — האָט ר׳ שכנא דיין גערופן — זאָג פאַרן בית־דין, אַז דו ביסט נישט יאָשע קאַלב פון ביאַלאַגורע.

דער בעל־דין האָט געשוויגן.

— שווייגסט! — האָט ר׳ שכנא געשריען — לייקנסט נישט! ביסט זיך, הייסט עס, מודה?

דער בעל־דין האָט געשוויגן.

ר' שכנא האָט זיך אויסגעצויגן, דאָפּלט שמעלער און לייִנגער געוואָרן.

— רבותי — האָט ער געזאָגט — פּונקט אַזוי האָט ער געשוויגן אָדער נישט גערעדט צו דער זאַך אין ביאַלאַגורע. ווען ער איז געשטאַנען פאַרן בית־דין. אין שטאָט איז, לאַ־עלינו, אַ מגפה אויסגעבראָכן. דעם שמשס טאָכטער האָט אויף אים עדות געזאָגט, אַז ער האָט, לאַ עלינו, מיט איר געזינדיקט. אָבער ער האָט אויך געשוויגן ווי איצט. נישט מודה געווען זיך, נישט געלייקנט. מען האָט אים מיט דעם שמש'ס טאָכטער חתונה געמאַכט, אָבער ער איז אַנטלאָפן, זאָל ער מיר לייקענען!

איבערן בית־המדרש איז אַ גרויל דורך.

— בעל־דין — האָט דער קראָקעווער רב געזאָגט — איר האָט געהערט, וואָס דער דיין ר' שכנא האָט געזאָגט וועגן אייך פאַרן בית־דין?

— יאָ — האָט דער בעל־דין געזאָגט.

— וואָס זאָגט איר דערויף?

דער בעל־דין האָט געשוויגן.

ר' שכנא איז פון אָרט אויפגעשפּרונגען.

— לייקן! — האָט ער געשפּריצט מיט פייער — איך האָב עדות געזאָגט, אַז דו ביסט נישט נחום, נאָר יאָשע, יאָשע קאַלב, לייקן, אַז דו ביסט עס נישט.

דער בעל־דין האָט אפילו אויף דעם שרייענדיקן דיין קיין בליק נישט געטאָן.

דער קראָקעווער רב האָט אַזוי גענומען טרייסלען מיטן קאָפּ, אַז עס האָט אויסגעזען ווי אָט־אָט פאַלט אים דער קאָפּ אַראָפּ.

— בעל־דין! — האָט ער געזאָגט בייז — דאָס בית־דין פרעגט אייך, ווער איר זענט?

— איך ווייס נישט — האָט דער בעל־דין געענטפערט.

דער קראָקעווער רב איז פון אָרט אויפגעשפּרונגען.

— איר האָט געזאָגט, אַז איר זענט נחום, דער איידעם פון ביעשאַווער רבין. זאָגט, פאַרוואָס זיינט איר אַוועק פון אייער ווייב?

— איך האָב אַזוי געדאַרפט.

— וואו זיינט איר געווען?

— אויף דער וועלט.

— רעכנט אויס די שטעט, וואו איר זיינט געווען.

— זיי זיינען נישט אויסצורעכענען.

— ווייסט איר פון אַ שטאָט ביאַלאַגורע?

— יאָ.

— זיינט איר דאָרט געווען?

— איך בין אומעטום געווען.

— וואָס האָט איר געטאָן אַף דער וועלט?

— איך ווייס נישט.

דער קראָקעווער רב האָט זיך אויסגעזועצט אַ שוואַכער. ער האָט נישט געקענט ריידן.

— אידן — האָט ער געזאָגט צו די רבנים, וואָס זיינען געזעסן נעבן אים — פירט איר דערוויילע.

דער ערשטער האָט גענומען אויספרעגן דער אייזערנער קאָפּ פון דינאַבורג. אָבער ער האָט גאָרנישט געקאָנט אַרויסקריגן. אַ גיבער, אַ צעטראָגענער, אַ פּלוט, וואָס פרעגט זיך אַליין, ענטפערט זיך אַליין און רעדט גיך, האַלבע ווערטער, מיטן אויער נישט צו דערכאַפּן, האָט ער בלויז אַ צערודערונג אַריינגעטראָגן.

— בעל־דין — האָט ער געזאָגט, רייבנדיק זיך אין שטערן און בליצנ־דיק מיט די ווילדע אומרואיקע אויגן — איינער פון די צדדים, מוז דאָך זאָגן ליגן. וואָרים ממה־נפשך, זיינט איר נחום, זיינט איר דאָך נישט יאָשע, און זיינט איר יאָשע, זיינט איר דאָך נישט נחום, ראובן איז דאָך נישט שמעון און שמעון איז דאָך נישט ראובן. אַזוי איז דאָך דער שכל מחייב, יאָ, צי ניין? העט?

ער האָט זיגעריש אַ בליץ געטאָן מיט די ווילדע אויגן און, נישט וואַרטנדיק אַפילו אַף קיין ענטפער, האָט ער גענומען מאָלן גיך, שלינגנ־דיק עטלעכע ווערטער מיטאַמאָל, שיטנדיק מיט לומדות.

אָבער דער בעל־דין האָט אים אַפילו נישט אָנגעקוקט. האָט דער ליזשאַנער צדיק, דער, וואָס אידן ווילן אים מאַכן פאַר רבי און ער וויל נישט, איבערגעריסן דעם אייזערנעם קאָפּ אין דער סאַמע מיט.

— ר' שמשון רפאל — האָט ער באַפוילן — זעצט זיך.

דער אייזערנער קאָפּ האָט נאָך אַביסל זיך געהיצט, ווי אַ ווילד פערד, וואָס לאָזט זיך נישט אָפּשטעלן אין מיטן לויפן, און דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט. דער ליזשאַנער צדיק האָט צוגעמאַכט די אויגן, ער האָט פאַרקנייטשט דעם גרויסן שטערן, שטאַרק זיך פאַרטיפט, און מיט אַ סודותדיק קול, וואָס האָט אַף אַלעמען גלייך אָנגעוואָרפן אַ מורא, האָט ער גענומען פירן די זאַך גאָר אַף אַן אַנדער וועג. אַנשטאָט אויספרעגן דעם בעל־דין, האָט ער גאָר גענומען אויספרעגן אויפסניי די עדות, און פאַר אַלעמען די ווייבער, סערל דעם רבינס און צביה דעם שמש'ס.

— ניעשאַווער רבינס טאָכטער — האָט ער געפרעגט — איז אייער מאַן, נאָך זיין צוריקקומען צו אייך, אַ מענטש גלייך ווי אַלע, אָדער ניין?

סערל האָט געשוויגן.

— רעדט ער אַמאָל מיט אײַך?

— נײן — האָט סערל געזאָגט מיט טרויער.

— וואָס טוט ער? — האָט דער ליזשאַנער צדיק געפֿרעגט — ווי פֿירט ער זיך?

— ער זיצט פֿאַרשלאָסן בײַ זיך אין שטיבל.

— וואָס נאָך?

— אַ סך מאָל גײט ער אַוועק בײַנאַכט אין פֿעלד און זוימט זיך לאַנג.

— אין פֿעלד בײַנאַכט? — האָט דער ליזשאַנער איבערגע׳חזר׳ט — נו, און וווּ נאָך גײט ער אַמאָל?

— צום בית עולם — האָט סערעלע געזאָגט.

— צום בית־עולם? — האָט דער ליזשאַנער נאָך העכער איבער־געפֿרעגט.

ער האָט זיך פּלוצלונג באַטראַכט און געפֿרעגט:

— לעבט ער מיט אײַך אין שטײגער פֿון מאַן און װײַב?

סערעלע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— ענטפֿערט — האָט דער ליזשאַנער געזאָגט — בית דין דאַרף עס וויסן.

— ווי אַמאָל — האָט סערל געזאָגט אַ פֿאַרפּלאָנטע.

— האָט איר אים געזען אויסטאָן זיך? — האָט דער ליזשאַנער אַ פֿרעג געטאָן מיט גרויס וויכטיקייט אין קול.

— נײן?

— פֿאַרהוילט ער זיך פֿאַר אײַך?

— כ׳ווייס נישט.

— האָט איהר געזען זײַנע פֿיס?

— נײן.

— איר קאָנט שוין גײן — האָט דער ליזשאַנער געזאָגט.

סערל איז אַוועקגעגאַנגען. אָף איר אָרט האָט זיך געשטעלט צביה דעם שמש׳ס.

— אידענע — האָט דער ליזשאַנער געפֿרעגט — לאַנג האָט דער יאָשע אין ביאַלאַגורע געוואוינט בײַם טאַטן דײַנעם אין שטוב?

— לאַנג — האָט צביה געזאָגט.

— פֿלעגסטו אים זען בײַנאַכט?

— יאָ.

— וואָס פֿלעגט ער טאָן בײַנאַכט?

— געוויינט — האָט צביה געזאָגט.

— געוויינט? — האָט דער ליזשאַנער איבערגעפֿרעגט — פֿלעגט

ער נישט אַרויסגיין בײַנאַכט אַפֿן בית־עולם?

— יאָ.

— האָט ער אַמאָל גערעדט מיט דיר?

— ניין.

— האָט ער געלאַכט אַמאָל? האָט ער געוויזן אַ פֿרייליך פּנים?

— ניין.

— האָסטו געזען, ווי ער טוט זיך אויס?

— הי, הי, — האָט צביה גענומען הירזשען.

— אידענע, לאַך נישט! — האָט דער ליזשאַנער אַף איר אָנגע־שריען — האָסטו אַמאָל געזען זיינע פֿיס?

— ניין.

— האָט ער זיך פֿאַרבאָרגן פֿאַר דיר?

צביה האָט נישט פֿאַרשטאַנען. דער ליזשאַנער האָט זי באַטראַכט און געהייסן גיין.

ער האָט גענומען אויספֿרעגן די ביאַלאָגורער אידן.

— פֿון וואַנען איז דער יאָשע געקומען קיין ביאַלאָגורע?

— מיר ווייסן נישט — האָבן די אידן געזאָגט.

— איז ער געווען אַ מענטש, צי האָט ער אַרויסגעוויזן מעשה־שטות?

— ער איז געווען אַ נאַר — האָבן די אידן געזאָגט — דערפֿאַר האָט מען אים גערופֿן קאַלב.

— האָט ער איימיצן געטשעפּעט?

— ניין, פֿאַרקערט, איז מען האָט אים געשלאָגן, האָט ער געשוויגן.

— פֿלעגט ער ריידן מיט איימיצן?

— ניין, ער האָט געשוויגן. שטענדיק אויסבאַהאַלטן זיך פֿון מענטשן

דער ליזשאַנער האָט די אידן דורכגענומען מיט די אויגן.

— האָט איימיצער געזען אים אויסטאָן זיך? — האָט ער געפֿרעגט.

— ניין.

— האָט איימיצער געזען זיינע פֿיס?

— ניין.

דער ליזשאַנער צדיק האָט אַראָפּגערוקט דעם ספּאָדיק איבערן קאָפּ און ווידער פֿאַרמאַכט די אויגן. אַלע זיינען געזעסן אין מורא. באַלד האָט ער געעפֿנט די אויגן און מיט אַ ציטערדיק קול גענומען ריידן.

— רבותי — האָט ער געזאָגט — קלאָר ווי דער טאָג, אַז קיינער פֿון די צדדים האָט, חלילה, נישט געזאָגט קיין ליגן פֿאַרן בית־דין. אמת?

— אמת! — האָבן זיך געהערט ענטפֿערס פֿון פֿאַרשידענע זייטן.

— אידן — האָט דער ליזשאַנער געזאָגט — דער ניעשאַוער רבי האָט געזאָגט אין טלית און תפֿילין, אַז דער בעל־דין איז זיין איידעם.

קיינער וועט, חלילה, נישט חושד זיין דעם רבין אין שקר.

— חלילה! — האָבן קולות גערופן.

דער ליזשאַנער האָט אָנגעהויבן ציטערן.

— בעל־דין — האָט ער געזאָגט — זאָג, ווער דו ביסט?

— איך ווייס נישט.

— און איך ווייס יאָ — האָט דער ליזשאַנער געזאָגט — אַ גלגול ביסטו, הערסט!

איבערן בית־המדרש איז אַ גרויל אַדורך.

— יאָ, יאָ — האָט דער ליזשאַנער צדיק געזאָגט, ציטערנדיק אינגאַנצן, קוקנדיק מיט דורכדרינגענדיקע אויגן דעם בעל־דין אין די גרויסע שוואַרצע אויגן אַריין — בלאָנדזשעסט אַרום, מאַכסט לצי־ליצנות און ווייסט אַליין נישט וואָס דו טוסט.

דער עולם איז געבליבן פאַרגליווערט. פון שרעק איז דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן.

דער ליזשאַנער אַליין האָט ווייטער גערעדט:

— ביסט נחום און דו ביסט יאָשע, ביסט אַ למדן און אַן עם־הארץ, קומסט פּלוצלונג אין שטעט און פאַרשווינדסט פּלוצלונג פון שטעט, האַלטסט זיך אויף אַף בית־עלמינס, וואַנדערסט איבער פעלדער ביינאַכט, וואו דו קומסט ברענגסטו אומגליק, מגפות, שרעקסט אַף בית־עולם׳ס, ביזסט זיך מזווג מיט ווייבער, פאַרשווינדסט און קומסט ווידער, האָסט נישט קיין טעם אין דיין לעבן און אין דיינע מעשים, ווייל דו ביסט גאָרנישט, ווייל דו דרייסט זיך אַרום אַפן עולם־התוהו, הערסט!

אויגן זיינען געוואָרן דאָפּלט גרויס, הערצער האָבן געפּלאַטערט. ווי געפּלאָגטע, ווי בלינדע, וואָס וואָלטן פּלוצלונג די אויגן געעפנט און דערזען מיטאַמאָל זייערע אייגענע פּלאָג, אַזוי האָבן איצט מיטאַמאָל אַלע דערזען דאָס, וואָס האָט אַזוי לאַנג געמאַטערט, געלעגן אַף הערצער, ווי אַ שטיין.

— ווי איז מיר! — האָבן זיך זיפצן געטראָגן.

— ל י י ק ן ! — האָט דער ליזשאַנער געשריען צום בעל־דין — שווייג נישט!

דער בעל־דין האָט געשוויגן.

רואיק קאַלט און גלייך, האָט ער געקוקט מיט זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס זיינען אָפן, נאָר זעען קיין זאַך נישט.

אַ ווייל איז געווען שטיל, ווי עס איז שטיל אין פעלד פאַר אַ שטורם. פּלוצלונג האָט זיך דער רבי ר׳ מלך אויפגעהויבן האַסטיק פון זיין אָרט און אויסגעקווילערט די אויגן זיינע צום בעל־דין. אַ פאַרשטיינערטער, מיט אַן אָפן מויל, ווי אַ קבר, מיט גלעזערנע אויגן, וואָס קריכן אַרויס

פון די אויגן־לעכער, האָט ער דורכגענומען דעם אײדעם זײַנעם און גע־מאַכט אַ טריט צו אים.

— נחום — האָט ער געזאָגט.

אָבער אין דעם אויגנבליק האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן אין האַסטיק, ווי אַ באַרג, וואָס פאַלט איין, זיך אַראָפּגעזעצט צו דער ערד.

אַלע מיטאַמאָל האָבן אויגנבליקליך זיך אַראָפּגעלאָזט צום געפאַלענעם.

— רבי! — האָבן קולות געהרופן.

ישׂראל אביגדור האָט גיך און מיט אַ געוואַלדיקן כוח אַלע אָפּגעשטופּט פון זיך. מיט דעם זעלבן כוח האָט ער געכאַפּט דעם שווערן רבין אַף די הענט און אים אַרײַנגעזעצט אין דער שטול, אָבער דער גוף איז געווען קאַלט און אומבאַוועגלעך.

ישׂראל אביגדור האָט גענומען דעם טויטן גוף און אים אַוועקגע־טראָגן צום שולחן אַפן בעלעמער. דאָרט האָט ער אים געלייגט, ווי מען לייגט גלײַך אַ ספר־תורה, און אים איבערגעדעקט מיט אַ טלית.

— ברוך דיין אמת! — האָט ער געזאָגט הויך.

אַן אײנצלנער יאָמער, אַ מאַנסבילשער, נאָר אַ דינער, וואָס דער־מאָנט אָן קלאָגן פון אַ נקבה, האָט דורכגעשניטן שאַרף דאָס גרויסע בית־המדרש, אַ יאָמער, אַ שווערער, אַ גרוילעכער.

זיבנאונצוואנציקסטע קאפיטל

אף צומארגנס זיינען אלע וועגן, וואס פירן קיין ניעשאווע, געווען פול מיט אידן.

מיט באנען, מיט פערד און וועגן, צופוס, האבן אידן געצויגן קיין ניעשאווע אף דער לויה פון רבין ר' מלך. איבער גאליצישע דערפער האבן די פארדעגנטע טעלעגראפישע סלופעס נישט אויפגעהערט צו ברומען, די דראטן האבן ווייט און ברייט געטראגן די שלעכטע בשורה. פאסטוכער זיינען פון די סלופעס גארנישט אפגעטראטן.

נאכן רבינס קבורה האבן פינף זין געזאגט קדיש. פינף פאר הענט האבן אין אטלעסענע קאפאטעס די לאצן איינגעריסן. גלייך דערויף האבן מחנות אידן יעדן פון די זין ארומגערינגלט און מיט הויכע קולות גערופן:

— מזל־טוב, ניעשאווער רבי!

ישראל אביגדור מיט אן עולם האט זיך אפגעטיילט און געזוכט ארום זיך.

— ר' נחום! — האט מען גערופן — וואו איז ר' נחום דער ניעשאווער רבי? מיר ווילן אים זאגן מזל־טוב!

אבער מען האט אים נישט געפונען.

מיט א שטעקן אין האנט, מיט א פארלאטעטן זאק אף די פלייצעס, מיט א ליידיקן זאק, אין וועלכן עס איז בלויז געווען טלית און תפילין און א שטיינדל, צו האלטן געוויכט, איז ער געגאנגען איבער פארשטויבטע וועגן מיט גרויסע ברייטע שפאן. דארפישע הינט זיינען אים נאכגעלאפן. פאסטוכער האבן אים שטיינדלעך נאכגעווארפן, געשריען: זשיד כאלאמיד! ער האט זיך נישט אומגעקוקט. ער איז פארביי דערפער, לאנקעס, וואסערלעך, ווינט־מילן און געשפאנט אלץ ווייטער און ווייטער.

פארנאכט איז ער אנגעקומען אין א אידיש שטעטל און אוועקגעגאנגען צום בית־המדרש.

אבער אידן האבן אים דערקענט און אנטלאפן פון אים.

— א שד! — האבן אידן געשריען און געלאפן — א גלגול!

מען האט פארהאקט פאר אים טיר און טויער.

ער איז ארויס הינטער דעם שטעטל צום גוטן־ארט. ער האט אוועקגעלייגט דעם זאק צוקאפנס, דעם שטעקן דערנעבן, און ער איז איינגעשלאפן.

די לבנה האט אים באלויכטן און באוואכט.

ע נ ד ע